STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03777

DI BRIDER KARAMAZOV

Fyodor Dostoyevsky

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פ׳ מ׳ דאסטאיעווסקי

די ברידער קאראמאזאוו

אַ ראָמאַן אין פיר טיילן מיט אן עפּילאָג

14461 11

צווייטער טייל

COP. 5

איבערגעזעצט פון
משה לוריא

1923
יידישער קולטור־פארלאג / בערלין.

Copyr. 1923 by Jüdischer Kultur-Verlag, Berlin.

געדרוקט אין דער דרוקעריי פון „יידישן קולטור פאַרלאַג״, בערלין.
Berlin S. 14, Dresdenerstr. 34/35.

44481 11 COP. 4

פּערטער בוך

בראכן

I

פּאָטער פּעראַפּאָנט

באַגינען, איידער ס׳איז נאָך ליכטיק געוואָרן, האָט זיך אַליאָשאַ אויפגעכאַפּט. דער סטאַרעץ האָט אויפגעמאַכט די אויגן און זיך דערשפּירט זעער שוואַך, הגם ער האָט געוואָלט זיך אַריבערזעצן פון בעט אַפן שטול. ער איז געווען ביים פולן זינען; דאָס געזיכט זיינס כאָטש אפילו עס האָט אויסגעזען זעער מיד, איז אָבער געווען לויטער, פריילאַך כמעט און דער בליק א לעבעדיקער, א פריינדלאַכער, א צוציענדיקער. „אפשר וועל איך נאָך היינטיקן טאָג נישט איבערלעבן“, האָט ער זיך אָנגערופן צו אַליאָשען; שפּעטער האָט ער געוואָלט תיכף מתודה זיין זיך און מקבל זיין די באַהעפטונג. מתודה זיין זיך פלעגט ער תמיד פאַרן פאָטער פּאַאיסי. נאָכן ענדיקן די ביידע הייליקע מנהגים, האָט זיך אָנגעהויבן דאָס אָפּהאַלטן די תפילה בציבור. עס האָבן זיך צונויפגעקליבן די היעראָמאָנאַכן. דאָס קעמערל האָט זיך ביסלאַכווייז אָנגעפילט מיט מענטשן פון סקיט. דערווייל איז געוואָרן טאָג. מ׳האָט אָנגעהויבן צונויפצוקומען זיך פון מאָנאַסטיר אויך. אַז עס האָט זיך געענדיקט די תפילה, האָט דער סטאַרעץ געוואָלט מיט אַלעמען געזעגענען זיך און האָט אַלעמען געקושט. מחמת דאָס קעמערל איז געווען א זעער ענגע, פלעגן די, וואָס פלעגן קומען, פריער אַרויסגיין, און לאָזן די אַנדערע אַריין. אַליאָשאַ איז געשטאַנען לעבן דעם סטאַרעץ, וואָס האָט זיך ווידער געזעצט אַפן שטול. ער האָט גערעדט און האָט געלערנט

וויפל ער האט געקאנט, די שטים זיינע, הגם א שוואכע אפילו, איז נאך געווען גענוג פעסט. „אזוי פיל יארן געלערנט אייך, און דעריבער אזוי פיל יארן גערעדט אפן קול, אז איך האב שוין כמעט ווי א רגילות צו רעדן, און בעת איך רעד לערנען מיט אייך, און דאס איז שוין אזוי ווייט, אז שווייגן וואלט מיר כמעט ווי שווערער געווען ווי רעדן, פאטערס און ברידער הארציקע. נאך איצט אפילו, בעת איך בין אזוי שוואך" — האט ער געטריבן קאטאוועס, קוקנדיק מיט געררירטקייט אף דעם עולם, וואס האט זיך געשפארט ארום אים. אַליאָשאַ האט זיך דערנאך אָן אייניקע זאכן דערמאנט פון דעם, וואס ער האט דעמאלט געזאגט. נאר כאטש אפילו ער האט גע־רעדט דייטלאַך, הגם מיט א גאנץ פעסטער שטים, איז זיין רעדן אבער פארט געווען צעווארפן, נישט געבונדן. גערעדט האט ער וועגן אסך זאכן, עס האט זיך געדוכט, אז ער האט ווי געוואלט אלצדינג זאגן, אין דער לעצטער מינוט, נאך א מאל אלצדינג ארויסזאגן, וואס ער האט ניט דערזאגט אין לעבן, און ניט נאר כדי צו לערנען מיט זיי אליין, נאר עפעס ווי ער וואלט געלעכצט צו צוטיילן זיך מיט אלץ און מיט אלעמען אויך די התלהבות זיינע, נאך אמאל אויסגיסן אין לעבן דאס הארץ זיינע . . .

„האָט ליב איינער דעם צווייטן, פאטערס, — האט גע־לערנט דער סטארעץ (אף וויפל עס איז דערנאך געבליבן אין זכרון בא אַליאָשען), — האָט ליב גאטס פאלק. מיר זיינען דאך ניט הייליקער פאר די אנשי העולם דערפאר, וואס מיר זיינען געקומען אהער און פארמאכט זיך אין די דאזיקע ווענט, נאר אדרבה, יעדערער, וואס עס איז געקומען אהער, דערקענט אין זיך, אז ער איז ערגער פאר יעט־ווידער אנדער מענטשן פון דער וועלט און פאר אלץ און פאר אלעמען — . . . און וואס לענגער עס לעבט דערנאך דער קלויסטער־ברודער צווישן די ווענט זיינע, אלץ בולטער דארף ער דאס דערקענען. ווארים אויב ניט האט ער גארנישט געהאט נאך וואס צו קומען אהער. אז ער וועט אבער דערקענען, אז ער איז ניט נאר ערגער פאר אלעמען אף דער וועלט, נאר אז ער איז אויך זינדיק בנוגע אלע מענטשן פאר אלץ, פאר אלע עבירות פון די מענטשן, הן פון דעם כלל הן

פון דעם יחיד׳ דעמאלט וועט ערשט דערגרייכט ווערן דער תוך פון אונזער אחדות. ווארים זייט וויסן׳ הארציקע׳ אז יעדערער פון אונז איז בלתי ספק חיב פאר אלעמען און פאר אלץ אף דער וועלט׳ ניט נאר צוליב דער שולד פון דעם כלל׳ נאר יעדער יחיד איז חיב פאר אלעמען און פאר יעטווידן יחיד אט דא אף דער ערד. די דאזיקע הכרה איז די קרוין פון דעם וועג פון דעם קלויסטער־ברודער׳ און פון יעדער מענטשן אף דער ערד. ווארים די קלויסטער־ברידער זיינען ניט קיין אנדערע מענטשן׳ נאר אזוינע׳ ווי עס האבן אלע געדארפט זיין אף דער ערד. ערשט דעמאלט וואלט דאס הארץ אונזערע אינגאנצן געווארן א הארץ פול מיט ליבשאפט׳ וואס האט קיין סוף ניט און וואס ווייס קיין זעטיקונג ניט. דעמאלט וועט יעדערער פון אייך זיין מסוגל ארייננצונעמען מיט ליבשאפט די גאנצע וועלט און מיט די טרערן זיינע אפוואשן די זינד פון דער וועלט . . . יעדערער מוז ארומגיין ארום דעם הארץ זיינעם׳ יעדערער מוז אן אויפהער מתודה זיין זיך פאר זיך גופא. פאר אייערער א זינד זאלט איר קיין מורא ניט האבן׳ ווען איר זאלט שוין אפילו וויסן׳ אז איר האט געזינדיקט׳ דער עיקר איז תשובה׳ מאכט אבער ניט קיין תנאים מיט דעם אויבערשטן. ווייטער זאג איך אייך — איר זאלט זיך ניט גרויס האלטן. האלט זיך ניט גרויס פאר קיין קלענערע׳ האלט זיך ניט גרויס פאר קיין גרעסערע. זייט ניט קיין שונאים אויך פון די׳ וואס שטויסן אייך אפ׳ וואס זיינען אייך מביש׳ וואס לעסטערן אייך און וואס רעדן לשון הרע אף אייך. האסט ניט קיין אפיקורסים׳ קיין פאלשע לערער׳ קיין מאטעריאליסטן׳ אפילו אויך די שלעכטע פון זיי׳ ניט נאר די גוטע׳ ווארים ס׳איז דא אסך גוטע צווישן זיי׳ בפרט אין אונזער צייט. דערמאנט וועגן זיי בשעת דער תפילה אזוי: זיי מציל אלעמען׳ פאטער׳ פאר וועמען ס׳איז ניטא׳ ווער עס זאל בעטן׳ זיי אויך מציל די׳ וואס ווילן ניט תפילה טאן צו דירי און גלייך טאקע זייט מוסיף: ניט צוליב דער גאוה מיינער בעט איך דאס׳ פאטער׳ ווארים איך בין אליין אויך א זינדיקער בשר ודם נאך מער פאר אלעמען . . . האט ליב גאטס פאלק׳ לאזט ניט קיין פרעמדע אוועקנעמען די שאף׳ ווארים אז איר וועט איינשלאפן

אין דער עצלות אייערער און אין אייער מיאוסער גאוה, אבער מער פאר אלץ אין יאגן זיך נאך געלט. וועט מען קומען פון גאר דער וועלט און מ׳וועט אוועקנעמען די שאף אייערע בא אייך. לערנט דעם פאלק אָן אַן אויפהער דעם עוואַנגעליום... נעמט ניט קיין שוחד... איר זאלט ניט האָלט האבן קיין גאלד און קיין זילבער, היט דאס ניט... גלויבט און האַלט דעם דֶגֶל. הויך זאלט איר אים אויפהייבן״...

דער סטארעץ האט איבעריקנס גערעדט אפגעריסענער, ווי ס׳איז דא איבערגעגעבן געווארן און ווי אַליאָשאַ האט דערנאך פאר־צייכנט. טיילמאל האט ער ביים רעדן זיך גאר איינגאנצן אפגע־האקט, ווי ער וואלט צונויפגענומען די כוחות, פלעגט זיך פארכאפן מיטן אָטעם, ער האט זיך געפונען אבער ווי אין א התלהבות. מ׳האט אים צוגעהערט מיט א געריירטקייט, הגם א סַך האבן זיך גע־וואונדערט פון זיינע ווערטער און האבן געזען א מטושטשדיקייט אין זיי... דערנאך האט מען זיך אן די אלע ווערטער זיינע דערמאנט. בעת ס׳איז אויסגעקומען אַליאָשען ארויסגיין אף א ווײלע פון קעמערל, איז ער בשתומם געווארן פון דער אלגעמיינער אויפ־רעגונג און פון דעם אלגעמיינעם ווארטן פון די מאנאַכן, וואס האָבן זיך געשפארט אין קעמערל און דערביי. דאס ווארטן איז בא א טייל מאנאכן געווען אן אומרואיקער, און בא א טייל א פייערלאכער. אלע האבן געווארט אף עפעס גרויסעס תיכף נאך דער פטירה פון דעם סטארעץ. דאס דאזיקע ווארטן איז אין א געוויסן פרט געווען אפילו ווי א לייכטזיניקער, נאר אפילו די סאמע שטרענגע סטארצעס זיינען דאס אויך ניט בייגעקומען. שטרענגער פאר אלעמעס האט אויס־געזען דאס פנים פון דעם סטארעץ־היעראָמאָנאַך פאַאיסי. אַליאָשאַ איז נאר דעריבער געווען ארויסגעגאנגען פון קעמערל, ווייל ראַקיטין, וואס איז געקומען פון שטאט מיט א מאדנעם בריוו צו אים פון פרוי כאָכלאַקאָוואַ, האט אים ארויסגערופן בסוד דורך איינעם א מאָנאַך. פרוי כאָכלאַקאָוואַ האט אים מודיע געווען א זייער מערק־ווירדיקן נייס, וואס איז אגב אנגעקומען זייער און זייער צו דער צייט. די מעשה איז די, וואס נעכטן איז צווישן די פשוטע גלוי־

ביקע ווייבער, וואס זיינען געקומען א בוק טאן זיך דעם סטארעץ און בענטשן זיך בא אים, איז געווען איינע אן אלטעטשקע פון שטאט, פראָכאָראָוונא, אן אלמנה פון אן אונטעראפיצער. געפרעגט האט זי דעם סטארעץ: צי מעג זי דעם זונעלע אירן וואַסענקאַ, וואס איז אוועקגעפארן צוליבן דינסט ווייט אין סיביר, אין אירקוטסק, און פון וועמען זי האט שוין א גאנצן יאר צייט קיין שום ידיעה נישט באקומען, צי מעג זי פארשרייבן אף אים א קוויטל אין קלויסטער און מזכיר נשמות זיין אים? דערויף האט איר דער סטארעץ געענטפערט שטרענג, האט פארווערט און געזאגט, אַז אזא מין הזכרת נשמות איז גלייך צו כישוף. דערנאך אבער, מוחל זייענדיק איר, ווייל זי ווייס ניט, האט ער מוסיף געווען "ווי ער וואלט אריינגעקוקט אין דעם ספר העתיד" (האט געשריבן פרוי כאָכלאַקאָוואַ אין איר בריוו) א טרויסט־ווארט אויך: "אז דער זון אירער וואַסיאַ לעבט בלתי ספק, און אז אדער ער וועט אליין קומען צו איר בקרוב, אדער ער וועט שיקן א בריוו, און אז זי זאל גיין צוריק צו זיך אהיים און זאל ווארטן אף דעם". "איז וואס זשע מיינט איר? האט צוגעגעבן פרוי כאָכלאַקאָוואַ מיט התפעלות, — די נבואה איז מקוים געווארן ווי א האר, נאך מער אפילו". ווי די אלטעטשקע איז געקומען אהיים, האט מען איר די רגע דערלאנגט א בריוו פון סיביר, וואס האט שוין געווארט אף איר. דאס איז נאך אבער ווייניק: אין דעם דאזיקן בריוו, וואס איז געשריבן פון וועג, פון יעקאַטערינבורג, שרייבט וואַסיאַ צו זיין מאמען, אז ער פארט אליין קיין רוסלאנד, ער פארט צוריק מיט איינעם א באאמטן, און אז אין א וואכן דריי ארום נאכן באקומען דעם דאזיקן בריוו, "האפט ער ארומצונעמען די מאמע זיינע". פרוי כאָכלאַקאָוואַ האט מיט ברען זיך געבעטן רחמים בא אַליאָשען, אז ער זאל ניט אנדערש תיכף איבערגעבן דעם איהומען און אלע מאָנאַכן דעם דאזיקן "וואונדער, וואס איז פארגעקומען על פי נבואה"; "דאס מוזן אלע וויסן, אלע!" — האט זי אויסגערופן מיט התלהבות פארענדיקנדיק איר בריוו. דער בריוו אירער איז געווען געשריבן האַסטיק, געאיילטערהייט, די אויפגערעגטקייט פון דעם, וואס האט אים געשריבן, האט זיך

אפגערופן אין יעדער שורה. אַליאָשאַ האט שוין אבער קיין זאך ניט געהאט וואס איבערצוגעבן די מאָנאַכן, ווארים זיי אלע האָבן שוין אלצדינג געוואוסט: ראַקיטין, וואס האט געשיקט א מאָנאַך רופן אים, האט אים א חוץ דעם געגעבן א שליחות, „אונטערטעניק איבער־געבן אויך דעם געאכפּערטן פאטער פּאַאיסי, אז ער, ראַקיטין, האט אַן ענין צו אים, אבער אזא וויכטיקן, אז ער דערוועגט זיך אפילו נישט קיין מינוט אפּצוציען פון מודיע צו זיין דאס אים, און פאר דער העזה זיינער בעט ער אים קניענדיק מוחל צו זיין אים". היות ווי דער מאָנאַכל, האט דעם פאטער פּאַאיסי איבערגעגעבן ראַקיטינס בקשה נאך פריער ווי אליאָשען, איז אַליאָשען, קומענדיק צוריק אפן אָרט, שוין מער ניט איבערגעבליבן ווי איבערלייענען דעם בריוו, תיכּף מודיע זיין דאס דעם פאטער פּאַאיסי מער ניט אלס דאקומענט. און אט אפילו דער דאזיקער שטרענגער און אומפארטרוילאכער מענטש, האט איבערלייענענדיק, אנגעכמורעטערהייט, די ידיעה וועגן דעם „וואונדער" נישט געקאנט איינהאלטן אינגאנצן א געוויסן אינערלאכן געפיל זיינעם. די אויגן זיינע האבן א פינקל געטאן, די ליפּן האבן מיטאמאל וויכטיק און איינדרינגלאך א שמייכל געטאן.

— דאס זעען מיר דען? — האט זיך עפּעס ווי פּלוצים ארויס־געריסן בא אים.

— דאס וועלן מיר נאך דען דערזען, דאס וועלן מיר נאך דען דערזען! — האבן איבערגעחזרט ארום און ארום די מאָנאַכן, אבער פאטער פּאַאיסי, אנכמורענדיק זיך פונדאסניי, האט געבעטן אלעמען כאטש ביז וואנען־וואס קיינעם ניט מודיע זיין וועגן דעם, „ביז עס וועט זיך נאך מער ארויסווייזן פאר זיכער, ווארים די גרויס־וועלטיקע האבן אסך לייכטזיניקייט, און דער דאזיקער פאל האט געקאנט סתּם פארקומען על פּי דרך הטבע" — האט ער פארזיכטיק מוסיף געווען, עפּעס ווי ער וואלט געוואלט ריין מאכן דעם געוויסן, אליין אבער נישט גלויבנדיק כמעט אין דעם פּירוש זיינעם, וואס עס האבן זעער גוט באמערקט די, וואס האבן דאס צוגעהערט. די־שטעל איז דער „וואונדער" פארשטייט זיך, באוואוסט געווארן, פאר דעם גאנצן מאָ־נאַסטיר און אפילו פאר אסך פון די אורחים, וואס זיינען געקומען אין

מאָנאַסטיר צו דער ליטורגיע. מער פאר אלעמען, דאכט זיך, איז נשתומם געווארן פון דעם געשעעניש וואונדער דער מאָנאַכל, וואס איז נעכטן געקומען אין קלויסטער „פון דעם הייליקן סילוועסטער" פון א קליינעם קלויסטער אָבדאָרסק, אפן ווייטן צפון. ער האט נעכטן א בוק געטאן זיך דעם סטאַרעץ, שטייענדיק לעבן פרוי כאָכלאַקאָוואַ, און אנווייזנדיק אים אף דער „געזעגענער" טאכטער פון אט דער דאזיקער דאמע, האט ער אים שטרענג געפרעגט: „ווי אזוי דערוועגט איר זיך צו טאן אזוינע מעשים?"

די זאך איז אין דעם, וואס איצט איז ער שוין געווען אין א געוויסער פארלעגנהייט און האט כמעט ווי נישט געוואוסט אין וואס צו גלויבן. נאך נעכטן פארנאכט איז ער געווען בא דעם מאָנאַסטיר־פאטער פעראַפאָנט, אין דעם אפגעזונדערטן קעמערל זיינעם, הינטער דעם לאָנקעלע מיט די בינשטאקן, און ער איז נשתומם געווארן פון דער דאזיקער באגעגעניש, וואס האט געמאכט אף אים א זייער שטארקן און גוואלטיקן רושם. דער דאזיקער סטאַרעץ, פאטער פעראַפאָנט, איז געווען דער זעלביקער זקן דער מאָנאַך, דער גרויסער בעל תענית און דער גרויסער שווייגער, וועגן וועמען מיר האבן שוין אויך דערמאנט, אלס א צד שכנגד פון דעם סטאַרעץ זאָסימאַ, דער עיקר אבער — פון דער שיטה גופא, וואס ער האט אויך געהאלטן פאר א שעדלאַכע און לייכטזיניקע אויסטראכטעניש. דער דאזיקער קעגנער איז געווען א זייער געפערלאכער, נישט קוקנדיק אף דעם, וואס ער האט אלס שווייגער, כמעט מיט קיינעם קיין ווארט נישט גערעדט. געפערלאך איז ער געווען דער עיקר מיט דעם, וואס א גרויסער טייל פון די מאָנאַכן האבן לחלוטין געהאלטן מיט אים, און פון די געקומענע אורחים פלעגן זייער פיל אַכפערן אים אלס א צדיק גמור און אלס א גרויסן טוער, נישט קוקנדיק, וואס זיי פלעגן זען, אז ער איז, בלתי ספק, א גאטס תם. אבער דווקא דאס דאזיקע תמימות האט באצויבערט. צום סטאַרעץ זאָסימאַ פלעגט פאטער פעראַפאָנט קיינמאל נישט גיין. כאטש אפילו ער האט געלעבט אין סקיט, פלעגט מען אים פונדעסטוועגן ניט שטארק באלעסטיקן מיט די מנהגים פון סקיט, ווידער טאקע דאס אייגענע, ווייל געהאלטן

האט ער זיך פשוט פאר א תמי אלט איז ער געווען א יאר פינף און זיבעציק, אויב ניט מער, און געלעבט האט ער הינטער דעם לאַנקעלע מיט די בינשטאָקן פון סקיט, אין אַן עק וואַנט, אין אַן אלטן, כמעט איינגעפאלענעם הילצערנעם קעמערל, וואס מ'האט דא אוועקגעשטעלט נאך פון אמאל אָן, אינ'ם פארגאנגענעם יארהונדערט, פאר איינעם אויך א זעער גרויסן בעל תענות און שווייגער, פאר א פאטער יאָנאַ, וואס האט געלעבט ביז הונדערט און פינף יאר, און וועגן וועמעס גרויסע מעשים מ'האט אפילו אין מאָ־נאַסטיר און אין דער סביבה אנגעדערציילט אסך חדושים. פאטער פעראַפּאָנט האט זיך דערשלאגן דערצו, וואס מ'האט אים אויך, סוף כל סוף, ארייַנגעבראכט, מיט א יאר זיבן צוריק, אין אט דעם זעלביקן אפגעזונדערטן קליינינקן קעמערל, דאס הייסט פשוט אין דעם שטיבל, וואס איז אבער ענלאך געווען אף א קאַפּליצע, מחמת דארטן זיינען געווען זעער פיל הייליקע בילדער, וואס מ'האט מנדב געווען, און אויך געשענקטע לעמפלאך, וואס האבן אויביק געדויכערט לעבן זיי, איז עפּעס ווי אכטונג געבן אף זיי און אנצינדן זיי וואלט מען דאס אוועקגעשטעלט פאטער פעראַפּאָנט. עסן פלעגט ער, ווי מ'פלעגט דערציילן (און דאס איז געווען אמת אויך), סך הכל צוויי פונט ברויט אין דריי טעג, ניט מער; ברענגען פלעגט דאס אים אלע דריי טעג דער אויפזעער פון די בינשטאקן, וואס האט געוואוינט טאקע דא גופא בא די בינשטאקן אף דער לאַנקעלע, נאר אפילו מיט דעם אויפזעער, וואס פלעגט אים באדינען, פלעגט פאטער פעראַפּאָנט אויך זעלטן אויסרעדן א ווארט. די דאזיקע פיר פונט ברויט, צוזאמען מיט דעם זונטיקדיקן הייליקן ברויטל, וואס דער איהומען פלעגט תמיד צושיקן פאר דעם געבענטשטן נאך דער צווייטער תפילה, איז געווען זיין גאנצע וועכנטלאכע דערנערונג. דאס וואסער פון קענדל, א קענגן־זשע, פלעגט מען אים בייטן יעדן טאג. אין קלויסטער פלעגט ער גיין זעלטן, די מתפללים, וואס פלעגן קומען צו גיין, פלעגן זען, ווי ער פלעגט אפטמאל אָפּשטיין דעם גאנצן טאג ביים דאוונען נישט אויפצוהייבן זיך פון די קני און נישט א קוק צו טאן ארום זיך. טאמער פלעגט ער אמאל יע רעדן מיט זיי, פלעגט ער רעדן

קורץ, אפגעהאקט, מאדנע אזוי, און פלעגט תמיד זיין עפעס גראב אפילו. עס פלעגט זיך טרעפן, אמת זעער זעלטן, אז ער אליין פלעגט אויך אנהויבן שמועסן מיט די אורחים, אבער דאס רוב פלעגט ער ניט מער ארויסרעדן עפעס איין ווארט, א מאדנעם אזא, וואס פלעגט תמיד זיין פאר דעם אורח א רעטעניש, און דערנאך פלעגט ער שוין נישט קוקנדיק אף קיין שום בקשות, ניט מוסיף זיין קיין איין ווארט אף צו געבן א פותר. קיין „טשיך" פון א גלח האט ער נישט גע־האט, איז געוועזן נישט מער ווי א פשוטער מאַנאַך, עס האט זיך געטראגן א מאדנער קלאנג, צווישן דעם סאמן פינצטערן המון אגבֿ, אז דער פאטער פעראפאַנט האט א מגע ומשא מיט די גייסטער פון הימל און אז נאר מיט זיי רעדט ער, אט פארוואס ער שווייגט דאס זייענדיק מיט מענטשן. נאכדעם ווי דער אָבדאָרסקער מאָנאַכל איז ארויף אף דער לאָנקעלע מיט די בינשטאָקן, לויט ווי עס האט אים געוויזן דער אויפזעער פון די בינשטאקן, וואס איז אויך געוועזן א גרויסער שווייגער און א בעל מרה שחורה א מאָנאַך, איז ער צוגע־גאנגען צום עק פון דער לאָנקע, וואו ס'איז געשטאנען פאטער פעראַפאָנטס קעמערל. „היות ווי דו ביזט אן אורח, קאן געמאלט זיין, אז ער זאל מיט דיר יע אנהייבן רעדן, און אמאל איז א סברה, אז דו זאלסט זיך קיין זאך ניט דערשלאגן פון אים" — האט אים דער אויפזעער פון די בינשטאקן מתרה געוועזן. — צוגעגאנגען איז דער מאָנאַכל, ווי ער גופא האט שפעטער איבערגעגעבן, מיט דעם גרעסטן פחד. געוועזן איז שוין גאנץ שפעט. פאטער פעראַפאָנט איז דאס מאל געזעסן לעבן טיר פון קעמערל, אף א נידעריקן בענקעלע. א מעכטיקער אלטער וויאַז האט לייכט גערוישט איבער אים. די אוונטקילקייט האט זיך אנגערוקט. דער אָבדאָרסקער מאָ־נאַכל האט זיך געגעבן א וואָרף מיטן פנים צו דער ערד פאר דעם „געבענטשן" און געבעטן ער זאל אים בענטשן.

— דו ווילסט, אז איך זאל, מאנאך, פאר דיר אויך פאלן מיטן פנים צו דער ערד? — האט זיך אנגערופן פאטער פעראפאנט. — שטיי אויף!

דער מאנאכל איז אויפגעשטאנען.

— בענטשנדיק זיי געבענטש, זעץ זיך אנידער, פון וואנען האט דיך דער רוח געבראכט?

וואס עס האט מער פאר אלץ פארוואונדערט דעם ארימן מאַ־באכל איז געווען דאס, וואס ניט קוקנדיק אף דעם, וואס דער פאטער פעראַפּאָנט איז געווען, בלתי ספק, א גרויסער בעל תענות, און שוין אין אזוינע עלטערע יארן, איז ער פונדעסטוועגן געווען לויטן אויסזען א זקן א פעסטער, א הויכער, מיט א גראַדן ניט קיין איינגעבויגענעם רוקן, מיט א פרישן געזיכט, הגם א מאגערן, אבער א געזונטן. בלתי ספק, אז ער איז נאך געווען א מאן מיט א גאנצן שטארק כוח אויך. געבויט איז ער געווען ממש ווי אן אטלעט. ניט קוקנדיק, וואס ער איז שוין געווען אזא זקן, איז ער נאך אפילו ניט געווען אינגאנצן גרוי, האט נאך געהאט זייער געדיכטע האר אפן קאפ און אין בארד, וואס זייגען פריער געווען אינגאנצן שווארץ. די אויגן זיינע זייגען געווען גרויע, גרויסע, לויכטנדיקע אזוינע, אבער אזוינע אויסגעגלאצטע, אז מ'פלעגט נשתומם ווערן. גערעדט האט ער שטעלנדיק שטארק דעם טראפ אף „אָ". געווען אנגעטאן אין א געלבלאכער לאנגער סערמיאגע, פון גראבן, ארעסטאנטן־געוואנט, ווי מ'פלעגט פריער רופן, און אונטערגעגארטלט מיט א דיקער שטריק. האלז און ברוסט מוטער־הייל. א העמד פון דעם גראבסטן לייוונט, וואס איז שוין כמעט אינגאנצן שווארץ געווארן, וועלכע מ'האט שוין חדשים־לאנג נישט געביטן, האט זיך ארויסגעוויזן פון אונטער דער סערמיאגע. גערעדט האט מען נאך, אז ער טראגט אף זיך אונטער דער סערמיאגע דרייסיק פונטיקע אייזערנע קייטן. אף די פיס האט ער געטראגן א פאר אלטע, כמעט פאנאנדערגעפאלענע פאנטאפל אף א בארוועסער פוס.

— פון דעם קליינעם אבדארסקער קלויסטער, פון דעם הייליקן סעליוועסטער, — האט מיט הכנעה געענטפערט דער אורח דער מאַ־באכל, וואס האט מיט די האסטיקע, נייגעריקע אויגעלאך זיינע, הגם די צעשראקענע א ביסל, באקוקט דעם נזיר.

— כ'בין געווען אין דיין סעליוועסטער. כ'האב געלעבט דארטן. וואס מאכט ער דער סעליוועסט דיינער?

דער מאנאכל איז צעטומלט געווארן.

— מנובלים זייט איר! ווי אזוי היט איר דאס אפ דעם תענות?

— על פי דעם מנהג פון סקיט, פראווען מיר אונזער אכילה ושתיה אזוי: אין די זעקס וואָכן פון דעם תענות איז מען אום מאנטיק, מיטוואך און פרייטיק אינגאנצן ניט טועם טעם בא קיין טיש. אום דינסטיק און דאנערשטיק באקומט די ברודערשאפט חלה, א געקעכטס מיט האניק, יאגידעס אדער געזאלצענע קרויט, און טויג פון האבער־מעל. שבת ווייסע קרויט, לאקשן מיט ארבעס, קאשע מיט סאק, אלץ געקאכט מיט בוימל. אום זונטיק באקומט די ברודערשאפט צו די קרויט טרוקענע פיש און קאשע. אין דער וואך וואס פאר פסח אבער באקומט די ברודערשאפט פון מאנטיק אן ביז שבת'ע נאכט, זעקס טעג נאכאנאנד, ברויט מיט וואסער, קיין געקעכטס אינגאנצן ניט. און דאס אויך איז מוטל איינצוהאלטן זיך; קאן מען זיך נאר גובר זיין, איז חל, אז מ'זאל אינגאנצן ניט נעמען יעדן טאג קיין שפייז צו זיך, ווי דאס איז אויך געזאגט געווארן וועגן דער ערשטער וואך פון דעם גרויסן תענות. אום דעם הייליקן פרייטיק אבער איז מען אינגאנצן ניט טועם טעם, אזוי אויך אום דעם הייליקן שבת דארפן מיר פאסטן ביז דריי דעם זייגער נאך האלבן טאג און דעמאלט א ביס טאן א כזית ברויט מיט וואסער און אויסטרינקן צו איין כוסה ווייַן. אום דעם הייליקן דאנערשטיק עסן מיר אבער געקעכטס אָן בוימל, טרינקען ווייַן און אנדערע קומען אפ מיט טרוקענע. ווארים די אסיפה פון לאַאָדיקע האט מבשר געווען וועגן דעם הייליקן דאנערשטיק אזוי: „עס איז ניט ראוי, אז מ'זאל אום דאנערשטיק פון דער לעצטער וואך פון דעם גרויסן תענות מתיר זיין דעם עסן און מחלל זיין דורך דעם דעם גאנצן גרויסן תענות". אט אזוי איז דער מנהג בא אונז. אבער וואס איז דאס אין פארגלייך מיט אייך, גרויסער פאטער, — האט ווערנדיק מונטערער א ביסל מוסיף געווען דער מאנאכל, — ווארים איר זייט דאך דעם גאנצן יאר, אפילו אום דעם הייליקן פסח אויך, מער ניט ווי טועם ברויט מיט וואסער, און וואס עס גייט בא אונז אוועק ברויט אף

צווײ טעג׳ קלעקט בא אײך אף א גאנצער װאָך׳ ס׳איז באמת א װאונדער אזא עצירות׳

— און שװײמלאָך ? — האט מיטאמל געגעבן א פרעג פאטער פעראַפּאַנט׳

— שװײמלאָך ? — האט איבערגעחזרט דער פארװאונדערטער מאָנאַכל׳

— אװדאי׳ איכ׳ל אװעקגײן פון זײער ברױט׳ װײל איך װעל זיך ניט נױטיקן אין אים לחלוטין׳ איכ׳ל אװעקגײן כאטש בי אפילו אין װאלד׳ און װעל דורכלעבן דארטן מיט שװײמלאָך׳ צי מיט יאַ־גידעס׳ זײ אבער דא װעלן ניט אװעקגײן פון זײער ברױט׳ דערפון איז געדרונגען׳ אז זײ געהערן דעם ניט־גוטן׳ די רשעים טענהן איצטער׳ אז ס׳איז ניטא װאס צו פאסטן אזױ׳ גדלות און רשעות איז די דאזיקע טענה זײערע׳

— אָך׳ ס׳איז אמת׳ — האט א זיפץ געטאן דער מאָנאַכל׳

— האסטו אבער געזען די שדים בא זײ ? — האט געפרעגט פאטער פעראַפּאַנט׳

— בא װעמען בא זײ ? — האט ציטערדיק א פרעג געטאן דער מאָנאַכל׳

— פאראַ׳יארן שבועות בין איך ארױף צום איהומען׳ און פון דעמאלט אן איז מײן פוס דארטן ניטא׳ האב איך געזען׳ װי בא אײנעם זיצט אַ שד אפן ברוסט׳ באהאלט זיך אונטער דער ריזע ; מער ניט װי די רענדעלאָך שטעקן ; בא א צװײטן זעט זיך ארױס אַ שד פון קעשענע מיט װילדע אױגן און האט פאר מיר מורא ; בא א דריטן האט ער זיך ארײנגעקליבן אין בױך ארײן׳ אין דעם סאמן טרפהנעם פעמפיקי׳ און בא א פערטן הענגט ער גאר אפן האלז׳ האט זיך אנגעהאנגען און יענער טראגט אים און זעט אים ניט.

— איר ... זעט דען ... ? — האט געגעבן א פרעג דער מאָנאַכל׳

— הערסט דאָך׳ אז איך זע׳ איך זע דורך און דורך׳ װי באַר איך האב גענומען ארױסגײן פון איהומען׳ זע איך׳ װי אײנער

באַהאַלט זיך פאַר מיר הינטער דער טיר, אַ גידול אַזאַ, אַן אַרשין אַנדערהאַלבן, אויב ניט מער, די הויך, מיט אַ דיקן עק, אַ טונקל־ברוינעם, אַ לאַנגן, און ער פאַלט דאָס אַריין מיטן שפּיץ עק אין שפּאַלט פון טיר, און איך בין געווען ניט קיין נאַר, און געגעבן אַ זעץ די טיר, און פאַרקוועטשט אים דעם עק, האָט ער דאָס גענומען פּישטשען אַ ביסל, גענומען וואָרפן זיך, און איך נעם מיר און צלם אים איבער, איין מאָל, נאָך אַ מאָל און אַ דריטן מאָל, — און איבערגעצלמט אויף עולם ועד, אָוועקגעפּגרט אויפן אָרט, ווי אַ דערשטיקטער שפּין. איצטער מסתמא איז ער שוין צעפוילט געוואָרן דאָרטן אין ווינקל, עיפּושט, און זיי ניט זיי זעען, ניט זיי ניסן, שוין אַ קיילעכדיקער יאָר, ווי איך גיי ניט. איך בין דאָס דיר נאָר מגלה, ווייל דו ביזט אַן אורח.

— מוראדיקע ווערטער זיינען אייערע! און צי איז דאָס אמת, גרויסער און געבענטשטער פאָטער, — איז דער מאַנאַכל געוואָרן דרייסטער אַלץ מער און מער, — עס טראָגט זיך אַ גרויסער שם וועגן אייך, וואָס דערגרייכט אַפילו די עק וועלט, אַז איר האָט אַ שטענדיקע מגע ומשא מיט דעם הייליקן גייסט?

— ער פליט אַ מאָל אַראָפּ. עס טרעפט זיך.

— ווי אַזוי פליט ער? אַלס וואָס?

— אַלס אַ פויגל.

— דער הייליקער גייסט אַלס אַ טויב?

— דער הייליקער גייסט איז איין זאַך, און אַ הייליקגייסט איז אַן אַנדער זאַך. ער קאָן אַראָפּפליען ניט נאָר ווי קיין טויב: איינער קומט אַלס שוואַלב, אַ צווייטער אַלס שטיגליץ און אַ דריטער אַלס סיניצע.

— טאַ ווי אַזוי דערקענט איר אים פון אַ סיניצע?

— ער רעדט.

— וואָס הייסט ער רעדט, ווי רעדט ער?

— ווי אַ מענטש.

— וואָס זשע זאָגט ער אייך אַזוינס?

— אָט היינט האָט ער מודיע געווען, אַז עס וועט קומען

א שוטה און וועט אנהייבן פרעגן שטות· צו פיל, מאָנאַך, וויל־ סטו וויסן·

— מוראדיק זיינען די ווערטער אייערע, געבענטשטער און הייליקסטער פאטער, — האט געשאקלט דער מאָנאַכל מיטן קאפ· איבעריקנס האט זיך אין די דערשראקענע אויגעלאך זיינע באמערקט אן אומצוטרוי אויך·

— אט דעם דאזיקן בוים זעסטו? — האט זיך אנגערופן פאטער פעראַפּאָנט, שווייגנדיק א ווײַלע·

— איך זע, געבענטשטער פאטער·

— בא דיר קומט אויס, אז דאס איז א וויאז, איך זע דא אבער א גאנץ אנדער בילד·

— וואס פאר א? — האט געשוויגן א ווײַלע דער מאָנאַכל און געוואַרט אומזיסט·

— עס באווייזט זיך בײַנאכט· דו זעסט אט די צוויי צווייגן? שטרעקט אויס קריסטוס בײַנאכט דורך זיי די הענט און זוכט מיך מיט די הענט, איך זע דאס קלאר און איך ציטער· אן אימה, אן אימה!

— וואס איז דא די אימה, וויבאלד דאס איז קריסטוס אליין?

— ער׳ט א כאפּ טאן און אוועקטראגן·

— א לעבעדיקן?

— אין דעם גײַסט און אין דעם רום פון אליהו הנביא, האסטו דען ניט געהערט? וועט ארומנעמען און אוועקטראגן · · ·

הגם דער, אבדאָרסקער מאָנאַכל איז נאך דעם דאזיקן שמועס אוועק צוריק אין קעמערל, צו איינעם פון די מאָנאַכן, זײַענדיק שטארק מטושטש, האט אבער דאס הארץ זיינע בלתי ספק געצויגן מער צו פאטער פעראַפּאָנט ווי צו פאטער זאָסימאַ· דער אָבדאָרס־ קער מאָנאַכל האט געהאלטן קודם כל פון דעם הייליקן תענות, און פאר אזא גרויסן בעל תענות, ווי פאטער פעראַפּאָנט איז געווען, איז גאר קיין חידוש ניט, אז ער זאל „וואונדערלאכע זאכן זען”· אמת, די ווערטער זיינע זיינען געווען ווי אומגעלומפּערט, אבער דער לע־ בעדיקער ווייס, וואס פאר א פשט עס איז געלעגן אין זיי, אין אט

די דאזיקע ווערטער, היינט גלאט בא אלע גאטס־תמען טרעפן זיך נאך
אפטמאל ניט אזוינע ווערטער און מעשים. וואס ס'איז שייך אבער מיט
דעם פארקוועטשטן עק פון דעם שד איז ניט וואס מ'זאל זאגן, אז
ער איז געווען קאפאבל אנצונעמען דאס פאר א מוסר השכל, נאר
ער איז געווען גרייט צו גלויבן אין דעם באמונה שלמה און מיט
פרייד. היינט אויסער אלע זאכן, איז ער שוין פון פריער, נאך
איידער ער איז געקומען אהער אין מאנאסטיר, געווען א גרויסער־
קעגנער פון דער שיטה־סטארצעס, וועלכע ער האט ביז איצט געקענט
מער ניט ווי פון דערציילן און געהאלטן די דאזיקע שיטה, צוגלייך
מיט אסך אנדערע, פאר א לחלוטין שעדלאכן נייס. האבנדיק שוין
איצט געלעבט א טאג אין מאנאסטיר, האט ער שוין באוויזן צו
כאפן דעם באהאלטענעם מורמלען פון א געוויסן טייל לייכטזיניקע
ברידער, וואס זיינען ניט געווען מסכים מיט דער שיטה־סטארצעס.
געווען איז ער נאך צו דערצו בטבע א מאנאכל א קריכער און
א פלינקער אזא, מיט א גוואלטיקער נייגעריקייט אלצדינג צו וויסן.
אט פארוואס די גרויסע בשורה וועגן דעם נייעם „נס" וואס עס
איז געשען על פי דעם סטארעץ זאָסימאַ, האט אים שטארק מטושטש־
דיק געמאכט. שפעטער האט זיך אליאָשא דערמאנט, ווי צווישן די
מאנאכן, וואס האבן זיך געשפארט צום סטארעץ און ארום זיין
קעמערל, האט אסך מאל פארבייגעשוועבט פאר אים דאס פיגורל פון
דעם נייגעריקן אָבדאָרסקן גאסט, וואס איז געווען פול צווישן
אלע רעדלאך, זיך צוגעהערט צו אלצדינג און בא יעדן איינציקן
עפעס געפרעגט. דעמאלט אבער האט ער געלייגט ווייניק אכט אף
אים און ערשט שפעטער האט ער זיך אן אלצדינג דערמאנט ... און
דאס האט אים גלאט דעמאלט נישט געקאנט ליגן אין קאפ אויך: דער
סטארעץ זאָסימאַ, וואס האט ווידער דערשפירט א מידקייט און זיך
פונדאסניי געלייגט אין בעט, האט זיך מיטאמאל, שוין האלטנדיק
ביים פארמאכן די אויגן, דערמאנט אָן אים און אים גערופן צו זיך.
אליאָשאַ איז די רגע געקומען צו לויפן. לעבן דעם סטארעץ זיינען
דעמאלט סך הכל געווען דער פאטער פאאיסי, דער פאטער־היערא־
מאָנאַך יאָסיף, און פאָרפירי דער קלויסטער־ברודער. אויפעפענענדיק

די מיד געווארענע אויגן און שארף א קוקטאנדיק אף אליאשען, האט דער סטארעץ אים מיטאמאל א פרעג געטאן:

— עס ווארטן דיינע אף דיר, זונעניו?

אליאשא האט ניט געוואוסט וואס צו ענטפערן.

— צי דארפן זיי דיך ניט האבן? צי האסטו עמיצן נעכטן צוגעזאגט היינט צו קומען?

— האב צוגעזאגט... דעם טאטן... די ברידער... נאך אנדערע אויך...

— זעסטו, גיי למען השם. זײַ זיך ניט מצער. זײַ וויסן, אז איך וועל ניט שטארבן כל זמן איך וועל ניט זאגן פאר דיר מיין לעצטן ווארט אף דער ערד. דיר, זונעניו, וועל איך זאגן מיין לעצטן ווארט. דיר זאג איך אים צו בצואה אויך. דיר, מיין טייערער זונעניו, ווארים דו האסט מיך ליב. אבער איצטער לעת עתה גיי צו די, וועמען דו האסט צוגעזאגט.

אליאשא האט די רגע געפאָלגט, הגם ס'איז אים אפילו שווער געווען אוועקצוגיין. אבער די הבטחה פון צו הערן דאס לעצטע ווארט זיינע אף דער ערד און וואס איז, דער עיקר, ווי אים, אליאשען, צוגעזאגט בצואה, האט אויפגעטרייסלט זיין הארץ מיט התלהבות. ער האט זיך גענומען איילן, כדי ענדיקן אלץ אין שטאט און קומען וואס גיכער צוריק. גראד איצט האט פאטער פּאַאיסי אים אויך געזאגט א פאר ווערטער אפן וועג, וואס עס האבן געמאכט אף אים א גוואלטיקן און אומגעריכטן רושם. דאס איז אויסגעקומען, בעת זיי האבן שוין ביידע געהאלטן ביים ארויסגיין פון דעם סטארעצס קעמערל.

— געדיינק, בחורל, אויביק (האט אנגעהויבן בזה הלשון פאטער פּאַאיסי אָן קיין שום הקדמות), אז די וועלטלאכע בילדונג האט, פאראייניקנדיק זיך אין א גרויסער קראפט, דערהויפּט אין דעם לעצטן יארהונדערט, פאנאנדערגענומען אל דאס הייליקע, וואס עס איז אונז געגעבן געווארן אין די הייליקע ספרים. און נאך דעם אכזריותדיקן פאנאנדערקלייבן איז בא די געלערנטע פון דער איצטיקער וועלט לחלוטין קיין זאך נישט איבערגעבליבן פון דעם

גאנצן פריערדיקן הייליקטום· נאר פאנאנדערגענומען האבן זיי
חלקימווייז· אבער דאס גאנצע האבן זיי פארזען· און מ׳מוז ממש
נשתומם ווערן מיט וואס פאר א בלינדקייט· בשעת דאס גאנצע
שטייט פאר זייערע אויגן מויער־פעסט· ווי פריער· און די טויערן
פונ׳ם גיהנום קאנען עס ניט ביייקומען· האט דאס דען נישט געלעבט
קיין ניינצן הונדערט יאר· לעבט דאס דען איצט אויך ניט אין די
באוועגונגען פון איינצעלנע הערצער און אין די באוועגונגען פון די
פאלקסמאסן? אפילו אין די באוועגונגען פון די הערצער פון יענע
אטעאיסטן גופא· וואס האבן אליך חרוב געמאכט· לעבט עס אזוי ווי
פריער מויער־פעסט! ווארים אפילו אויך אט די· וואס האבן זיך
אפגעזאגט פון קריסטנטום און וואס זייגען מוריד קעגן אים· זיינען
אין זיך גופא דער צלם פון דעם זעלביקן קריסטוס· זיי זיינען גע־
בליבן פונקט די זעלביקע· ווארים ניט זייער חכמה· ניט דער פלאם
פון זייער הארצן זיינען ביז איצט געווען בכוח צו באשאפן פאר
דעם מענטשן און פאר זיין חשיבות אן אנדער העכערן בילד· ווי עס
האט באשאפן פארצייטנס קריסטוס· און וואס מ׳האט יע געפרווט
שוין· האט זיך באקומען מער ניט ווי א פארזעעניש· אט דאס
זאלסטו דער עיקר באהאלטן אין זכרון, בחורל· ווארים דער סטארעץ
דיינער· וואס גייט אוועק אפן עולם האמת· הייסט דיר אוועק אין
דער וועלט· אפשר· אז דו וועסט זיך דערמאנען אן דעם היינטיקן
גרויסן טאג· וועסטו זיך ניט פארגעסן אויך אן מיינע ווערטער· וואס איך
גיב דיר מיט פון גאנצן הארצן אפן וועג· ווארים דו ביזט יונג· און
די נסיונות אף דער וועלט זיינען שווערע און ניט פאר דיינע כוחות
באך וועט דאס זיין ביייצושטיין· נו· אצונד גיי זיך· יתום.

מיט אט די ווערטער האט אים פאטער פאאיסי געבענטשט·
ארויסגייענדיק פון מאנאסטיר און באטראכטנדיק אט די אלע פלוצ־
לונגדיקע ווערטער· האט אליאשא מיטאמאל פארשטאנען· אז אין אט
דעם שטרענגן מאנאך· וואס איז ביז איצט געווען פרעמד צו אים·
טרעפט ער איצט א נייעם אומגעריכטן פריינד און א נייעם וועג־
ווייזער· וואס האט אים שטארק ליב· — עפעס פונקט ווי דער סטארעץ
זאסימא וואלט אים פארן טויט איבערגעגעבן צו אים אין די הענט·

„און ווער ווייס, אפשר איז דאס טאקע אינדערצאמתן אזוי געווען". האט מיטאמאל א טראכט געטאן אליאשא. וואס ס'איז שייך אבער די פלוצלונגדיקע ווערטער זיינע, דעם אומגעריכטן לערנען מיט אים, וואס ס'איז נאר וואס פארגעקומען, דווקא דאס און נישט עפעס אנדערש, האט מער נישט ווי עדות געזאגט פון פאטער פאאיסיס פלאמיק הארץ: ער האט שוין געזען וואס גיכער צו באוואפענען דעם יונגן גייסט אף צו ראנגלען זיך מיט די נסיונות און אפצוצאמען די יונגע נשמה, וואס ס'איז אים איבערגעגעבן געווארן בצואה, מיט א צאם, וואס קיין שטארקערן זאל ער זיך גאר אליין ניט קאנען פארשטעלן.

II

ביים פאטער

קודם כל איז אליאשא אוועקגעגאנגען צום פאטער. לעבן שטוב האט ער זיך דערמאנט, אז נעכטן פארן אוועקגיין האט [illegible]ים דער פאטער שטארק געבעטן, אז ער זאל זען ווי עס איז אריינגיין בסוד פון איוואנען. „פארוואס זשע אבער? — האט אליאשא איצט א טראכט געטאן מיטאמאל. — אויב דער פאטער וויל מיר עפעס אליין זאגן בסוד, טא פארוואס זשע זאל איך דאס אריינגיין אויך בסוד? ער האט זיכער נעכטן אין אויפרעגונג געוואלט זאגן עפעס אנדערש, נאר ער האט ניט באוויזן". האט אליאשא באשלאסן, פונדעסטוועגן איז ער געווען זייער צופרידן, ווען מארפא איגנאטיעוונא, וואס האט אים אויפגעעפנט דאס טירל (גריגארי, האט זיך ארויסגעוויזן, איז קראנק געווארן און איז געלעגן אין פליגל), האט אים געענטפערט אף זיין פראגע, אז ס'איז שוין צוויי שעה, ווי איוואן פיאדראוויטש איז אוועק.

— און דער פאטער?

— איז אויפגעשטאנען, טרינקט קאווע, — האט עפעס טרוקן אפגעענטפערט מארפא איגנאטיעוונא.

אַליאָשאַ איז אריין. דער אלטער איז געזעסן אײנער אלײן בײם טיש, אין טופל און אין אן אלטן מאנטעלע, און דורכגעקוקט סתם אזוי, צוליב צעשטרייאונג, אגב אָן א גרויסער אויפמערקזאמקייט, עפעס רעכענונגען. ער איז געווען אײנער אלײן אין דער גאנצער שטוב (סמערדיאַקאָוו איז אוועק אײנקויפן אף וואַרמעס). אבער נישט די רעכענונגען האבן אים אינטערעסירט. הגם ער איז אפילו אויפגעשטאנען גאר פרי פון בעט און געזעסן מונטער צו זיין, האט ער פונדעסטוועגן געהאט א מידן און א שוואכן אויסזען. די שטערן זיינע, אף וועלכער עס האבן זיך איבער נאכט פאנאנדערגעוואקסן מוראדיקע בלוי־רויטע ביילן, איז געווען ארומגעבונדן מיט א רויטן טיכל. די נאז איז איבער נאכט אויך שטארק געשוואלן געווארן, און עס האבן זיך אף איר אויך באוויזן עטלאכע הגם ניט קיין גרויסע ביילן, וואס האבן אבער צוגעגעבן דעם גאנצן פנים עפעס א באזונדער רשעותדיקן און אויפגערייצטן אויסזען. דער אלטער האט דאס אלײן אויך געוואוסט און ער האט אומפריינדלאך א קוק געטאן אף דעם אריינגעקומענעם אַליאָשען.

— די קאווע איז קאלט, — האט ער א געשריי געטאן מיט רוגזה, — איך וועל ניט מכבד זיין. איך זיץ היינט אלײן אויך, ברודער, בא מיטנישטע יאָיך און איך בין קײנעם ניט מכבד. נאך וואס ביזטו געקומען?

— געוואר ווערן וואס איר מאכט, — האט זיך אנגערופן אַליאָשאַ.

— יאָ, און א חוץ דעם האב איך דיר נעכטן אלײן געהייסן דו זאלסט קומען. ס'איז א שטות אט דאס אלץ. האסט זיך אומזיסט מטריח געווען. אגב האב איך טאקע געוואוסט, אז דו וועסט זיך באלד ארײפשלעפן . . .

ער האט דאס א זאג געטאָן מיט דער גרעסטער פיינדשאפט. אין דער זעלביקער צייט האט ער זיך אויפגעהויבן פון ארט און פארזארגטערהייט א קוק געטאן אין שפיגל (אפשר צום פערציקסטן מאל פון אינדערפרי אן) אף זיין נאז. האט אנגעהויבן אויך צו צופוצן דאס רויטע טיכל אף דער שטערן.

— א רויטע טיכל איז בעסער, מיט דער ווייסער זעט מען אויס ווי אין א שפּיטאל, — האָט ער אָנגערופן זיך מיט גרויס באַדײַטונג.

— נו, וואָס הערט זיך דאָרטן בײַ דיר? וואָס מאַכט דײַן סטאַרעץ?

— ס'איז אים זייער שלעכט, ער וועט אפשר הײַנט שטאַרבן, — האָט געענטפערט אַליאָשאַ, אָבער דער פאָטער האָט גאָרניט געהערט אַפילו, און האָט סתּם די שטעל פאַרגעסן, זיך, וואָס ער האָט געפרעגט.

— איוואַן איז אַוועקגעגאַנגען, — האָט ער אַ זאָג געטאָן מיט־אַמאָל, מיט אַלע כּוחות רעדט ער אָפּ פון מיטקען זײַן כּלה, צוליב דעם טאַקע זיצט ער דאָ, — האָט ער צוגעגעבן מיט כּעס און, פאַר־קרימענדיק דאָס מויל, אַ קוק געטאָן אויף אַליאָשען.

— נישיים זע האָט ער דאָס אייך אַליין געזאָגט? — האָט געפרעגט אַליאָשאַ.

— ער האָט דאָס שוין פון לאַנג געזאָגט, ווי מיינסטו: שוין אַ וואָכן דרײַ ווי ער האָט דאָס געזאָגט, וואָס דען, ער איז מיך אויך געקומען קיילענען בשתיקה? צוליב עפּעס אַ מיין איז ער דאָך יע געקומען?

— וואָס רעדסטו איר? למאי רעדט איר דאָס אַזוי? — איז אַליאָשאַ צעטומלט געוואָרן.

— קיין געלט, אמת, בעט ער ניט, נאָר ער וועט קיין צע־בראָכענע פּרוטה סײַ־ווי־סײַ ניט באַקומען פון מיר, איך רעכן, טײַערינקער אַלעקסיי פיאָדראָוויטש, וואָס לענגער צו לעבן אויף דער וועלט, דאָס זאָלט איר אייך וויסן, און דעריבער דאַרף איך האָבן יעדע קאָפּיקע, און וואָס איך וועל לענגער לעבן, וועל איך זי אַלץ נויטיקער דאַרפן האָבן, — האָט ער ווײַטער גערעדט, אַרומגייענדיק איבערן צימער פון איין עק צום צווייטן און געהאַלטן די הענט אין די קעשענעס פון זײַן ברייטן, פאַרשמאַלצענעם מאַנטל פון געלן זומערדיקן קאָרטשיק. — לעת עתּה בין איך נאָך פאַרט אַ מאַנס־ביל, אַלט סך הכּל פינף און פופציק יאָר, איך וויל נאָך אָבער אַ יאָר צוואַנציק זײַן אין אמתער מאַנסביל, וואָרים איכ'ל אַלט ווערן — וועל איך ווערן אַ מנוּבל, דעמאָלט וועלן זיי ניט קומען צו מיר מיטן גוטן ווילן, איז אָט דעמאָלט טאַקע וועל איך דאַרפן האָבן מטבעהלע.

קלייב איך דאס איצטער וואָס מער און מער, פאר זיך אליין, טייערער זון מיינער אַלעקסיי פיאָדאָראָוויטש, דאס דארפט איך אייך וויסן, ווארים אין דער נבֿלה מיינער וויל איך אפלעבן ביזן סוף, דאס וואלט איר אייך טאקע אויך געדארפט וויסן, לעבן אין דער נבֿלה איז זיסער: אלע זידלען זי, אָבער אלע לעבן אין נבֿלה, נאר אלע לעבן בשתיקה, און איך אפּענערהייט. האבן זיך דאס אלע נבֿלהניקעס א ווארף געטאן אף מיר אט פאר דער דאזיקער אפנהארציקייט מיינער. און גיין אין דעם גן עדן דיינעם, אַלעקסיי פיאָדאָראָוויטש, וויל איך ניט, דאס וואלסטו אויך געדארפט וויסן, ווארים פאר א לייטישן מענטשן איז דער גן עדן דיינער סתם ניט קיין פיינע זאך, ווען ער איז שוין אפילו יע דארטן דא. נאך מיין שכל נאך, איז איינגעשלאפן און ניט אויפגעכאפּט זיך מער, און ס'איז קיין זאך מער ניטא. דערמאנט זיך אן מיר יע, אז איר ווילט, און אז איר ווילט ניט, טא זאלן אייך ניט־גוטע נעמען. אט דאס איז מיין כּלל. נעכטן האט דא איוואַן גוט גערעדט, כאטש מיר זיינען אפילו געווען אלע שיכּורי. איוואַן איז א בערימער, און ער איז סתם גארניט אזא גרויסער קענער... און קיין גוואלטיק געבילדעטער איז ער אויך ניט, שווייגט און שווייגנדיק, לאכט ער אָפּ פון דיר — אט וואס דו קריגסט נאר ארויס בא אים.

אַליאָשאַ האט אים צוגעהערט און געשוויגן.

— פארוואס עפּעס רעדט ער ניט מיט מיר? און אז ער רעדט שוין יע אמאל בלאזט ער פון זיך; א פארך איז דיין איוואַן! אבער מיט גרושענקען וועל איך תּיכּף חתונה האבן, ווי איך וועל נאר פארוועלן, ווארים מיט געלד, פארשטייסטו מיך, דארף מען נאר פאר־וועלן, אַלעקסיי פיאָדאָראָוויטש, וועט שוין אלץ געשען. אט דער־פאר האט דאס טאקע מורא איוואַן און ער היט מיך, אז איך זאל ניט חתונה האבן מיט איר, און ער רעדט אָן צוליב דעם מיטקען, אז ער זאל חתונה האבן מיט גרושקען: אף אזא אופן וויל ער דאס מיך אויך פארהיטן פון גרושקען (פונקט ווי איך וואלט אים אזוי גע־לאזן געלט, אז איך וועל מיט גרושקען ניט חתונה האבן!), און פון דער אנדער זייט, אויב מיטקא וועט חתונה האבן מיט גרושקען,

וועט איוואַן נעמען פאר זיך די רייכע כלה זיינע, אט וואס פאר א מין חשבון ער האט! א פארך איז דיין איוואַן!

— ווי אויפגערייצט איר זייט, דאס זייט איר נאך פון נעכטן אן אזוי; איר האט זיך גאר געדארפט צולייגן, — האט געזאגט אליאשא.

— אט דו רעדסט אזוי, — האט זיך מיטאמאל אנגערופן דער אלטער, עפעס ווי דאס וואלט אים צום ערשטן מאל אין רעיון איינגעפאלן, — אט דו רעדסט אזוי, און איך ווער ניט אין כעס אף דיר, אבער אף איוואַנען, ווען ער וואלט מיר אט דאס אייגענע גע־זאגט, וואלט איך אין כעס געווארן. נאר מיט דיר, אליין האב איך געהאט גוטינקע מינוטן, ווארים אזוי בין איך דאך א רשע א מענטש.

— ניט קיין רשע זייט איר, נאר אן איבערגעפירטער, — האט א שמייכל געטאן אליאשא.

— הער זיך איין, דעם רוצח מיטקען האב איך שוין געוואלט היינט ארייננזעצן אין טורמע, און איך ווייס נאך איצט אויך ניט, ווי עס וועט בלייבן בא מיר, פארשטייט זיך, אין דער היינט־וועלטיקער צייט איז אנגענומען טאטע־מאמע צו האלטן פאר א פאראורטייל, אבער על פי דעם געזעץ, דאכט זיך, טאר מען נאך אין אונזער צייט אויך ניט שלעפן אלטע טאטעס פאר די האר, און מיט די אפסאַצן שלאגן איבערן פנים אף דער ערד, אין זייער אייגענער שטוב, און בערימען זיך, אז מ'וועט נאך קומען אינגאנצן דער־הרגענען — אלץ פאר עדות אין די אויגן. איך וואלט געלערנט מיט אים בלק, ווען איך וואלט נאר געוואלט, און כ'וואלט אים תיכף געקאנט ארייננזעצן אין חד גדיא פאר נעכטיקער מעשה.

— ווילט איר נישט אנגעבן אף אים, ניין?

— איוואן האט אפגעשלאגן: איך וואלט געשפיגן אף איוואַנען, נאר איך ווייס אליין עפעס א שפיצל.

און, אנבויגנדיק זיך צו אַליאָשען, האט ער האלב־שעפטשענ־דיק צוגעגעבן על פי סוד.

— אז איך זאל אים ארייננזעצן, דעם כלב, וועט זי דערהערן, אז איך האב אים ארייננגעזעצט, און זי וועט תיכף אוועקלויפן צו אים. אבער אז זי וועט דערהערן, אז ער האט מיך היינט א שוואכן

רענצלאך אף די אקסלען, אנדערע מיט לעדערנע זעקעלאך מיט רימענס אפן פלייצע, איינציגע פון זיי. אנגעטאן פשוט אין קורטקעלאך, אנדערע אין פאלטאטשיקלאך, און אנדערע ווידער אין הויכע שטיוולאך מיט קנייטשן אף די כאלעוועס, מיט וועלכע עס האבן שטארק האָלט צו שטאלצירן קליינינקע קינדערלאך, וועמען עס צערטלען זייערע פארמעגלאכע עלטערן, חברה האט לעבעדיק וועגן עפעס געטענהט, געשושקעט זיך קענטיק, אליאשא האט קיינמאל ניט געקאנט קאלטבלוטיק פארבייגיין פארביי קינדער, אין מאסקווע פלעגט דאס נאך אויך זיין אזוי מיט אים, און הגם ער האט מער פאר אלץ האָלט געהאט דריייאריקע קינדער אדער אן ערך פון דעם עלטער, פלעגן אים אבער שולקינדער פון א יאר צען, עלף אויך שטארק געפעלן ווערן, דעריבער, ווי פארזארגט ער איז איצט אפילו ניט געוועזן, האט זיך אים אבער מיטאמאל פארוואלט א קער טאן זיך צו זיי און פארפירן א שמועס. צוגעגאנגען צו זיי, האט ער זיך איינגעקוקט אין זייערע רויטע, לעבעדיקע פנימלאך און האט מיטאמאל דערזען, אז יעדערער פון זיי האלט א שטיין אין האנט און אנדערע אפילו צו צוויי. ווידער אף יענער זייט הינטער דעם גראבן, אן ערך בא אַ דרייסיק טריט פון זיי, איז געשטאנען לעבן א פלויט נאך א שול־אינגל, אויך מיט א זעקעלע אפן פלייצע, אפן וואוקס א יאר צען, נישט מער, אדער נאך אפשר ווייניקער, — א בלייכינקער, א קרייגקלאכער און מיט פינקלדיקע שווארצע אויגעלאך. ער האט אויפמערקזאם און פאָרשנדיק אזוי באקוקט די גרופע פון די זעקס שול־קינדער, טאקע זיינע חברים אפנים, וואס זיינען איצט ארויס אינאיינעם מיט אים פון שול, מיט וועמען אבער ער איז קענטיק געוועזן צוקריגט. אליאשא איז צוגעגאנגען צו זיי און, ווענדנדיק זיך צו איינעם א געגרויזטן, בלאנדן, רויט־באקיקן אינגעלע אין א שווארצער קורטקעלע, האט ער זיך אנגערופן, באקוקנדיק אים:

— אז איך האב געטראגן אזא זעקעלע, ווי בא אייך, פלעגן מיר טראגן אפן לינקן אקסל, כדי מ'זאל קאנען מיט דער רעכטער האנט עפעס גלייך דערלאנגען? און איר טראגט אייער אפן רעכטן, ס'איז אייך דאך ניט באקוועם עפעס ארויסצונעמען.

אליאשא האט אָן א שום פּניה אנגעהויבן פּשוט מיט אט דער זאכלאכער באמערקונג, דערביי איז אבער פאר א דערוואקסענעם טאקע גארניט מעגלאך אנדערש, אויב מ'וויל גלייך געווינען דעם צוטרוי פון א קינד און דערהויפּט פון א גאנצער גרופּע קינדער. מ'דארף דווקא אנהייבן ערנסט און זאכלאך, און אזוי, ווי דאס וואלטן געווען צוויי גלייכע; אליאשא האט דאס געשפּירט בחוש.

— ער איז דאך א געלינקטער, — האט תּיכּף אפּגערופן זיך א צווייטער אינגל, א חברה־מאן א געזונטער, פון א יאר עלף. די איבעריקע פינף האבן אויסגעשטעלט א פּאר אויגן אף אליאשען.

— ער ווארפט דאך שטיינער אויך מיט דער לינקער האנט — האט זיך אנגערופן א דריטער אינגעלע. אין דער רגע איז גראד אריינגעפלויגן א שטיין צווישן דעם עולם, האט לייכט אנגערירט דעם געלינקטן אינגל, איז אבער פארביי־געפלויגן, הגם מ'האט דעם שטיין א לאז געטאן געשיקט און ענערגיש. א לאז געטאן האט דאס אים דער אינגעלע פון יענעם זייט גראָבן.

— בויקער די ביינער, גיב א חלק, סמוראָוו! — האבן אלע א געשריי געטאן. סמוראָוו (דער געלינקטער) האט אבער אזוי אויך ניט געלאזן לאנג ווארטן אף זיך און האט אים תּיכּף באצאלט; ער האט א ווארף געטאן מיט א שטיין אפן אינגל, וואס איז געשטאנען אף יענער זייט, עס האט זיך אבער אים נישט איינגעגעבן: דער שטיין האט א קלאפּ געטאן אין דר'ערד. דער אינגעלע פון יענעם זייט גראָבן האט תּוך כּדי דבור א לאז געטאן נאך א שטיין אין דעם עולם אריין, דאס מאל גלייך אף אליאשען און האט אים געגעבן א גאנץ שטארקן קלאפּ אין פּלייצע. יענער אינגעלע האט געהאט די גאנצע קעשענעס פול מיט אנגעגרייטע שטיינער. דאס האט מען געקאנט זען פון א דרייסיק טריט נאך די אפּגעשפּארטע קעשענעס פון זיין פּאלטאטשיקל.

— דאס האט ער געווארפן אף אייך, אף אייך, דאס האט ער מיט א כּיוון געווארפן אף אייך! איר זייט דאך קאראמאזאוו, קאראמאזאוו? — האבן זיך אנגעהויבן קייכן די אינגלאך — חברה, אלע מיט אמאל, פּו־וק!

און זעקס שטיינער האבן זיך געגעבן א לאז מיט איין מאל פון דעם עולם ארויס. איינער האט געטראפן דעם אינגעלע אין קאפ און ער איז אנידערגעפאלן; ער האט אבער כהרף עין א שפרונג געטאן און מיט א פארביטערטקייט אנגעהויבן ווארפן צוריק מיט שטיינער אין דעם עולם. פון ביידע זייטן האט זיך אנגעהויבן א שיסעריי אַן אן אויפהער, א סכּנה פון דער גרופע, האט זיך ארויסגעוויזן, האבן אויך געהאט אנגעגרייטע שטיינער אין די קעשענעס.

— וואס טוט איר! איז דאס ניט מיאוס, קינדער! זעקסען אף איינעם, איר וועט דאך אים דערהרגענען! — האט אליאשא אנגעהויבן שרייען.

ער איז ארויסגעשפרונגען און זיך געשטעלט אנטקעגן די שטיינער, וואס זיינען געפלויגן, כדי פארשטעלן מיט זיך דעם אינגעלע פון יענעם זייט גראָבן. דרייען אדער פירען האבן זיך אף א ווייליינקע באנומען.

— ער האט זיך אליין דער ערשטער אנגעהויבן! — האט א געשריי געטאן דער אינגל, וואס אין דעם רויטן העמדעלע מיט אן אויפגערעגטן קינדערשן קולכעלע, — ער איז א נבזיק, ער האט פריער אין קלאס א שטאך געטאן קראפאטקינען מיט א מעסערל. אז בלוט האט גערונען. קראַסאָטקין האט נאר ניט געוואלט מסרן, אים אבער דארף מען געבן א חלק . . .

— פאר וואס אבער? מסתמא רייצט איר זיך מיט אים אליין?

— אט האט ער אייך ווייטער מכבד געווען מיט א שטיין אין פלייצע. ער קען אייך, — האבן אנגעהויבן שרייען די קינדער. — דאס ווארפט ער איצט אף אייך, ניט אף אונז. א נו, חברה, ווייטער גענומען זיך, זיי א יאַט, סמוראָוו!

און עס האט זיך ווידער אנגעהויבן א שיסעריי, איצט שוין א זעער פארביטערטע. דעם אינגל פון יענעם זייט גראָבן האט מען געטראפן מיט א שטיין אין ברוסט; ער האט געגעבן א געשריי, אנגעהויבן וויינען און איז אוועקגעלאפן בארג ארויף, צו דער

מיכײלאָװער גאַס. דער עולם האָט דאָס געגעבן אַ פּראַל: „אַהאַ, האָט מורא געבאַן, איז אַװעקגעלאָפן דער װױכעטש!"

— איר װײסט נאָך ניט, קאַראַמאַזאָװ, ס'אַרא מין נבזיק ער איז, דעהרגענען אים איז נאָך װײניק, — האָט זיך אָנגערופן דער אינגל אין דער קורטקעלע, מיט די ברענענדיקע אױגעלאַך, אַפּנים דער עלטערער פון זײ אַלעמען.

— װאָס אַן ערך איז ער? — האָט געפרעגט אַליאָשאַ. — ער איז אַ מסור, װאָס?

חברה האָט זיך דורכגעקוקט צװישן זיך מיט אַ געשפּעט.

— איר גײט אױך אַהין, אױף דער מיכײלאָװער גאַס? — האָט צוגעגעבן אַלץ דער זעלביקער אינגל. — איז אָט דעריאָגט אים טאַקע... אָן, זעט איר, ער האָט זיך װײטער אָפּגעשטעלט, ער װאַרט נאָך און קוקט אױף אײַך.

— ער קוקט אױף אײַך, ער קוקט אױף אײַך! — האָבן אונטערגעכאַפּט די איבעריקע.

— איז גיט אים טאַקע אַ פרעג, צי האָט ער האָלט אַ צעפּוילטן װױכעטש פון באָד. איר הערט, אַזױ טאַקע זאָלט איר אים פרעגן.

דער גאַנצער עולם האָט געגעבן אַ שאָס מיט אַ געלעכטער. אַליאָשאַ האָט געקוקט אױף זײ, און זײ אױף אים.

— גײט ניט, ער װעט אײַך מזיקן, — האָט סמוראָװ אַ געשרײ געטאָן, מתרה זײַענדיק.

— קינדער, איך װעל אים װעגן קײן װױכעטש ניט פרעגן, װאָרים דאָס רײצט איר זיך מסתמא מיט אים, איך װעל אָבער דערגײן בא אים, פאַר װאָס איר האָט אים אַזױ פײַנט...

— דערגײט טאַקע, דערגײט טאַקע, — האָבן זיך די אינגלאַך פאַנאַנדערגעלאַכט.

— אַליאָשאַ איז אַריבערגעגאַנגען דעם בריקל און איז אַװעק פאַרבײַ דעם פּלױט צום בערגל, גלײַך צו דעם באַעװלטן אינגעלע.

— היט זיך, — האָט מען אים נאָכגעשריען מיט אַ התראה, —

ער וועט זיך ניט דערשרעקן פאר אייך, ער וועט אייך שטילינקערהייט מיטאמאל דערלאנגען . . . ווי קראַסאָטקינען . . .

דער אינגעלע האט געווארט אף אים, ניט א רירטאנדיק זיך פון ארט. דערנעהנטערט זיך שוין אינגאנצן, האט אליאשא דערזען פאר זיך א קינד נישט מער ווי פון ניין יאר, א שוואכינקן און א קליין וואוקסיקן, מיט א בלייכינקן, חושכדיקן און לייגלאכן פנימל, מיט גרויסע טונקעלע אויגן, וואס האבן מיט רציחה געקוקט אף אים. אנגעטאן איז ער געווען אין א גאנץ אלטינקן מאנטעלע, פון וועלכן ער איז חלשותדיק אויסגעוואקסן. הוילע הענט זיינען ארויסגעקראכן פון די ארבל, אף דעם רעכטן קניעלע פון די הייזלאך איז געווען א גרויסע לאטע, און אין דעם רעכטן שטיוול, אפן נעזל, וואו עס איז דער גרויסער פינגער, איז געווען א גרויסע לאך, קענטיק, זייער שטארק פארשמירט מיט טינט. איןביידע קעשענעס פון מאנטעלע, וואס האבן זיך אפגעשפארט, זיינען געווען שטיינער. אליאשא האט זיך אפגעשטעלט בא א צוויי טריט פון אים, און האט אים ווי געפרעגט מיטן בליק. דער אינגל, וואס האט תיכף פארשטאנען נאך אליאשעס אויגן נאך, אז ער וויל אים ניט שלאגן, האט אויך אפגעלאזן דעם קוראזש און האט אפילו אליין אנגעהויבן רעדן:

— איך בין איינער, און זיי זיינען זעקסען . . . איך וועל זיי איינער אליין מאכן אלעמען א מיתה, — האט ער מיטאמאל א זאג געטאן, א פינקלטאנדיק מיט די אויגעלאך.

— מיט איין שטיין האט מען אייך א פנים זעער שטארק געטראפן, — האט זיך אנגערופן אליאשא.

— און איך האב דערלאנגט סמוראָוון אין קאפ! — האט אויסגערופן דער אינגעלע.

— זיי האבן מיר געזאגט, אז איר קענט מיך און אז איר האט אף מיר מיט א כיוון א ווארף געטאן מיטן שטיין? — האט א פרעג געטאן אליאשא.

דער אינגל האט פינצטער געגעבן א קוק אף אים.

— איך קען אייך נישט. איר קענט מיך דען? — האט אליאשא ווידער געפרעגט.

— וואס ווילט איר וואס! — האט מיטאמאל א געשריי געטאן

דער אינגעלע אויפגערייצטערהייט, אליין פונדעסטוועגן נישט רירנ־דיק זיך פון ארט, ווי ער וואלט נאך אלץ אף עפעס אפגעווארט און האט פונדאסניי א פינקלגעטאן מיט רשעות מיט די אויגעלאך.

— גוט, איך וועל אוועקגיין — האט געזאגט אליאשא, — אבער איך קען אייך ניט און איך רייץ זיך ניט מיט אייך. זיי האבן מיר געזאגט, ווי מ׳רייצט זיך מיט אייך, איך וויל זיך אבער נישט רייצן מיט אייך, א גוטן.

— מאָנאַך מיט די פלונדרעס! — האט א געשריי געטאן דער אינגל, נאכקוקנדיק אליאשען מיט דעם זעלביקן פארביסענעם און עזותדיקן בליק, און זיך געשטעלט אגב אין א פאזע, ווי עפעס מיט אן אויסרעכענונג, אז איצט וועט אליאשא באשטימט א ווארף טאן זיך אף אים. אליאשא האט זיך אבער א קער געטאן, האט געגעבן א קוק אף אים און איז ווייטער אוועק. ער האט אבער ניט באוויזן צו שטעלן קיין דריי טריט אפילו, ווי דער אינגל האט מיט דעם סאמן גרעסטן שטיין, וועלכן ער האט נאר געהאט בא זיך אין קעשענע, געגעבן א לאז אף אים און דערלאנגט אים א שטארקן זעץ אין רוקן.

— אזוי, פון הינטן גאר? זאגן זיי, אף אזא אופן, טאקע אן אמת, אז איר פאלט אן שטילינקערהייט? — האט זיך פונדאסניי אומגעקערט אליאשא. דער אינגעלע האט אבער דאס מאל ווידער א לאז געטאן מיט א פארביטערטקייט א שטיין אף אליאשען און גלייך אין פנים אריין, נאך א נס וואס אליאשא האט באוויזן צו פאר־שטעלן זיך, און דער שטיין האט אים אנגעטראפן אין עלאָמבויגן.

— ווי שעמט איר זיך ניט! וואס האב איך אייך געטאן? — האט ער אויסגערופן.

דער אינגעלע האט שווייגנדיק און מיט חוצפה נאר איין זאך געווארט, אז איצטער וועט אליאשא שוין אָן א ספק א ווארף טאן זיך אף אים; זעענדיק אבער, אז נאך איצט אפילו גיט ער זיך ניט קיין ווארף, איז ער געווארן לחלוטין אויפגערייצט, ווי א חיהלע: האט זיך געגעבן א ריס פון ארט און אליין געגעבן זיך א ווארף אף אליאשען, וואס האט ניט באוויזן קיין ריר טאן זיך אפילו, ווי דער

בייזער אינגעלע האט, אנבייגנדיק דעם קאפ און א כאפטאנדיק מיט ביידע הענט די לינקע האנט זיינע, געגעבן אים א שטארקן ביס אין דעם מיטלסטן פינגער. ער האט זיך ארייגעהאקט מיט די ציינער אין פינגער און בא א צען רגעס ניט ארויסגעלאזן אים. אליאשא האט א געשריי געטאן פאר ווייטאק, ציענדיק מיט די גאנצע כוחות דעם פינגער. דער אינגעלע האט אים ענדלאך ארויסגעלאזן און איז אפגעשפרונגען צוריק אף דעם פריערדיקן ארט. דעם פינגער האט ער שטארק איינגעביסן, ביים סאמן נאגל, טיף, ביזן ביין; בלוט האט זיך א גאס געטאן. אליאשא האט ארויסגענומען דאס טאשן־טיכל און האט פעסט פארבונדן די פארוואונדעטע האנט. געבונדן האט ער כמעט א גאנצע מינוט. דער אינגעלע איז די גאנצע צייט געשטאנען און געווארט. ענדלאך האט אליאשא אויפגעהויבן אף אים זיין שטילן בליק.

— נו, גוט, — האט ער געזאגט, — איר זעט, ווי איר האט מיך שטארק איינגעביסן, איז דאך שוין גענוג, אמת? איצטער זאגט, וואס האב איך אייך געטאן?

דער אינגעלע האט א קוק געטאן מיט א פארוואונדערונג.

— כאטש איך קען אייך אפילו אינגאנצן ניט און איך זע אייך צום ערשטן מאל, — האט אליאשא צוגעגעבן אלץ אזוי רואיק — קאן דאך אבער ניט זיין, אז איך האב אייך גארנישט ניט געטאן, — איר וואלט מיך אומזיסט ניט געפייניקט אזוי. טא וואס האב איך אייך געטאן און מיט וואס בין איך שולדיק קעגן אייך, זאגט?

אנשטאט אן ענטפער האט זיך דער אינגעלע מיטאמאל שטארק פאנאנדערגעוויינט, אפן קול, און איז מיטאמאל אוועקגעלאפן פון אליאשען. אליאשא איז שטיל הינטער אים אוועקגעגאנגען אף מי־ביילאווער גאס און האט נאך א לאנגע צייט געזען, ווי דער אינגעלע איז פונדערווייטנס געלאפן, פונקט אזוי האסטיק, ניט ארומקוקנדיק זיך און נאך אף געוויס וויינענדיק אפן קול. ער האט גענומען אף זיך ווי נאר עס וועט זיין צייט, בלא נדר, אויפזוכן אים און קלאר מאכן אט די רעטעניש, וואס האט אים אזוי שטארק פארוואונדערט. איצטער אבער האט ער קיין צייט נישט געהאט.

IV

בא כאָכלאַקאָווס

גיך איז ער צוגעקומען צו פרוי כאָכלאַקאָוואס געמויערטן, איי־גענעם, צווייגאָרנדיקן, שיינעם הויז, דעם בעסטן הויז פון אלע הייזער אין אונזער שטעטל. הגם פרוי כאָכלאַקאָוואַ פלעגט מער לעבן אין א צווייטער גובערניע, וואו זי האט געהאט א הויף, אדער אין מאסקווע, וואו זי האט געהאט אן אייגענע שטוב, האט זי אבער בא אונז אין שטעטל אויך געהאט אן אייגענע הויז, וואס איז איר געבליבן בירושה פון עלטער־עלטערן, און דער הויף אירער, וואס זי האט געהאט איז אונזער קרייז, איז גלאט געווען דער סאמער גרעסטער פון אירע אלע דריי הויפן, און פונדעסטוועגן פלעגט זי ביז איצט קומען צו פארן אין אונזער גובערניע גאנץ זעלטן. זי איז ארויסגעלאפן צו אליאשען נאך בעת ער איז געווען אין פירהויז.

— איר האט באקומען, איר האט באקומען דעם בריוו וועגן דעם נייעם וואונדער? — האט זי אנגעהויבן רעדן האַסטיק, נערוועזערהייט.

— יע, איך האב באקומען.

— האט איר דאס איבערגעגעבן אלעמען, געוויזן אלעמען? ער האט דאך א מאמען א זון אומגעקערט!

— ער וועט היינט שטארבן, — האט געזאגט אליאשא.

— כ'האב געהערט, כ'ווייס, אָ, ווי איך וויל רעדן מיט אייך! מיט אייך אדער מיט עמיצן אנדערש וועגן אט דעם אלעמען. ניין, מיט אייך, מיט אייך! ס'אַרא שאדע, וואס איך קאן אים בשום אופן ניט זען! גאנץ שטאט איז געשפאנט, אלעווארטן. נאר איצט ... ווייסט איר, אז קאַטערינאַ איוואַנאָוונאַ זיצט איצט בא אונז?

אוי, דאס איז ממש א גליק! — האט אויסגערופן אליאשא — אט וועל איך זיך איצט זען מיט איר בא אייך, זי האט מיר נעכטן געהייסן, איך זאל היינט קומען צו איר למען השם.

— איך ווייס אַלצדינג, איך ווייס אַלצדינג. איך האָב געהערט פון אַלץ ביז די קלענסטע פּרטים וועגן דעם, וואָס עס איז געכטן פאָר־געקומען בּאַ איר . . . און וועגן די אַלע שרעקלאַכע זאַכן מיט אַט דער . . . בּריאה. C'est tragique, און איך וואָלט אַף איר אָרט, — איך ווייס נישט, וואָס איך וואָלט געטאָן אַף איר אָרט! אָבּער דער בּרודער אײַערער, איך מיין דמיטרי פיאָדאָראָוויטש, מיין איך, וואָס פאַר אַ ער איז, — אָ גאַטעניו! אַלעקסיי פיאָדאָראָוויטש, איך ווער צעטומלט, שטעלט זיך פאָר: דאָרטן זיצט איצט אײַער בּרודער, ניט יענער, ניט דער מוראַדיקער, וואָס פון נעכטן, נאָר דער אַנ־דערער, איוואַן פיאָדאָראָוויטש, ער זיצט און רעדט מיט איר: אַ געשפּרעך איז בּאַ זיי אַ פײַערלאַכער . . . און ווען איר וואָלט נאָר געגלויבּט, וואָס עס קומט איצט פאָר צווישן זיי, — איז דאָס אַ שרעק, דאָס איז, וואָס זאָל איך אײַך זאָגן, דאָס איז אַ בּראָך, דאָס איז אַ שרעקלאַכע זאַך, וואָס מ'קאָן בּשום אופן נישט גלויבּן: בּיידע פּטרן זיך אָוועק אומבּאַוואוסט צוליבּ וואָס, זיי ווייסן דאָס אַליין און קוויקן זיך אַליין מיט דעם. איך האָבּ געוואַרט אַף אײַך! איך האָבּ געגאַרט נאָך אײַך! איך קאָן דאָס, דער עיקר, נישט אַריבּער־טראָגן. איך וועל אײַך תּיכּף אַלצדינג דערציילן, איצטער אָבּער וויל איך דערציילן אַן אַנדער זאַך, טאַקע די סאַמע וויכטיקסטע, — אוי, איך האָבּ דאָך גאָר אַפילו פאַרגעסן, אַז דאָס איז די סאַמע וויכטיקסטע: זאָגט מיר, פאַר וואָס איז דאָס איצט פאַרגעקומען מיט Lise אַ היסטע־ריקע? ווי זי האָט נאָר דערהערט, אַז איר קומט, האָט זיך תּיכּף אָנגעהויבּן אַ היסטעריקע מיט איר!

— Maman, דאָס איז מיט אײַך איצט אַ היסטעריקע, אָבּער ניט מיט מיר, — האָט מיטאַמאָל אַ צוויטשער געטאָן דורכן שפּעלטל ליזעס קולכעלע פון דעם זײַטיקן צימער. דאָס שפּעלטל איז געווען אַ קלייניטשקער, און דאָס קולכעלע אַן אָפּגעבּראָכענער אַזאַ, ווי בּעת עס ווילט זיך מיטאַמאָל שטאַרק פאַנאַנדערלאַכן זיך, נאָר מיט די גאַנצע כּוחות האַלט מען אײַן דעם געלעכטער. אַליאָשאַ האָט די רגע בּאַמערקט דאָס דאַזיקע שפּעלטעלע, און אַף געוויס האָט Lise פון איר שטול גע־קוקט דורך אים, דאָס אָבּער האָט ער שוין ניט געקאָנט פאַנאַנדערקלײַבּן.

— וואס פאר א וואונדער, Lise, וואס פאר א וואונדער . . . פון דיינע קאפריזן וועט מיט מיר אויך פארקומען א היסטעריקע, נאר איבעריקנס, איז זי אזוי קראנק, אלעקסיי פיאָדאָראָוויטש, די גאנצע נאכט איז זי געווען אזוי קראנק, געלעגן אין היץ, געקרעכצעט! איך האב קוים דערוואַרט זיך דעם פרימארגן און גערופן הערצענשטובן, ער זאגט, אז ער קאן קיין זאך ניט פארשטיין און אז מ׳דארף אפּוואַרטן. אט דער הערצענשטובע קומט אייביק צו גיין און גיט א זאג, אז ער קאן קיין זאך ניט פארשטיין. ווי איר זייט נאר צוגעגאנגען צום שטוב, האט זי א געשריי געטאָן און ס׳איז אָנגעפאלן די ספּאזמע, דערנאך האט זי געהייסן אריבערפירן זי אהער אין איר צימער . . .

— מאמאַ, איך האב גארניט געוואוסט, אז ער קומט, איך האב דאָס גארניט געוואלט צוליב אים, אז מ׳זאל מיך אריבערפירן אין דעם צימער.

— דאס איז שוין א ליגן, Lise; יוליאַ איז געקומען צולויפן זאגן דיר, אז אַלעקסיי פיאָדאָראָוויטש גייט, זי איז געשטאנען בא דיר אף דער וואך.

— מאמינקע, חיותל, דאס איז שרעקלאך ניט שארפזיניק פון אייער זייט. און אויב אירווילט דאס פאררירכטן און תיכּף זאגן עפּעס גאר א קלוגע זאך, טא זאגט, טייערינקע מאמע, דעם געערטן הער אַלעקסיי פיאָדאָראָוויטשן, אז שוין מיט דעם אליין, וואס ער איז געקומען, האט ער דערוויזן, אז ער איז נישט גרויסער חכם, וואס ער האט געפועלט בא זיך היינט צו קומען צו אונז נאך דעם, וואס נעכטן איז געווען, און ניט קוקנדיק, וואס אלע לאכן אָפּ פון אים.

— Lise, דו דערלויבסט זיך שוין צופיל, און אף מיין וואָרט, אז איך וועל סוף כּל סוף אנהייבן אנווענדן שטרענגע מיטלען. ווער דהיינו לאכט דאס אָפּ פון אים, איך בין אזוי צופרידן, וואס ער איז געקומען, איך דארף אים האבן, איך דארף אים נויטיק האבן. אַך, אַלעקסיי פיאָדאָראָוויטש, איך בין זער, זער אומגליקלאך!

— וואס אבער אזוינס איז מיט אייך מאמע, חיותל?

— אוי, אט די קאפריזן דיינע, Lise, די אומבאשטענדיקייט,

דיין קראנקייט, אט די שרעקלאכע נאכט אין היץ, אט דער שרעק־לאכער און אויביקער הערצענשטובע, דער עיקר, אט דער אויביקער, דער אויביקער, דער אויביקער הערצענשטובע! און ענדלאך, אלצ־דינג, אלצדינג! ... היינט ווידער, אט דער דאזיקער וואונדער אפילו! אָ, ווי עס האט מיך ערשטוינט, ווי עס האט מיך צעטרויסלט דער דאזיקער וואונדער, טייערער אלעקסיי פיאָדאָראָוויטש! היינט איצט די טראגעדיע דארטן אין גאסט־צימער, וואס איך קאן נישט אריבערטראגן, איך קאן נישט, איך זאג אייך א פריער, אז איך קאן נישט. ס׳איז א קאמעדיע אפשר און ניט קיין טראגעדיע, זאגט, דער סטארעץ זאָסימאַ וועט נאך דערלעבן ביז מארגן, וועט דער־לעבן? אָ, גאט מיינער! וואס עס קומט פאר, איך מאך צו יעדע רגע די אויגן און איך זע, אז אלצדינג איז נארישקייט, אלצדינג איז נארישקייט.

— איך וואלט אייך זייער געבעטן, — האט זי מיטאמאל איבער־געשלאגן אַליאָשאַ, — געבן מיר עפעס א ריינע טיכעלע, אף צו פארבינדן דעם פינגער, איך האב אים שטארק צעשעדיקט, און ער טוט מיר איצט מוראדיק וויי.

אליאשא האט אפגעוויקלט דעם צעביסענעם פינגער זיינעם. דאס טיכל איז געווען געדיכט באפלעקט מיט בלוט. פרוי כאָכלאַקאָוואַ האט א געשריי געטאן און פארדריקט די אויגן.

— גאט מיינער, ס׳ארא וואונד, ס׳איז דאך א מורא!

Lise אבער ווי זי האט נאר דערזען דורכן שפעלטל אַליאָשעס פינגער, האט תיכף מיט די גאנצע כוחות געגעבן אן עפן־אויף די טיר.

— קומט אריין, קומט אריין צו מיר אהער, — האט זי גע־נומען שרייען הערשעריש און מיט עקשנות, — איצט איז שוין אָן נארישקייטן! אָ, גאט מיינער, וואס זשע זייט איר געשטאנען און געשוויגן אזוי צייט? ער האט געקאנט אפגיין מיט בלוט, מאמע! וואו האט איר דאס געמאכט, ווי האט איר דאס געמאכט? פריער פאר אלץ גיט וואסער, גיט וואסער! מ׳דאַרף די וואונד אפוואשן, איינפאך אריינלייגן אין קאלטע וואסער, כדי דער ווייטאק זאל אויפ־

הערך, און כסדר האלטן און האלטן אין וואסער — · · · גיכער, דערלאַנגט גיכער וואסער, מאמע, אין דער גלאָז־שיסעלע. אבער גי־ כער זשע, — האט זי נערוועז געשריען. זי איז געווען באמת דערשראָקן; אליאשעס וואונד האט זי מוראדיק צעטומלט.

— אפשר שיקן נאָך הערצענשטובן? — האט געהאט אויס־ גערופן פרוי כאַכלאַקאָוואַ.

— מאמא, איר וועט מיר מאכן א טויט. אייער הערצענשטובע וועט קומען צו גיין און זאָגן, אז ער קאָן קיין זאך ניט פארשטיין! גיט וואסער, גיט וואסער! מאמא, ווי גאט איז אייך ליב, גיט א גיי אליין, איילט אונטער יוליען, וואס איז דארטן ערגעץ פארפאלן גע־ ווארן, און קאָן קיינמאל נישט קומען אף גיך! אבער גיכער זשע, מאמא, א ניט וועל איך שטארבן · · ·

— דאס איז דאך אבער א גארנישט! — האט אויסגערופן אליאשא, וואס האט זיך דערשראָקן פון זייער שרעק.

יוליאַ איז געקומען צולויפן מיט וואסער. אליאשא האט אריינ־ געלייגט דעם פינגער אין שיסעלע.

— מאמא, ווי גאט איז אייך ליב, ברענגט מאַרליע, מאַרליע, און אט דאס מוטנע עסיק־וואסער צום צולייגן, נו, איך האב זיך פארגעסן, ווי דאס רופט זיך! בא אונז איז דאס דא, ס'איז דא, ס'איז דא · · · מאמא, איר ווייסט אליין, וואו דאס גלאז איז אין אייער שלאף־צימער אין דעם עלעמערל צו דער רעכטער האנט, דארטן איז דאס גרויסע גלאז און די מארליע · · ·

— איך וועל תיכף אלצדינג ברענגען, Lise, נאר שריי נישט און זיי ניט צעטראגן, דו זעסט, ווי שטארק אלעקסיי פיאָדאָראָוויטש טראגט אריבער זיינעם אן אומגליק. וואו האט איר דאס אבער גע־ קאנט אזוי מוראדיק שעדיקן זיך, אלעקסיי פיאָדאָראָוויטש?

פרוי כאָכלאַקאָוואַ איז אף־גיך ארויסגעגאנגען. Lise האט מער ניט ווי אף דאס געווארט.

— קודם כל ענטפערט מיר אף דער פראגע, — האט זי האס־ טיק גענומען רעדן צו אליאָשען, — וואו האט איר זיך דאס, פריץ

מײַנער, אנגעמאכט אזא וואונד? און דערנאָך װעל איך שױן רעדן מיט אײַך װעגן גאָר עפּעס אנדערש. נו!

אַליאָשאַ, שפּירנדיק בחוש, אז די צײַט, ביז די מוטער װעט קומען צוריק, איז טײַער פאַר איר, — האָט, אסך איבער־היפּנדיק און פאַרקירצנדיק, אָבער פונדעסטװעגן גענױ און קלאָר אַף גיך איבערגעגעבן איר װעגן זײַן סודות־פולער באַגעגעניש מיט די שול־אינגלאַך. אױסגעהערט אים, האָט Lise א פּאַטש געטאָן מיט די הענט.

— נו, טאָרט איר דען, טאָרט איר דען, און נאָך אין אָט דעם מלבוש דערצו, מאַכן עסקים מיט אינגלאַך! — האָט זי א געשרײ געטאָן מיט כּעס. עפּעס װי זי װאָלט אפילו געהאַט א רעכט אַף אים. — איר זײַט דאָך אלײן, אַף אזא אופן, אַן אינגל, דער סאַמער קלענסטער אינגעלע, װאָס עס קאָן גאָר געבן! פונדעסטװעגן זאָלט איר מיר למען השם זען דערגײן װעגן אָט דעם כּעסן דעם אינגעלע און דערצײלן מיר אלצדינג, װאָרים דאָ מוז עפּעס זײַן א סוד. איצט דאָס צװײטע, אָבער קודם־כּל: צי קאָנט איר, אַלעקסײ פיאָ־דראָװיטש, ניט קוקנדיק אַף די יסורים פון דעם װײטאָק, רעדן װעגן אמתע נאַרישקײטן, אָבער רעדן מיט קאָפּ?

— איך קאָן זעער, און איך שפּיר שױן איצט גלאַט ניט קײן גרױסן װײטאָק.

— דאָס איז דערפאַר, װײַל איר האַלט דעם פינגער אין װאַסער. מ׳דאַרף די װאַסער גלײַך איבערבײַטן, װאָרים א ניט װעט דאָס אין א רגע װערן אנגעװאַרעמט. יוליאַ, ברענג געשװינד א שטיקל אײַז פון קעלער און א צװײטע שיסעלע מיט װאַסער. נו, איצט איז זי שױן אװעקגעגאַנגען, כ׳װעל אנהײבן גלײַך צו דער זאַך: אַף גיך, טײַערער אַלעקסײ פיאָדראָװיטש, גיט מיר אָפּ, זײַט מוחל, מײַן בריװ, װאָס איך האָב אײַך נעכטן געשיקט — אַף גיך, װאָרים באַלד קאָן נאָך אנגײן די מאַמאַ, און איך װיל ניש͏ט...

— איך האָב אים נישט בײַ זיך.

— א ליגן, איר האָט אים. איך האָב געװאוסט, אז איר װעט אזױ ענטפערן. איר האָט אים אין אָט דער קעשענע. עס האָט מיר די

גאנצע נאכט אזוי פארדראסן אף אט דעם נארישן שפיל. גיט מיר תיכף אוועק דעם בריוו, גיט אוועק!

— ער איז געבליבן דארטן.

— איר קאנט דאך אבער מיך נישט האלטן פאר קיין מיידע־לע, פאר קיין קליינינקער, קליינינקער מיידעלע, נאך מיין בריוו מיט אט דעם נארישן שפיל! איך בעט אייך איר זאלט מיר מוחל זיין פאר דעם נארישן שפיל, דעם בריוו אבער ברענגט מיר למען השם, אויב איר האט אים טאקע באמת ניט בא זיך — נאך היינט זאלט איר אים מיר ברענגען, למען השם, למען השם!

— היינט קאן איך בשום אופן נישט, ווארים איך וועל אוועק־גיין אין מאָנאַסטיר און איך וועל נישט קומען צו אייך א טעג צוויי, דריי, אפשר פיר, ווארים דער סטארעץ זאָסימא . . .

— פיר טעג: וואס פאר א נארישקייט! הערט זיך איין, איר האט שטארק געלאכט פון מיר?

— נישט אנגעהויבן אפילו צו לאכן.

— פאר וואס עפעס?

— ווארים איך האב לחלוטין אלצדינג געגלויבט.

— איר באליידיקט מיך!

— קיין אנהייב נישט. ווי איך האב איבערגעלייענט, האב איך גלייך א טראכט געטאן, אז דאס וועט אלץ טאקע זיין אזוי, ווארים, ווי דער סטאַרעץ זאָסימאַ וועט נאר שטארבן, וועל איך מוזן ארויס־גיין פון מאָנאַסטיר. דערנאך וועל איך לערנען ווייטער לויטן קורס און וועל האלטן עקזאמען, און אז עס וועט קומען די געזעצלאכע צייט, וועלן מיר חתונה האבן. איך וועל אייך ליב האבן. הגם איך האב נאך נישט געהאט אפילו ווען צוטראכטן, נאר איך האב א קלער געטאן, אז קיין בעסערע פרוי פאר אייך וועל איך נישט גע־פינען, און דער סטארעץ הייסט דאך מיר חתונה האבן . . .

— איך בין דאך אבער א מנובל, מ׳פירט דאך מיך אף אשטול! — האט ליזא אנגעהויבן לאכן און האט זיך פאררויטלט.

— איך וועל אייך אליין פירן אפן שטול, איך בין אבער זיכער, אז איר וועט ביז דעמאלט געזונט ווערן.

— איר זייט דאך אבער א חסר דעה, — האט ליזא נערוועז אנגערופן זיך, — פון א וויץ האט איר מיטאמאל געמאכט אזא שטות! . . . אהא, אט איז די מאמע אויך, א סברה, אז זעער צו דער צייט. מאמא, רק איר פארשפעטיקט, קאן מען דען אזוי לאנג! אט טראגט שוין יוליא אייז אויך!

— אוי, Lise, שריי ניט, דער עיקר — שריי ניט. בא מיר איז אט פון דעם גאנצן שרייען . . . וואס זאל איך טאן, אז דו האסט אליין פארשטעקט די מארליע אין אן אנדער ארט . . . איך האב געזוכט, און געזוכט . . . איך בין חושד, אז דו האסט דאס מיט א כיוון געטאן.

— איך האב דאך אבער נישט געוואוסט, אז ער וועט קומען מיט א צעביסענעם פינגער, א ניט, קאן זיין, וואלט איך דאס באמת מיט א כיוון געטאן. מאמינקע, חיותל, איר הייבט אן זאגן גאר, גאר שארפזיניקע זאכן.

— לאז זיין שארפזיניקע, נאר ווי רעדסטו דאס, Lise, וועגן אלעקסיי פיאדאראוויטשעס פינגער און בכלל וועגן אלץ! אך, אלעקסיי פיאדאראוויטש, מיך פטרן אוועק ניט קיין איינצלהייטן, ניט עפעס א מין הערצענשטובע, נאר אלץ צוזאמען, אלץ צוזאמען, אט וואס איך קאן נישט אריבערטראגן.

— גענוג, מאמא, זיין גענוג שוין מיט הערצענשטובן, — האט ליזא לוסטיק געלאכט, — גיט שוין, אף גיך מאמא, מארליע און וואסער. אהא, דאס איז איינפאך בלייוואסער, אלעקסיי פיאדארא־וויטש, איך האב זיך איצט דערמאנט אן דעם נאמען, דאס איז אבער א זעער א גוטער מיטל. מאמענקע, שטעלט זיך פאר, גייענדיק אהער האט ער זיך געשלאגן מיט אינגלאך אפן גאס, און דאס האט אים א אינגל א ביס געטאן, נו, איז ער ניט קיין קליינינקער מענטשעלע, איז ער אליין ניט קיין קליינינקער מענטשעלע, און טאר ער דען, מאמא, נאך אט דעם אלעמען חתונה האבן, ווארים, שטעלט זיך פאר, ער וויל דאך חתונה האבן, מאמא. מאלט אייך אויס, אז ער איז א חתונה־געהאטער, נו, איז דען ניט קיין געלעכטער, איז דאס דען ניט קיין שרעק?

און Lise האט פסדר געלאכט מיט איר נערוועזן קליינינקן געלעכטערל׳ קוקנדיק שעלמיש אף אליאשען.

— נו׳ וואס הייסט חתונה האבן׳ Lise׳ און וואס פאר א פנים איז דאס׳ און דאס איז גאר קיין שטאט ניט פאר דיר ··· ווארים עס קאן זיין אז דער אינגל איז א משוגענער.

— אוי׳ מאמא! וואסי עס זיינען דען פאראן משוגענע אינגלאך?

— פארוואס זאלן דאס עפעס ניט זיין׳ Lise׳ פונקט ווי איך וואלט געזאגט א נארישקייט. דעם אינגעלע אייערן האט א ביס געטאן א משוגענער הונט׳ און ער איז געווארן א משוגענער אינגעלע׳ איז אט גיט ער עמיצן לעבן זיך אויך א ביס. ווי זי האט דאס אייך גוט ארומגעבונדן׳ אלעקסיי פיאדראוויטש׳ איך וואלט אין לעבן אזוי נישט געקאנט. שפירט איר איצט א וויטאק?

— איצט שוין גאר נישט קיין גרויסן.

— איר האט אבער נישט קיין מורא פאר וואסער? — האט Lise א פרעג געטאן.

— נו׳ זיין געגוג׳ Lise׳ איך האב אפשר אינדעראמתן עפעס געזאגט אין איילעניש נישט אזוי גוט וועגן דעם משוגענעם הינטל׳ און דו האסט שוין תיכף געמאכט פון דעם א דרוש. ווי נאר קאטערינא איוואנאוונא׳ האט זיך דערוואוסט׳ אז איר זייט געקומען׳ אלעקסיי פיאדראוויטש׳ האט זי זיך גלייך אווארף געטאן צו מיר׳ זי גארט נאך אייך׳ זי גארט נאך אייך.

— אוי׳ מאמא! גייט אליין אהינצו׳ ער קאן אבער איצט נישט גיין׳ ער ליידט צו־שטארק.

— איך לייד גארניט אזוי׳ כ׳קאן זעער גוט גיין ··· — האט זיך אנגערופן אליאשא.

— וואס! איר גייט אוועק? אזוי גאר? אזוי גאר?

— וואס איז? אז איך וועל ענדיקן דארטן׳ וועל איך דאך ווידער קומען׳ און מיר וועלן ווידער קאנען רעדן וויפל איר וועט וועלן. איך וואלט אבער זעער געוואלט זען קאטערינא איוואנאוונען וואס גיכער׳ ווייל איך וויל׳ ווי עס זאל ניט זיין׳ וואס גיכער קומען היינט צוריק אין מאנאסטיר.

— מאמא, נעמט אים און פירט אים ארויס אף גיך. אלעקסיי פיאדראוויטש, זייט זיך ניט מטריח און גייט ניט ארייַן צו מיר נאך קאטערינא איוואנאוונען, און גייט זיך אייך גלייַך אין אייער מאנאַ־סטיר, דארטן איז דער מקום פאר אייך. און איך וויל שלאפן, איך האב די גאנצע נאכט נישט געשלאפן.

— אוי, Lise, דאס איז דאך אלץ מער ניט ווי געטריבן קאַ־טאוועס, און וואס וואלט געווען, אז דו וואלסט טאקע אינדערא־מתן איינגעשלאפן! — האט אויסגערופן פרוי כאכלאקאווא.

— איך ווייס נישט מיט וואס האב איך . . . איך קאן דא בלייַבן נאך בא א מינוט דריי, אז איר ווילט אפילו פינף. — האט א מורמל געטאן אליאשא.

— אפילו פינף! פירט דאך אים אבער ארויס אף גיכער, מאמא, דאס איז אזא פארזעעניש!

— Lise, דו ביזט פון זינען אראפ. קומט, אלעקסיי פיאדראָוויטש, זי איז הייַנט זעער קאפריז. איך האב מורא אויפצורעגן זי. אָ, ס'איז אן אומגליק מיט א נערוועזער פרוי, אלעקסיי פיאדראָוויטש! אבער עס קאן זייַן, אַז זי האט טאקע אין אייער געגנווארט פאר־וואלט שלאפן. ווי האט איר דאס אזוי גיך ארויפגעווארפן א שלאף אף איר, ס'ארא גליק דאס איז!

— אוי, מאמא, ווי ליב איר האט אנגעהויבן צו רעדן, איך גיב אייך א קוש, מאמינקע, דער פאר.

— און איך דיך אויך, Lise. הערט אויס, אלעקסיי פיאדאַ־ראוויטש, — האט פרוי כאכלאקאווא, ארויסגייענדיק מיט אליאשען, אנגערופן זיך צו אים עפעס אזוי סודות־פול און וויכטיק, שעפ־טשענדיק געשווינט, — איך וויל אייך קיין זאך ניט זאגן, איך וויל ניט אויפהייבן דעם פארהאנג, איר וועט אבער ארייַן און איר וועט אליין אלצדינג דערזען, וואס עס קומט דארטן פאר, דאס איז א שרעק, דאס איז די סאמע פאנטאסטישע קאמעדיע: זי האט ליב אייער ברודער איוואן פיאדאָראוויטשן, און זי פארזיכערט זיך גופא מיט די גאנצע כוחות, אז זי האט ליב אייער ברודער דמיטרי פיאדאָרא־וויטשן. דאס איז א שרעק! איך וועל ארייַן צוזאַמען מיט אייך

און אויב מ׳וועט מיך ניט ארויסטרייבן, וועל איך זיין ביזן סוף.

V

דער בראָך אין גאַסט־צימער

אין גאסט־צימער אבער איז דאס געשפּרעך שוין געווען ביים סוף; קאטערינא איוואנאוונא איז געווען זעער אויפגערעגט, כאטש אפילו אן אויסזען האט זי געהאט אן אנטשלאסענעם. אין דער ווייל, בעת עס זיינען אריין אליאשא און פרוי כאכלאקאווא, האט זיך איוואן פיאדאראוויטש אויפגעהויבן אף אוועקצוגיין, דאס געזיכט זיינע איז געווען עטוואס בלייך, און אליאָשא האט מיט א באאומרואיקונג א קוק געטאן אף אים. די מעשה איז די, וואס דא האט זיך איצט פארענטפערט פאר אליאָשען איינע פון זיינע ספקות, א שווערע רעטעניש, וואס האט אים פון א געוויסער צייט געפייניקט. נאך מיט א חודש צוריק האט מען צו אים שוין עטלאכע מאל און פון פארשיידענע זייטן געטענהט, אז דער ברודער איוואן האט ליב קאטערינא איוואנאוונא און, דער עיקר, אז ער האט טאקע באמת בדעה „אפּרעדן" זי פון מיטיען. ביז דער סאמער לעצטער צייט איז דאס אויסגעקומען פאר אליאשען א פלא, כאטש דאס האט אים אפילו שטארק באאומרואיקט. ער האט ליב געהאט ביידע ברידער און ער האט זיך געשראקן פאר אזא אייפערן צווישן זיי. דערביי האט צו אים דמיטרי פיאדאראוויטש נעכטן אליין מיטאמאל א זאג געטאן, אז ער איז אפילו צופרידן פון דעם ברודער איוואנס אויסקאנקורירן אים, און אז דאס וועט אים, דמיטריען גופא, הייסט דאס, אין אסך פרטים העלפן. אין וואס אבער וועט דאס אים העלפן? ער זאל חתונה האבן מיט גרושענקען? דעם דאָזיקן טראט אבער האט אליאשא געהאלטן פאר א פארצווייפלטן און פאר דעם סאמן לעצטן. היינט, א חוץ דאס אלץ, האט אליאשא, אָן א ספק, געגלויבט ביז נעכטן אינאוונט, אז קאטערינא איוואנאוונא גופא האט עקשנותדיק און ביז ליידנשאפט ליב דעם ברודער זיינעם דמיטריען, — האט אבער

געגלויבט מער ניט ווי ביז נעכטן אינאווענט, און וועל כולם האט זיך אים עפּעס רק געדאכט, אז זי קאן נישט ליב האבן אזוינעם, ווי איוואן; נאר זי האט ליב זיין ברודער דמיטריען, און דווקא אזוי, ווי ער איז, נישט קוקנדיק אף דעם גאנצן וואונדער פון אזא מין ליבע. נעכטן אבער, בא דער סצענע מיט גרושענקען, האט זיך אים פּלוצים ווי עפּעס אנדערש א דאכט געטאן. דאס ווארט א „בראך" וואס פרוי כאָכלאַקאָוואַ האט נאר־וואס ארויסגערעדט, האט אים ווי אויפגעטרייסלט כמעט, ווארים גראד היינט פארטאג האט ער, א האלב פאַרשלאָפענער, מיטאמאל א זאג געטאן צו זיך אליין, ענטפערנדיק, א פּנים, דעם חלום זיינעם: „ס׳איז א בראך, ס׳איז א בראך"! געחלומט האט זיך אים ווידער די גאנצע נאכט די נעכטיקע סצענע בא קאטערינא איוואנאוונען, און איצט פּלוצים פרוי כאכלאקאווס זיכערער און פּשוטער רעדן, אז קאטערינא איוואנאוונא האט ליב דעם ברודער איוואנען, און אז מיט א כיוון, צוליב עפּעס א שפּיל, צוליב א „בראך", נארט זי זיך אליין אפ און פּייניקט זיך גופא מיט איר געמאכטער ליבע צו דמיטריען ווי צוליב עפּעס א דאנקבארקייט, — האט פארוואונדערט אלישען ביז גאר: „יא, אפשר איז דער גאנצער אמת טאקע אין אט די ווערטער". נאר אף אזא אופן, טא ווי זשע איז דעם ברודער איוואנס לאגע? אליאשא האט געשפּירט עפּעס אינסטינקטיוו, אז אזא כאראקטער, ווי קאטערינא איוואנאוונאס, דארף האבן ער זאל קאנען הערשן, און הערשן וואלט זי נאר געקאָנט איבער אזא, ווי דמיטרי איז, אבער נישט איבער אזא, ווי איוואַן, ווארים נאר דמיטרי (לאמיר זאגן, כאטש אין א צייט ארום) וואלט געקאנט סוף כל סוף ווערן אונטערטעניק אונטער איר „טאקע צוליב זיין טובה ווענן" (וואס אליאָשא וואלט אפילו זעער געוואלט), איוואן אבער ניט, איוואן וואלט נישט געקאנט ווערן אונטערטעניק אונטער איר, און עס וואלט אים די דאזיקע הכנעה גלאט נישט פארשאפט קיין גליק. אט אזא מין השגה האט שוין אליאשא עפּעס ניט־ווילנדיק געהאט וועגן איוואנען. און אט די אלע ספקות און השערות זיינען דורכגעפלויגן און פארבייגעשוועבט בא אים אין מוח אין דעם מאמענט, בעת ער איז איצט אריין אין גאסט־צימער. עס האט

פארבייגעשוועבט, פלוצים אזוי און נישט איינצוהאלטן, נאך א געדאנק: „ווי אבער, אויב זי האט גאר קיינעם נישט ליב, נישט דעם, נישט יענעם?“ איך וויל דא צוגעבן, אז אליאשא האט עפּעס ווי געשעמט זיך פאר אזוינע מיני געדאנקען זיינע און פלעגט אויפוואַרפן זיך דערפאר, ווען עס פלעגט זיך טרעפן אין דעם לעצטן חודש אזוינע מאמענטן, ווען זיי פלעגן יא קומען צו אים: „נו וואס ווייס איך אין ליבע און אין פרויען, און ווי אזוי קאן איך עפּעס באשליסן וועגן דעם“, פלעגט ער מיט א פארוואורף טראכטן אין זיך נאך אזא מין געדאנק זייגעם אדער נאך אן ענלאכער השערה, דערביי אבער האט מען נישט געקאנט נישט טראכטן. ער האט געשפּירט בחוש, אז איצט, א שטייגער, איז אין דעם גורל פון זיינע צוויי ברידער אט דער אויסקאנקורירן אייגער דעם אנדערן א צו וויכטיקע פראגע, א פראגע, פון וועלכער עס הענגט צופיל אפּ. „איין שלאנג וועט אויפעסן די צווייטע“, האט נעכטן א זאג געטאן דער ברודער איוואן, בעת ער האט גערעדט אין אויפרעגונג וועגן דעם פאטער און דעם ברודער דמיטריען. אף אזא אופן, איז דער ברודער דמיטרי א שלאנג אין זיינע אויגן, און עס קאן זיין, אז שוין פון א לאנגער צייט? איז דאס אפשר ניט זינט דער ברודער איוואן האט דערקענט קאטערינא איוואנאוונען? פארשטייט זיך, די דאזיקע ווערטער האבן נעכטן נישט ווילנדיק זיך ארויס געריסן בא איוואנען, איז דאס אבער נאך וויכטיקער, וואס ניט ווילנדיק, אויב אזוי, טא וואס איז דא פאר אן אחדות? אדרבה, צי איז דאס ניט קיין נייער טעם צו שנאה און מחלוקות בא זיי אין פאמיליע? און, דער עיקר, אף וועמען זאל ער, אליאשא, רחמנות האבן? און וואס זאל ער יעדערן ווינטשן? ער האט זיי ביידן ליב, וואס זאל ער אבער יעטווידן פון זיי ווינטשן בא אזוינע מוראדיקע סתירות? אין דעם דאזיקן פלאנטער האט מען געקאנט אינגאנצן מבולבל ווערן, און אליאשאס הארץ האט ניט געקאנט פארטראגן קיין אומקלארקייט, מחמת זיין שטייגער ליב האבן איז תמיד געוועזן ליבע פון מעשים. ליב האבן פאסיוו האט ער נישט געקאנט, וויבאלד נאר ליב געקראגן, פלעגט ער תיכף נעמען זיך העלפן. דערצו אבער האט מען זיך גערארפט שטעלן א ציל,

מ׳האט געדארפט קלאָר וויסן, וואס פאר יעדערן פון זיי איז גוט און וואס ער דארף, און וויסנדיק קלאר דעם ציל, העלפן יעטווידן פון זיי מיט מעשים. אבער אנשטאט א קלארן ציל איז אין אלץ געווען אן אומקלארקייט און א פלאנטערי. א „בראך“ האט מען אקארשט געזאגט! וואס אבער האט ער געקאנט פארשטיין אפילו אין אט דעם דאזיקן בראך? דעם ערשטן ווארט אפילו אין אט דעם גאנצן פלאנטער פארשטייט ער נישט!

דערזען אַליאָשען, האט קאטערינא איוואַנאָוונאַ האסטיק און מיט א פרייד אנגערופן זיך צו איוואַן פיאָדראָוויטשן, וואס האט זיך שוין אויפגעהויבן פון ארט אף אוועקצוגיין:

— נאך איין מינוט! בלייבט נאך אף איין מינוט. איך וויל הערן די מיינונג אט פון דעם מענטשן, אף וועמען איך פארלאז זיך מיט מיין גאנצן לייב און לעבן. קאַטערינאַ אָסיפּאָוונאַ, גייט איר אויך נישט אוועק, — האט זי צוגעגעבן, ווענדנדיק זיך צו פרוי כאָכלאַקאָווא. זי האט אוועקגעזעצט אַליאָשען לעבן זיך, און כאָכלאַקאָוואַ האט זיך געזעצט אנטקעגן, לעבן איוואַן פיאדראָוויטשן.

— דא זיינען אלע מיינע פריינד, אלע, וועמען איך האב נאר אף דער וועלט, די טייערע פריינד מיינע, — האט זי מיט הייץ אנגעהויבן מיט א שטים, אין וועלכער עס האבן געציטערט אויפריכטיקע טרערן פון ליידן, און אליאשאס הארץ האט זיך מיטאמאל ווידער א קער געטאן צו איר. — איר, אלעקסיי פיאדראוויטש, זייט נעכטן געווען אן עדות פון אט דעם דאזיקן... שרעק און איר האט געזען, ווי ס׳איז מיר געווען. איר האט דאס נישט געזען, איוואן פיאדראוויטש, ער אבער האט געזען. וואס ער האט נעכטן א טראכט געטאן וועגן מיר — ווייס איך נישט, איך ווייס נאר איין זאך, אז ווען דאס זאל זיך היינט איבערחזרן, איצט, וואלט איך ארויסגעוויזן די זעלביקע געפילן, ווי נעכטן, — די זעלביקע געפילן, געזאגט די זעלביקע ווערטער און געמאכט די זעלביקע באוועגונגען. איר געדיינקט מיינע באוועגונגען, אלעקסיי פיאדראוויטש, איינמאל האט איר מיך אליין איינגעהאלטן... (זאגנדיק דאס, איז זי רויט געווארן, און די אויגן אירע האבן א פינקל געטאן). איך זאג אייך,

אלעקסיי פיאדאראוויטש׳ אז איך קאן מיט קיין שום זאך נישט שלום מאכן. הערט אויס אלעקסיי פיאדאָראוויטש׳ איך ווייס אפילו נישט׳ אויב איך האב א י ם ליב איצט. איך האב אנגעהויבן קריגן רחמנות אף אים׳ דאס איז א שלעכטער סימן פון ליבע. ווען איך וואלט אים ליב געהאט׳ ווייטער ליב געהאט׳ וואלט איך אפשר נישט רחמנות געהאט אף אים׳ נאר׳ אדרבה׳ איך וואלט אים געהאסט . . .

די שטים אירע האט געגומען ציטערן׳ און טרערן האבן א גלאנץ געד טאן אף אירע בריעמען. אליאשא האט זיך אין זיך א צאַפּל געטאן: דאס מיידל איז אן ארנטלאכע און אן אויפריכטיקע׳ — האט ער א טראכט געטאן׳ — און . . . און זי האט דמיטריען מער נישט ליב!

— אוודאי אזוי! אוודאי אזוי! — האט געהאט אויסגערופן פרוי כאכלאקאווא.

—ווארט אויף׳ ליבע קאטערינא אסיפאוונא׳ איך האב נאך נישט געזאגט די הויפט־זאך׳ איך האב נישט געזאגט דאס ענט־ גילטיקע׳ וואס איך האב באשלאסן היינטיקע נאכט. איך שפיר׳ אז אפשר איז דער באשלוס מיינער א שרעקלאכער׳ — א שרעקלאכער פאר מיר׳ איך פיל אבער׳ אז איך וועל אים שוין בשום אופן נית ענדערן׳ פאר קיין שום פאל נית׳ דעם גאנצן לעבן מיינעם. אזוי׳ וועט ער בלייבן׳ מיין ליבער׳ מיין גוטער׳ מיין שטענדיקער און מיין גרויסמוטיקער בעל יועץ און דער טיפער מענטשן־קענער׳ און דער איינציקער פריינד מיינער׳ וועלכן איך האב נאר אף דער וועלט׳ איוואן פיאדאראוויטש׳ האלט אים אינגאַנצן פאר ריכטיק און ער לויבט מיין באשלוס . . . ער ווייס׳ וואס דאס איז פאר א באשלוס.

— יאָ׳ איך האלט אים פאר ריכטיק׳ — האט מיט א שטילער׳ אבער פעסטער שטים אנגערופן זיך איוואן פיאדאראוויטש.

— איך וויל אבער׳ אז אליאשא (אך׳ אלעקסיי פיאדאראוויטש׳ זייט מיר מוחל׳ וואס איך האב געזאגט פשוט אַליאשא)׳ — איך וויל׳ אז אליאשא זאל מיר איצט טאקע אויך זאגן׳ אין דער געגנ־ ווארט פון מיינעביידע פריינד׳ — צי בין איך גערעכט צי ניט? איך שפיר בחוש׳ אז איר וועט׳ אַליאשא׳ ברודער מיינער טייערער (ווארים איר זייט דער ברודער מיינער דער טייערער)׳ — האט זי ווידער

א זאג געטאן מיט התלהבות, אנכאפנדיק זיין קאלטע האנט מיט איר פלאמיקער האנט, — איך שפיר, אז אייער ווארט, אייער „יע" וועט, נישט קוקנדיק אף אלע מיינע ליידן, מיר שאפן רו, ווארים נאך אייערע ווערטער וועל איך ווערן שטיל און כ'וועל שלום מאכן מיט אלץ — איך שפיר דאס!

— איך ווייס נישט, וואס איר ווען מיך פרעגן, — האט מיט א פארדרויטלטן פנים ארויסגערעדט אליאשא, — איך ווייס נאר, אז איך האב אייך ליב און איך ווינטש אייך אין אט דער מינוט גליק מער ווי זיך אליין!... איך ווייס דאך אבער קיין זאך ניט אין אט די זאכן... האט ער מיטאמאל עפעס צוגעאיילטערהייט מוסיף געווען.

— אין אט די זאכן, אלעקסיי פיאדאראוויטש, אין אט די זאכן איז איצט דער עיקר — די ערע און דער חוב, און איך ווייס נישט וואס נאך, נאר עפעס העכערעס אזוינס, ס'קאן זיין העכער אפילו פארן חוב גופא. עס זאגט מיר דאס הארץ פון אט דעם נישט בייקומענדיקן געפיל און מיט א שטארקער קראפט ציט עס מיך אריין, איבעריקנס, וועל איך אלץ זאגן אין צוויי ווערטער, איך האב שוין אלצדינג באשלאסן: אויב ער וועט אפילו חתונה האבן מיט אט דער... בריאה (האט זי אנגעהויבן פייערלאך), וועמען איך קאן קיינמאל נישט, קיינמאל נישט מוחל זיין, וועל איך דאך נישט פארלאזן אים! פון דעמאלט אן וועל איך אים שוין קיינמאל נישט, קיינמאל נישט פארלאזן! — האט זי זיך אנגערופן מיט א מין בראך פון עפעס א בלאסן, אויסגעמאטערטן התפעלות, — דאס הייסט נישט, איך זאל זיך נאכשלעפן נאך אים, ווארפן זיך אים יעדע רגע אין די אויגן, פייניקן אים, — אָ, ניין, איך וועל אוועקפארן אין א צווייטע שטאט, וואוהין איר ווילט, נאר איך וועל דעם גאנצן לעבן, דעם גאנצן לעבן מיינעם וועל איך היטן אים נישט מיד ווערנדיק. און אז ער וועט מיט יענער ווערן אומגליקלאך, און דאס וועט דאך אף געוויס באלד זיין, טא זאל ער קומען צו מיר, און ער וועט טרעפן א פריינד, א שוועסטער... מער ניט ווי א שוועסטער', פארשטייט זיך, און דאס וועט אף אויביק אזוי זיין, ער וועט זיך

אבער ענדלאך איבערצייגן, אז די דאזיקע שוועסטער — איז באמת א שוועסטער זיינע, וואס האט אים ליב און האט אים דעם גאנצן לעבן אירן מקריב געווען. איך וועל זיך דערשלאגן דערצו, אידוועל באשטיין אף דעם, אז ער וועט ענדלאך דערקענען מיך און וועט פאר מיר איבערגעבן אלץ נישט שעמענדיק זיך! — האט זי אויסגערופן עפעס ווי ווילד. — איך וועל זיין דער גאט זיינער, צו וועמען ער וועט תפילה טאן, — און דאס קומט ער מיר, ווייניקסטנס, פאר דער אומטרייקייט זיינער און פאר דאס, וואס איך האב נעכטן אריבערגעטראגן צוליב אים, און זאל ער אבער זען אין דעם גאנצן לעבן זיינעם, אז איך וועל דאס גאנצע לעבן מיינס זיין טריי סיי אים סיי דעם ווארט מיינעם, וואָס איך האב איינמאָל געגעבן, נישט קוקנדיק וואס ער איז געווען אומטריי און פאלש צו מיר. איך וועל זיין . . . איך וועל זיך פארוואנדלען נאר אין א מיטל צוליב זיין גליק (אדער ווי זאגט מען דאס), אין א געצייג, אין א מאשין צוליב זיין גליק, און דאס וועט אזוי זיין אפן גאנצן לעבן, אפן גאנצן לעבן, און ער זאל דאס זען אף להבא דאס גאנצע לעבן זיינס! אט דאס איז דער גאנצער באשלוס מיינער! איוואן פיאדאראוויטש האלט אים אין העכסטן גראַד פאר ריכטיק.

זי האט זיך פארשטיקט. זי וואלט אפשר געוואלט אויסדריקן איר געדאנק אסך ערנווערטיקער, געלונגענער און נאטירלאכער, אבער ס'איז ארויסגעקומען האסטיק און צו נאקעט. ס'איז געווען אין דעם פיל יונגע נישט־אויסגעהאלטנקייט, פיל האט זיך אפגערופן נאר דורך דער נעכטיקער אויפרעגונג, פון דער באדערפעניש א ביסל גרויס האלטן זיך, דאס האט זי אליין דערשפירט. דאס געזיכט אירע איז עפעס מיטאמאל פינצטער געווארן, דער אויסדרוק פון די אויגן איז געווארן א נישט קיין גוטער. אליאשא האט דאס אלץ גלייך באמערקט, און אין זיין הארץ האט ער געשפירט א מיטלייד צו איר. דא אבער האט נאך גראד צוגעגעבן דער ברודער איוואַן:

— איך האב ארויסגעזאגט מער ניט ווי מיין געדאנק, — האט ער זיך אנגערופן. — בא יעדער אנדערער וואלט דאס אלצדינג ארויס־געקומען געבראכן, געמאטערט, באַ אייך אבער — ניט. אן אנדערע

וואלט געווען אומגערעכט, איר אבער זייט גערעכט! איך ווייס נישט, ווי צו מאָטיווירן דאס, נאר איך זע, אז איר זייט אפן העכסטן אופן אויפריכטיק, און דערפאר זייט איר דאס גערעכט . . .

— דאס איז דאך אבער נאר אין דער מינוט . . . וואס אזוינס אבער איז אט די מינוט? נישט מער ווי די נעכטיקע באליידיקונג, — אט וואס עס הייסט אט די מינוט! — האט פלוצים נישט איינגעהאלטן זיך פרוי כאכלאקאווא, וואס האט, קענטיק, נישט געוואלט ארייננמישן זיך, וואס האט זיך אבער נישט איינגעהאלטן און ארויסגעזאגט מיטאמאל א זייער ריכטיקן געדאנק.

— יאָ, יאָ, — האט איבערגעשלאגן איוואַן, מיט עפעס א היץ און קענטיק אין כעס געווארן, וואס מ'האט אים איבערגעריסן, — יאָ, בא אן אנדערער אבער איז אט די מינוט בלויז דער נעכטיקער איינדרוק און מער ניט ווי א מינוט, אבער בא קאטערינא איוואַנאווגעס כאראקטער וועט אט די מינוט — דויערן דעם גאנצן לעבן אירן, וואס פאר א צווייטער איז מער ניט ווי א צוזאג, איז פאר איר אן אויביקער, א שווערער, אפשר א ביטערער, אבער א שטענדיקער חוב. און זי וועט זיך זעטיקן מיט דעם געפיל פון אט דעם דערפילטן חוב. אייער לעבן, קאטערינא איוואנאוונא, וועט איצט דורכגיין אין ליידנדיקן באאבאכטן אייערע אייגענע געפילן, אייערע אייגענע מעשים און אייערע אייגענע צרות, שפעטער אבער וועט דאס דאזיקע ליידן ווערן מילדער, און דאס לעבן אייערס וועט זיך שוין פארוואנדלען אין א זיסן באאבאכטן פון אייער פעסטן און שטאלצן געדאנק, וואס איר האט שוין אף אויביק פארווירקלאכט, אט דעם באמת שטאלצן געדאנק, וואס איז יעדנפאלס א פארצווייפלטער, וועלכן אבער איר האט בייגעקומען, און דאס דאזיקע באוואוסטזיין וועט אייך שאפן ענדלאך די גרעסטע באפרידיקונג און איר וועט שלום מאכן אויך מיט דאס איבעריקע . . .

אפגעזאגט האט ער דאס מיט א פעסטקייט, מיט עפעס א מין פארביסנקייט, קענטיק מיט א כיוון, און, ס'קאן זיין, אז ער האט גארניט געוואלט אפילו פארשטעלן זיין כוונה, דאס הייסט, אז ער רעדט מיט א כיוון און אף אפצולאכן.

— אָ, גאָט מיינער, ווי דאָס איז אַלץ ניט ריכטיק! האָט ווייטער אויסגערופן פרוי כאַכלאַקאָווא.

— אַלעקסיי פיאָדאָראָוויטש, זאָגט איר דאָך! איך מוז מיט ווייטאָק וויסן, וואָס איר וועט מיר זאָגן! — האָט אויסגערופן קאַטערינאַ איוואַנאָוונאַ און מיטאַמאָל באַגאָסן זיך מיט טרערן. אַליאָשאַ האָט זיך אויפגעהויבן פון דיוואַן.

— ס'איז גאָרניש, ס'איז גאָרנישט! — האָט זי ווייַנענדיק ווייטער גערעדט, — דאָס איז פון אויפרעגונג, דאָס איז פון היינ־טיקער נאַכט, אָבער לעבן אַזוינע צוויי פריינד, ווי איר און דער ברודער אייערער, שפיר איך זיך נאָך שטאַרק . . . וואָרים איך ווייס . . . איר וועט מיך ביידע קיינמאָל נישט פאַרלאָזן.

— צום אומגליק, מוז איך שוין אפשר מאָרגן אוועקפאָרן קיין מאָסקווע און אויף אַ לאַנגע צייט פאַרלאָזן אייך . . . און דאָס קאָן מען, צום באַדויערן, נישט ענדערן . . . האָט אַ זאָג געטאָן מיט־אַמאָל איוואַן פיאָדאָראָוויטש.

— מאָרגן פאָרט איר קיין מאָסקווע! — איז פּלוצים אויס־געקרימט געוואָרן דאָס גאַנצע געזיכט קאַטערינאַ איוואַנאָוונאַס, — אָבער . . . אָבער גאָט מיינער, וואָס פאַר אַ גליק דאָס איז! — האָט זי אויסגעשריִען מיט אַ שטים, וואָס האָט זיך אין כּהרף עין אינגאַנצן געביטן, און אין איין רגע פאַרטריבן די טרערן, אַזוי אַז ס'איז אפילו קיין שפור נישט געבליבן. טאַקע עפּעס אין אַ כּהרף עין איז פאָרגעקומען אין איר אַ מערקווירדיקע ענדערונג, וואָס האָט זעער שטאַרק פאַרוואונדערט אַליאָשען: אַנשטאָט אַ באַליידיקטער מיידל נעבאָך, וואָס האָט אַקאָרשט געוויינט, זיך געפינענדיק אין עפּעס אַ בראָך פון אירע געפילן, האָט זיך באַוויזן מיטאַמאָל אַ פרוי, וואָס האָט אינגאַנצן געהערשט איבער זיך און וואָס איז אפילו פון עפּעס אַזוינס געווען זעער שטאַרק באַפרידיקט, ווי זי וואָלט זיך פּלוצים פון עפּעס דערפרייט.

— אָ, ס'איז נישט דעריבער קיין גליק, וואָס איך ווער אייך אָן, דאָס פאַרשטייט זיך ניט, — האָט זי ווי פאַרריכט מיטאַמאָל איר גרייַז מיט אַ ליבן אַריסטאָקראַטישן שמייכעלע, — אַזאַ פריינד, ווי

איר׳ קאָן דאָס נישט א טראכט טאָן; אדרבה׳ איך בין זעער אומ־גליקלאַך׳ וואָס איך פאַרליר אייך (זי האָט זיך מיטאמאָל געגעבן א וואָרף צו איוואַן פּיאָדאָראָוויטשן און׳ אָנכאַפּנדיק אים פאַר ביידע הענט׳ האָט זי מיט א הייס געפּיל זיי א דריק געטאָן); נאָר אָט וואָס עס איז א גליק׳ וואָס איר אליין׳ איר פערזענלאַך׳ וועט זיין אימשטאַנד איבערצוגעבן איצט אין מאָסקווע׳ דער טאַנטע און אַגאַשען׳ מיין גאַנצע לאַגע׳ דעם איצטיקן שרעקלאַכן צושטאַנד מיי־נעם׳ איבערגעבן אינגאַנצן אָפן פאַר אַגאַשען׳ און פאַרהיטן די ליבע טאַנטע׳ אַזוי איבערגעבן׳ ווי נאָר איר אליין וועט דאָס זיין אימשטאַנד. איר קאָנט זיך נישט פאָרשטעלן׳ ווי איך בין נעכטן און היינט פריי געווען אומגליקלאַך׳ נישט אנהייבנדיק צו וויסן׳ ווי אַזוי וועל איך זיי אָנשרייבן אָט דעם שרעקלאַכן בריוו . . . ווארים אין א בריוו קאָן מען דאָס בשום אופן נישט׳ פאַר קיין שום פאַל קאָן מען דאָס נישט איבערגעבן . . . איצט אָבער וועט מיר זיין לייכט אָנצושרייבן׳ ווארים איר גופא וועט דאָרטן זיין׳ אַליין בא זיי זיין און איר וועט זיי אַלצדינג דערקלערן׳ אָ׳ ווי איך פריי זיך! אָבער איך פריי זיך נאָר דערפון׳ דאָס מעגט איר מיר גלויבן. אייך גופא׳ פאַרשטייט זיך׳ קאָן איך נישט פאַרבייטן . . . איך לויף שוין אָנשרייבן א בריוו׳ — האָט זי מיטאמאָל געענדיקט און שוין אפילו א טראָט געטאָן׳ אַף ארויסצוגיין פון צימער.

— נו׳ און אַליאָשאַ? און אַלעקסיי פּיאָדאָראָוויטשעס מיינונג׳ וואָס עס האָט זיך אייך ניט אַנדערש געוואָלט אויסהערן? — האָט ארויסגערופן כאָכלאַקאָוואַ׳ א בייסנדיקער און אויפגעבראַכטער טאָן האָט געקלונגען אין אירע ווערטער.

— איך האָב זיך נישט פאַרגעסן אָן דאָס׳ — איז מיטאמאָל געבליבן שטיין קאַטערינאַ איוואַנאָוונאַ׳ — און פאַר וואָס אָבער זייט איר אַזוי אָנגעשטויסן אַף מיר אין אַזא מינוט׳ קאַטערינאַ אָסיפּאָוונאַ? — האָט זי זיך אָנגערופן מיט א ביטערן׳ שטאַרקן פאַרוואורף׳ — וואָס איך האָב געזאָגט׳ דאָס באַשטעטיק איך אויך. איך מוז נויטיק הערן די מיינונג זיינע׳ אדרבה: איך מוז האָבן דעם באַשלוס זיי־נעם! ווי ער וועט זאָגן׳ אַזוי וועט זיין — אָט ביז וואָס פאַר

א גראַד איך ווארט אף אייערע רייד, אלעקסיי פיאָדאָראָוויטש . . .
וואס איז דאס אבער מיט אייך?

— איך האב דאס קיינמאל נישט געטראכט, איך קאן זיך דאס נישט פארשטעלן! — האט מיטאמאל אויסגערופן אליאשא פארטרויערט.

— וואס, וואס?

— ער פארט קיין מאסקווע, און איר האט אויסגעשריען, אז איר פרייט זיך — דאס האט איר מיט א כיוון אויסגעשריען! דער־נאך אבער האט איר תיכף אנגעהויבן צו פארטייטשן, אז איר פרייט זיך ניט דערפון, אז, אדרבה, עס פארדריסט אייך, וואס . . . איר פארלירט א פריינד, — איר האט אבער דאס אויך מיט א כיוון גע־מאכט . . . ווי אין טעאטער, א קאמעדיע האט איר געשפילט . . .

— ווי אין טעאטער? וואס . . . וואס איז דאס אזוינס? — האט אויסגעשריען קאַטערינאַ איוואַנאָוונאַ נשתומם ווערנדיק, אינגאנצן אויפגעצונדן און אנגעכמורעט די ברעמען.

— ווי איר זאלט אים אפילו ניט פארזיכערן, אז עס פאר־דריסט אייך, וואס איר פארלירט א פריינד אין זיין פערזאן, טענהט איר פונדעסטוועגן אים אין די אויגן, אז דאס גליק באשטייט אין דעם, וואס ער פארט אוועק . . . — האט א זאג געטאן אליאשא שוין לחלוטין שלינגענדיק די ווערטער. ער איז געשטאנען ביים טיש און האט זיך נישט געזעצט.

— וועגן וואס רעדט איר, איך פארשטיי ניט . . .

— איך ווייס אליין אויך ניט . . . עפעס ווי אן אנטפלעקונג וואלט פאר מיר מיטאמאל פארגעקומען . . . איך ווייס, אז איך רעד נישט גוט, אבער איך וועל פונדעסטוועגן זאגן אלצדינג, — האט אליאשא גערעדט ווייטער נאך אלץ מיט דער ציטערדיקער און אפ־געהאקטער שטים, — די אנטפלעקונג מיינע באשטייט אין דעם, אז איר האט דעם ברודער דמיטריען אפשר אינגאנצן נישט ליב . . . פון דעם ערשטן טאג אן . . . און דמיטרי, קאן זיין, האט אייך אויך אינגאנצן נישט ליב . . . פון דעם ערשטן טאג אן . . . און ער אַכט אייך נאר . . . איך ווייס באמת ניט, ווי אזוי דערוועג

איך זיך דאס איצט אלצדינג צו זאגן, נאר עס דארף דאך עמיצער זאגן דעם אמת... ווארים קיינער וויל דא נישט זאגן דעם אמת...

— וואס פאר אן אמת? — האט אויסגעשריען קאַטערינאַ איוואַנאָוונאַ, און עפעס אזוינס היסטערישעס האט א קלונג געטאן אין איר שטים.

— אט וואס פאר א, — האט ארויסגעשטאמלט אליאשא, ווי ער וואלט געגעבן א פלי־אראפ פון א דאך, — גיט גלייך א רוף דמיטריען — איך וועל אים אויפזוכן, — און זאל ער קומען אהער און נעמען אייער האנט, דערנאך זאל ער נעמען דעם ברודער איוואנס האנט און זאל פאראייניקן אייערע ביידנס הענט. ווארים איר פייניקט איוואנען נאר דערפאר, ווייל איר האט אים ליב... און פייניקן פייניקט איר דערפאר, ווייל דמיטריען האט איר מיט א בראך ליב... מיט א פאלשקייט האט איר אים ליב... ווארים איר האט זיך גופא אזוי איינגערעדט...

אליאשא האט זיך אפגעהאקט און איז אנטשוויגן געווארן.

— איר זייט... איר זייט... איר זייט א צעדרייטער, אט ווער איר זייט! — האט שוין מיט א בלייך געווארענעם געזיכט און פון שלעכטסקייט אויסגעקרימטע ליפן מיטאמאל א זאג געטאן קאַטערינאַ איוואַנאָוונאַ. איוואן פיאָדאָראָוויטש האט פלוצים אנגעהויבן לאכן און אויפגעהויבן זיך פון ארט. דעם הוט האט ער געהאלטן אין האנט.

— דו האסט א טעות געהאט, מיין גוטער אליאשא, — האט ער אנגערופן זיך מיט אן אויסדרוק אפן געזיכט, וועלכן אליאשא האט נאך קיינמאל נישט געזען בא אים, — מיט אן אויסדוק פון עפעס א יונגער אויפריכטיקייט און פון א שטארקן, אפנהארציקן געפיל, וועלכן מ׳קאן נישט איינהאלטן, — קאטערינא איוואנאוונא האט מיך קיינמאל נישט ליב געהאט! זי האט געוואוסט די גאנצע צייט, אז איך האב זי ליב, הגם איך האב איר קיינמאל קיין איין ווארט נישט געזאגט וועגן מיין ליבע, — זי האט געוואוסט, אבער מיך האט זי נישט ליב געהאט. קיין פריינד בין איך אירער אויך קיין

מאל נישט געווען, קיין איין טאג נישט: די שטאלצע פרוי האט זיך אין מיין פריינדשאפט נישט גענויטיקט. זי האט מיך געהאלטן לעבן זיך, כדי צו נעמען כסדר נקמה. זי האט פון אלע זייטן נקמה גענומען פון מיר פאר אלע באליידיקונגען, וואס זי האט שטענ־דיק, יעדע מינוט געהאט אויסצושטיין די גאנצע צייט פון דמיטריען, באליידיקונגען פון דער ערשטער באגעגעניש זייערער אן . . . ווא־רים אפילו די סאמע ערשטע באגעגעניש זייערע איז געבליבן בא איר אפן הארצן, ווי א באליידיקונג. אט וואס פאר א הארץ זי האט! איך האב די גאנצע צייט מער ניט ווי געטאן דאס, וואס איך פלעג אויסהערן וועגן איר ליבע צו אים. איך פאָר איצט אוועק, זייט וויסן אבער, קאַטערינאַ איוואַנאָוונאַ, אז איר האט באמת נאר אים אליין ליב. און וואס ער באליידיקט אייך מער, אלץ מער און מער האט איר אים ליב. אט דאס איז אייער בראך. איר האט אים דווקא ליב אזוי, ווי ער איז, באליידיקנדיק אייך האט איר אים ליב. ווען ער וואלט זיך געבעסערט, וואלט איר אים תיכף אוועק־געווארפן און איר וואלט אים אינגאנצן אויפגעהערט ליב צו האבן. איר דארפט אים אבער האבן, כדי קאנען אָן אן אויפהער באאבאכטן די העלדישקייט פון אייער טרייקייט און אים אויפווארפן זיין אומ־טרייקייט. און קומען קומט דאס אלץ פון דעם שטאלץ אייערן. אָ, דא איז דא אסך דערנידעריקונג און באליידיקונג, נאר דאס איז אלץ פון שטאלץ וועגן . . . איך בין צו יונג, און צו שטארק האב איך אייך ליב געהאט. איך ווייס, אז דאס וואלט איך נישט גע־דארפט זאגן אייך, אז עס וואלט געווען מער ערע פון מיין זייט איינפאך אוועקגיין פון אייך; וואלט פאר אייך אויך ניט געווען אזוי באליידיקנדיק. איך פאָר דאך אבער ווייט אוועק און איך וועל קיינמאל נישט קומען. דאס איז דאך אף אויביק . . . איך וויל נישט זיצן בא קיין בראך . . . איבעריקנס, איך קאן שוין מער נישט רעדן, שוין אלצדינג געזאגט . . . זייט געזונט, קאטערינא איוואנאוונא, איר טארט נישט זיין אין כעס אף מיר, ווארים איך בין הונדערט מאל מער באשטראפט פאר אייך: באשטראפט שוין מיט דעם אליין, וואס איך וועל אייך קיינמאל מער נישט זען. זייט

געזונט. איך דארף נישט האבן אייער האנט. איר האט צו באוואוסטזיניק מיך געפייניקט, אז איך זאל אייך אין דער מינוט קאנען מוחל זיין. שפעטער וועל איך מוחל זיין, איצט אבער דארף מע־נישט קיין האנט.

,Den Dank, Dame, begehr ich nicht — האט ער צוגעגעבן מיט א פארקרימטן שמייכעלע, באווייזנדיק אגב מיט דעם, אומגעריכטערהייט, אז ער קאן אויך לייענען שיללערן ביז איינחזרן אף אויסווייניק, וואס פריער וואלט דאס אליאשא באין אופן נישט געגלויבט. ער איז ארויס פון צימער, נישט געזעגענענדיק זיך אפילו מיט דער באלעבאסטע אויך, מיט פרוי כאכלאקאווא. אליאשא האט געגעבן א פאטש מיט די הענט.

— איוואן! — האט ער אויסגערופן צו אים, ווי א מטושטשדיקער, קער זיך אום, איוואן! ניין, ניין, ער וועט איצט בשום אופן נישט אומקערן זיך! — האט ער ווידער אויסגערופן, ווי אין עפעס א טרויערדיקער אנטפלעקונג, — אבער איך בין דאס שולדיק, איך בין שולדיק, איך האב אנגעהויבן! איוואן האט גערעדט מיט כעס, נית גוט. גערעדט נישט ריכטיק און מיט כעס . . . ער מוז ווידער קומען אהער, ער מוז אומקערן זיך, ער מוז אומקערן זיך . . . — אליאשא האט געטענהט, ווי א געריטער פון זינען.

קאטערינא אנוואנאוונא איז פלוצים ארויס אין א צווייטן צימער.

— איר האט קיין זאך נית אנגעמאכט, איר זייט זיך באגאנגען אויסגעצייכנט, ווי א מלאך, — האט האסטיק און מיט התפעלות פרוי כאכלאקאווא אנגעהויבן שעפטשען צו דעם באטריבטן אליאשען. — איך וועל אנווענדן אלע כוחות, אז איוואן פיאדאראוויטש זאל נישט אוועקפארן . . .

פרייד האט געלויכטן אף איר פנים צו אליאשעס גרעסטן עגמת נפש, נאר קאטערינא איוואנאוונא איז מיטאמאל צוריק אריין, זי האט געהאלטן אין האנט צוויי גאנצע הונדערטער.

— איך האב צו אייך א זער גרויסע בקשה, אלעקסיי פיאדאראוויטש, — האט זי אנגעהויבן, ווענדנדיק זיך דירעקט צו אליאשען, קענטיק מיט א רואיקער און גלייכמאסיקער שטים, עפעס

אזוי ווי עס וואלט איצט אינדערצאמתן גאר קיין זאך ניט געשען — מיט א וואך, — יע, דאכט זיך, מיט א וואך צוריק — איז דמיטרי פיאדאראוויטש באַגאנגען א זעער אויפגערעגטע און ניט קיין ריכטיקע טאט, א זעער העסלאכע טאט. דא איז דא נישט קיין פיינער ארט, א שיינק, דארטן האט ער אנגעטראפן דעם געוועזענעם אפיצער, דעם שטאבס־קאפיטאן, וועלכן אייער פאטער האט געהאלטן בא געוויסע געשעפטן, ווערנדיק עפעס אין כעס אף אט דעם שטאבס־קאפיטאן, האט דמיטרי פיאדאראוויטש אים אנגעכאפט פארן באַרד און פאר אלעמען אין די אויגן אזוי ארויסגעפירט אים אפן גאס, און האט אים נאך אפן גאס געשלעפט אזוי א לאנגע צייט, מ'דערציילט, אז דער אינגעלע, דעם שטאבס־קאפיטאנס א זון, ער לערנט אין דער היגער שול, נאך גאָר א קינד, איז ווי נאר ער האט דאס דערזען, איז ער די גאנצע צייט געלאפן ביים זייט און געוויינט אפן קול און געבעטן פאר זיין טאטן און געווארפן זיך צו אלעמען און געבעטן מ'זאל זיך איינשטעלן פאר אים, און אלע האבן געלאכט. אנטשולדיקט מיר, אלעקסיי פיאדאראוויטש, איך קאן זיך נישט דערמאנען אן אויפרעגונג אף אט דעם העסלאכן אקט ז י י נ ע ם... דאס איז איינער פון די אקטן, וועלכע עס קאן נאר באַגיין איין דמיטרי פיאדאראוויטש מיט זיין כעס . . . און מיט זיינע ליידנשאפטן! איך קאן דאס נישט דערציילן אפילו, בין נישט אימשטאנד . . . איך פלאנטער זיך אין די רייד. איך האב זיך נאכגעפרעגט אף אט דעם באליידיקטן און איך בין דערגאנגען, אז ער איז א גרויסער ארימאן, זיין פאמיליע איז סנעגיריאָווו. ער האט זיך מיט עפעס פארזינדיקט אין דינסט, מ'האט אים ארויסגעווארפן, איך קאן דאס אייך געניי נישט איבערגעבן, און איצט לעבט ער מיט זיין פאמיליע, מיט אן אומגליקלאכער פאמיליע פון קראנקע קינדער און פון א משוגענער פרוי, אין גרויס דחקות. ער וואוינט שוין פון לאנג דא אין שטאט, עפעס טוט ער יע, איז געווען ערגעץ א שרייבער, און מיטאמאל האס מען אים גאר איבגעגנצן אויפגעהערט צו צאלן. איר זייט מיר איינגעפאלן אין גאנצן . . . דאס הייסט, איך האב געטראכט, — איך ווייס נישט,

עפּעס פּלאָנטער איך זיך, — איר פאַרשטייט, איך האָב אײַך געוואָלט בעטן, אַלעקסיי פּיאָדאָראָוויטש, — טײַערסטער מײַנער אַלעקסיי פּיאָדאָראָוויטש, אַ גיי טאָן צו אים, עפּעס געפֿינען אַ תּירוץ, אַרײַן צו אים, איך מיין צו דעם שטאַבס־קאַפּיטאַן, — אָ, גאָט! — ווי איך פּלאָנטער זיך, — און איידעלערהייט, פאַרזיכטיק, — אַזוי טאַקע, ווי נאָר איר אַליין וועט דאָס קאָנען טאָן (אַליאָשאַ איז מיטאַמאָל רויט געוואָרן) — זען דערלאַנגען אים די שטיצע, אָט די צוויי הונדערט רובל. ער וועט זיכער נעמען ... דאָס הייסט מ׳דאַרף אים אײַנרעדן ער זאָל נעמען ... צי אפשר ניט, ווי מיינט איר? איר פאַרשטייט, דאָס איז נישט קיין געצאָלט פאַר מאַכן שלום, אַז ער זאָל נישט אָנגעבן אויף אים אין געריכט (וואָרים ער האָט, דאַכט זיך, געוואָלט אָנגעבן אין געריכט), נאָר פּשוט מיטלייד, וועלן העלפֿן אים, שטיצע פון מיר, פון דמיטרי פּיאָדאָראָוויטשעס כּלה, און נישט פון אים גופֿא ... מיט איין וואָרט, איר וועט וויסן ווי ... איך וואָלט געפאָרן אַליין, איר וועט אָבער דאָס קאָנען דורכפֿירן אַסך בעסער פאַר מיר. ער וואוינט אויף אָזערנער גאַס, בײַ דער מעשטשאַנקע קאַלמיקאָוואַ אין הויז ... ווי גאָט איז אײַך ליב, אַלעקסיי פּיאָדאָראָוויטש, טוט דאָס מיר, און איצטער ... איצטער בין איך עטוואָס ... מיד. אַ גוטן ...

זי האָט זיך אַזוי געשווינט געגעבן אַ קער מיטאַמאָל און איז ווייטער אַרויס הינטער דער פּאַרטיערע, אַז אַליאָשאַ האָט נישט באַוויזן אפילו זאָגן קיין וואָרט, — און זאָגן עפּעס האָט ער יע געוואָלט. ער האָט געוואָלט בעטן מחילה, זאָגן אַז ער איז שולדיק — גיי, מיט איין וואָרט עפּעס זאָגן, וואָרים דאָס האַרץ זײַנע איז געווען פול, און אַרויסגיין פון שטוב האָט ער ממש נישט געוואָלט אָן דעם. פרוי כאָכלאַקאָוואַ האָט אים אָבער אָנגעכאַפּט פאַר דער האַנט און אַליין אַרויסגעפירט אים. אין פּירהויז האָט זי אים ווידער אָפּגעשטעלט, אַזוי ווי פריער.

— אַ שטאָלצע, זי וויל זיך גופֿא בײַקומען, אָבער זי איז אַ גוטע, אַ טײַערע, אַ גרויסמוטיקע! — האָט האַלבשעפּטשענדיק אויסגערופן פרוי כאָכלאַקאָוואַ. — אָ, ווי איך האָב זי ליב, דערהויפּט

אפטמאל האב איך זי אזוי ליב, און ווי איך פריי זיך איצט פון אַלצדינג, פון אלצדינג ווידער! ליבער אלעקסיי פיאדאראוויטש, איר האט דאך דאס נישט געוואוסט: טא ווייסט זשע, אז מיר אלע, מיר אלע — איך,ביידע מומעס אירע, — נו, אלע, אפילו Lise אויך, שוין אט פון א גאנצן חודש, ווי מיר ווינטשן און ווילן נאר דאס, אז זי זאל זיך פאנאנדערגיין מיט אייער ליבלינג, מיט דמיטרי פיאדאראוויטשן, וועמען זי ליגט אפילו אין זינען נישט און ווער עס הייבט זי נישט אן ליב צו האָבן, און זי זאל חתונה האבן מיט איוואן פיאדאראוויטשן, מיט דעם געבילדעטן און פיינסטן מענטשן, וואס האט זי ליב מער פאר אלץ אף דער וועלט. מיר האבן דאך דא גע־מאכט א גאנצע פארשווערונג, און עס קאן גאָר זיין, אז איך פאר אפילו נישט אוועק נאר צוליב דעם . . .

— זי האט דאך אבער געוויינט, ווידער אַ באליידיקטע! — האט אויסגערופן אליאשא.

— גלויבט נישט אין קיין טרערן פון א פרוי, אלעקסיי פיאדאראוויטש, — איך בין תמיד קעגן פרויען אין דעם פרט, איך האלט פאר מאנסביל.

— מאמא, איר פירט אים איבער און איר פטרט אים אוועק, — האט זיך דערהערט פון הינטער דער טיר ליזעס דינינקער קולכעלע.

— ניין, איך בין דאס די סיבה פון אלץ, איך בין אין אלצדינג שולדיק! — האט געהאַלטן אין איין טענהן דער טרייסטלאזער אליאשא אין א דראנג פון א פיינלאכער שאנד פאר זיין ארויס־שפרינגען, און האט אפילו פארדעקט דעם פנים מיט די הענט פאר שאנד.

— אדרבה, איר זייט זיך באגאנגען, ווי א מלאך, ווי א מלאך זייט איר זיך באגאנגען, איך בין דאס גרייט טויזענטער מאל, טוי־זענטער מאל איבערצוחזרן.

— מאמא, פארוואס איז ער זיך באגאנגען, ווי א מלאך? — האט זיך ווידער דערהערט ליזעס קולכעלע.

— עס האט זיך מיר עפעס מיטאמאל אויסגעדאכט, קוקנדיק אף אט דאס אלץ, — האט אליאשא ווייטער גערעדט, אזוי ווי גאר

נישט הערנדיק ליזען, — אז זי האט ליב איוואנען, האב איך א זאג געטאן אט די נארישקייט... וואס וועט דאס אבער איצטער זיין!

— אבער מיט וועמען, מיט וועמען? — האט אויסגערופן Lise, — מאמאַ, איר ווילט מיר מסתמא מאכן א טויט. איך פרעג באַ אייך — און איר ענטפערט מיר נישט.

אין אט דער ווײַלע איז אריינגעלאפן דאס שטובמיידל.

— קאַטערינאַ איוואַנאָוונען איז ניט גוט געוואָרן... זיי וויינען... ס'איז מיט זיי א היסטעריקע, זיי ווארפן זיך.

— וואס! — האט אנגעהויבן שרייען Lise, שוין מיט א ציטערדיקן קול. — מאמאַ, דאס וועט מיט מיר באלד זיין א היסטעריקע, אבער נישט מיט איר!

— Lise, טו א טובה שרײַ ניט, לייג מיך נישט אין דר'ערדי. דו ביזט נאך אין די יארן, ווען דו טארסט נישט וויסן אלץ, וואס גרויסע ווייסן, כ'וועל קומען צולויפן און כ'וועל דיר אלצדינג דערציילן, וואס מ'וועט דיר טאָרן דערציילן. אוי, גאט מיינער! איך לויף, איך לויף... א היסטעריקע — דאס איז א גוטער סימן, אלעקסיי פיאדאראוויטש, דאס איז זייער גוט, וואס עס איז מיט איר א היסטעריקע. אזוי טאקע דארף דאס זיין. אין דעם פרט בין איך תמיד קעגן פרויען, קעגן אט די אלע מיני היסטעריקעס און ווייבערשע טרערן. יוליאַ, לויף און זאג, אז איך פלי. און דאס וואס איוואן פיאדאראוויטש איז אזוי ארויסגעגאנגען, איז זי אליין שולדיק. ער וועט אבער ניט אוועקפארן. Lise, טו א טובה, שרײַ ניט! אַך יע, דו שרייסט ניט, דאס שרײַ איך גאר, זיי מוחל דיין מוטער, איך געפין זיך אבער אין א התפעלות, אין א התפעלות, אין א התפעלות! האט איר אבער באמערקט, אלעקסיי פיאדאראוויטש, ס'ארא יונגער, ס'ארא יונגער מאַן איוואן פיאדאראוויטש איז געווען אקארשט ביים ארויסגיין, האט זיך דאס אלץ אפגעזאגט און איז ארויסגעגאנגען! איך האב געמיינט, ער איז אזא געלערנטער, אן אקאדעמיקער, ערשט ער האט דאס מיטאמאל אפגעזאגט מיט אזא פלאם, מיט אזא פלאם, אזוי אָפן און אזוי יונג, נישט געניט און יונג, האט דאס אלץ אפגעזאגט אזוי פיין, אזוי פיין, פונקט ווי איר... היינט נאך דער דייטשישער

פערז, מיט איין ווארט פונקט ווי איר! אבער איך לויף, איך לויף, אלעקסיי פיאדאראוויטש, זעט אפטאן אף גיך אייער שליחות און קומט גלייך צוריק. Lise, דו דארפסט קיין זאך ניט האבן? ווי גאט איז דיר ליב, פארהאלט נישט אף קיין איין רגע אלעקסיי פיאדאראוויטשן, ער וועט תיכף קומען צוריק צו דיר.

פרוי כאָכלאַקאָווא איז ענדלאך אוועקגעלאפן. אליאשא האט, פארן אוועקגיין, נאך געוואלט עפענען די טיר צו Lise.

— בשום אופן ניט! — האט א געשריי געטאן Lise, — איצט וויל איך בשום אופן ניט! רעדט אזוי, דורך דער טיר. מיט וואס זייט איר דאס זוכה געווען צו ווערן א מלאך? מער נישט ווי דאס וויל איך וויסן.

— מיט א מוראדיקער נארישקייט, Lise! זייט געזונט!

— איר זאלט זיך מיר נישט דערוועגן אזוי אוועקצוגיין! — האט Lise אויסגעשריען.

— Lise, איך האב א שווערן אומגליק! איך וועל גלייך קומען צוריק, איך האב אבער א שווערן, שווערן אומגליק! און ער איז ארויסגעלאפן פון צימער.

VI

דער בראך אין שטיבל

ער האט באמת געהאט א שווערן אומגליק, אזא אומגליק, ווי ער האט ביז איצט זעלטן ווען איבערגעלעבט. ער איז ארויסגעשפרונגען און „אנגעמאכט א נארישקייט" — היינט נאך אין וואס פאר א זאך: אין ליבע אנגעלעגנהייטן! „אבער וואס פארשטיי איך אין דעם, וואס קאן איך אין די זאכן פאנאנדערקלייבן?" — האט ער צום הונדערטן מאָל איבערגעחזרט פאר זיך אליין, רויט ווערנדיק, — „אך, א שאנדע אליין וואלט נאך קיין זאך ניט אויסגעמאכט, שאנדע איז נאר די שטראף, וואס עס קומט מיר, — די צרה איז אבער, וואס איך וועל איצט, בלתי ספק, ברענגען צו נייע אומגליקן... און דער

סטאַרעץ האָט מיך געשיקט, אַף מאַכן שלום און אַף פאַראייניקן זיי אַף צו לעבן אין אחדות. אַזוי פאַראייניקט מען דען צו לעבן אין אחדות?" דאָ האָט ער זיך מיטאַמאָל ווידער דערמאָנט, ווי ער האָט „פאַראייניקט זייערע הענט" און ער האָט זיך מוראדיק אָנגעהויבן שעמען פונדאָסניי. „כאָטש איך האָב דאָס אַלץ געטאָן אויפריכטיקערהייט, נאָר אַף להבא דאַרף מען זיין קליגער" האָט ער פאַרענדיקט מיטאַמאָל און אפילו אַ שמייכל נישט געטאָן פון דעם דאָזיקן אויספיר זיינעם.

מיט קאַטערינאַ איוואַנאָוונאַס שליחות האָט ער געדאַרפט גיין אַף אָזערנער גאַס, און דמיטרי האָט געוואוינט גראָד דאָ אַפן וועג, נישט ווייט פון אָזערנער גאַס אין אַ געסל. אַליאָשאַ האָט באַשלאָסן אַריין צו אים לכל הדעות פריער, ווי צום שטאַבס־קאַפּיטאַן, הגם ער האָט געשפּירט, אַז ער וועט נישט טרעפן דעם ברודער אינדערהיים. ער האָט חושד געווען, אַז ער וועט איצט אפשר ווי מיט אַ כּיוון זען אויסבאַהאַלטן זיך פון אים, — אָבער מ'האָט אים ג ע מ ו ז ט א ו י פ ז ו כ ן וואָס עס זאָל נִיט זיין אפילו. און די צייט איז געגאַנגען: דער געדאַנק וועגן דעם סטאַרעץ, וואָס ליגט דאָרטן ביים שטאַרבן, האָט אים נישט אָפּגעלאָזן אַף קיין איין רגע, אַף קיין איין רגע זינט ער איז אַרויס פון מאָנאַסטיר.

בּאַ קאַטערינאַ איוואַנאָוונאַס שליחות האָט געגעבן אַ בליץ איין מאָמענט אַזאַ, וואָס האָט אים אויך שטאַרק פאַראינטערעסירט: בעת קאַטערינאַ איוואַנאָוונאַ האָט דערמאָנט וועגן דעם קליינינקן אינגעלע, דעם שטאַבס־קאַפּיטאַנס זון, דעם שול־קינד, וואָס איז געלאָפן, וויינענדיק אַפן קול, לעבן טאַטן, — איז בּאַ אַליאָשען שוין דעמאָלט דורכגעלאָפן אַ געדאַנק, אַז אָט דער דאָזיקער אינגעלע מוז אַף געוויס זיין אָט דער זעלביקער, וואָס האָט אים פריער אַ ביס געטאָן פאַרן פינגער, בשעת ער האָט אים געפרעגט, מיט וואָס האָט ער אים באַוולט. איצט איז אַליאָשאַ שוין כּמעט געווען ווי איבערצייגט אין דעם, נאָך אַליין נישט וויסנדיק פאַר וואָס. אַזוי אַרום, ווערנדיק אַריינגעצויגן מיט זייטיקע ענינים, האָט ער זיך צעשטרויט און באַשלאָסן ניט צו „טראַכטן" וועגן דער „צרה", וואָס ער האָט אָקאָרשט אָנגעמאַכט, ניט מאַטערן זיך גופא מיט קיין חרטה־געפילן, נאָר טאָן די

אַרבעט, און וואָס עס וועט זײַן, דאָס וועט זײַן. פֿון אַט דעם געדאַנק איז ער אײַנגאַנצן מונטער געוואָרן. בדרך אגב, האָט ער, זיך אַ קערטאָנדיק צום ברודער דמיטרי אין געסל אַרײַן און שפּירנדיק הונגער, אַרויסגענומען פֿון קעשענע די חלהלע, וואָס ער האָט גענומען בײַם טאַטן, און אויפֿגעגעסן גייענדיק. דאָס האָט אים אונטערגעגעבן כּוח.

דמיטרי איז נישט געווען אינדערהיים. די באַלעבאַטים זײַנע — אַן אַלטער סטאָליער, מיט אַ זון און מיט אַ אַלטעטשקער ווײַב — האָבן אַפֿילו אַ קוק געטאָן אויף אַליאָשען מיט חשד. „ס׳איז שוין דער דריטער טאָג ווי ער נעכטיקט ניט אינדערהיים, אפֿשר איז ער ערגעץ אוועקגעפֿאָרן״, — האָט געענטפֿערט דער אַלטער אויף אַליאָשעס שטאַרקן נאָכפֿרעגן זיך. אַליאָשאַ האָט פֿאַרשטאַנען, אַז ער ענטפֿערט אַזוי, ווי מ׳האָט אים געהייסן זאָגן. אויף זײַן פֿראַגע: „צי איז ער נישט בײַ גרושענקען, און צי באַהאַלט ער זיך ווײַטער בײַ פֿאָמען״ (אַליאָשאַ האָט מיט אַ כּיוון גענומען רעדן אַזוי אָפֿן), האָבן אַלע דרײַען אַפֿילו דערשראָקענערהייט געגעבן אַ קוק אויף אים. „זיי האָבן אים, ווײַזט אויס, ליב, מ׳האַלט יד אחת מיט אים״, האָט אַ טראַכט געטאָן אַליאָשאַ, „דאָס איז גוט״.

ענדלעך האָט ער אויפֿגעזוכט אויף אַזערנער גאַס דער מעשטשאַנקע קאַלמיקאָוואַס הויז, אַן אַלטע, אײַנגעפֿאַלענע שטיבל, סך הכּל מיט דרײַ פֿענצטער צום גאַס, מיט אַ קוויטיקן הויף, אויף וועלכן ס׳איז געשטאַנען אײנמיטן אײנע אַליין אַ בהמה. דער אַרײַנגאַנג איז געווען פֿון הויף אין פֿירהײַזל — לינקס פֿון פֿירהײַזל האָט געוואוינט די אַלטע באַלעבאָסטע מיט אַן אַלטער טאָכטער, און ביידע, דאַכט זיך, זײַנען זיי געווען טויבע. אויף זײַן פֿראַגע, וואו עס וואוינט דער שטאַבס־קאַפּיטאַן, וואָס ער האָט עטלעכע מאָל איבערגעחזרט, האָט אײנע פֿון זיי, נאָכדעם ווי זי האָט, סוף כּל סוף, פֿאַרשטאַנען, אַז מ׳פֿרעגט זיך נאָך אויף די שכנים, געגעבן אַ רוק מיטן פֿינגער דורכן פֿירהײַזל, ווײַזנדיק אויף דער טיר פֿון דער שענערער שטיבל. דעם שטאַבס־קאַפּיטאַנס וואוינונג איז באמת געווען נישט מער ווי אַ פּשוט שטיבעלע. אַליאָשאַ האָט געוועסט אָנגענומען די אײַזערנע קליאַמקע, כּדי אויפֿצוּעפֿענען די טיר, ווי עס האָט אים מיטאַמאָל

פֿאַרגאַפֿט אַן אומגעוויינלאַכע שטילקייט פֿון הינטער דער טיר· און געוואוסט האָט ער אָבער פֿון קאַטערינאַ איוואַנאָוונאַס רייד׳ אַז דער געוועזענער שטאַבס־קאַפּיטאַן איז אַ מענטש מיט אַ פֿאַמיליע: „זאָלן זיי דאָס אַלע שלאָפֿן׳ אָדער זיי האָבן דאָס דערהערט אפֿשר׳ אַז איך בין געקומען און זיי וואַרטן׳ ביז איך וועל עפֿענען; וועל איך בעסער צוערשט אָנקלאַפּן צו זיי״ — און ער האָט אָנגעקלאַפּט· אַן ענטפֿער האָט מען דערהערט· אָבער נישט גלייך׳ מ׳קאָן אפֿשר זאָגן אַפֿילו אין אַ רגעס צען אַרום·

— ווער איז? — האט עפּעס עמיצער א געשריי געטאָן מיט א שטאַרקן און זעער כּעסדיקן קול·

אַליאָשאַ האט דאן אויפֿגעעפֿנט די טיר׳ און א טראט געטאן איבערן שוועל· ער איז מגולגל געווארן אין א שטיבל׳ כאָטש אפֿילו א גאַנץ געררוימיקער׳ וואס איז אבער געווען זעער אנגעווארפֿן סיי מיט מענטשן׳ סיי מיט אנדערע שטוביקע שמאטעס· אין דער לינ־קער האַנט איז געשטאַנען א גרויסער רוסישער אויוון· פֿון אויוון איז דורך דער גאַנצער שטוב ביז צום לינקן פֿענצטער געווען דורכ־געצויגן א שטריק׳ אף וועלכער עס זיינען געהאַנגען כּל־ערליי שמאַ־טעס· בא ביידע זייטן ווענט׳ בא דער רעכטער און בא דער לינקער׳ זיינען געשטאַנען בעטן פֿאַרדעקטע מיט געשטריקטע דעקעס· אף איין בעט׳ אף דער לינקער׳ איז געווען אויפֿגעבויט א בערגל פֿון פֿיר קיסנס מיט ציצענע ציכלאך׳ איינע קלענער פֿאַר דער אנדערער· א קעגן־זשע אף דער אנדער בעט׳ רעכטס׳ האט מען געזען נאר איין קליינינטשקע קיסעלע· ווייטער אין דעם פֿאַדערשטן עק איז געווען א נישט קיין גרויסער ווינקל פֿאַרצויגן מיט א פֿאַרהאַנגל צי מיט א ליילאך׳ אויך אריבערגעווארפֿן אף א שטריקל׳ וואס האט זיך געצויגן אין דער קרים פֿון ווינקל· הינטער דעם דאזיקן פֿאַרהאַנגל האט זיך אויך ארויסגעזען א געלעגער׳ וואס איז געווען געמאַכט ביים זייט פֿון פֿאַרהאַנג אף א בענקל און אף א צוגעשטעלטן שטול· א פּראָס־טער הילצערנער׳ פֿירעקיקער פֿויערשער טיש איז געשטאַנען אפּגע־רוקט פֿון דעם פֿאַדערשטן ווינקל צום מיטלסטן פֿענצטערל· אלע דריי פֿענצטער׳ יעטווידער מיט פֿיר קליינינקע׳ גרינע פֿאַרשימלטע

שייבעלאך, זיינען געווען זעער פארדעמפט און פעסט צוגעמאכט, אזוי
אז אין שטיבל איז געווען גאנץ שטיקנדיק און נישט אזוי ליכטיק.
אפן טיש איז געשטאנען א פאַן מיט שיריים פון א פיינקוכן אין אויגן,
ס'איז געלעגן אן אנגעביסענער כזית ברויט און א חוץ דעם איז
נאך געשטאנען א האלבע קווארט מיט א ביסל איבערגעבליבענע קארשן־
זאפט אפן דעק. לעבן דעם בעט, וואס צו דער לינקער זייט, איז
געזעסן אף א שטול א פרוי, געראטן אין א דאמע, אנגעטאן אין א
ציצן קלייד. זי האט אויסגעזען זעער חושך אין פנים, געל; אירע
שטארק איינגעפאלענע באקן האבן עדות געזאגט גלייך פון דער
ערשטער רגע, אז זי געפינט זיך אין א קריינקלאכן צושטאנד. אבער
מער פאר אלץ האט אַליאָשען ערשטוינט דער קוק פון אט דער אומ־
גליקלאכער דאמע, — א קוק א זעער פארוואונדערטער און אין דער
זעלביקער צייט א גוואלטיק חוצפהדיקער; און ביז זי אליין, די
דאמע, האט ניט אנגעהויבן צו רעדן, און כל זמן אַליאָשאַ האט גע־
רעדט מיט דעם באלעבאס, האט זי די גאנצע צייט אזוי חוצפהדיק
און פארוואונדערט געקוקט מיט אירע גרויסע ברוינע אויגן דאס אף
דעם, וואס האט גערעדט, דאס אפן צווייטן. לעבן דער דאזיקער
דאמע, ביים פענצטערל, וואס צו דער לינקער זייט, איז געשטאַנען א
יונגע מיידל מיט א גאר מיאוס פנים, מיט געלינקע שיטערינקע האר,
אנגעטאן ארים, הגם זעער זויבער. זי האט מיט עקל באקוקט
אַליאָשען, צו דער רעכטער האנט, אויך לעבן בעט, איז געזעסן
נאך א ווייבס־פארשוין. דאס איז געווען א זעער אומגליקלאך באשע־
פעניש, אויך א יונגע מיידל פון א יאר צוואנציק, אבער מיט א הויי־
קער און אָן פיס, מיט אפגעדארטע פיס, ווי מ'האט דערנאך געזאגט
אַליאָשען. די קוליעס אירע זיינען געשטאנען דערביי, אין א ווינקל,
צווישן בעט און צווישן דער וואנט. די זעער שיינע און גוטע
אויגן פון אט דער אומגליקלאכער מיידל נעבאך האבן עפעס מיט א
רואיקער מילדקייט געגעבן א קוק אף אליאשען. ביים טיש, ענדיקנ־
דיק דעם פיינקוכן, איז געזעסן א הער פון א יאר פינף און פערציק,
פון נישט קיין הויכן וואוקס, א דארער, שוואך געבויט, א געלבלאכערן
מיט א געלינקן שיטערן בערדעלע, זעער ענלאך אף א צעפודלט,

וויעכעטש (דער דאזיקער פארגלייך און דערהויפט דאס ווארט „וויע־כעטש" איז עפּעס תּיכּף, בּאַ דעם ערשטן קוק, ארויף אליאשען אפן געדאנק, ער האט זיך דערנאך דערמאנט אן דעם). קענטיק, אז דאס האט טאקע דער זעלביקער הער א געשריי געטאן פון הינטער דער טיר: „ווער איז?" ווארים קיין אנדער מאנסביל איז אין שטיבל ניט געווען. בעת אליאשא איז אבער אריין, האט ער זיך פונקט ווי געגעבן א ריס־אראפּ פון בענקל, אף וועלכן ער איז געזעסן בּיים טיש, און, אפּווישנדיק זיך אף גייך מיט א צעריסענער סארוועטל, איז ער צוגעלאפן צו אליאשען.

— א מאנאך קלייבט נדבות אפן מאנאסטיר, געטראפן צו וועמען צו קומען! — האט דערווייל א זאג געטאן הויך אפן קול דאס מיידל, וואס איז געשטאנען אין דעם לינקן ווינקל. נאר דער הער, וואס איז צוגעלאפן צו אַליאָשען, האט זיך די שטעל געגעבן א קער צו איר אף די אַפּסאצן, און מיט אן אויפגערעגטן עפּעס אַפּ־געהאקטן קול געענטפערט איר:

— ניין, ווארוואַראַ ניקאָלאַיעוונאַ, דאס איז ניט דאס, איר האט ניט געטראפן, דערלויבט מיר אויך צו פרעגן, — האט ער זיך מיטאמאל ווידער געגעבן א קער צו אליאשען, — וואס האט אייך דערוועגט צו קומען אין ... אט די דאזיקע טיפעניש?

אליאשא האט אויפמערקזאם געקוקט אף אים, ער האט צום ערשטן מאל געזען אט דעם מענטשן. ער האט געהאט אין זיך עפּעס אזוינס אומגעלומפּערטס, בּרעגענדיקס און אויפרייצנדיקס. הגם ער האט קענטיק אקארשט אויסגעטרונקען, אבער שיכּור איז ער נישט געווען. אף דעם פּנים זיינעם איז געלעגן עפּעס די גרעסטע חוצפּה און גלייכצייטיק, — מאדנע איז דאס געווען, — א באשיינפּערלאכע פּחדנות. ער איז ענלאך געווען אף א מענטשן, וואס איז א לאנגע צייט געווען אונטערטעניק און אסך אנגעליטן זיך, וואס קאן אבער מיטאמאל אויפשפּרינגען און וויל ווייזן ווער ער איז. אדער, נאך בעסער, אף א מענטשן, וואס ווָאלט אייך זייער געוואלט געבן א פּאטש, וואס האט אבער שרעקלאך מורא, אז גופא איר זאלט אים ניט דערלאנגען, אין דעם רעדן זיינעם און אין דעם טאן פון זיין

גאנץ שארפן קול איז געווען עפּעס א חלשותדיקער הומאָר אזא, דאס א שלעכטער, דאס א ציטערדיקער, וואס האלט נישט אויס דעם טאָן און רייסט זיך אראפּ. די פראגע וועגן די „טיפּעניש" האט ער געשטעלט אזוי ווי ער וואלט זיך עפּעס דער גאנצער א צאפּל געטאן, האט אויסגעגלאצט די אויגן און געגעבן א שפּרונג־צו צו אליאשען, אז אליאשא האט מעכאניש א טראט געטאן אף צוריק. אנגעטאן איז געווען דער דאזיקער הער אין עפּעס א טונקעלן, זעער שלעכטן, באַנקענעם מאנטל, א פארלאטעטן און אין פליאמעס. הייזן האט ער געטראגן עפּעס גאר העלע אזוינע, וואס קיינער טראגט שוין נישט אפילו, קעסטלדיקע און פון א זעער דינעם צייג, זיי זיינען געווען אונטן צעקנייטש און פארקאשערט דעריבער אף אויבן, עפּעס ווי ער וואלט אויסגעוואקסן פון זיי, ווי א קליינינקער אינגעלע.

— איך בין . . . — אלעקסיי קאראמאזאוו . . . — האט גע־ענטפערט אליאשא.

— איך פארשטיי, זעער וואויל, מיין הער, — האט ער תוך כדי דבור אפּגעשניטן, געבנדיק צו פארשטיין, אז ער ווייס אזוי אויך, ווער ער איז. — און איך בין שטאבס־קאפּיטאן סנעגיריאָוו, יאָ, עס ווילט זיך אבער פארט וויסן, וואס עס האט אייך דערוועקט . . .

— איך בין זיך אריין סתם אזוי. איך וואלט אין תוך געוואלט זאגן אייך אליין א פּאר ווערטער . . . אויב איר וועט נאר דער־לויבן . . .

— אויב אזוי איז אט איז א שטול אויך, זייט מוחל און נעמט זיך אן ארט, דאס פלעגט מען אין די אלטע קאמעדיעס אזוי זאגן: „זייט מוחל נעמט זיך אן ארט" . . . — און דער שטאבס־קאפּיטאן האט מיט א האסטיקן זשעסט א כאפּ געטאן א ליידיקן שטול (א פּראסטן פּויערשן שטול, א הילצערנעם מיט קיין זאך ניט באצויגן) און האט אים אוועקגעשטעלט שיר ניט אינמיטן שטוב; שפּעטער האט ער א כאפּ געטאן מיט דער אנדער האנט פּונקט נאך אזא שטול פאר זיך גופא, זיך געזעצט אנטקעגן אליאשען, אזוי ווי פריער הארט אנטקעגן אים, אזוי אז די קני זייערע האבן זיך כמעט ווי אנגערירט איינע אן די אנדערע.

— ניקאָלײַ אילאַיטש סנעגיריאָוו־ס, פון דער רוסישער אינפאַנטעריע א געוועזענער שטאבס־קאפּיטאַן, כאָטש אפילו פאַרשעמט פאַר זיינע חטאים, נאָר אַלץ פונדעסטוועגן א שטאבס־קאפּיטאַן. גיכער וואָלט מען געדאַרפט זאָגן: שטאבס־קאפּיטאַן סלאָוואָיערסאָוו, ניט סנעגיריאָוו, ווארים נאָר פון דער אַנדערער העלפט לעבן האָב איך אָנגעהויבן רעדן מיטן „עס", דער „עס" ווערט געברויכט אַלס באַליידיקונג.

— אַזוי, אַזוי, — האָט א שמייכל געטאָן אַליאָשאַ, — אָבער דאָס קומט פאַר ניט ווילנדיק, אָדער מיט א כּיוון?

— גאָט איז אַן עדות, אַז ניט ווילנדיק. קיינמאָל ניט גערעדט, דעם גאַנצן לעבן ניט גערעדט מיט קיין „עסן". דאָס איז מען שוין אַזוי גוזר אויבן. כ'זע, אַז איר אינטערעסירט זיך מיט היינט־וועלטיקע פראַגן. מיט וואָס פונדעסטוועגן האָב איך דאָס געקאָנט דערוועקן אַזוי פיל אינטערעס, ווארים איך לעב אין אַזאַ הויז, וואָס מ'קאָן ניט אויפנעמען קיין געסט?

— איך בין געקומען ... מכּוח דעם זעלביקן ענין ...

— מכּוח דעם זעלביקן ענין? — האָט מיט אומגעדולד איבערגעריסן דער שטאבס־קאפּיטאַן.

— אַט וועגן יענעם טרעפן זיך אייערן מיט מיין ברודער דמיטרי פיאָדאָראָוויטשן, — האָט אומגעשיקט אָפּגעהאַקט אַליאָשאַ.

— וועגן וואָס פאַר א טרעפן זיך אָבער איז דאָס? צי איז דאָס אָקאָרשט ניט וועגן אַט יענעם? איך מיין וועגן דעם וויעכעטש, וועגן דעם באָד־וויעכעטש? — האָט ער זיך מיטאַמאָל געגעבן א רוק־צו, אַז ער האָט שוין איצט בפועל ממש זיך א זעץ געטאָן מיט די קני אין אַליאָשען. די ליפּן זיינע האָבן עפּעס גאָר באַזונדערס זיך צונויפגעצויגן ווי אין א פעדימל.

— וואָס פאַר א וויעכעטש? — האָט א מורמל געטאָן אַליאָשאַ.

— דאָס איז ער געקומען, טאַטע, דיר מסרן אָף מיר! — האָט אויסגערופן פון הינטערן פאָרהאַנג, וואָס אין ווינקל, א קולכל, וואָס איז שוין געווען באַקענט אַליאָשען: דאָס איז געווען דער קולכל פון דעם פריערדיקן אינגעלע. — דאָס האָב איך אים פריער דעם פינגער א בּיס געטאָן! — דער פאָרהאַנגל האָט זיך א צי געטאָן,

און אליאשא האט דערזען דעם פריערדיקן שונא זייגעם, אין ווינקל, אונטער די הייליקע בילדער, אף דעם געלעגערל, וואס איז געווען אויסגעבעט אפן בענקל און אפן שטול. דער אינגעלע איז געלעגן צוגעדעקט מיט זיין מאנטעלע און מיט נאך אן אלטינקער וואטענער קאלדרעטשקע. קענטיק, ער איז געווען נישט געזונט און, אף וויפל מ׳האט געקאנט משפטן אן די ברענענדיקע אויגעלאך, האט ער געהאט היץ. ער האט אָן מורא, נישט אזוי ווי פריער, געקוקט איצט אף אליאשען: „איך בין בא זיך אינדערהיים, הייסט עס, וועסט ניט פאקן״.

— וואס פאר א פינגער א ביס געטאן? — האט געגעבן א שפרינג־אויף פון שטול דער שטאבס־קאפיטאן, — דאס האט ער אייך דעם פינגער א ביס געטאן?

— יע, מיר. פריער האט ער זיך געווארפן אפן גאס מיט אינגלאך מיט שטיינער; זיי זעקסן האבן געווארפן אף אים, און ער איז געווען איינער. איך בין צוגעגאנגען צו אים, האט ער אף מיר אויך אווארף געטאן מיט א שטיין, דערנאך דערלאנגט מיט א צווייטן אין קאפ. איך האב אים געפרעגט, וואס האב איך אים געטאן? האט ער זיך געגעבן א ווארף אף מיר און איינגעביסן שטארק דעם פינגער, איך ווייס נישט פאר וואס?

— כ׳וועל תיכף נעמען שמייסן! כ׳וועל די מינוט נעמען שמייסן — האט שוין אינגאנצן אויפגעשפרונגען פון שטול דער שטאבס־קאפיטאן.

— אז איך מסר גאר ניט, איך האב נאר דערציילט . . . — איך וויל גארניט, אז איר זאלט אים שמייסן. און ער איז דאך איצט, דאכט זיך, קראנק אויך . . .

— און איר האט געמיינט, אז אָט־אָ וועל איך אים נעמען שמייסן? אז איך וועל נעמען איליושעטשקען און וועל תיכף פאר אייך אין די אויגן אפשמייסן אים, כדי איר זאלט זיך אינגאנצן בא־פרידיקן? איר ווילט דאס גלייך האבן? — האט א זאג געטאן דער שטאבס־קאפיטאן, וואס האט זיך מיטאמאל געגעבן א קער צו אליאשען אזוי, ווי ער וואלט געוואלט א ווארף טאן זיך אף אים. — עס פארדריסט מיר זייער, מיין הער, אף אייער פינגערל, נאר

אפשר ווילט איר — וועל איך, איידער שמייסן אילויושעטשקען, תיכף פאר אייך אין די אויגן, צוליב אייער גערעכטיקער באפרידיקונג, מיינע אייגענע פיר פינגער אט מיט דעם מעסער מאכן כיק, פיר פינגער, רעכן איך, וועט אייך זיין גענוג, מיין הער, אף צו שטילן דעם באגער פון אייער נקמה, הא, קיין פינפטן וועט איר נישט פארלאנגען? . . . — ער איז מיטאמאל שטיל געווארן און ווי פארשטיקט זיך, איטלאך שטריכעלע אף זיין פנים האט זיך באוועגט און געציטערט, געקוקט ווידער האט ער שטארק ארויספאדערנדיק. ער איז אינגאנצן ווי ווילד געוועזן.

— איך האב, דאכט זיך, איצט אלצדינג פארשטאנען, — האט שטיל און טרויעריק געענטפערט אליאשא, בלייבנדיק נאך זיצן, — הייסט דאס, אז אייער אינגעלע — איז א גוטער אינגעלע, האט האלט דעם טאטן און האט זיך אווארף געטאן אף מיר, ווי אף דעם ברודער פון דעם, וואס האט אייך פוגע בכבוד געוועזן . . . דאס פארשטיי איך איצט, — האט ער איבערגעחזרט, באקלערנדיק די זאך, — אבער דער ברודער מיינער דמיטרי פיאדאראוויטש האט חרטה אף זיינע מעשים, איך ווייס דאס, און ווען ער זאל נאר קאנען קומען צו אייך, אדער בעסער פאר אלץ זען זיך מיט אייך ווידער אין דעם זעלביקן ארט, וועט ער בעטן בא אייך מחילה פאר אלעמען אין די אויגן . . . אויב איר וועט וועלן.

— אויסגעריסן הייסט עס דעם בערדל און געבעטן מחילה . . . דאס איז הייסט דאס שוין אלץ פארענדיקט און אלצדינג פיין געמאכט, ניט אמת?

— ניין, ניין, אדרבה, ער וועט טאן אלצדינג, וואס איר וועט פארלאנגען און ווי איר וועט פארלאנגען!

— אזוי אז איך וואלט געבעטן זיין דורכלויכט ער זאל זיך שטעלן אף די קניעלאך פאר מיר אין אט דעם זעלביקן שיינק, — „סטאָליטשני גאָראָד" הייסט ער, — אדער אפן מיטן פלאץ וואלט ער זיך אויך געשטעלט?

— יע, ער וועט זיך שטעלן אף די קני אויך.

— איר האט מיך ווי מיט א מעסער דורכגעשטאכן, מיין הער,

איר האט מיך ביז טרערן דורכגענומען. איך בין צו שטארק נוטה צו שפירן די גרויסמוטיקייט פון אייער ברודערל. טא דערלויבט זשע אינגאנצן פאָרשטעלן זיך פאר אייך: דאס איז מיין פאמיליע, מיינע צוויי טעכטער און מיין זון, — דער מיסט מיינער. אז איכ׳ל שטארבן, ווער זשע וועט זיי ליב קריגן? און כל זמן איך לעב, ווער וועט מיך, דעם שלעכטן, א חוץ זיי ליב קריגן? א גרויסע זאך האט דאס דער אויבערשטער באשאפן פאר איטלאכן מענטשן פון מיין שטאנד. ווארים מ׳דארף, אז א מענטשן אפילו אין מיין שטאנד זאל קאנען כאטש ווער עס איז ליב קריגן . . .

— אוודאי, דאס איז זעער ריכטיק! — האט אויסגערופן אליאשא.

— הערט דאך שוין אויף א מאל צו פראווען די שטיק אייערע, עס קומט צוגיין עפעס א פלאָקן, און איר פארגיסט שפיכות דמים! — האט, ווענדנדיק זיך צום טאטן מיט אן אפשטויסנדיקער און פאר־אכטנדיקער מינע, אומגעריכטערהייט אויסגעשריען דאס מיידל, וואס איז געשטאנען לעבן פענצטער.

— האט צייט א ווײַלע, ווארוואַראַ ניקאָלאַיעווונאַ, לאזט אקארשט אויסהאלטן די ריכטונג, — האט אויסגערופן צו איר דער פאטער כאטש אפילו מעשה באלעבאס, נאר קוקנדיק אף איר פונדעסטוועגן מיט נחת. — אזא כאראקטער האט זי שוין, — האט ער זיך ווידער א קער געטאן צו אליאשען.

„און ער האָט אין גאנצן וועלט־אל
קיין זאך בענטשן נישט געוואָלט".

אייגנטלאך וואלט מען געדארפט זאגן אין לשון נקבה: האט זי בענטשן געוואלט. איצט אבער דערלויבט מיר פארשטעלן פאר אייך אויך מיין פרוי: דאס איז אַרינאַ פעטראָוונא, א דאמע אן פיס, פון א יאר דריי און פערציק, די פיס גייען אפילו יע, נאר א ביסל, שטאמט פון פראסטן אָרט. אַרינאַ פעטראוונאַ, גלעט פאנאנדער די שטריכן פון אייערע געזיכט: דאס איז אלעקסיי פיאדאראוויטש קאראמאזאוו. שטייט אויף, אלעקסיי פיאדאראוויטש, — ער האט אים אנגענומען פאר דער האנט און אים געגעבן מיט אזא כוח א הייב,

וואס מ׳וואלט גארניט געקאנט דערווארטן פון אים: — מ׳שטעלט אייך פּאָר א דאמע, דארף מען אויפשטיין . . . דאס איז ניט יענער קאראמאזאוו, מאמינקע, וואס האט . . . המ! און אזוי ווייטער, נאר זיינער א ברודער, וואס שמט צוליב זיינע גוטע מעשים. לאזט מיר, אַרינאַ פּעטראוונא, לאזט מיר, מאמינקע, לאזט מיר אייער הענטעלע קודם כּל א קוש טאן.

און ער האט מיט רעספּעקט, מ׳קאן זאגן אפילו צארט א קוש געטאן דאס הענטעלע פון זיין פרוי. דאס מיידל, וואס לעבן פענצטער, האט מיט אויפגעבראכטקייט זיך געגעבן א קער מיטן רוקן צו דער סצענע, און אפן עזותדיקן פּנים פון דער פרוי איז מיטאמאל געלעגן אן אומגעוויינלאכע פריינדלאכקייט.

— גוט מארגן, זעצט זיך, הער טשאָרנאָמאזאָוו, — האט זי א זאג געטאן.

— קאראמאזאוו, מאמינקע, קאראמאזאוו הייסן זיי (זי שטאמט פון פּראסטן ארט), — האט ער פונדאסניי א שעפּטשע געטאן.

— ווייס איך, קאראמאזאוו צי ווי דארטן, און איך זאג מיר שטענדיק טשאָרנאַמאזאָוו . . . — זעצט זיך אבער, צו וואס האט ער דאס אייך אויפגעהויבּן? — איך בּין א דאמע אן פיס, זאגט ער, פיס זיינען יע דא, נאר געשוואלן זיינען זיי, ווי עמער, און אליין בּין איך ווי אויסגעדארט געווארן. אמאל, אָהאָ, ס׳ארא דיקע איך בּין געוועזן, איצטער אבער איז פונקט ווי איך וואלט א נאדל איינגעשלונגען . . .

— זי שטאמט פון פּראסטן אָרט, פון פּראסטן אָרט שטאמט זי, — האט נאך א מאל אונטערגעזאגט דער קאפּיטאן.

— טאטע, גוואלד, טאטע! — האט זיך אנגערופן מיטאמאל דאס הארבּאטע מיידל, וואס איז בּיז איצט געזעסן אף איר שטול, און געשוויגן, און וואס האט פלוצים פארדעקט די אויגן מיט א טיכל.

— ליץ! — האט געגעבּן א פראל־אויס דאס מיידל וואס לעבּן פענצטער.

— זעט איר וואס פאר א נייַעס מיר האבּן! — האט א מאך געטאן די אלטע מיט די הענט או געוויזן אף די טעכטער, — פונקט

ווי וואלקנס ציען זיך; עס ווען אריבער די וואלקנס און עס וועט ווייטער ווערן ליכטיק. א מאל, בעת מיר זיינען געווען מיליטער־מענטשן, פלעגן קומען צו אונז אסך אזוינע געסט. דאס מיין איך ניט, פאטערל, אנטקעגן דעם. ווער ווען עס האט האָלט, דער קאן זיך יענעם האלט האבן. דעם דיאַקאָנס ווייב פלעגט דעמאלט קומען און זאגן: אלעקסאנדער אלעקסאנדראוויטש איז א מענטש א דימענט, אבער נאסטאַסיאַ פעטראָוונא, זאגט זי, איז א סם פון זיבעטן הימל. נו, זאג איך, דאס איז ווי ווער עס האט האָלט, אָט ביזטו, זאג איך, א קליינע און עיפושן עיפושטו פאר א מייל. — און דיר, זאגט זי, דארף מען פארמאכן דעם מויל. — דו אזוינע און אזוינע, שווארצע האלעוועשקע דו, זאג איך, ווען ביזטו דאס געקומען לערנען? — איך, זאגט זי, לאז ארײַן ריינע לופט. און דו, זאגט זי, לאזט אריין אומריינע. — פרעג, ענטפער איך, די אפיצערן, צי איך לאז אריין אומריינע לופט צי אנדערע לופט? און דאס האט זיך פון דעמאלט אן אזוי פארקליבן אין מיין הארצן, אז אנומלטן זיץ איך אט דא, אט ווי איצטער, און איך זע, עס גייט אריין דער זעלביקער גענעראל, וואס איז געקומען אהער אף דער וואָך פון פאר־פסח; זאג איך צו אים: אייער דורכלויכט, א פיינע דאמע קאן אריינלאזן פרייע לופט? — יע, זאגט ער, מ׳וואלט טאקע געדארפט עפענען בא אייך א פענצטערל צי די טיר, ווארים די לופט איז בא אייך ניט פריש. אלע אין איין קול! וואס ווילן זיי אבער האבן פון מיין לופט? פון מתים שטינקט נאך ערגער. איך פטר ניט אייער לופט, זאג איך, און כ׳וועל מאכן א פאר שיך און איך וועל אוועקגיין, טייערינקע, חיותלאך, ווארפט ניט אויף קיין לייבלאכער מאמען! ניקאָלאי איליאיטש, פאטערל, צי פלעג איך דיר ניט צופרידן שטעלן? איך האב דאך מער ניט ווי דעם איין איליושעטשקען, ער קומט צו גיין פון קלאס און האט מיך האָלט, נעכטן האט ער מיר געבראכט אן עפל. זייט מיר מוחל, טייערינקע, זייט מיר מוחל, ליבינקע, זייט מוחל א לייבלאכער מאמען, זייט מוחל אינגאנצן דער איינזאמער, פאר וואס אבער איז דאס אייך מיין לופט געווארן אזוי שווער!

און די צעמישטע נעבאך האט זיך מיטאמאל פאנאנדערגעוויינט, טרערן האבן זיך א גאס געטאן, ווי פון א קוואל. דער שטאבס־קאפיטאן האט האסטיק געגעבן א שפרונג צו איר.

— מאמינקע, מאמינקע, ליבינקע, זיין גענוג, זיין גענוג! ביזט ניט קיין איינזאמע, אלע האבן דיך האָלט, אלע פארגעטערן דיך! — און ער האט ווייטער אנגעהויבן קושן אירע ביידע הענט און צארט גענומען גלעטן זי איבער איר פנים מיט די דלאניעס; האט א כאפ געטאן דאס סערוועטל, און אנגעהויבן מיטאמאל אפווישן די טרערן פון איר געזיכט. אליאשען האט זיך אפילו אויסגעדוכט, אז בא אים גופא האבן אויך א פינקל געטאן טרערן אין די אויגן. — נו, האט איר געזען? האט איר געהערט? — האט ער עפעס פלוצלונג זיך ווילד א קער געטאן צו אים, ווייזנדיק מיט דער האנט אף זיין גערירטער פרוי.

— אוודאי זע איך און איך הער, — האט א מורמל געטאן אליאשא.

— טאטע, טאטע! נישיים זע ווערסטו גיין מיט אים.... — לאז דאך אים אוועק, פאטער! — האט מיטאמאל אויסגעשריען דער אינגעלע, געבנדיק זיך א הייב אף זיין געלעגערל און אנקוקנדיק מיט א ברענענדיקן בליק דעם פאטער.

— הערט דאך שוין אויף אמאל צו זיין אַ פאיאץ, צו פראוועז די נארישע שטיק אייערע, וואס ברענגען קיינמאל צו גארנישט!... האט וואַרוואַראַ ניקאָלאַיעוונאַ שוין אינגאנצן אנגעצונדן פאר כעס א געשריי געטאן אלץ פון דעם זעלביקן ווינקל, זי האט אפילו א טופע געטאן מיטן פוס.

— אמת, אמת, דאס מאל זייט איר אינגאנצן גערעכט, וואַרוואַראַ ניקאָלאַיעוונאַ, און איך וועל אייך תיכף באפרידיקן. נו, טוט אקארשט אָן אייער מיצקע, אלעקסיי פיאדאראוויטש, און איך וועל מיר נעמען מיין היטל — און לאמיר גיין. איך דארף אייך זאגן א פאר ערנסטע ווערטער, אָבער ניט אין די ווענט. אט די מיידל, וואס זיצט, — דאס איז די טאכטער מיינע, נינאַ ניקאָלאַיעוונאַ, פאר־געסן פארשטעלן זי פאר אייך — דאס איז א מלאך אין פלייש

און בלוט . . . וואס איז צו בשר־ודמס אראפגעקומען . . . אויב איר קאנט דאס נאר פארשטיין . . .

— זע ווי ער טרויסלט זיך דאָס דער גאנצער, פונקט ווי אין קדחת וואלט דאס אים געווארפן, — האט וואַרוואַראַ ניקאָלאַיעוונע ווייטער גערעדט אויפגעבראכט פון כעס.

— און אט די, וואס טופעט איצט מיטן פיסל אף מיר און מיך גערופן פריער פאיאץ, — דאס איז אויך א מלאך אין פלייש און בלוט, און זי האט מיר געגעבן א כשרן נאמען, קומט זשע, אלעקסיי פיאדאראוויטש, מ׳דארף ענדיקן . . .

און אנכאפנדיק אליאשען פאר דער האנט, האט ער אים ארויסגעפירט פון שטיבל גלייך אפן גאס.

VII

און אף דער פרייער לופט

— די לופט איז ריין, און אין די פאלאצן מיינע איז באמת ניט פריש, אין אלע פרטים אפילו. לאמיר זיך דורכגיין, הער, לאנגזאם. איך וואלט זייער געוואלט אייך פאראינטערעסירן.

— איך גופא האב אויך צו אייך א זייער וויכטיקע זאך . . . — האט זיך אנגערופן אליאשא, — נאר איך ווייס ניט, ווי איך זאל אנהייבן.

— ווי זאל מען דאס ניט פארשטיין, אז איר האט א וויכטיקע זאך צו מיר? אָן דעם וואלט איר קיינמאל ניט ארייגעקומען צו מיר. אדער אין דער אמתן מסרן אפן אינגעלע זייט איר געקומען? איז דאך דאס ניט צו גלויבן עפעס. יאָ, וועגן דעם אינגעלע: איך האב אייך דארטן ניט געקאנט אלצדינג דער־קלערן, אבער דא וועל איך אייך איצט באשרייבן אט די סצענע. פארשטייט איר מיך, דער וויעכעטש איז א געדיכטערער געוועזן, יאָ; סך הכל נאך מיט א וואך צוריק, — דעם בערדל מיינעם מיין איך; דאס האט מען דאך דעם בערדל מיינעם וויעכעטש א נאמען

געגעבן, דערהויפּט די שול־קינדער. איז אַט, שלעפּט מיך דערמאָלט דער ברודערל אייערער דמיטרי פּיאַדאַראַוויטש פאַרן בערדל, פאַר גאָר־נישט, איז ווילד געוואָרן און איך האָב זיך אונטערגערוקט, האָט ער מיך אַרויסגעשלעפּט פון שיינק אויפן פּלאַץ, און דאָ גייען פּונקט אַרויס אינגלאַך פון שול, און איליושאַ אויך מיט זיי. ווי ער האָט מיך דערזען אין אַט דער לאַגע, — ט׳ער זיך אַ וואָרף געטאָן צו מיר: „פּאַטער, שרייט ער, פּאַטער!" גיט זיך אַ כאַפּ אָן מיר, נעמט מיך אַרום, וויל אַרויסרייסן מיך און שרייט צו מיין באַליידיקער: „לאָזט אים, לאָזט אים, דאָס איז מיין פּאַטער, זייט אים מוחל" — בזה הלשון האָט ער טאַקע געשריען: „זייט אים מוחל!"; האָט אים אויך אַ כאַפּ געטאָן מיט די הענטלאַך און די האַנט זיינע, אָט די האַנט זיינע געקושט . . . איך געדיינק, וואָס פאַר אַ פּנימל ער האָט אין יענער ווײַלע געהאַט, כ׳האָב ניט פאַרגעסן און כ׳וועל אויביק ניט פאַרגעסן! . . .

— איך שווער אייך, — האָט אויסגערופן אַליאָשאַ, — דער ברודער וועט אויף דעם סאַמע אויפריכטיקסטן, אויפן סאַמע אויפריכטיקסטן אופן אויסדריקן פאַר אייך זיין פאַרדרוס אויף דעם, כאָטש אַפילו אויף די קני אויף דעם זעלביקן פּלאַץ . . . איך וועל אים נויטן, אַז ניט איז ער מיינער ניט קיין ברודער!

— אַהאַ, דאָס איז נאָך אויפן הימל אַ יריד הייסט עס. ניט דירעקט פון אים, נאָר פון דער איידלקייט פון אייער פלאַמיקן האַרצן קומט דאָס אַרויס. אַזוי וואָלט איר טאַקע געדאַרפט זאָגן, נײַן, אויף אַזאַ אופן לאָזט זשע מיר אויך פאַרענדיקן וועגן דער העכסטער ריטערלאַכער און אָפיצערישער־איידלקייט פון אייער ברודער, ווײַל ער האָט די דאָזיקע איידלקייט אויסגעדריקט דערמאָלט. געענדיקט האָט ער דאָס מיך צו שלעפּן פאַרן בערדל, מיך אָפּגעלאָזן פרײַ און זיך אָנגערופן צו מיר: „דו ביזט, זאָגט ער, אַן אָפיצער און איך בין אַן אָפיצער, — אויב דו קאָנסט געפינען אַ סעקונדאַנט, אַן אָנשטענדיקן מענטשן, טאָ זאָג אָן — וועל איך דיך באַפרידיקן, כאָטש דו ביזט אַפילו אַ פאַרך!" אָט וואָס ער האָט געזאָגט. באמונות, אַ גײַסט פון אַ ריטער! זײַנען מיר דאָס אָוועקגעגאַנגען

דעמאלט מיט אילױשען, און דאס דאזיקע פאמיליען-בילד איז אף אױביק געבליבן בא אילױשען טיף אין זכּרון. און באטראכט נאר אלײן, איר זײט איצט געװען אין מײנע פאלאצן, — װאס האט איר געזען? דרײ דאמען זיצן, אײנע אן פיס א געררירטע פון זינען, די אנדערע אן פיס א הארבאטע, און די דריטע מיט פיס, נאר שױן א צו גרױסער בר־דעת, א קורסיסטקע, רײסט זיך װײטער קײן פעטער־בורג, דארטן אף די ברעגעס פון דער נעװאַ זוכן דאס רעכט פון דער רוסישער פרױ, װעגן אילױשען רעד איך ניט, איז אלט סך הכּל נײַן יאר, בין איך דער אײנציקער, װארים אז איך זאל צומאכן די אױגן — װאס װעט װערן מיט אט די אלע טיפּעניש? נאר אט דאס אלײן װיל איך אײך פרעגן? הײנט װיבאלד ס׳איז אזױ, איז אז איך זאל אים ארױסרופן אף א דועל, איז װי װעט זײַן, אז ער װעט מיך תּיכּף דערהרגענען, װאס זשע װעט דעמאלט זײַן? װאס װעט דאס מיט זײ אלעמען דעמאלט װערן? ערגער װעט נאך זײַן, אױב ער װעט ניט דערהרגענען, נאר װעט מער ניט װי מאכן פאר א קאליקע: ארבעטן װעט מען ניט קאנען, און דער מױל װעט בלײַבן פונדעסטװעגן, װער זשע װעט דאס אים דעמאלט אנקארמענען, דעם מױל מײַנעם מײַן איך, און װער זשע װעט דאס זײ אלעמען דעמאלט אנקארמענען? אפשר אילױשען, אנשטאט אין שול, ארױסשיקן אלע טאג קלײַבן נדבות? איז אט װאס אזױנס עס באטײַט פאר מיר ארױסרופן אים אף א דועל, א נאריש װארט איז דאס און מער גארנישט.

— ער װעט בעטן מחילה בא אײַך, ער װעט אפן מיטן פלאץ א בוק טאן זיך אײַך צו די פיס, — האט װידער אױסגערופן אליאשא מיט אן אנגעצונדענעם בליק.

— כ׳האב אים געװאלט לאָדן צום געריכט, — האט דער שטאבס־קאפּיטאן װײַטער גערעדט, — בלעטערט אבער דורך אונזער קאדעקס, װעל איך דען קאנען פאר א פערזענלאכער באלײדיקונג באקומען פון מײַן באלײדיקער א גרױסע באפרידיקונג? הײנט דא מיטאמאל האט מיך גערופן אַגראַפּענאַ אלעקסאנדראָװנא און געמאכט קולות: „זאלסט זיך דאס ניט דערװעגן צו טראכטן! אױב דו

װעסט אים לאדן צום געריכט, װעל איך אזוי מאכן, אז די גאנצע װעלט װעט װיסן, אז געשלאגן האט ער דיך פאר דײנע פאלשקײטן, װעט מען דערמאלט דיך גופא פארבעטן אין געריכט". דער אויבערשטער אלײן װײס, פון װעמען די דאזיקע פאלשקײטן זײנען ארויסגעקומען, און לויט װעמעס פארזאג איך האב דא געהאנדלט, װי א קלײן מענטשעלע, — אויב ניט צוליב איר אײגענער פארארדענונג, און צוליב פיאדאר פאװלאװיטשעס? "א חוץ דעם, זאגט זי, װעל איך דיך פארטרײבן אף עולם װעדי, און דו װעסט אף להבא קײן צעבראכענע פרוטה נישט פארדינען בא מיר. און דעם סוחר מײנעם (אזוי טאקע רופט זי אים, דעם אלטן הײסט דאס: דער סוחר מײנער) װעל איך אויך הײסן און ער װעט דיך אויך ארויסװארפן". טראכט איך, אויב דער פריץ װעט מיך אויך ארויסװארפן, טא װאו װעל איך דערמאלט עפעס פארדינען? מער װי זײ בײדן האב איך דאך איצטער ניט, װארים דער פאטער אײערער פיאדאר פאװלאװיטש האט ניט נאר װאס אויפגעהערט צו פארטרויען מיר, צוליב עפעס א זײטיקן טעם, נאר ער װיל נאך אלײן, אפן סמך פון מײנע חתימות, שלעפן מיך צום געריכט. צוליב דעם אלעמען בין איך דאס שטיל געװארן, נו און די טיפענישן מײנע האט איר געזען, איצטער אבער דערלויבט מיר צו פרעגן: ער האט פריער שטארק א ביס געטאן אײער פינגערל, אילױשא מײן איך? אין די פאלאצן מײנע האב איך פאר אים אין די אויגן ניט געװאלט ארײנלאזן זיך אין אט די פרטים.

— יע, זײער שטארק, און ער איז געװען זײער אויפגערעגט. װי פון א קאראמאזאװן האט ער גענומען פון מיר נקמה פאר אײך, מיר איז דאס איצטער קלאר. אז איר װאלט אבער געזען, װי ער האט זיך מיט זײנע חברים די שול־אײנגלאך געװארפן מיט שטײנער? דאס איז א גרויסע סכנה, זײ קאנען אים דערהרגענען, זײ זײנען קינדער, פארשטײען ניט, דער שטײן פליט און קאן טרעפן אין קאפ.

— און עס האט שוין געטראפן אויך, אויב ניט אין קאפ איז אין ברוסט, איבערן הארץ, הײנט טאקע געטראפן מיט א שטײן, א

בלויער צייכן, איז געקומען א פארוויינטער, קרעכצעט, און איצט
איז ער קראנק געווארן.

— אבער איר ווייסט, ער פאלט דאך אָן דער ערשטער אף
זיי אלעמען, ער איז אויפגעבראכט געווארן פאר אייך, זיי זאגן, אז
ער האט איינעם אן אינגל, קראַסאָטקינען, געגעבן פריער א שטאך
אין זייט מיט א מעסערל.

— כ'האב געהערט וועגן דעם אויך; ס'איז א סכנה:
קראַסאָטקין דאס איז א היגער באאמטער, עס קאן נאך אפשר ארויס־
קומען א גאנצער עסק...

— איך וואלט אייך געגעבן אן עצה, — האט מיט היץ
אליאשא ווייטער גערעדט, — א געוויסע צייט ניט שיקן אים אינ־
גאנצן אין שול, ביז ער וועט זיך בארואיקן... און דער כעס
וועט אריבער...

— דער כעס! — האט אונטערגעכאפט דער שטאבס־קאפיטאן
— אוודאי דער כעס! א קליין נפשל, אבער מיט א גרויסן
כעס. איר ווייסט דאס ניט אלץ. איך וועל אייך געבן צו פאר־
שטיין די זאך קלערער, די מעשה איז די, וואס נאך יענער
געשעעניש האבן די קינדער אין שול אנגעהויבן רייצן זיך מיט אים און
רופן אים וויעכעטשע. קינדער אין א שול איז אן אומה אָן רחמנות:
איינציקווייז זיינען זיי מלאכים, אבער צוזאמען, דערהויפט אין שול,
זיינען זיי זעער אפט אומברחמנותדיק. האבן זיי גענומען רייצן זיך
מיט אים, און עס האט זיך אויפגעהויבן אין איליושען אן איידעלער
געמיט. א געוויינלאכער אינגעלע, א שוואכער זון, — וואלט זיך אונטער־
געווארפען, וואלט זיך פאר זיין פאטער פארשעמט, ער אבער האט
זיך איינער געשטעלט אנטקעגן אלעמען פאר זיין פאטער. פאר זיין
פאטער, פאַר דער גערעכטיקייט און פארן אמת. ווארים וויפל האט
ער דאס דעמאלט איבערגעטראגן, בעת ער האט דעם ברודערל
אייערן די הענט געקושט און געשריען צו אים: „זייט מוחל דעם
פאטער, זייט מוחל דעם פאטער" — דאס ווייס נאר גאט אליין און
איך. אט אזוינע זיינען דאס אונזערע קינדערלאך — ניט אייערע
הייסט דאס, נאר אונזערע, קינדערלאך פון פארשטויסענע, אבער

אנשטענדיקע ארימעלייט, דערגייען דעם אמת אף דער וועלט שוין צו ניין יאר. ווי קומען רייכע דערצו: זיי וועלן דעם גאנצן לעבן ניט אויספארשן אזא טיפקייט. אבער מיין אילעשעטשקע האט אין יענער ווילע, אפן פלאץ, בעת ער האט זיינע הענט געקושט, אין יענער ווילע האט ער דורכגענומען דעם גאנצן אמת אריין איז אין אים דער דאזיקער אמת און האט אים אף אויביק דערשלאגן, — האט מיט היץ און מיט א פארצוקטקייט פונדאסגיי אנגערופן זיך דער שטאבס־קאפיטאן און דערביי געגעבן א קלאפ מיט דער רעכטער פויסט אין דער לינקער דלאניע, עפעס ווי ער וואלט געוואלט אויסדריקן אפן וואר, ווי עס האט דערשלאגן זיין אילושען דער „אמת". — יענעם טאג איז ער געלעגן בא מיר אין היץ, די גאנצע נאכט גערעדט פון היץ. האט דעם גאנצן טאג ווייניק גערעדט מיט מיר, האט גאר אפילו געשוויגן, כ'האב נאר באמערקט: ער קוקט, קוקט אף מיר פון עק צימער, און גיט זיך א ווארף אלץ מער צום פענצטער־צו און מאכט אזא פנים, ווי ער וואלט געמאכט כלומרשט זיינע שול־ארבעט, און איך זע אבער, אז ניט דער לערנען ליגט אים אין קאפ. אף מארגן האב איך אויסגעטרונקען און אסך זאכן געדיינק איך שוין ניט, א זינדיקער מענטש, געטרונקען פון צרות. די ווייב האט אויך אנגעהויבן מיטאמאל וויינען, — די ווייב מיינע האב איך זייער ליב, — נו, האב איך פאר צרות אויסגעטרונקען, פאר דאס לעצטע. איר, מיין הער, דארפט מיך ניט פאראכטן: אין רוסלאנד זיינען די שיכורע מענטשן די סאמע בעסטע. די סאמע בעסטע מענטשן בא אונז זיינען טאקע די גרעסטע שיכורים. ליג איך מיר דאס אזוי און האב אילושען יענעם טאג ניט באהאלטן שטארק אין זכרון, און דווקא דעם טאג האבן די אינגלאך פון אינדערפרי אן אויפגעהויבן אים אין שול אף א געלעכטער: „וויעכעטש, שרייען זיי צו אים, מ'האט דיין טאטן געשלעפט פון שיינק פארן וויעכעטש, און דו ביזט געלאפן בייםם זייט און געבעטן מ'זאל אים מוחל זיין." אפן דריטן טאג קומט ער ווידער פון שול, איך זע — קיין סימן פון קיין פנים האט ער ניט, איז בלייך ווי א טוך. וואס איז דיר, זאג איך? ער שווייגט. נו, און אין די פאלאצן

איז רעדן נישט געווען וואס, אז ניט וועט באלד די מאמינקע מיט די מיידלאך זיך ארײַנמישן — די מיידלאך האבן נאך דערצו שוין פון אלצדינג דערוואוסט זיך. גלײַך דעם ערשטן טאג, ווארווארא ניקאלאיעווגא האט שוין געגומען בורטשען: „א לץ, א פאיאץ, וואסי עס קאן דען עפעס בא אים ארויסקומען גוטס?" — אמת, זאג איך, אמת, ווארווארא ניקאלאיעווגא, וואסי עס קאן דען עפעס בא אונז ארויסקומען גוטס? מיט דעם האב איך זיך דעמאלט אפגעפטרט. פארנאכט האב איך ארויסגעפירט דעם אינגעלע דורכגיין זיך. איך פלעג, דארפט איר וויסן זײַן, פריער אויך יעדן אוונט דורכגיין זיך מיט אים. טאקע אפן זעלביקן וועג, וואס מיר גייען איצטער צוזאמען, פון דעם טויערל אונזערן ביז צו יענעם גרויסן שטיין, וואס ליגט דארטן אפן וועג לעבן פלויט איינציקער אליין, און וואו עס הייבט זיך אן די שטאטישע לאנקע: א פוסטער און זעער שיינער ארט. גיי איך דאס מיט אילויושען, דאס הענטעלע זײַנס האלט איך אין מײַן האנט, ווי תמיד; א קלײַניטשקע הענטעלע האט ער, פינגערלאך דינינקע, קאלטינקע, — ער ליידט דאך בא מיר מיטן הערצל. — „פאטער, זאגט ער, פא־טער!" — וואס איז? זאג איך צו אים — און די אויגעלאך, זע איך, פינקלען בא אים. — „פאטער, ווי ער האט דיך דעמאלט באליידיקט, פאטער!" — וואס זאל מען טאן, אילויושא, זאג איך. — „מאך ניט קיין שלום מיט אים, פאטער, מאך ניט קיין שלום. די אינגלאך זאגן, אז ער האט דיר געגעבן דערפאר צען רובל." — ניין, זאג איך, אילויושא, איך וועל איצטער בשום אופן ניט נעמען קיין געלט פון אים. האט ער זיך פארצאפלט דער גאנצער, אנגעכאפט מײַנע האנט מיט זײַנע ביידע הענטלאך און געגומען קושן ווייטער, — „פאטער, זאגט ער, פאטער, רוף אים ארויס אף א דועל, אין שול רייצט מען זיך מיט מיר, אז דו ביזט א פחדן און וועסט אים ניט ארויסרופן אף קיין דועל, נאר דו וועסט נעמען בא אים צען רובל." — אף קיין דועל, אילויושא, קאן איך אים ניט ארויסרופן, ענטפער איך, און איך גיב אים בקיצור צו פארשטיין אט דאס אלץ, וואס איך האב אייך אט ערשט געזאגט וועגן דעם. האט אויסגעהערט און אנגערופן זיך: — „פאטער, זאגט ער, פאטער, פונדעסטוועגן מאך ניט קיין שלום: איך וועל אויס־

וואקסן, וועל איך אים אליין ארויסרופן אף א דועל און וועל דער־הרגענען אים!" די אויגעלאך פינקלען און ברענען. נו, דערצו בין איך דאך א טאטע אויך, מ'האט דאר אים געמוזט זאגן אן אמת וואָרט אויך: מ'טאר ניט, זאג איך צו אים, הרגענען קיין מענטשן, כאטש בי אפילו אף א דועל. — „פאטער, זאגט ער, פאטער, איך וועל אים אנידערלייגן, אז איך וועל זיין א גרויסער, וועל בא אים די סאבלע מיט מיין סאבלע ארויסשלאגן, כ'וועל זיך א ווארף טאן אף אים, כ'וועל אים אנידערלייגן, א לאז טאן זיך מיט דער סאבלע אף אים און וועל זאגן צו אים: כ'וואלט דיך געקאנט דערהרגענען איצט, נאר איך בין דיר מוחל, פארשטייסטו!" — זעט איר, זעט איר, מיין הער, וואס פאר א פראצעסל עס איז אין אט די צוויי טעג פארגעקומען. איך זיין מוחל, דאס האט ער געטראכט טאג און נאכט אן דעם נקמה נעמען מיט דער סאבלע און ביינאכט האט ער דאס אפנים גערעדט אויך פון היץ, נישטמער, ער האט געגומען קומען פון שול שטארק גע־שלאגן, דאס האב איך זיך אייערגעכטן אלצדינג דערוואוסט, און איר זייט גערעכט: מער וועל איך אים שוין ניט שיקן אין דער דאזיקער שול. איך האב זיך דערוואוסט, אז ער שטעלט זיך אליין אנטקעגן דעם גאנצן קלאס און הייבט זיך אליין אן מיט אלעמען, ווערט אליין אין כעס, דאס הערצל איז בא אים אנגעצונדן געווארן — האב איך זיך דעמאלט דערשראקן פאר אים. גייען מיר ווייטער און מיר רעדן. — „פאטער, פרעגט ער מיך, פאטער, רייכע זיינען דאך שטאר־קער פאר אלעמען אף דער וועלט?" — יע, זאג איך, איליושא, ניטא קיין שטארקערן אף דער וועלט פאר א רייכן. — „פאטער, זאגט ער, איך וועל ווערן א רייכער, איך וועל ווערן אן אפיצער און כ'וועל אלעמען בייקומען, מיך וועט דער קיסר אויסצייכענען, איך וועל קומען צופארן און דעמאלט וועט זיך קיינער ניט דערוועגן"... דערנאך איז ער א ווײלע אנטשוויגן געווארן און זיך אנגערופן — די ליפע־לאך האבן זיך נאך אלץ געטרייסלט בא אים, ווי פריער. — „פאטער, זאגט ער, ס'ארא ניט קיין גוטע שטאט אונזערע איז, פאטער!" — יע, זאג איך, איליושענקא, אונזער שטאט איז ניט זעער קיין גוטע. — „פאטער, לאמיר זיך אריבערקלייבן אין אן אנדער שטאט, אין א גוטער

שטאט, זאגט ער, וואו מ׳ווייס אפילו ניט פון אונז". — מיר׳ן אריבער־
פארן, זאג איך, מיר׳ן אריבערפארן, איליושא, — כ׳וועל נאר אנקלייבן
געלט. דערפרייט האב איך זיך פון דער געלעגנהייט קאנען אראפפירן
אים פון די פינצטערע מחשבות, און מיר האבן דאס אנגעהויבן
חלומען מיט אים, ווי מיר׳ן דאס אריבערפארן אין אן אנדער שטאט,
קויפן אן אייגענעם פערדל און אן אייגענעם וועגל. ווי מיר׳ן דאס
ארויפזעצן די מאמינקע און די שוועסטער, צודעקן זיי, און אליין
וועלן מיר דאס אוועקגיין ביים זייט פון וואגן, א מאל אים אויך
ארויפזעצן, און איכ׳ל זיך גיין ביים וואגן, ווארים מ׳דארף דאס
פערדעלע אונזערס היטן, אלע קאנען זיך דאך ניט זעצן, און מיר׳ן
דאס אוועקפארן. האט ער געקוואלן פון דעם, נאר דערהויפט, וואס
עס וועט זיין אן אייגענער פערדעלע און ער וועט דאס אליין פארן
אף אים. און דאס איז דאך שוין א כלל, אז א רוסישער אינגעלע
ווערט געבוירען אינאיינעם מיטן פערדל. האבן מיר לאנג גע־
פלאפלט, געלויבט איז דער אויבערשטער, טראכט איך, כ׳האב אים
צעשטרויט, באראויקט. דאס איז געווען אייערנעכטן פארנאכט,
אבער נעכטן פארנאכט איז שוין גאר עפעס אנדערש געווען. אינ־
דערפרי איז ער ווידער אוועק אין שול, געקומען צוריק א פינצטערער,
א פינצטערער ביז גאר. פארנאכט האב איך אים גענומען פארן
הענטל, ארויסגעפירט דורכגיין זיך, ער שווייגט, רעדט ניט. א ווינ־
טעלע איז דעמאלט געווען, די זון איז פארשטעלט געווארן, עס
האט א בלאז געטאן מיט הארבסט, און עס האט שוין טאקע אנ־
געהויבן פינצטערלאך צו ווערן, — גייען מיר, ביידע זיינען מיר
באטריבט. — נו, אינגעלע, זאג איך, ווי וועלן מיר דאס אנהייבן
קלייבן זיך מיט דיר אין וועג ארײן, — איך וויל דאס ארויפפירן
אים אף דעם נעכטיקן שמועס. ער שווייגט. מער ניט די פינ־
גערלאך זיינע, הער איך, האבן אנגעהויבן ציטערן אין מיין האנט־
יע, טראכט איך, ס׳איז שלעכט, ס׳איז דא נייס. זיינען מיר צו־
געגאנגען, אט ווי איצטער, צו דעם זעלביקן שטיין, כ׳האב זיך אוועק־
געזעצט אף אים און דער גאנצער הימל איז פול מיט זמייען, זיי
פייפן און קנאקן, אוודאי א שטיק דרייסיק זמייען. איצט איז דאך

די צייט פון דעם׳ אילליושא׳ זאג איך׳ מיר האבן שוין אויך גע־דארפט לאזן אונזער פאראיאריקן זמיי׳ איך וועל אים פארריכטן׳ וואו איז ער דאס ערגעץ באהאלטן בא דיר? מיין אינגעלע שווייגט׳ קוקט ערגעץ אָן א זייט און שטייט מיטן רוקן צו מיר׳ און דא אבער האט אנגעהויבן פייפן דער ווינט׳ גענומען טראגן מיט זאמד . . . האט ער זיך דאס מיטאמאל א ווארף געטאן צו מיר דער גאנצער׳ ארומגענומען מיטביידע הענטלאך דעם האלז׳ מיך צוגעדריקט צו זיך׳ איר ווייסט׳ קינדערלאך אויב זיי זיינען בטבע שווייגעוודיקע און שטאלצע׳ און פארשטיקן א לאנגע צייט טרערן אין זיך׳ איז אז זיי רייסן זיך אבער מיטאמאל ארויס׳ ווען עס ווערט שוין צו שווער דער צער׳ איז ניט וואס מ׳זאל זאגן׳ אז עס זאלן אנהייבן די טרערן צו רינען׳ נאר זיי גיבן זיך א שפאר׳ ווי פון א קוואל׳ האט ער מיך באגאסן דעם גאנצן פנים מיט אט דעם הייסן קוואל׳ האט גענומען יאמערן ווי אין א קראמף׳ אנגעהויבן טרייסלען זיך׳ דריקן מיך צו זיך׳ און איך בין געזעסן אפן שטיין׳ — „טאטינקע׳ שרייט ער׳ טאטינקע׳ טייערער טאטינקע׳ ווי ער האט דאס דיך דער־נידעריקט!” האב איך זיך אויך פאנאנדערגעוויינט׳ זיצן מיר און מיר טרייסלען זיך ארומגענומענערהייט׳ — „טאטינקע׳ זאגט ער׳ טאטינקע!” — אילליושא׳ זאג איך צו אים׳ אילליושענקא! קיינער האט דאך אונז דעמאלט ניט געזען׳ גאט אליין האט געזען׳ אפשר וועט ער דאס מיר פאררעכענען אף מיין חשבון׳ גיט א דאנק אייער ברודערל׳ אלעקסיי פיאדאראוויטש׳ ניין׳ מיין הער׳ איך וועל דעם אינגעלע מיינעם צוליב אייער נחת וועגן ניט אפשמייסן!

פארענדיקט האט ער ווידער מיט זיין פרייערדיקער אויפגע־רעגטער און חלשותדיקער תנועה׳ אליאשא האט אבער דערשפירט׳ אז אף אים פארלאזט ער זיך יאָ און ווען עס וואלט געווען אן אנ־דערער אף זיין ארט׳ וואלט דער דאזיקער מענטש מיט אים אזוי ניט „געשמועסט” און וואלט אים ניט דערציילט דאס׳ וואס ער האט אים איצט דערציילט׳ דאס האט אויפגעמונטערט אליאשען׳ בא ווע־מען דאס הארץ האט געציטערט פון טרערן׳

— אך׳ ווי עס וואלט זיך מיר געוואלט מאכן שלום מיט

אייער אינגעלע! — האט ער אויסגערופן, — אז איר וואלט דאס געטאן ...

— געוויס, — האט א מורמל געטאן דער שטאבס־קאפיטאן.

— איצטער אבער האב איך צו אייך גאר אן אנדער זאך, הערט, — האט אליאשא געהאלטן אין איין אויסרופן, — הערט! איך האב א שליחות צו אייך: דער זעלביקער ברודער מיינער, אט דער דמיטרי, האט פוגע בכבוד געווען אויך זיין כלה, א סאמע אנ־שטענדיקסטע מיידל, פון וועלכער איר האט מסתמא געהערט. איך האב רעכט ארויסצוגעבן פאר אייך איר באליידיקונג, איך מוז דאס אפילו טאן, ווארים ווי זי האט זיך נאר דערוואוסט וועגן אייער באליידיקונג און איז דערגאנגען אלץ וועגן אייער אומגליקלאכער לאגע, האט זי מיר איבערגעגעבן אט איצט ... פריער א ווײַלע ... איך זאל אייך איבערגעבן אט די שטיצע פון איר ... אבער נאר פון איר אליין, ניט פון דמיטריען, וואס האט זי אויך אוועקגעווארפן, בשום אופן ניט, און ניט פון מיר אויך, פון זיין ברודער, און ניט פון עמיצן אנדערש, נאר פון איר, נאר פון איר אליין! זי בעט זיך בא אייך צונעמען איר הילף ... איר זייט ביידע באליידיקט פון דעם איין־און־דעם־זעלביקן מענטשן ... זי האט זיך טאקע ערשט דערמאנט אָן אייך, בעת זי האט אויך אריבערגעטראגן פון אים פונקט אזא באליידיקונג (לויט דער גרויס־נאך פון דער באליידיקונג), — ווי איר האט אריבערגעטראגן פון אים; דאס הייסט, א שוועסטער העלפט א ברודער ... אזוי טאקע האט זי מיר איבערגעגעבן, אז איך זאל אײַנרעדן אייך צונעמען פון איר אט די צוויי הונדערט רובל, ווי פון א שוועסטער, וואס ווייס, אז איר נויטיקט זיך אזוי. קיינער וועט זיך ניט דערוויסן פון דעם, קיין שום רכילות וועט ניט ארויסקומען דערפון ... אט זיינען די צוויי הונדערט רובל אונ, בהן שלי, — ווי איר מוזט זיי צונעמען, א ניט ... אז אלע מוזן זיין שונאים איינער דעם צווייטן אף דער וועלט! עס זיינען דאך אבער דא אף דער וועלט ברידער אויך ... איר האט אן איידעלע הארץ ... איר מוזט דאס פארשטיין, איר מוזט! ...

און אליאשא האט אים דערלאנגט צוויי נייאינקע הונדערט־רובלדיקע בילעטן. ביידע זיינען זיי דעמאלט געשטאנען גראד בא דעם גרויסן שטיין, לעבן פלויט, און ארום און איז קיין לעבעדיקער מענטש ניט געווען. די צוויי הונדערטער האבן, דאכט זיך, געמאכט אפן שטאבס־קאפיטאן א מוראדיקן רושם: ער האט זיך א צאפל געטאן, אבער אין אנפאנג ווי פון פארוואונדערונג אליין: עפעס ענלאכס האט זיך אים גארנישט געחלומט אפילו, ווער רעדט נאך אף אזא מין סוף האט ער זיך שוין לחלוטין נישט געריכט. הילף פון עמיצן, היינט נאך אזא הילף, דאס האט זיך אים אפילו אין שלאף נישט געחלומט. ער האט גענומען די צוויי הונדערטער און בא א מינוט האט ער אפילו ענטפערן נישט געקאנט, עפעס גאר אינגאנצן א נייע זאך האט א פינקל געטאן אף זיין געזיכט.

— דאס איז פאַר מיר הייסט דאס, פאַר מיר איז דאס אזוי פיל געלט, צוויי הונדערט רובל! טאטינקעס! איך האב דאך שוין אבער פיר יאר צייט נישט געזען אזוינע געלט אין די אויגן,—גאטעניו! היינט ער זאגט נאך, אז א שוועסטער . . . דאס איז טאקע אף אן אמת, אף אן אמת?

— איך שווער אייך, אז אלצדינג, וואס איך האב אייך געזאגט, איז אן אמת! — האט אויסגערופן אליאשא. דער שטאבס־קאפיטאן איז רויט געווארן.

— הערט אויס, ליבינקער מיינער, הערט אויס, ווען איך זאל אפילו יע נעמען, וועל איך דאך ניט זיין קיין אויסוואורף? אט אין אייערע אויגן מיין איך, אלעקסיי פיאדאראוויטש, וועל איך דאך ניט זיין, וועל איך דאך ניט זיין קיין אויסוואורף? ניין, אלעקסיי פיאדאראוויטש, איר הערט אויס, הערט אויס, — האט ער ווי געשלינגען די ווערטער, צורירנדיק זיך צו אליאשען מיט ביידע הענט, — איר רעדט מיך איין מיט דעם, וואס „א שוועסטער" שיקט, נו, און אינווייניק, בא זיך אין הארצן מיין איך, — וועט איר ניט דערשפירן קיין פאראכטונג צו מיר, ווען איך זאל צונעמען, הא?

— ניין, ניין! מיט דעם תיקון פון מיין נשמה שווער איך אייך, אז ניט! און קיינער וועט זיך קיין מאל ניט דערוויסן, מער ניט ווי מיר: איך, איר, און זי, און נאך איינע א דאמע, אירער א גרויסער גוטער פריינד...

— וואס אַרט מיר די דאָמע! הערט, אַלעקסיי פּיאָדאָראָוויטש, הערט אויס, ווארים איצט איז דאָך שוין געקומען אַזאַ מינוט, אַז מ'מוז אויסהערן, ווארים איר קאָנט אַפּילו ניט פאַרשטיין, וואס עס קאָנען איצט פאַר מיר באַטייטן אַט די דאָזיקע צוויי הונדערט רובל, — האָט דער אביון ווייטער גערעדט, אַריינגייענדיק ביסלעכווייז אין עפּעס אַ ניט קיין געשטעלטער, כּמעט ווילדער התפּעלות. ער איז געוועזן אַזוי ווי צעטומלט, גערעדט ווידער גוואַלטיק גיך, האַסטיק אַזוי, פּונקט ווי ער וואָלט מורא געהאַט, אַז מ'וועט אים ניט לאָזן אַלץ אַרויסזאָגן, — אַחוץ דעם, וואס מ'האָט דאָס באַקומען אויף אַזאַ ערנטלאַכן אופן, פון אַזאַ געערטער און הייליקער "שוועסטער", ווייסט איר דען, אַז איך וועל קאָנען איצט די מאַמינקע און נינאַטשקען, — דעם האָרבאַטינקן מלאכל מיינעם, די טאָכטער מיינע מיין איך, אַז איך וועל זיי קאָנען היילן איצט? ס'איז געקומען צופאָרן צו מיר דער דאָקטאָר הערצענשטובע, איז פון גוטהאַרציקייט וועגן געקומען, האָט זיי אויסגעהערט ביידן אַ גאַנצע שעה: "איך פאַרשטיי", זאָגט ער, קיין זאַך ניט", נאָר פונדעסטוועגן וועט דאָס מינעראַל־וואַסער, וואס איז פאַראַן אין דער היגער אַפּטייק (ער האָט דאָס פאַרשריבן), וועט זיין זיכער פאַר איר אַ רפואה, הייינט האָט ער נאָך געהייסן מאַכן פאַר די פיס וואַנעס פון אַזוינע רפואות. קאָסט דאָס מינעראַל־וואַסער דרייסיק קאָפּיקעס, און זי דאַרף אויסטרינקען אַ פלעשלאַך פערציק. האָב איך גענומען און אַוועקגעלייגט דעם רעצעפּט אויפן פּאָליצע אונטער די הייליקע בילדער, און ער ליגט נאָך עד היום דאָרטן. און נינאַטשקען האָט ער געהייסן באָדן אין עפּעס פאַנאַנדערגעפּירטע רפואות, אין הייסע וואַנעס אַזוינע, צוויי מאָל אַ טאָג, אינדערפרי און אינאָוונט, איז ווי האָבן מיר דאָס געקאָנט מאַכן אַזאַ קור באַ אונדז, אין די פּאַלאַצן אונזערע, אָן אַ פּרעמדן מענטשן, אָן הילף, אָן כּלים און אָן וואַסער? און נינאַטשקע איז די גאַנצע אַ רעוומאַטישע, דאָס האָב איך אייך נאָך ניט געזאָגט אַפּילו, ביינאַכט שטעכט איר די גאַנצע רעכטע העלפט פון קערפּער, מאַטערט זיך, נאָר, איר וועט מיר גלויבן, אַט דער מלאך זעט זיך איינצוהאַלטן, כּדי אונדז, ניט צו באַאומרואיקן, קרעכצעט ניט, כּדי מיר זאָלן זיך ניט אויפ־

כאפן. מיר עסן וואס עס מאכט זיך, וואס מ'קריגט, נעמט זי פונ־דעסטוועגן דעם סאמן לעצטן שטיקל, וואס מ'קאן נאר ארויסוואַרפן פאַרן הונט. „איך בין ניט ווערט אט דעם שטיקל ברויט, איך נעם אים אוועק בא אייך, איך בין א לאסט אף אייך" — אט וואס עס זאגט איר געטלאכער קוקי מיר באדינען זי, און איר איז דאס צו לאסט: „איך בין דאס ניט ווערט, איך בין דאס ניט ווערט, איך בין א הייקער און קיינער דארף מיך ניט", — זי איז דאס ניט ווערט, סך הכל האט זי אונז אלעמען מיט איר געט־לאכער צניעות אויסגעבעטן בא דעם אויבערשטן, אז איר, אז איר שטילן ווארט, וואלט געווען א גיהנום בא אונז, ווארייען אפילו האט זי אויך שטילער געמאכט. ווארוואַרא ניקאלאיעוונען זייט אבער אויך ניט דן, זי איז אויך א מלאך, איז אויך א באַעוולטע. געקומען איז זי צו אונז צופארן זומער, און האט געהאט בא זיך זעכצן רובל, פארדינטע פון שטונדן און האט דאס אפגעלייגט אף אוועקפארן צוריק, כדי אין סעפטעמבער, איצט הייסט עס, פאר די געלט פארן צוריק קיין פעטערבורג. און מיר האבן צוגענומען אירע פארהארעוועטע געלט און פארלעבט, איצט האט זי ניט מיט וואס צו פארן צוריק, אט ווי די זאך איז. הייגט זי קאן גאר גלאט ניט אוועקפארן, ווארים זי טוט דאך עבודת פרך פאר אונז, מיר האבן דאך זי איינגעשפאנט ווי א פערד, מיט אלעמען האט זי צו טאן — נייט, וואשט, קערט די פאדלאגע, לייגט די מאמינקע אין בעט, און די מאמינקע, דארפט איר וויסן זיין, איז א קאפריזנע, און די מאמינקע איז א וויינערקע, און די מאמינקע איז א משוגענע! . . . קאן איך דאך איצטער פאר די צוויי הונדערט רובל נעמען א מענטשן, פארשטייט איר דען, אלעקסיי פיאדאראוויטש, איך קאן מיין ליבע פרוי און קינד אנהייבן היילן, די קורסיסטקע אין פעטערבורג אוועקשיקן, פלייש קויפן, איינפירן א נייע דיעט. גאטעניו, דאס איז דאך א חלום!

אליאשא איז געווען מוראדיק צופרידן, וואס ער האט פאר־שאפט אזוי פיל גליק און וואס דער אביון איז מסכים געווען בא־גליקט צו ווערן.

— ווארט, א ווײַלע, אלעקסיי פיאדאראוויטש, ווארט א ווײַלע, —

האט זיך דער שטאבס־קאפּיטאן ווידער אנגעכאפּט פאר א נייעם געדאנק, וואס האט בּא אים פּלוצים אויפגעלעבּט, און האט ווידער אנגעהויבּן מאלן מיט א ווילדער געשווינדקייט, — ווייסט איר דען, אז איכ׳ל איצטער מיט אילוישקען בּאמת פארווירקלאכן אונזער חלום: מירן קויפן א פערדעלע און א וועגעלע, און א פערדעלע א שווארצינקן, א שווארצינקן, ער האט געבּעטן למען השם א שווארצינקן, און מיר׳ן זיך דאס קלייבּן, ווי מיר׳ן האבּן אייערנעכטן פארגעשטעלט. איך האבּ אין ק־סקער גובּערניע א בּאקאנטן אדוואקאט, פון קינדהייט אן מיינער א פריינד, האט מען מיר מודיע געווען דורך א מענטשן, אַף ווען מ׳קאן זיך פארלאזן, אז אויבּ איכ׳ל קומען, וועט ער מיר געבּן א שטעלע פאר א שרייבּער בּא זיך אין קאנטאר, איז ווער ווייס, אמאל קאן אפשר זיין, אז ער וועט געבּן אויך... נו, וואלט מען געדארפט ארויפצוזעצן די מאמינקע, ארויפזעצן נינאטשקען, אילושעטשקען וועל איך אוועקזעצן אנטרייבּן, און איך וואלט מיר געגאנגען צופוס, צופוס, און כ׳וואלט דאס אלעמען אוועקגעפירט... רבּונו של עולם, ווען איך וואלט נאר געקאנט אויפמאנען דא איין פארפאלענעם חוב, וואלט אפשר אַף דאס אויך געקלעקט!

— עס וועט קלעקן, עס וועט קלעקן! — האט אויסגערופן אליאשא, — קאטערינא איוואנאוונא וועט אייך שיקן נאך, וויפל איר ווילט, און, איר ווייסט, איך האבּ אויך געלט, נעמט וויפל איר דארפט האבּן, ווי פון א בּרודער, ווי פון א פריינד, שפּעטער וועט איר אפּגעבּן... (איר וועט רייך ווערן, איר וועט רייך ווערן!) און איר ווייסט, איר וועט גאר קיינמאל אפילו נישט זיין בּיכולת אַף עפּעס בּעסערס איינצופאלן, ווי אריבּער קלייבּן זיך אין א צווייטער שטאט! אין דעם בּאשטייט אייער רעטונג, און דער עיקר פאר אייער אינגעלע — און איר ווייסט, קלייבּט זיך אריבּער וואס גיכער, בּיז ווינטער, בּיז די פרעסט, און איר וועט אונז אנשרייבּן פון דארטן, און מיר וואלטן געבּליבּן בּרידער... ניין, דאס איז ניט קיין חלום!

— אליאשא האט געוואלט ארומנעמען אים, אַף אזוי־פיל איז ער געווען צופרידן. נאר א קוקטאנדיק אַף אים, איז ער־

מיטאמאל געבליבן שטיין: דער שטאבס־קאפּיטאן איז געשטאנען אויסגעצויגן דעם האלז, אויסגעצויגן די ליפּן, מיט א ווילדן און בלייך געווארענעם פּנים און האט עפּעס אזוינס געלוספּערט מיט די ליפּן, ווי ער וואלט געוואלט עפּעס ארויסרעדן; קיין ווערטער האט מען אבער נישט געהערט. נאר ער האט די גאנצע צייט געשעפּטשעט מיט די ליפּן, ס'איז עפּעס אזוי שרעקלאך געווען.

— וואס איז מיט אייך! — האט זיך עפּעס א צאפּל געטאן אליאשא.

— אלעקסיי פּיאדאראוויטש ... איכ'ל ... איר'ט ... —

האט געשטאמלט און אפּגעהאקט זיך דער שטאבס־קאפּיטאן, מאדנע און ווילד קוקנדיק אף אים מיט אויסגעשטעלטע אויגן, מיט אן אויסזען פון א מענטשן, וואס האט זיך אנטשלאסן אראפּפליען פון א בארג, און וואלט נאך אין דער זעלביקער צייט ווי אויך געשמייכלט מיט די ליפּן — איכ'ל ... איכ'ל ... אפשר ווילט איר, וועל איך אייך באלד באווייזן א קונץ! — האט ער ארויסגעשעפּטשעט מיטאמאל האסטיק און פעסט. ער האט זיך שוין מער נישט אפּגעהאקט אין רעדן.

— וואס פאר א קונץ?

— א קונץ אזא, א האקוס־פּאקוס אזא, — האט דער שטאבס־קאפּיטאן אלץ געשעפּטשעט; דער מויל זיינער האט זיך פארקרימט אף דער לינקער זייט, דאס לינקע אויג זיך פארזשמורעט, און ער האט, ניט אפּרייסנדיק זיך, אלץ געקוקט אף אליאשען, ווי ער וואלט צוגעשמידט געווארן צו אים.

— וואס איז דאס מיט אייך, וואס פאר א קונץ? — האט אויסגעשריען אליאשא שוין אינגאנצן אין שרעק.

— אט וואס פאר א, איר זעט! — האט א קוויטשע געטאן דער שטאבס־קאפּיטאן.

און באווייזנדיק אים דיביידע הונדערטער, וועלכע ער האט די גאנצע צייט, אין משך פון דעם שמועס, געהאלטן פאר א ברעגעלע צווישן די אויבערשטע צוויי פינגער, האט ער מיטאמאל א כאפּ געטאן זיי מיט עפּעס א מאדנער פארביסקנייט, צעקנייטשט און שטארק פארפּרעסט אין פויסט פון דער רעכטער האנט.

— ט'איר געזען, ט'איר געזען! — האט ער א קוויטשע געטאן צו אליאשען, א בלייכער און א ווילדער, און מיטאמאל אויפגעהויבן די פויסט אינדערהויך, און מיט די גאנצע כוחות געגעבן א זעץ ביידע צעקנוילטע הונד'ערטער אן דער ערד, — ט'איר געזען? —האט ער ווידער א קוויטשע געטאן, באווייזנדיק מיטן פינגער אף זיי, — נו, איז א־אט! . . .

און, אויפהייבנדיק די רעכטן פוס, האט ער מיט א ווילדער רציחה א ווארף געטאן זיך מיטאמאל טרעטן זיי מיטן אפסאץ, אויסרופנדיק און פארשטיקנדיק זיך מיט יעדן קלאפ פון פוס.

— אט איז אייערע געלט! אט איז אייערע געלט! אט איז אייערע געלט! אט איז אייערע געלט! — האט ער פלוצים אפגעשפרונגען אף צוריק און אויסגעגלייכט זיך פאר אליאשען. דער גאנצער אויסזען זיינער האט אויסגעדריקט א שטאלץ אזא, וואס איז נישט איבערצוגעבן.

— זייט מודיע די, וואס האבן אייך געשיקט, אז דער וויעכעטש פארקויפט ניט די ערע זיינע! — האט ער אויסגעשריען, אויסשטרעקנדיק די האנט אין דער לופט. דערנאך האט ער געשווינד זיך געגעבן א קער און געלאזן זיך לויפן; נאר ער איז נישט אפגעלאפן קיין פינף טריט, ווי ער האט, דער גאנצער ווידער א קערטאנדיק זיך, א מאך געטאן צו אליאשען מיט דער האנט. ווייטער אבער, נישט אפגעלאפן קיין פינף טריט, האט ער זיך שוין צום לעצטן מאל א דריי געטאן, איצט שוין אן א פארקרימטן שמייכל אפן פנים, נאר אדרבה, דאס גאנצע געזיכט האט געציטערט פון טרערן, שלינגענדיק די ווערטער האט ער אויסגעשריען מיט א וויינענדיקן און אפגעהאקטן קול:

— און וואס וואלט איך דאס מיין אינגעלע געזאגט, ווען איך וואלט בא אייך פאר אונזערע שפיכת דמים גענומען געלט? — און, א זאג געטאן דאס, האט ער זיך געלאזן לויפן דאס־מאל שוין נישט אומקערנדיק זיך. אליאשא האט אים נאכגעקוקט מיט א צער נישט איבערצוגעבן. א, ער האט פארשטאנען, אז דער קאפיטאן האט ביז דער סאמער לעצטער רגע אליין נישט געוואוסט, אז ער וועט צונויפ־

דרייען און א שמייס טאן די הונדערטער. דער שטאבס־קאפּיטאן האט זיך קיין איינציק מאל נישט אומגעקערט, דאס האט אליאשא אויך געוואוסט, אז ער וועט זיך ניט אומקערן. נאכלויפן נאך אים און רופן אים האט ער נישט געוואלט, ער האט געוואוסט פארוואס? אז יענער אבער איז פארשוואונדן געווארן פון די אויגן, האט אליאשא אויפגעהויבן ביידע הונדערטער. זיי זיינען געווען מער ניט ווי שטארק צעקנייטשט, צעדרייט און אריינגעשטיקט אין זאמד, אבער נאך לחלוטין גאנץ און האבן אפילו געגעבן א קנאק, ווי נייאינקע, בעת אליאשע האט זיי פאנאנדערגעוויקלט און אויסגעגלייכט. אויס־געגלייכט, האט ער זיי צונויפגעלייגט, אריינגעשפארט אין קעשענע און איז אוועק צו קאטערינא איוואנאוונען איבערגעבן איר וועגן דעם ערפאלג פון איר שליחות.

פינפטער בוך

Pro און contra

I

דער קנין

פרוי כאכלאקאווא האט ווידער באגעגנט אליאשען די ערשטע. זי איז געווען צוטראגן: עס האט זיך געטראפן עפעס וויכטיקעס: קאטערינא איוואנאוונעס היסטעריקע האט זיך געענדיקט מיט דעם, וואס זי האט געחלשט, דערנאך איז געקומען „א שרעקלאכע, מורא־דיקע שלאפקייט, זי האט זיך געלייגט, צוגעמאכט מיט די אויגן און אנגעהויבן רעדן פון היץ. איצט האט זי וואָרימקייט, מ'האט אוועקגעשיקט נאך הערצענשטובן, מ'האט געשיקט רופן די מומעס. די מומעס זיינען שוין דא, און הערצענשטובע נאך ניט. אלע זיצן בא איר אין צימער און ווארטן. עפעס וועט מוזן זיין מיט איר, און זי איז ניט ביים זינען. היינט ווי, אויב ס'איז גאר פיבער!"

אויסרופנדיק אט דאס, האט פרוי כאכלאקאווא געהאט א באמת דערשראקענעם אויסזען: „דאס זאג איך שוין ערנסט!" האט זי צוגעגעבן צו איטלאכן ווארט, עפעס ווי אלצדינג, וואס עס פלעגט פאר־געקומען פריער מיט איר, איז געווען ניט ערנסט. אליאשא האט זי אויסגעהערט מיט ווייטאק: ער האט איר געהאט אנגעהויבן צו דערציילן זיינע געשעענישן אויך; זי האט אים אבער בא די ערשטע ווערטער איבערגעריסן: זי האט קיין צייט ניט געהאט, זי האט אים געבעטן זיצן א ווײַלע בא Lise און בא Lise אויפווארטן אף איר.

— Lise האט מיך, טייערסטער אלעקסיי פיאדאראוויטש, — האט

זי אנגעהויבן שעפטשען צו אים כמעט אפן אויער, — Lise האט מיך איצט מאדנע פארוואונדערט, זי האט מיך אבער געריירט אויך, און דערפאר איז איר מיין הארץ אלץ מוחל. שטעלט זיך פאר, ווי איר זייט נאר אוועקגעגאנגען, האט זי מיטאמאל אנגעהויבן אויפריכטיק צו האבן חרטה, וואס זי האט נעכטן און היינט אפגעלאכט פון אייך זי האט דאך אבער ניט אפגעלאכט. זי האט מער ניט ווי געמאכט שפאס. עס האט איר אבער אזוי ערנסט פארדראסן, ביז טרערן כמעט, אזוי אז איך האב זיך פארוואונדערט. פריער פלעגט איר קיין איין מאל ניט ערנסט פארדריסן, ווען זי פלעגט אפלאכן פון מיר, מער ניט סתם פארדריסן אף צו־כלומרשט און איר ווייסט איטלאכע מינוט לאכט זי אפ פון מיר. איצט אבער מיינט זי דאס אף אן אמת. איצט איז שוין בא איר אלצדינג אף אן אמת. זי שעצט זייער שטארק אייער מיינונג, אלעקסיי פיאדאראוויטש, און אויב איר קאנט, טא האט נישט קיין פאריבל אף איר און האט נישט קיין טענות צו איר. איך גופא טו מער ניט ווי דאס, וואס איך היט זי, ווארים זי איז אזא קלוגינקע, — גלויבט איר דאס? זי האט אקארשט גערעדט דערפון, אז איר זייט געווען דער פריינד פון איר קינדהייט, — "דער סאמער ערנסטער פריינד פון מיין קינדהייט", שטעלט זיך דאס פאר, דער סאמער ערנסטער פריינד, און וואס בין איך? וועגן אזוינע זאכן האט זי זייער ערנסטע געפילן, און אפילו ערינערונגען אויך, דאס וויכטיקסטע אבער, אט די אויסדריקן אירע און די ווערטעלאך, דאכט זיך מ׳ריכט זיך גארניט, און עס שפרינגט ארויס מיטאמאל. אט ניט־לאנג וועגן דער סאסנע, א שטייגער: ס׳איז געשטאנען בא אונז אין סאד, בעת זי איז נאך געווען א קליין קינד, א סאסנע, זי שטייט נאך אפשר איצט אויך, אזוי אז ס׳איז גאר ניטא וואס צו רעדן אין לשון עבר. סאסנעס זיינען ניט קיין מענטשען. זיי פארענדערן זיך ניט א לאנגע צייט, אלעקסיי פיאדאראוויטש. איז „מאמע, זאגט זי, איך געדיינק אט די סאסנע, ווי פון א חלום", — א משל, "א סאסנע ווי פון א חלום" — זי האט זיך עפעס אנדערש אויסגעדריקט, ווארים איך פלאנטער זיך דא עפעס, א סאסנע איז א נאריש ווארט, זי האט מיר אבער אנגערעדט וועגן דעם עפעס אזוי פיל אריגינעלעס, וואס איך וועל דאס גאר

בשום אופן נישט נעמען איבערצוגעבן. און איך האָב זיך גאָר גלאַט פאַרגעסן אויך. נו, האָט מיר אַ גוטן, איך בין זעער צו־טרויסלט און איך גיי געוויס אַראָפּ פון זינען. אַך, אַלעקסיי פיאָ־דאָראָוויטש, איך בין צוויי מאָל אַף מיין לעבן אַראָפּגעגאַנגען פון זינען, און מ׳האָט מיך קורירט. גייט אַריין צו Lise, מאַכט איר פריילאַכער, אַזוי ווי איר קאָנט דאָס תּמיד מאַכן גוט. Lise, — האָט זי אַ רוף געטאָן, צוגייענדיק צו דער טיר, — אָט האָב איך דיר געבראַכט צופירן אַלעקסיי פיאָדאָראָוויטשן, וועמען דו האָסט אַזוי באַליידיקט, און ער הייבט גאַרנישט אָן צו זיין אין כּעס אַף דיר, איך פאַרזיכער דיר, אַדרבה, ער וואונדערט זיך גאָר, ווי אַזוי דו האָסט דאָס גאָר געקאָנט טראַכטן אפילו.

— Merci, maman, קומט אַריין, אַלעקסיי פיאָדאָראָוויטש.

אַליאָשאַ איז אַריין. Lise האָט געקוקט אַף אים עפּעס אַזוי ווי פאַרשעמט און איז מיטאַמאָל די גאַנצע רויט געוואָרן. זי האָט זיך קענטיק געשעמט, און ווי עס קומט תּמיד פאַר אין אַזעלכע פאַלן, האָט זי אָנגעהויבן זעער האַסטיק צו רעדן עפּעס גאָר אינגאַנצן וועגן אַ זייטיקער זאַך, אַקוראַט ווי אָט די זייטיקע זאַך האָט זי טאַקע נאָר אינטערעסירט אין דעם מאָמענט.

— די מאַמע האָט מיר איצט איבערגעגעבן, אַלעקסיי פיאָ־דאָראָוויטש, די גאַנצע מעשה מיט די צוויי הונדערט רובל און וועגן אייער שליחות . . . צו אָט דעם אומגליקלאַכן אָפיצער . . . און זי האָט מיר דערציילט די גאַנצע שרעקלאַכע געשיכטע, ווי מ׳האָט אים באַליידיקט, און איר ווייסט, כאָטש די מאַמע דערציילט זעער צו־וואָרפן . . . זי האָלט אין איין שפּרינגען . . . האָב איך אָבער געהערט און געוויינט. נו וואָס, איר האָט אָפּגעגעבן דאָס געלט, און ווי געפינט זיך איצט דער אומגליקלאַכער? . . .

— אָט דאָס איז דאָך די מעשה, אַז איך האָב נישט אָפּגעגעבן, און עס איז דאָ אַ גאַנצע געשיכטע, — האָט געענטפערט אַליאָשאַ, ווי ער גופא וואָלט געוועגן מער פאַר אַלץ צוטראַגן פון דעם, וואָס ער האָט דאָס געלט נים אָפּגעגעבן, דערביי אָבער האָט Lise זעער גוט באַמערקט, אַז ער קוקט אויך אָן אַ זייט, און זעט אויך מיט די גאַנצע

כוחות צו רעדן וועגן א זייטיקער זאך. אליאשא האט זיך געזעצט לעבן טיש און אנגעהויבן דערציילן, נאר טאקע פון די ערשטע ווערטער אן האט ער לחלוטין אויפגעהערט צו שעמען זיך און האט Lise אויך פארכאפט מיט דעם. ער האט גערעדט אונטער דער השפעה פון א שטארקן געפיל און פון דעם לעבעדיקן איינדרוק, וואס דאס האט געמאכט אף אים, און דערציילן האט זיך אים איינגעגעבן גוט און געניי. ער פלעגט שוין אמאל, נאך זייענדיק אין מאסקווע, בשעת Lise איז נאך געווען א קינד, האלט געהאט קומען צו איר און דערציילן איר אפטמאל דאס, וואס עס פלעגט זיך אקארשט טרעפן מיט אים, און א מאל וואס ער האט דורכגעלייענט, אדער דערמאנען וועגן זייער פארבראכטער קינדהייט. אפטמאל פלעגן זיי ביידע אפילו פאנטאזירן צוזאמען און פארפאסן גאנצע מעשיות, דאס רוב אבער אזויגע פריילאכע און לוסטיקע. איצט האבן זיי זיך ביידע ווי מיטאמאל אריבערגעטראגן אין דער אמאליקער מאסקווער צייט, מיט צוויי יאר צוריק. Lise איז געווען שטארק גערירט פון זיין מעשה. אליאשא האט מיט א הייסן געפיל געקאנט שילדערן פאר איר „אילושעטשקעס" געשטאלט. און בעת ער האט פארענדיקט אין יעדן פרט די סצענע, ווי יענער אומגליקלאכער מענטש האט געטראטן דאס געלט, האט Lise א פאטש געטאן מיט די הענט און אויסגעשריען מיט א שטארקער איבערלעבעניש:

— האט איר נישט אפגעגעבן דאס געלט, האט איר אים טאקע געלאזן אזוי אוועקלויפן? גאט מיינער, ווען איר וואלט כאטש אליין נאכגעלאפן נאך אים און דעריאגט אים...

— ניין, Lise, אזוי איז בעסער, וואס איך בין נישט נאכגעלאפן, — האט געזאגט אליאשא, זיך אויפגעהויבן פון שטול און איז צוטראגענערהייט דורכגעגאנגען זיך איבעריקן צימער.

— וואס בעסער, מיט וואס איז דאס בעסער? איצטער וועלן זיי דאך שטארבן אן א ברעקל ברויט!

— זיי וועלן ניט שטארבן, ווארים די צוויי הונדערט רובל וועלן פארט אנקומען צו זיי. ער וועט זיי אלץ־איינס צונעמען מארגן. מארגן וועט ער זיי שוין אף געוויס צונעמען, — האט זיך

אנגערופן אליאשא, ארומגייענדיק פארטראכטערהייט. — איר פאר־שטייט Lise, — האט ער ווייטער גערעדט, בלייבנדיק מיטאמאל שטיין לעבן איר, — איך גופא האב דא געמאכט א גרייז, אבער דער גרייז איז אויך אויסגעקומען צום גוטן.

— וואס פאר א גרייז, און פאר וואס עפעס צום גוטן?

— אט פאר וואס: דאס איז א מענטש א פחדן און מיט א שוואכן כאראקטער. ער איז א זעער אויסגעמאטערטער און א זעער גוטער. איך טראכט דאס איצט די גאנצע צייט: פון וואס האט ער זיך דאס מיטאמאל אזוי באליידיקט און גענומען טרעטן דאס געלט, ווארים, איך שווער אייך, אז ער האט ביז דער סאמער לעצטער רגע נישט געוואוסט, אז ער וועט דאס צעטרעטן. איז אט דאכט זיך מיר, אז ער האט זיך דא פון אסך זאכן באליידיקט . . . און עס האט גאר גלאט אנדערש נישט געקאנט זיין אויך, געפיגענדיק זיך אין זיין לאגע . . . ערשטנס האט ער זיך שוין פון דאס אליין באליידיקט, וואס ער האט זיך צו־שטארק דערפרייט פאר מיר אין די אויגן פון די געלט און האט דאס נישט באהאלטן פון מיר. ווען ער וואלט זיך דערפרייט, אבער ניט אזוי שטארק, ווען ער וואלט דאס נישט ארויסגעוויזן, ווען ער וואלט אנגעהויבן מאכן שטיק, ווי אנדערע, ווען זיי נעמען געלט, קרימען זיך, מיט איין ווארט דעמאלט וואלט ער דאס נאך געקאנט אריבערטראגן און צונעמען, דא אבער האט ער זיך שוין צו־אויפריכטיק דערפרייט, און דאס זעט איר, איז א באליידיקונג. אך, Lise, ער איז אן אויפריכטיקער און גוטער מענטש, אט אין דעם איז דאס גאנצע אומגליק אין אזוינע פאלן! די גאנצע צייט, וואס ער האט דעמאלט גערעדט, איז בא אים דער קול געווען אזא שוואכער, אן אפגעשוואכטער, און גערעדט האט ער אזוי האס־טיק, אזוי געשווינד, עפעס כסדר געכיכיקעט מיט אזא געלעכטערל, אדער ער האט שוין אפשר געוויינט . . . באמת, איך וואלט שווערן, אז ער האט געוויינט, אין אזא התפעלות איז ער געווען . . . היינט האט ער וועגן די טעכטער זיינע גערעדט . . . און וועגן דער שטעלע, וואס מ'וועט אים געבן אין דער צווייטער שטאט . . . איז אט, קוים וואס ער האט נאר אויסגעגאסן די הארץ, האט ער זיך

מיטאמאל אנגעהויבן שעמען דער פאר, וואס ער האט געעפנט פאר מיר די גאנצע הארץ זיינע. האט ער מיך די שטעל אנגעהויבן האסן. און איזן איז ער אן ארימאן א בושת פנים. דערהויפט אבער האט ער זיך באליידיקט דערפון, וואס ער האט מיך צו־גיך אנגענומען פאר זיין פריינד און האט זיך מיר גיך איבערגעגעבן; מיט א מינוט פריער האט ער זיך געווארפן אף מיר, געשראקן מיך, און דא, ווי ער האט נאר מיטאמאל דערזען געלט, האט ער דאס מיך אנגעהויבן ארומנעמען. ווארים ער האט דאך מיך ארומגענומען, די גאנצע צייט געלייגט די הענט אף מיר. האט ער טאקע· אף אזא אופן, געמוזט דערשפירן די גאנצע דערנידעריקונג, און דא האב איך נאך גראד געמאכט א גרייז, א גרויסן גרייז: איך גיב מיטאמאל א זאג צו אים, אז אויב עס וועט אים ניט קלעקן קיין געלט אף איבערצוקלייבן זיך אין אן אנדער שטאט, וועט מען אים געבן נאך, און אפילו איך אליין וועל אים געבן פון מיין געלט, וויפל ער וועט וועלן. אט דאס האט אים געטראפן ווי א דונער: צו וואס, הייסט עס, בין איך נאך אויך ארויסגעשפרונגען העלפן אים? איר ווייסט, Lise, דאס איז מוראדיק שווער פאר א באליידיקטן מענטשן, ווען אלע הייבן אן קוקן אף אים ווי זייערע בעלי־טובות... איך האב דאס געהערט, מיר האט דאס דער סטארעץ געזאגט. איך ווייס נישט, ווי אזוי אויסצודריקן דאס, איך האב דאס אבער אליין אויך אפט געזען. אז איך אליין שפיר אויך דאס אייגענע. דאס וויכטיקסטע אבער איז דאס, וואס כאטש אפילו ער האט ניט געוואוסט ביזן סאמן לעצטן מאמענט, אז ער וועט צעטרעטן דאס געלט, געשפירט אבער האט ער דאס, ווייל דעם קאן גאר קיין פראגע ניט זיין. דערפאר איז דאס טאקע די התפעלות געווען בא אים אזוי שטארק, ווייל ער האט דאס געשפירט פון פריער... אבער הגם דאס איז אלץ אזוי שלעכט אריבער, איז דאס פארט צום גוטן. איך רעכן אפילו, אז צום סאמן בעסטן, בעסער האט אפילו גאר נישט געקאנט זיין...

— פארוואס, פארוואס האט אפילו בעסער גאר נישט געקאנט זיין? — האט אויסגערופן Lise, קוקנדיק אף אליאשען שטארק פארוואונדערט.

— דער פּאר׳ Lise׳ ווייל אז ער וואלט ניט צעטראטן׳ און וואלט צוגענומען דאס געלט, וואלט ער׳ קומענדיק א היים׳ אין א שעה ארום׳ פאנאנדערגעוויינט זיך פון זיין דערנידעריקונג׳ אט וואס עס וואלט זיכער געווען׳ וואלט זיך פאנאנדערגעוויינט און וואלט׳ א סברה׳ געקומען צוגיין צו מיר מארגן באגינען און וואלט מיר אפשר א שליידער געטאן דאס געלט אין פנים און צעטראטן׳ ווי ער האט דאס נאר־וואס געטאן׳ אבער איצט איז ער אוועק א זעער שטאלצער און א פריילאכער׳ הגם ער ווייס׳ אז ער האט זיך „אומ־גליקלאך געמאכט״׳ דעריבער איז טאקע איצט קיין שום זאך נישט גרינגער׳ ווי נויטן אים ער זאל נעמען אט די צוויי הונדערט רובל ניט שפּעטער ווי מארגן׳ ווארים די ערע זיינע האט ער שוין דער־וויזן׳ א שמיץ געטאן דאס געלט׳ צעטראטן דאס מיט די פיס . . . ער האט דאך נישט געקאנט וויסן׳ בעת ער האט געטראטן דאס געלט מיט די פיס׳ אז איך וועל אים מארגן ווידער ברענגען׳ און דערביי דארף ער דאך האבן דאס געלט אזוי נויטיק׳ ווען ער איז אפילו איצטער שטאלץ׳ וועט ער דאך אבער פארט נאך אפשר היינט טראכטן וועגן דעם׳ פון וואס פאר א הילף ער האט זיך אפּ־געזאגט׳ ביינאכט וועט ער נאך מער טראכטן וועגן דעם׳ וועט זען אין חלום דאס געלט׳ און מארגן אינדערפרי וועט ער אפשר זיין גרייט לויפן צו מיר און בעטן איך זאל אים מוחל זיין׳ איז דא וועל איך אליין קומען צו אים: „אט זייט איר א שטאלצער מענטש׳ דאס האט איר דערוויזן׳ נו׳ איצט אבער נעמט צו׳ זייט אונז מוחל״׳ אט דאן וועט ער דאס נעמען!

אליאשא האט עפּעס מיט א מין התלהבות א זאג געטאן: „אט דאן וועט ער דאס נעמען!״ Lise האט גענומען פּאטשן מיט די הענטלאך׳

— אוודאי׳ ס׳איז ריכטיק׳ אוודאי׳ איך האב דאס מיטאמאל אלצדינג פארשטאנען! אוי׳ אליאשא׳ ווי אזוי ווייסט איר דאס אלצדינג? אזא יונגער און איר ווייסט שוין׳ וואס עס טוט זיך אין דער נשמה . . . איך וואלט קיינמאל נישט איינגעפאלן אף דעם . . .

— דער עיקר דארף מען אים איצט איבערצייגן אין דעם׳ אז

ער איז אונזער אלעמעס גלייכן, נישט קוקנדיק אף דעם, וואס ער נעמט בא אונז געלט, — האט אליאשא צוגעגעבן אין זיין התלהבות, — און נישט נאר אונזער גלייכן, נאר איז אפילו העכער פאר אונז . . .

— „העכער פאר אונז" — אויסגעצייכנט, אלעקסיי פיאדאראוויטש, אבער רעדט, רעדט ווייטער!

— דאס הייסט, איך האב זיך ניט גוט אויסגעדריקט . . . מיט דעם וואס ער איז העכער פאר אונז . . . אבער ס'מאכט נישט אויס, ווייל . . .

— אך, עס מאכט נישט אויס, עס מאכט נישט אויס, פאר־שטייט זיך, אז עס מאכט נישט אויס! האט ניט קיין פאריבל, אליאשא, טייערער . . . איר ווייסט, איך האב אייך ביז איצט כמעט ווי נישט געאכט . . . דאס הייסט, כ'האב אייך יע געאכט, נאר ווי מיינעם א גלייכן, אבער איצט אכט איך אייך ווי א העכערן פון זיך . . . טייערער, זייט נישט אין כעס, וואס איך „וויצל זיך", — האט זי די שטעל אונטערגעכאפט מיט א הייסן געפיל. — איך בין א קאמישע אזא און א קליינינקע, אבער איר, איר זייט . . . הערט זיך איין, אלעקסיי פיאדאראוויטש, צי איז דא נישטא אין דעם גאנצן באטראכטן אונזערן, איך מיין, אייערן . . . ניין, זאל שוין זיין בע־סער אין אונזערן . . . צי איז דא נישטא אין דעם גאנצן באטראכטן אונזערן קיין פאראכטונג צו אים, צו דעם אומגליקלאכן . . . קיין פאראכטונג אין דעם, וואל מיר נעמען אזוי פאנאנדער זיין נשמה ווי פון אויבן־אראפ, הא? אט אין דעם, וואס מיר האבן אזוי זיכער באשלאסן, אז ער וועט צונעמען דאס געלט, הא?

— ניין, Lise, קיין פאראכטונג איז דא נישטא, — האט פעסט געענטפערט אליאשא, ווי ער וואלט שוין געווען צוגעגרייט צו דער דאזיקער פראגע, — איך האב שוין אליין אויך געטראכט וועגן דעם גייענדיק אהער. באטראכט נאר אליין, ווי קאן דא זיין א רייד פון פאראכטונג, אז מיר גופא זיינען פונקט אזוינע, ווי ער, אז אלע זיינען אזוינע, ווי ער. ווארים מיר זיינען דאך אויך פונקט אזוינע, נישט קיין בעסערע, און ווען מיר וואלטן אפילו יע געווען בעסערע, וואלטן מיר, זייענדיק אף זיין ארט, געווען פונקט אזוינע . . .

איך ווייס ניט, ווי איר, Lise, נאר וואס ס'איז שייך צו מיר האלט איך, אז אין אסך פּרטים האָב איך א קליינלאכע נשמה. ער אָבער האָט נישט קיין קליינלאכע נשמה, אדרבה, א זעער איידעלע . . . ניין, Lise, דאָ איז קיין שום פאראכטונג נישטאָ צו אים! איר ווייסט, Lise, מיין סטארעץ האָט איין מאל געזאָגט: מיט מענטשן דארף מען זיך כסדר באגיין, ווי מיט קינדער, און ארום אנדערע, ווי מיט קראנקע אין שפּיטאלן . . .

— אוי, אלעקסיי פיאָדאראָוויטש, אוי, חיותל, לאָמיר אנהייבן ארומגיין ארום מענטשן ווי ארום קראנקע!

— לאָמיר אנהייבן, Lise, איך בין גרייט, אָבער איך גופא בין נישט אינגאנצן צוגעגרייט דערצו, איך בין אפטמאל זעער אומגעדולדיק, און אפטמאל האָב איך אפילו קיין אויג נישט. אָט איר זייט אן אנדער זאך.

— אַי, איך גלויב נישט! אלעקסיי פיאָדאראָוויטש, ווי גליקלאך איך בין!

— ווי גוט עס איז, אז איר זאָגט דאָס, Lise.

— אלעקסיי פיאָדאראָוויטש, איר זייט א מוראדיק גוטער, נאר אנאנדערסמאל זייט איר עפּעס פונקט ווי א פּעדאנט . . . אז מ'קוקט זיך אָבער גוט צו, איז דאָכט זיך גארניט קיין פּעדאנט. גייט צו, גיט א קוק בּאַ דער טיר, עפנט אויף שטילינקערהייט און גיט א קוק, צי די מאמע הערט זיך ניט צו אונטער דער טיר, — האָט Lise מיטאמאל א שעפּטשע געטאָן עפּעס אזוי נערוועז און האסטיק.

אליאָשא איז צוגעגאנגען, האָט אן עפן געטאָן די טיר און איבערגעגעבן, אז קיינער הערט זיך ניט צו.

— קומט אהער, אלעקסיי פיאָדאראָוויטש, — האָט Lise ווייטער געערעדט, רויט ווערנדיק אלץ מער און מער, — גיט מיר אייער האנט, אָט אזוי. הערט, איך דארף זיך מודה זיין פאר אייך א גרויסע זאך: דעם בריוו האָב איך אייך נעכטן אנגעשריבן ניט אף צוכּלומרשט, נאר אף אן צו'נ'אמת . . .

און זי האָט פארשטעלט די אויגן מיט דער האנט. ס'איז קענטיק געווען, אז זי שעמט זיך זעער מודה צו זיין אָט דאָס. מיט־

אמאָל האָט זי אַ כאַפּ געטאָן זײַן האַנט און געשווינט אַ קוש געטאָן זי דרײַ מאָל.

— אָ, Lise, ס'איז גוט, — האָט פֿרײלאַך אויסגערופֿן אַליאָשאַ. — און איך בין דאָך געווען ממש זיכער, אַז איר האָט אָנגעשריבן דעם בריוו אויף צו'ב'אמת.

— ממש זיכער, אַ קלייניקייט! — האָט זי מיטאַמאָל אָפּגערוקט זײַן האַנט, נישט אַרויסלאָזנדיק זי אָבער פֿון איר הענט, איז שטאַרק רויט געוואָרן און געלאַכט מיט אַ קלײניגקן, גליקלאַכן געלעכטערל. — איך האָב אים אַ קוש געטאָן די האַנט, און ער גיט זיך אַ זאָג: „ס'איז גוט".

נאָר אויפֿגעוואָרפֿן האָט זי ניט פֿאַרדינטערהייט: אַליאָשאַ איז אויך געווען שטאַרק מטושטש.

— איך וואָלט געוואָלט איך זאָל אײַך אויביק געפֿעלן זײַן, Lise, נאָר איך ווייס ניט, ווי צו מאַכן דאָס, — האָט ער אַ מורמל געטאָן מיט צרות, און איז אויך רויט געוואָרן.

— אַליאָשאַ, טײַערער, איר זײַט אַ קאַלטער און אַ בעל העזה. אַ מעשה אַ ביסל. ער איז געווען אַזוי גוט און אויסדערוויילט מיך פֿאַר זײַן ווײַב און האָט זיך מיט דעם באַרואיקט! ער איז שוין געווען ממש זיכער, אַז איך האָב געשריבן דעם בריוו אויף צו'ב'אמת. וואָס זאָגט מען! דאָס איז דאָך אָבער אַ העזה — אַט וואָס דאָס איז!

— וואָסי, דאָס איז דען שלעכט, אַז איך בין געווען זיכער? האָט זיך אַליאָשאַ מיטאַמאָל פֿאַנאַנדערגעלאַכט.

— גאָר שלעכט. פֿאַרקערט, אַליאָשאַ, זייער גוט, — האָט צאַרט און מיט גליק Lise אַ קוק געטאָן אויף אים. אַליאָשאַ איז געשטאַנען באַן אַלץ האַלטנדיק זײַן האַנט איר אירער. מיטאַמאָל האָט ער זיך אָנגעבויגן און געגעבן איר אַ קוש גלײַך אין די ליפּעלאַך.

— וואָס איז דאָס נאָך? וואָס איז מיט אײַך? — האָט אויסגעשריען Lise. אַליאָשאַ האָט זיך אינגאַנצן פֿאַרלאָרן.

— נו, זײַט מיר מוחל, אויב ס'איז . . . איך האָב דאָס אפֿשר געטאָן זייער נאַריש . . . איר האָט געזאָגט, אַז איך בין אַ קאַלטער, האָב איך גענומען און אַ קוש געטאָן . . . נאָר איך זע, אַז ס'איז אַרויסגעקומען נאַריש.

Lise האט זיך פאנאנדערגעלאכט און פארשטעלט דעם פנים מיט די הענט.

— און נאך אין דעם מלבוש! — האט זיך ארויסגעריסן בא איר אין א געלעכטער, נאר מיטאמאל האט זי אויפגעהערט צו לאכן און איז געווארן די גאנצע ערנסט, כמעט שטרענג.

— נו, אליאשא, מיטן קושן זיך קאנען מיר נאך אויפווארטן, ווייל מיר קאנען דאס נאך ביידע נישט, און ווארטן דארפן מיר נאך זעער לאנג. — האט זי צוגעגעבן מיטאמאל. — זאגט בעסער, פאר וואס נעמט איר מיך, אזא נאר, א קראנקן נארעלע, און איר זייט אזא קלוגער, אזא בר דעת, וואס זעט אלצדינג און פארשטייט אלץ? אוי, אליאשא, איך בין זעער גליקלאך, ווייל איך בין אייך גאר ניט ווערט!

— איר זייט ווערט, Lise. די טעג וועל איך אינגאנצן ארויס פון מאנאסטיר. און אז איך וועל ארויס אין דער וועלט, דארף מען חתונה האבן, דאס ווייס איך. אזוי האט ער מיר געהייסן. וועמען זשע וועל איך נעמען א בעסערע פאר אייך... און ווער חוץ אייך וועט נעמען מיך? איך האב שוין דאס באטראכט. ערשטנס קענט איר מיך פון קינדוורייז אן, און צווייטנס האט איר אסך כשרונות, וואס איך האב אינגאנצן נישט. איר האט א לוסטיקערע נשמה, ווי איך; נאר דערהויפט זייט איר אומשולדיקער פאר מיר, איך אבער האב זיך שוין צוגערירט צו אסך, אסך זאכן... אך, איר ווייסט נישט, איך בין דאך אויך א קאראמאזאָוו! וואס האט דאס, וועז איר לאכט, און מאכט שפאס פון מיר אויך, אדרבה לאכט, איך בין אזוי צופרידן דערפון. איר לאכט אבער, ווי א קליין מיידעלע, און אין זיך טראכט איר, ווי א מארטירערן...

— ווי א מארטירערן? וואס איז דאס?

— יע, Lise, אט נעמט אייער פריערדיקע פראגע: צי איז נישטא אין אונז קיין פאראכטונג צו דעם אומגליקלאכן, וואס מיר אנאטאָ־מירן אזוי די נשמה זיינע, — אט די פראגע איז א מארטירנדיקע... איר פארשטייט, איך קאן דאס בשום אופן נישט אויסדריקן, נאר בא וועמען עס קומען ארויף אזוינע פראגן, דער איז אליין אויך מסוגל

צו ליידן, זיצנדיק אין שטול, האט איר שוין איצט אויך געמוזט אסך איבערטראכטן . . .

— אליאשא, גיט מיר אייער האנט, פאר וואס נעמט איר זי צו, — האט זיך אנגערופן Lise מיט א פון גליק אפגעשוואכטן, עפעס געפאלענעם קולכעלע, — הערט זיך איין, אליאשא, וואס וועט איר אנטאן, ווען איר וועט ארויס פון מאנאסטיר, וואס פאר אן אנצוג? לאכט נישט, זייט נישט אין כעס אף מיר, דאס איז בא מיר א זעער, זעער וויכטיקע זאך.

— וועגן קיין אנצוג, Lise, האב איך נאך נישט געטראכט, נאר וואס פאר א איר ווילט, אזא וועל איך אנטאן.

— איך וויל, איר זאלט האבן א טונקל-בלויען סאמעטענעם רעקל, א ווייסע פיקעגע וועסט און א פלושענעם גרויען ווייכן הוט . . . זאגט, איר האט טאקע פריער געגלויבט, אז איך האב אייך נישט ליב, בעת איך האב זיך אפגעזאגט פון דעם נעכטיקן בריוו?

— ניין, איך האב נישט געגלויבט.

— אוי, ס'ארא שלעכטער מענטש, מ'קאן גאר נישט אויס-בעסערן אים!

— איר פארשטייט, איך האב געוואוסט, אז איר האט מיך . . . דאכט זיך ליב, נאר איך האב געמאכט א פנים, אז איך גלויב אייך, אז איר האט מיך נישט ליב, כדי עס זאל אייך זיין . . . באַ-קוועמער . . .

— איז דאס נאך ערגער! אי ס'איז ערגער אי ס'איז בעסער. אליאשא, איך האב אייך זעער ליב. בעת איר האט געדארפט פריער קומען, האב איך געמאכט א סימן: איך וועל בעטן בא אים דעם בריוו, איז אויב ער וועט אים רואיק ארויסנעמען און מיר אפגעבן (וואס מ'קאן זיך אוודאי און אוודאי ריכטן פון אים), — הייסט עס, אז ער האט מיך אינגאנצן נישט ליב, ער פילט קיין זאך נישט, און איז פשוט א נארישער און גארנישטיקער אינגעלע, און איך בין א פאר-פאלענע. איר האט אבער געלאזן דעם בריוו אין קעמערל און דאס האט מיך אויפגעמונטערט: ניט אמת, איר האט אים דעריבער גע-

לאזן אין קעמערל, ווייל איר האט געשפּירט, אז איך וועל אים בעטן אף צוריק, איז כּדי איר זאלט אים נישט קאנען אוועקגעבן? נישט אזוי? ס׳איז דאך אזוי?

— אך, Lise, עס הייבט זיך גארנישט אן, דעם בריוו האב איך דאך איצטער אויך בא זיך, און כ׳האב אים פריער אויך גע־האט, אט אין דער קעשענע, אט איז ער.

אליאשא האט לאכנדיק ארויסגענומען דעם בריוו און געוויזן איר פונדערווייטן.

— אפגעבן אבער וועל איך אייך אים נישט, קוקט פונווייטן.

— וואס? האט איר דאס פריער געזאגט א ליגן, איר א מאַ־נאך, און געזאגט א ליגן?

— אפשר האב איך געזאגט א ליגן, — האט אליאשא אויך געלאכט, — כּדי נישט דארפן אפצוגעבן אייך דעם בריוו, האב איך געזאלט א ליגן, ער איז מיר זעער טייער, — האט ער מיטאמאל צוגעגעבן מיט א שטארקן געפיל און איז ווידער רויט געווארן, — דאס איז שוין אַ זאך אף אויביק, און איך וועל אים אין לעבן קיינעם נישט אפגעבן!

Lise האט געקוקט אף אים מיט התפּעלות.

— אליאשא, — האט זי ווידער גענומען פלאפּלען, — גיט א קוק בא דער טיר, צי הערט זיך אקארשט די מאמע נישט צו?

— גוט, Lise, כ׳וועל א קוק טאן, אבער, צי איז אפשר ניט בעסער, אז מ׳זאל אינגאנצן ניט קוקן, הא? צו וואס זאל מען הושד זיין אייער מאמען אין אזא נידעריקייט?

— וואס פאר א נידעריקייט? וואס פאר א נידעריקייט? אז זי הערט זיך צו, וואס איר טאכטער רעדט, האט זי דערויף רעכט און ס׳איז ניט קיין נידעריקייט, — איז Lise אויפגעשפּרונגען. — איר מעגט זיין זיכער, אלעקסיי פיאדאראוויטש, אז ווען איך וועל אליין זיין א מאמע און איך וועל אויך האבן אזא טאכטער, ווי איך, וועל איך ניט אנדערש ווי אונטערהערן בא איר אונטער דער טיר.

— באמת, Lise? דאס איז ניט גוט.

— אוי, גאט מיינער, וואס איז דא פאר א נידעריקייט? אז

עס וואלט געווען עפּעס א געוויינלאכער ווערטלאכער געשפּרעך און איך וואלט אונטערגעהערט, איז דאס א נידעריקייט. אבער דא האט זיך אן אייגענע טאכטער פארשפּארט מיט א בחור אין א צימער.. הערט אויס, אליאשא, זייט וויסן, אז איך וועל אף אייך אכטונג געבן, ווי מיר'ן נאר חתונה האבן, און זייט וויסן אויך, אז איך וועל אלע אייערע בריוו עפענען און אלצדינג לייענען . . . דאס מעגט איר אייך וויסן פריער . . .

— אוודאי, פארשטייט זיך, אויב אזוי . . . — האט אליאשא געמורמלט, — אבער דאס איז ניט גוט . . .

— אוי, ס'ארא האַס! אליאשא, טייערער, לאמיר זיך ניט קריגן פון דעם ערשטן טאג אן, — איך וועל בעסער זאגן אייך דעם גאנצן אמת: ס'איז פארשטייט זיך זעער מיאוס אונטערצוהערן און איך בין געוויס אומגערעכט, פונדעסטוועגן איך וועל אָבער פארט אונטערהערן.

— איר מעגט אייך הערן, איר וועט קיין שום זאַך אַזוינס נישט דערהערן הינטער מיר, — האט זיך אַליאָשאַ פאַנאַנדערגעלאַכט.

— אַליאָשאַ, און פאָלגן וועט ער מיך? דאָס דאַרף מען אויך וויסן פריער.

— מיט כל הכבוד, Lise, פארקערט, עס קאָן גאר אנדערש קיין רייד נישט זיין, אבער ניט אין דאס סאַמע וויכטיקסטע. אין דאָס סאַמע וויכטיקסטע, אויב איר וועט ניט זיין מסכים מיט מיר, וועל איך פונדעסטוועגן טאָן אזוי, ווי דער חוב וועט מיר הייסן.

— אַזוי דאַרף מען אויך. טאָ זייט זשע וויסן, אז איך בין אויך ניט נאר וואס גרייט אין דאס סאמע וויכטיקסטע צו פאָלגן, נאָר איך וועל אייך אלצדינג נאָכגעבן און איך גיב אייך שוין איצט טאַקע אף דעם א שבועה, — אלצדינג אפן גאַנצן לעבן, — האט פלאמיק אויסגערופן Lise, — און טאָן וועל איך דאס מיט פרייד, מיט פרייד! ניט נאָר דאס, איך שווער אייך, אז איך וועל קיינמאָל נישט אונטערהערן הינטער אייער טיר, קיין מאל אין לעבן ניט, איך וועל קיין איין בריוו אייערן נישט לייענען, וואָרים גערעכט זייט איר, ניט איך. און כאטש אפילו איך וועל שטארק וועלן אונטערהערן, איך ווייס דאך דאָס, וועל איך דאס אבער פארט ניט טאָן, ווייל איר האַלט, אז

דאס איז ניט גוט. איר זייט איצט די השגחה מיינע ··· הערט, אלעקסיי פיאָדאָראָוויטש, פארוואס זייט איר די לעצטע טעג אזוי באַטריבט, סיי נעכטן סיי היינט? איך ווייס, אז איר האט דאגות, צרות, אבער איך זע חוץ דעם, אז איר האט עפעס אַ באַזונדערן צער, — א פארבאָרגענעם, האַ?

— יע, Lise, א פארבאָרגענער אויך, — האָט טרויעריק אנגערופן זיך אַליאָשאַ. — איך זע, אז איר האָט מיך ליב, אויב איר האָט דאס געטראָפן.

— וואס פאר א צער? פון וואס? מ׳מעג דערציילן? האט מיט א ציטערדיק געבעט אנגערופן זיך Lise.

— שפעטער וועל איך אייך דערציילן Lise ··· שפעטער ··· האט זיך אַליאָשאַ פארלאָרן, — איצט, קאָן זיין, וועט דאס זיין ניט פארשטענדלאך אייך, און איך וועל דאס גאר אליין אויך אפשר נישט קאָנען דערציילן.

— איך ווייס, אויסער דעם, אז עס מאטערן אייך אייערע ברידער, אייער פאטער?

— יע, די ברידער אויך, — האט אליאָשאַ א זאָג געטאָן ווי פאטראכטערהייט.

— איך האב אייער ברודער איוואַן פיאָדאָראָוויטשן פיינט, אליאָשאַ, — האט Lise מיטאמאל געזאגט צו אים.

אליאָשא האט די דאזיקע ווערטער אריינגענומען אין זכרון מיט א געוויסער פארוואונדערונג, ער האט זיך אבער ניט אפגעשטעלט אף דעם.

— די ברידער פטרן אוועק איינער דעם אנדערן, — האט ער ווייטער געזאגט, — דער פאטער אויך, און זיי פטרן אנדערע אויך אוועק מיט זיך. דא איז „א מגושמדיקער קאַרמאַזאָוואָוס כוח״, ווי פאטער פּאַאיסי האט זיך אנומלט אויסגעדריקט, — א מגושמדיקער און א ווילדער, א חמורשער ··· עס איז גאר א פראגע צי עס שוועבט אפילו א רוח אלקים איבער דעם דאזיקן כוח — דאס ווייס איך אויך נישט. איך ווייס נאר, אז איך גופא בין אויך א קאַראַמאַזאָוו ··· איך בין א מאנאך, א מאנאך? א מאנאך בין איך, Lise? איר האט, דאכט זיך, אקאָרשט געזאגט, אז איך בין א מאנאך?

— יע׳ כ׳האב דאס געזאגט.

— אבער איך גאט׳ קאן זיין, גלויב איך נישט.

— איר גלויבט נישט, וואס איז מיט אייך? — האט שטיל און פארזיכטיק אנגערופן זיך Lise. אבער אליאָשא האט נישט געענטפערט אף דאס. אין אט די צו־פלוצלונגדיקע ווערטער זיינע איז געווען עפעס אזוינס צופיל פארבארגענעס און צופיל פערזענלאכעס, פאר אים אליין אפשר אומקלארעס, אזוינס אבער, וואס עס האט אים שוין אָן אַ ספק געפייניקט.

— היינט איצט, חוץ אלץ, שטארבט אוועק מיין פריינד, דער איינציקער מענטש אף דער וועלט גייט אוועק פון דער וועלט. ווען איר וואָלט געוואוסט, ווען איר וואלט געוואוסט, Lise, ווי איך בין צונויפגעבונדן, ווי איך בין גייסטיק באהעפט מיט אט דעם מענטשן! און איצט וועל איך בלייבן אליין . . . איך וועל קומען צו אייך, Lise . . . אף להבא וועלן מיר זיין צוזאמען . . .

— יע, צוזאַמען, צוזאַמען! פון איצט אן שטענדיק צוזאַמען אפן גאנצן לעבן. איר הערט, גיט מיר אַ קוש, מ׳מעג.

אליאָשא האט זי א קוש געטאָן.

— נו, איצט גייט אוועק, זאל דער אויבערשטער זיין מיט אייך! (און זי האט אים איבערגעצלמט). גייט אף גיך צו א י ם כל זמן ער לעבט. איך זע, אז איך האב אייך אכזריותדיק פארהאלטן דא. איך וועל היינט תפילה טאָן פאר אים און פאר אייך. אליאשאַ, מיר וועלן זיין גליקלאַך! מיר׳ן זיין גליקלאַך, מיר׳ן זיין?

— דאכט זיך, אז מיר׳ן זיין, Lise.

אז אליאשא איז ארויס פון Lise, איז אים נישט איינגעפאלן אריינגיין צו פרוי כאָכלאקאָווא און, נישט געזעגענענדיק זיך מיט איר, האט ער גענומען ארויסגיין פון שטוב. אבער ווי נאר ער האט אויפגע־עפנט די טיר און איז ארויס אף די טרעפ, ערשט פון־וואנען פון־וואס, פרוי כאָכלאַקאָוואַ אליין שטייט לעבן אים. פון דעם ערשטן וואָרט האט אליאשא אנגעשטויסן זיך, אז זי האט דא געווארט אף אים מיט א כיוון.

— אלעקסיי פיאדאראוויטש, דאס איז א שרעק, דאס זיינען

קינדערשע נארישקייטן און אלצדינג איז א שטות. איך האף, אז איר וועט נישט חלומן . . . ס׳איז נארישקייטן, סאיז נארישקייטן שבנארישקייטן! — האט זי זיך ארויפגעווארפן אף אים.

— זאגט דאס אָבער איר ניט, — האט זיך אנגערופן אליאשא, — א ניט וועט זי זיין אויפגערעגט, און דאס איז איצט שעדלאך פאר איר.

— וועל איך הערן א קלוגן ווארט פון א קלוגן יונגן מאן. זאל איך דאס פארשטיין אזוי, אז איר גופא זייט נאר דערפאר געווען מסכים מיט איר, ווייל האבנדיק מיטלייד מיט איר קרייַנקלאכן צושטאַנד, האט איר ניט געוואלט אויפרעגן זי מיט דעם, וואס איר וועט זאגען: ניין?

— גאר, להלוטין ניט אזוי, איך האב זעער ערנסט גערעדט מיט איר, — האט אליאשא מיט א פעסטקייט איר געגעבן צו וויסן.

— פון ערנסטקייט קאן דא ניט זיין קיין רייד, און ס׳איז ניטא וואס צו רעדן, און ערשטנס, וועל איך אייך פון איצט אָן גאר אינגאנצן נישט אויפנעמען אפילו, און צווייטנס, וועל איך אוועקפאָרן און איך וועל זי אוועקפירן, זייט וויסן דאס.

— פארוואס אבער? — האט געזאגט אליאשא, — דאס איז דאך א מעשה אף־וועך, א יאר אנדערהאלבן וועט דאך נאך אויסקומען אפשר צו ווארטן.

— אוי, אלעקסיי פיאדאראוויטש, דאס איז, פארשטייט זיך, אלצדינג אמת, און אין אנדערהאלבן יאר וועט איר זיך טויזנט מאל צוקריגן מיט איר און פאנאנדערגיין זיך. אבער איך בין אזוי אומגליקלאך, אזוי אומגליקלאך! זאל זיין, אז דאס איז אלץ נארישקייטן, דאס האט מיך אבער געטראפן ווי מיט א דונער. איצט בין איך אזוי, ווי פאַמוסאָוו אין דער לעצטער סצענע, איר זייט טשאַצקי, זי סאָפיא, און מאָלט זיך אייך, אז איך בין מיט א כיוון ארויסגעלאפן אהער אף די טרעפ, כדי צו טרעפן אייך, ווארים דארטן איז דאך אויך דער גאנצער אומגליק פארגעקומען אף די טרעפ. איך האב אלצדינג געהערט, איך בין קוים איינגעשטאנען. איז אט וואו עס ליגט דער סוד פון די אלע שרעקן פון היינט ביינאכט און פון די אלע פריערדיקע היסטעריקעס! די טאָכטער פראוועט ליבעס, און די

מאַמע שטאַרבט אַוועק. כאָטש קריך אַריין אין דר׳ערד. איצט אָבער דאָס צווייטע און דאָס סאַמע וויכטיקסטע: וואָס איז דאָס פֿאַר אַ בריוו, וואָס זי האָט אייך געשריבן, ווייזט מיר אים די רגע אַהער, די רגע!

— ניין, מ׳דאַרף נישט. זאָגט. וואָס מאַכט קאַטערינאַ איוואַנאָוונאַ. איך מוז דאָס נייטיק וויסן.

— זי ליגט נאָך אַלץ אין היץ, איז נאָך אַלץ ניט געקומען צו זיך; אירע מומעס זיינען איצט דאָ. האַלטן אין איין זיפֿצן און איין אייַנבלאָזן זיך, און הערצענשטובע איז געקומען און האָט זיך אַזוי דערשראָקן, אַז איך האָב אַפֿילו נישט געוואוסט. וואָס צו טאָן מיט אים און מיט וואָס איך זאָל אים אָפּמינטערן, איך האָב שוין אַפֿילו געוואָלט שיקן נאָכן דאָקטאָר. מ׳האָט אים אָוועקגעפֿירט אין מיין עקיפּאַזש. איז טאָמער דאָס אַלץ איז נאָך קנאַפּ, זייט איר מיטאַמאָל אַראָפּגעקומען מיטן בריוו. אמת, דאָס איז נאָך אַלץ, אַ מעשה אין אַנד׳ערהאַלבן יאָר אַרום. איך׳ב נאָמען פֿון אַלץ, וואָס איז דערהייבן און הייליק, איך׳ב נאָמען פֿון דעם סטאַרעץ אייערן, וואָס גייט אוועק אויף דער אמתער וועלט. ווייזט מיר דעם בריוו, אַלעקסיי פֿיאָדאָראָוויטש, מיר, דער מוטער! אויב איר ווילט, טאָ האַלט אים צו מיט די פֿינגער, און איך וועל לייענען פֿון אייער האַנט.

— ניין, כ׳וועל ניט ווייזן, קאַטערינאַ אָסיפּאָוונאַ, אַז זי וועט הייסן אַפֿילו. וועל איך אויך ניט ווייזן. איך וועל מאָרגן קומען און, ווען איר וועט וועלן, וועל איך זיך דורכרעדן מיט אייך וועגן אַסך זאַכן, אָבער איצט — זייט געזונט!

און אַליאָשאַ איז אַראָפּגעפֿלויגן פֿון די טרעפּ אויפֿן גאַס.

II

סמערדיאַקאָוו מיט דער גיטאַרע

און ער האָט טאַקע גלאַט קיין צייט ניט געהאַט. עס האָט בײַ אים אַ בליץ געטאָן אַ געדאַנק, בשעת ער האָט זיך נאָך געזעגנט מיט Lise. אַ געדאַנק: ווי זאָל ער אויפֿן סאַמן קליגסטן אופֿן קאָנען גלייך כאַפּן ערגעץ דעם ברודער דמיטריען, וואָס ער באַהאַלט

זיך קענטיק אויס פון אים? ס'איז שוין געווען ניט פריי, ס'איז געווען א זייגער דריי נאך האלבן טאג. מיט זיין גאַנצן לייב און לעבן האט אליאשא זיך געריסן אין מאנאסטיר צו זיין „גרויסן” נפטר, די באדערפעניש אָבער זען דעם ברודער דמיטריען האט אלץ אריבערגעוואויגן: אין אליאשעס פארשטאַנד איז מיט יעדער שעה אלץ מער און מער געוואקסן די איבערצייגונג וועגן אן אומפארמיידלאכער מוראדיקער קאַטאַסטראפע, וואס קאן פארקומען, און וואָס גראד עס אַיז באשטאַנען די דאזיקע קאַטאסטראָפע און וואס אזוינס ער וואלט אין דער מינוט געוואלט זאגן דעם ברודער, וואלט ער אפשר אליין אויך ניט געקאנט באַשטימען. „זאל דער באשיצער מיינער שטאַרבן אָן מיר, איך וועל אָבער לכל הפחות נישט אויפווארפן זיך דעם גאנצן לעבן, אז איך וואלט אפשר עפעס יע געקאנט ראטעווען און איך האב ניט געראַטעוועט, דורכגעגאנגען פארביי, געאיילט זיך צו זיך אהיים. אויב איך וועל טאן אזוי, וועל איך טאן על פי זיין גרויסן וואָרט” . . .

דער פלאן זיינער איז באשטאנען אין דעם, טרעפן דעם ברודער דמיטריען אומגעריכטערהייט, א שטייגער אזוי: אריבערקריכן, ווי נעכטן, איבער יענעם פלויט, אריין אין סאד און פארקלייבן זיך אהין אין יענעם ביידל אריין. „אויב אבער ער איז דארטן ניטא, האט געטראַכט אַליאשא, וועל איך, ניט באווייזנדיק זיך ניט פאר פאָמען, ניט פאר די באלעבאסטעס, זיך באהאלטן און וועלווארטן אין ביידל כאטשבי ביז נאכט. אויב ער היט ווי פריער גרושענקען, קאן זעער געמאלט זיין, אז ער זאל טאקע קומען אין ביידל” . . . אליאשא האט איבעריקנס צופיל נישט געטראכט מכוח די פרטים פון דעם פלאן, אבער ער האט באשלאסן צו פארווירקלאכן אים, ווען עס זאל אפילו אויסקומען נישט צו קאנען באווייזן אין מאנאסטיר . . .

אלץ איז אריבער כשורה; ער איז אריבערגעקראָכן דעם פלויט כמעט אפן זעלביקן ארט, וואו נעכטן, און זיך אריינגעגנבעט אין ביידל. ער האט נישט געוואלט, אז מ'זאל אים באמערקן: סיי די באלעבאָסטע, סיי פאָמאַ (ווען ער איז דא) קאנען זיין יד־אחת מיטן ברודער און טאָן דאס, וואס ער הייסט — אדער איינגאנצן ניט ארייַנלאָזן אַליאָשען אין סאָד, אדער באַצייטנס מודיע זיין דעם ברודער, אז

מ׳זוכט אים און מ׳פרעגט זיך נאך אף אים. אין ביידל איז קיינער נישט געווען. אליאשא האט זיך אוועקגעזעצט אף דעם נעכטיקן ארט און גענומען ווארטן. ער האט באקוקט דאס ביידל, זי האט אים עפּעס אויסגעזען אסך עלטער, ווי נעכטן; א מין סקראַבע אזא האט זי אים איצט אויסגעזען. דער טאג אגב איז געווען פּונקט אזא לויטערער, ווי נעכטן. אפן גרינעם טיש האט זיך אפּגעשטעמפּלט אַ רעדל, אפּנים פון דעם נעכטיקן איבערגעגאסענעם גלעזל קאניאק. געדאנקען נארישע און אָן א ברעקל שייכות צו דער זאך, זיינען ווי תּמיד בא א לאנגווייליקן ווארטן, געקראכן צו אים אין מוח: למשל פּארוואס האט ער, בעת ער איז איצט אריין אין ביידל, זיך געזעצט דווקא אפן זעלביקן ארט, וואו ער איז נעכטן געזעסן, און למאי נישט אף קיין אַנדערן? שפּעטער האט ער געקראָגן א שווער געמיט, א שווער געמיט פון אן אומרואיקער אומבאשטימטקייט. אבער ער איז נישט אפּגעזעסן קיין פערטל שעה אפילו, ווי ער האט דערהערט מיטאמאל, עפּעס פון גאר נאהנט, אן אַקאָרד פון א גיטאַרע. מ׳איז געזעסן, אדער עמיצער האט זיך אקארשט געזעצט, בא אַ טריט צוואַנציק פון אים, נישט מער, ערגעץ אין די קוסטעס. אליאשא האט זיך פּלוצים דערמאנט, אז בעת ער איז נעכטן אוועק פון ברודער, דאָ פון ביידל, האט אים ווי א שיין געטאָן צו, דער לינקער האנט ביים פּלויט צווישן די קוסטעס א נידעריקער, אלטער, גרינער גארטן־בענקל. אף דעם דאזיקן בענקל האבן זיך דאס משמעות איצט די געסט אַנידערגעזעצט. אָבער ווער? א מאנסבילשער קול האט אנגעהויבן מיטאמאל זינגען מיט א זיסינקער פּיסטל־שטים א קופּלעט און אקאמפּאנירט זיך אליין אף א גיטאַרע:

מיט א גרויסן כּוח
ליב איך מיין ליבסטע,
זיי גאט משמח
זי און מיך!
זי און מיך!
זי און מיך!

די שטים איז אנטשוויגן געווארן. א טענאר פון א לאַקיי און דער מין־לידל אויך פון א לאַקיי. א צווייטע שטים, שוין פון

א פרויענצימערי האט זיך אנגערופן מיטאמאל אזוי צערטלענדיק און עפעס ווי מיט מורא, אבער שטארק חנדלענדיק זיך פונ־דעסטוועגן:

— פארוואס עפעס קומט איר צו אונז ניט אזא צייט, פּאַוועל פיאדאראוויטש, פארוואס פאראכט איר אונז כסדר?

— גארנישט, — האט אפגעענטפערט די מאנסבילשע שטים, אמת, העפלאך אפילו, אבער קודם כל מיט א פעסטער און זיכערער חשיבות, קענטיק, די איבערהאנט האט געהאט דער מאנסביל און געחנדלט זיך האט די פרוי. „דער מאנסביל – דאס איז דאכט זיך סמערדיאַקאָוו, האט א טראכט געטאן אליאשא, על כל פנים נאכן קול נאך, און די דאמע, דאס איז מסתמא דער באלעבאסטעס טאכטער פון דעם דאזיקן שטיבל, וואס איז געקומען צופארן פון מאסקווע, וואס טראגט א קלייד מיט אן עק און גייט צו מאַרפע איגנאַטיעוונען נאך זופ" . . .

— איך האב שרעקלאך ליב א געדיכט מיט גראמען, ווען ס׳איז פיין — האט ווידער גערעדט די פרויען־שטים. — פארוואס זינגט איר ניט ווייטער? — די שטים האט פונדאסניי אנגעהויבן זינגען:

א קרוין פון א מלך,
אז געזונט זאל זיין מיין ליבסטע,
זייַ גאט משמח
זי און מיך!
זי און מיך!
זי און מיך!

— יענעם מאל איז נאך בעסער געווען, — האט זיך אנגע־רופן די פרויען־שטים. — איר האט געזונגען מיט דער קרוין: „אז געזונט זאל זיין מיין לובעניו". אזוי איז צארטער ארויסגעקומען, איר׳ט מסתמא היינט פארגעסן.

— געדיכטן איז א שטות, — האט אפגעשניטן סמערדיאַקאָוו.

— אָ, ניין, איך האב זייער ליב א געדיכטל.

— א געדיכט איז דאס אַן אמתער שטות. באטראכט נאר אליין, ווער רעדט דאס אף דער וועלט אין גראמען? און אז מיר

וואלטן אלע אנגעהויבן רעדן מיט גראמען, ווען אפילו נאטשאלסטווע זאל הייסן, וואלטן מיר דען אסך אנגערעדט? פערזן איז קיין עסק ניט, מאַריאַ קאָנדראַטיעוונאַ.

— ווי קלוג איר זייט דאס אין אלצדינג, ווי אזוי ווייסט איר דאס אלצדינג? — האט אלץ מער און מער געצערטל זיך די פרויען־שטים.

— איך וואלט נאך געקענט ניט דאס. איך וואלט נאך געוואוסט ניט נאר דאס, ווען ניט דער גורל מיינער פון מיין סאמער קינדהייט אן. איך וואלט אף א דועל פון א פיסטאלעט יענעם דערהרגעט, ווען עס וואלט מיר געזאגט, אז איך בין דערפאר אן אויסוואורף, ווייל איך בין געבארן געווארן אָן א טאטן פון א שטינקעדיקער. און זיי פלעגן מיר מיט דעם אין מאסקווע אויך רק שטעכן די אויגן, דאס האב איך צו פארדאנקען גריגארי וואַסיליעוויטשן, וואס דאס האט צוליב אים פון דאנען דערגרייכט. גריגארי וואַסיליעוויטש ווארפט מיר אויף, אז איך שטעל זיך אנטקעגן מיין געבורט: „דו האסט איר, זאגט ער, געעפנט די מוטערס טראכט". די טראכט זאל זיך זיין די טראכט, איך וואלט זיך אבער געלאזן דערהרגענען נאך ליגנדיק אין בויך מיטן תנאי, אז איך זאל גאר אינגאנצן ניט באשאפן ווערן אף דער וועלט. אפן מארק האט מען גערעדט פון דעם, און די מאמינקע אייערע, מעג איך אייך זאגן, האט אויך, צוליב איר גרויסער ניט־אנשטענדיקייט, גענומען דערציילן מיר, אז זי האט געהאט א קאלטון אפן קאפ, און גרויס איז זי געווען סך הכל צוויי ארשין מיט עפ־פעס. פארוואס מיט עפ־פעס, אז מ׳קאן זאגן פשוט מיט עפעס, ווי אלע מענטשן זאגן? האט געוואלט ארויסרעדן מיט רחמנות, איז דאך דאס, אזוי צו זאגן, א רחמנות פון א מוזשיק, די געפילן אפילו אויך פון א מוזשיק. קאן דען א רוסישער מוזשיק לגבי א געבילדעטן מענטשן האבן א געפיל? צוליב דער ניט־געבילדעטקייט זיינער קאן ער קיין שום געפילן ניט האבן. פון קינדווייז אָן ווי איך פלעג נאר דערהערן „מיט עפ־פעס", איז ווי איך וואלט זיך געגעבן א זעץ אָן וואנט. איך האַס גאנץ רוסלאנד, מאַריאַ קאָנדראַטיעוונאַ.

— ווען איר וואלט אבער געווען א יונקערל ביים מיליטער, אדער א יונגינקער הוסאריקל, וואלט איר ניט אזוי גערעדט, נאר איר וואלט ארויסגענומען די סאבליע און איר וואלט גאנץ רוסלאנד פארטיידיקט.

— ניט נאר וואס איך וויל ניט זיין קיין הוסאריקל ביים מיליטער, מאַריאַ קאָנדראטיעוונאַ, נאר, אדרבה, איך פארלאנג, אז מ׳זאל בטול מאכן אלע סאלדאטן.

— און אז דער פיינד וועט קומען, ווער זשע וועט אונז פארטיידיקן?

— אז מ׳דארף גארניט. אין צוועלפטן יאר איז געווען דער גרויסער מארש אף רוסלאנד, פון דעם פראנצויזישן קיסרס נאפאלעאן דעם ערשטן, דעם איצטיקנס טאטע, און עס וואלט געווען א יושר, ווען די דאזיקע פראנצויזן וואלטן אונז דעמאלט איינגנומען: א קלוגע נאציע וואלט איינגענומען א זייער נארישע און פאראייניקט צו זיך. עס וואלטן גאר אפילו אנדערע ארדענונגען געווען.

— אקוראט ווי זיי וואלטן שוין דארטן בא זיך געווען בעסער פאר אונזערע? איך וועל אן אנדער פראַנטל אונזערן אפילו פאר קיין דריי ענגלענדער ניט פארבייטן, — האט צארט אנגערופן זיך מאַריאַ קאָנדראַטיעוונאַ און מסתמא געמאכט בשעת מעשה מיט די אויגן א שמאכטנדיקן בליק.

— דאס איז א פראגע, ווי ווער עס האט ליב.

— און איר אליין זייט דאך אויך פונקט ווי אן אויסלענדער, פונקט ווי דער סאמער איידלסטער אויסלענדער, דאס זאג איך אייך שוין ניט קוקנדיק, וואס איך שעם זיך.

— אויב איר ווילט וויסן, זיינען נאך דער אויסגעלאסנקייט נאך סיי יענע, סיי אונזערע אלץ איינס. אלע זיינען כל־בוניקעס. נאר דער חילוק א־ז, וואס יענער גייט אין לאקירענע שטיוול, און אונזער דבר־אחר עיפושט אין זיין דלות, און געפינט קיין שום בייז ניט אין דעם. דעם רוסישען פאלק דארף מען שמייסן, ווי פיאדאר פאוולאוויטש האט נעכטן ריכטיק געזאגט, כאטש אפילו ער איז א טירוף־א מענטש מיט די אלע בנים זיינע.

— איוואַן פּיאַדאָראַוויטשן, האָט איר אַליין געזאָגט, אַז איר אַכט אים.

— און זיי האָבן זיך װעגן מיר אױסגעדריקט, אַז איך בין אַ שטינקעדיקער לאַקײ. זיי האַלטן מיך, אַז איך קאָן בונטעװען; דאָס האָבן זיי מחילה אַ טעות. איך װאָלט נאָר געהאַט אין מיין טאַש די גױטיקע סומע געלט װי כ׳װאָלט שוין דאָ לאַנג ניט געװען. דמיטרי פּיאַדאָראָװיטש איז ערגער פאַר איטלעכן לאַקײ סײ לױט זיין אױפפירן זיך, סײ לױט זיין שׂכל, סײ לױט דער קבצנות זײַנער, און ער קאָן זיך צו קיין זאַך ניט צושטעקן און אַדרבא אַלע אַכטן אים. לאָמיר זאָגן, איך בין נאָר אַ קעכער, אָבער אַז איך זאָל האָבן מזל קאָן איך עפענען אין מאָסקװע אַ קאַפע־רעסטאָראַן אױף פּעטראָװקע. װאָרים איך קאָך אױף אַ ספּעציעלן אופן און אין מאָסקװע קאָן דאָס קײנער ניט פון זײ, חוץ די אױסלענדער. דמיטרי פּיאַדאָראָװיטש איז הײל װי פּיסטױל, זאָל ער אָבער אַרױסרופן דעם גרעסטן גראַפס זון אױף אַ דועל, און יענער װעט אָננעמען, און מיט װאָס איז ער דאָס בעסער פון מיר? דערפאַר װאָס ער איז ניט אין אַן ערך נאַרישער פון מיר. האָט אַזױ פיל געלט צעטעכערט אָן אַ שום תּכלית.

— אױף אַ דועל, מיין איך, איז זײער גוט, — האָט זיך אָנגערופן מיטאַמאָל מאַריאַ קאָנדראַטיעװנאַ.

— מיט װאָס אין ערך?

אַזױ שרעקלאַך און העלדיש, דערהױפּט װען יונגינקע אָפיצערע־לאַך מיט פּיסטאָלעטן אין האַנט פּעכטן אײנער קעגן דעם אַנ־דערן פאַר אַ געליבטער. סתּם זיך אַ בילדל. אױ, אַז מ׳װאָלט געלאָזן מײדלאַך זען, װאָלט איך שרעקלאַך געװאָלט אַ קוק טאָן.

— ס׳איז גוט װען ער שיסט אַלײן, אַז מ׳איז אָבער אים גופא מכבד גלײך אין דער שנוקע אַרײן, איז דאָס דעמאָלט זײער ניט קײן גוטער געפיל. איר װעט אַנטלױפן פון אָרט, מאַריאַ קאָנדראַטיעװנאַ.

— נישײם זע װאָלט איר אַנטלאָפן?

אָבער סמערדיאַקאָװ האָט ניט אָנגעטאָן דעם כּבֿוד צו ענט־פערן. נאָך אַ װײלע שװײַגן האָט זיך װײַטער געלאָזט הערן אַן אַקאָרד און די פּיסטל־שטים האָט זיך צעגאָסן מיטן לעצטן קופּלעט:

„וואס עס זאל ניט זיין
אַוועק וועל איך פון דאנען,
זיך פרייען מיטן לעבן
און אין הויפּט־שטאט גיין.
איך וועל ניט זאָרגן,
וועל אינגאנצן ניט זאָרגן,
וועל אפילו גאָר ניט אָנהייבן צו זאָרגן!"

דא האט זיך געטראָפן אן אומגעריכטע זאך: אליאשאַ האט מיטאמאל א ניס געטאן; אפן בענקל איז מען די רגע שטיל געווארן. אליאשא האט זיך אויפגעהויבן און איז צוגעגאנגען צו זיי. דאס איז באמת געווען סמערדיאַקאָוו, אן אויסגעפּוצטער, אן אויסגעשמירטער, די האר שיר ניט אין גרייזלאך, און דערצו אין לאַקירענע שיך. די גיטארע איז געלעגן אפן בענקל. די דאמע ווידער איז געווען מאַריאַ קאָנדראַטיעוונאַ, דער באלעבאסטעס טאכטער; א קלייד האט זי געטראגן א העל־בלייכקיט, מיט אן עק פון צוויי ארשין די לענג; דאס מיידל איז נאך געווען א יונגינקע און וואלט געווען גארניט קיין מיאוסע, ווען ניט דער צו קיילעכדיקער פּנים מיט די מוראדיקע זומער־שפּרינגלאך.

— וועט דער ברודער דמיטרי קומען באלד צוריק? — האט געפרעגט אליאשא, באמיענדיק זיך וואס רואיקער.

— פארוואס זאל איך דאס קאנען וויסן וועגן דמיטרי פיאדאראוויטשן? איך פארשטיי, ווען איך וואלט געווען זייערער א שומר, — האט שטיל, מיט איינציקע ווערטער און מיט אן אפּשטויסונג געענטפערט סמערדיאקאוו.

— איך האב פשוט געפרעגט, צי איר ווייסט נישט? — האט אליאשא דערקלערט.

— איך ווייס קיין זאך ניט וועגן זייער געפינען זיך, און איך וויל גלאט ניט וויסן.

— אבער דער ברודער האט מיר געזאגט, אז טאקע איר גיט דאס אים צו וויסן וועגן אלץ, וואס עס טוט זיך אין שטוב, און איר האט אים צוגעזאגט אויך מודיע זיין, ווען אַגראַפענאַ אַלעקסאַנדראוונאַ וועט קומען.

סמערדיאַקאָוו האָט לאַנגזאַם און גישט אויפגערעגטערהייט געגעבן א הייב־אויף אָף אים די אויגן.

— אָבער דורך וואָנען זייט איר דאָס איצט אריין אהער, אַז שוין פון א שעה צייט, ווי דער טויער איז פארשלאסן אָפּן שלאָס? — האָט ער א פרעג געטאָן, קוקנדיק שאַרף אָף אַליאָשען.

— איך בין געגאַנגען פון געסל און בין אריבער איבערן פּלויט גלייך איןביידל. איך האָף, אַז איר וועט דאָס מיר מוחל זיין, — האָט ער זיך געווענדט צו מאַריאַ קאָנדראַטיעוונאַ, — איך האָב געמוזט אָף־גיך טרעפן דעם ברודער.

— אָך, ווי קומען מיר דען פאראיבל צו האָבן אָף אייך! — האָט מאַריאַ קאָנדראַטיעוונאַ אויסגעצויגן, קוויקנדיק זיך, וואָס אַליאָשאַ האָט געבעטן מחילה, — ווייל דמיטרי פיאָדאָראָוויטש גייען אויך אָפט אַזוי אריין אין ביידל, דאַכט זיך מיר ווייסן גאָרניט, און ער זיצט זיך שוין אין ביידעלע.

— איך זוך אים איצט זייער שטאַרק, כ'וואָלט אים זייער געוואָלט זען אָדער דערוויסן זיך פון אייך, וואו ער געפינט זיך איצט. גלויבט מיר, אַז איך דאַרף אים זען וועגן א זייער וויכטיקער זאַך, וואָס איז אים אליין נוגע.

— זיי זאָגן אונז קיין זאַך ניט, — האָט מאַריאַ קאָנדראַטיעוונאַ אָפּגעקלאַפּט.

— איך מעג אפילו קומען אהער על פי באַקאַנטשאַפט, — האָט סמערדיאַקאָוו ווידער אָנגעהויבן, — פּלעגן זיי מיר אָבער דאָ אויך מאַטערן ניט אָף קיין מענטשישן שטייגער מיט שטענדיקע פראַגעס וועגן דעם פּריץ: וואָס הערט זיך דאָרטן, ווער קומט צו גיין און ווער גייט אַוועק, און צי קאָן איך אים ניט א איבערגעבן עפּעס קיין נייס. צוויי מאָל אפילו געסטראַשעט מיר מיטן טויט.

— וואָס הייסט מיטן טויט? — איז אַליאָשאַ פארוואונדערט געוואָרן.

— פאר זיי איז דען דאָס עפּעס א זאַך, מיט זייער כאַראַקטער, וועלכן איר האָט אליין נעכטן געזען. אויב איך וועל, זאָגן זיי, דורכלאָזן אַגראַפענאַ אַלעקסאַנדראָוונען, און זי וועט דאָ נעכטיקן —

איז גייסטו דער ערשטער אף יענער וועלט. איך האב פאר זיי זעער מורא, און אז איך וואלט נאך ניט מורא געהאט מער, וואלט איך דאס גאר געמוזט זאגן דער נאטשאלסטווע פון שטאט. גאט ווייס, וואס זיי קאנען אנמאכן.

— אנומלט האבן זיי געזאגט צו זיי, — האט צוגעגעבן מאריא קאַנדראַטיעווגא, — „אין א סטופע וועל איך דיך צעשטויסן".

— נו, אויב נאר אין א סטופע, איז דאס אפשר נאר גערעדט...

— האט אליאשא זיך אנגערופן — אז איך וואלט אים געקאנט איצט טרעפן, וואלט איך עפעס געזאגט וועגן דעם אויך . . .

— אט וואס איך קאן אייך נאר זאגן, — האט סמערדיאקאָוו ווי מיטאמאל באטראכט זיך. — איך קום אהער על פי שטענדיקע באקאַנטשאפט פון שכנים, און ווי אזוי זאל איך דאס ניט קומען? וואס איז שייך אבער דערצו האט מיך איוואן פיאדאראוויטש היינט באגינען געשיקט צו זיי אהיים אין דער אזערנער גאס, אָן א בריוו, און געהייסן איבערגעבן, אז דמיטרי פיאדאראוויטש זאלן למען השם קומען אין שיינק, וואס אפן פלאץ, כדי אינאיינעם עסן מיטאג. איך בין געגאנגען, אבער דמיטרי פיאדאראוויטשן האב איך ניט גע־טראפן אינדערהיים, און ס'איז שוין געווען אכט דער זייגער: „איז געווען, זאגן זיי, און איז אוועק", — אט מיט די ווערטער האבן זייערע באלעבאטים געענטפערט. דאס האבן זיי געמאכט איין האנט. אבער איצט, עס קאן טאקע געמאלט זיין, אז אין דער מינוט זיצן זיי אין שיינק מיט דעם ברודער איוואן פיאדאראוויטשן, ווארים איוואן פיאדאראוויטש זיינען ניט געקומען אהיים עסן, און פיאדאר פאוולאָוויטש האבן מיט א שעה צוריק געגעסן אליין און האבן זיך איצט געלייגט אפרוען. איך בעט אייך אבער מיט רחמים, אז איר זאלט זיי קיין זאך ניט זאגן ניט וועגן מיר און ניט וועגן דעם, וואס איך האב אייך געזאגט, ווייל זיי וועלן מיך נעמען פאר א גארנישט און דערהרגענען.

— דער ברודער איוואן האט גערופן דמיטריען היינט אין שיינק? — האט אליאשא האסטיק איבערגעפרעגט.

— יאָ, יאָ.

— אין דעם שיינק „סטאָליטשני גאָראָד", וואס אפן פלאץ?

— יע׳ אין דעם׳ אין דעם׳

— דאס קאן גריילאַך זיין! — האט אויסגערופן אליאשא שטארק צעטראָגן׳ — איך דאנק אייך סמערדיאַקאָווי׳ די ידיעה איז א וויכטיקע׳ איך גיי גלייך אהין׳

— גיט מיך ניט ארויס׳ — האט סמערדיאַקאָוו צוגעגעבן׳

— אך׳ ניין׳ איך וועל קומען אין שיינק ווי אומגעריכטערהייט׳ זייט רואיק׳

— וואוהין גייט איר? איך וועל עפענען די טירל׳ — האט געהאט אויסגערופן מאַריאַ קאָנדראַטיעוונאַ׳

— ניין׳ דא איז נעהנטער׳ איך וועל ווידער אריבערקריכן איבערן פלויט׳

די דאזיקע ידיעה האט אליאשען מוראדיק צעטרייסלט׳ ער האט זיך געלאזן צום שיינק׳ אריינגיין אין שיינק אין זיינע קליידער האט פאר אים ניט געפאסט׳ דערוויסן זיך אבער אף די טרעפ און ארויסרופן זיי׳ דאס האט מען יע געקאנט׳ אבער ווי נאר ער איז צוגעגאנגען צום שיינק׳ ווי עס האט זיך מיטאמאל אויפגעעפנט א פענצטער און דער ברודער איוואן גופא האט אנגעהויבן רופן צו אים פון פענצטער:

— אליאשא׳ קאנסטו אפשר איצט אריין צו מיר אהער?

— אוודאי קאן איך׳ איך ווייס נאר ניט׳ ווי איך זאל אריין אין מיינע קליידער׳

— איך זיץ גראד אין א באזונדערן צימער׳ גיי ארויף אפן גאניק׳ איכ׳ל א שפרונג געטאן אנטקעגן . . .

און אין א מינוט ארום איז אליאשא געזעסן לעבן ברודער׳ איוואן און איז געווען אייבער אליין און האט געגעסן ווארמעס׳

III

די ברידער באקענען זיך

געזעסן איז איוואן אגב ניט אין קיין באזונדערן צימער׳ דאס איז נאר געווען א ווינקל ביים פענצטער׳ אן אפגעצאמטער מיט

א פארהאנג, אבער די, וואס זיינען געזעסן הינטערן פארהאנג, האבן זייטיקע פארט נישט געקאנט זען. דאס דאזיקע צימער איז געווען דער פאדערשטער, און געשטאנען איז אין אים א בופעט בא דער זייטיקער וואנט. דערלאנגער זיינען דארטן אלע ווײלע ארומגעפליגן הין און צוריק. פון געסט איז נאר געווען אײנער אן אלטעטשקער, א געוועזענער מיליטער־מאן, און געטרונקען אין א ווינקל טײ. דערפאר אבער האט זיך פון די איבעריקע חדרים פונ׳ם שײנק געטראגן דער געווײנלאכער ליארם. עס האבן זיך געהערט קולות פון צורופן די דערלאנגער, דאס עפענען פלעשלאך ביר, דאס קלאפן פון די קוילן פון דעם ביליארד און ווי עס רוישט עפעס א שפיל־געצײיג. אליאשא האט געוואוסט, אז איוואן פלעגט כמעט קײנמאל ניט גײן אהער אין דעם דאזיקן שײנק און אז אף שײנקען איז ער בכלל ניט קײן בעלן; הײסט עס, אז ער איז טאקע נאר דעריבער מגולגל געווארן דא, האט ער א טראכט געטאן, — כדי צו טרעפן זיך לויט ווי ער האט אפגערעדט מיטן ברודער דמיטריען. און פונדעסטוועגן איז דער ברודער דמיטרי נישט געווען.

— כ׳וועל דיר הײסן דערלאנגען יאיך צי עפעס אנדערש. דו לעבסט דאך נישט מיט קײן טײ אלײן, — האט אויסגערופן איוואן. קענטיק שטארק צופרידן, וואס ער האט ארײנגענארט אליאשען. ער גופא האט שוין אפגעגעסן און געטרונקען טײ.

— גיב יאיך, דערנאך גיב טײ אויך, איך בין הונגעריק, — האט לוסטיק א זאג געטאן אליאשא.

— און קארשן־זאפט ווילסטו? דא איז דא. דו געדײנקסט, ווי דו האסט בא פאלענאוון האלט געהאט קארשן־זאפט, בשעת דו ביזט געווען א קלײנינקער?

— און דו געדײנקסט דאס? גיב זאפט אויך, איך האב דאס איצטער אויך האלט.

איוואן האט א קלונג געטאן און געהײסן דעם דערלאנגער געבן יאיך, טײ און זאפט.

— איך געדײנק אלצדינג, אליאשא, איך געדײנק דיך ביז עלף יאר, מיר איז דעמאלט געווען דער פופצנטער. פופצן און עלף

דאס איז אזא חילוק, אז אין די יארן זיינען ברידער קיינמאל נישט קיין חברים. איך ווייס נישט, צי איך האב דיך האלט געהאט אפילו. בעת איך בין אוועקגעפארן קיין מאסקווע, האב איך זיך אין די ערשטע יארן אפילו גארניט דערמאנט אן דיר. דערנאך, אז דו ביזט אליין געקומען קיין מאסקווע, האבן מיר, דאכט זיך, איין מאל עפעס געטראפן זיך ערגעץ. און דא בין איך שוין אט דעם פערטן חודש, און האב נאך ביז איצט נישט אויסגערעדט קיין האלבן ווארט מיט דיר. מארגן פאר איך אוועק, און זיצנדיק דא, האב איך דאס געטראכט איצטער: ווי אזוי זע איך זיך מיט אים אף צו געזעגענען זיך, ערשט דו גייסט פארביי.

— דו האסט מיך דען זעער שטארק געוואלט זען?

— זעער שטארק, איך וויל זיך באקענען מיט דיר איינמאל פאר אלעמאל און באקענען דיך מיט מיר. און מיט דעם גופא געזעגענען זיך. איך האלט, אז דאס בעסטע איז, ווען מ'באקענט זיך פארן צעשיידן זיך. איך האב געזען, ווי דו האסט געקוקט אף מיר די גאנצע דריי חדשים, אין די אויגן דיינע איז געווען עפעס א שטענדיקער ווארטן, און אט דאס קאן איך נישט פארטראגן, דעריבער בין איך דאס אויך נישט צוגעגאנגען צו דיר. שפעטער אבער האב איך זיך אויסגעלערנט צו אכטן דיך; דער מענטשל, האב איך געטראכט, שטייט פעסט. דו דארפסט וויסן זיין, אז כאטש אפילו איך לאך איצט, אבער איך רעד ערנסט. דו שטייסט דאך פעסט, יע? כ'האב ליב אזוינע פעסטע, אף וואס זיי זאלן אפילו ניט שטיין, און זיי מעגן זיין אפילו אזוינע קליינינקע אינגעלאך, ווי דו. דער ווארטנדיקער בליק דיינער איז מיר שפעטער געווארן גארניט אפשטויסנדיק; אדרבה, כ'האב צום סוף ליב געקראגן דיין ווארטנדיקן בליק . . . דו האסט מיך, דאכט זיך, ליב, אליאשא?

— כ'האב דיך ליב איוואן. דמיטרי זאגט אף דיר: איוואז — איז אן אייזערנע קאסטן. און איך זאג אף דיר: איוואן איז — א רעטעניש. דו ביזט איצט אויך פאר מיר א רעטעניש, נאר עפעס האב איך שוין יע פארשטאנען אין דיר, און דאס איז אלץ נאר פון היינט אינדערפרי!

— וואס זשע אזוינס איז דאס ? — האט אנגעהויבן לאכן איוואן.

— וועסט אבער ניט ווערן אין כעס ? — האט אליאשא אויך געלאכט.

— נו ?

— אט דאס, וואס דו ביזט אויך פונקט אזא יונגער בחור, ווי אלע אנדערע דריי און צוואנציק יאריקע בחורים, פונקט אזא יונגער, א יונגינקער, א לוסטיקער און א טייערער אינגעלע, מיט איין ווארט, א אינגעלע מיט רויטינקע ליפעלאך ! וואס, כ׳האב דיך ניט שטארק באליידיקט ?

— אדרבה, כ׳בין נתפעל פונ׳ם צופאל ! — האט לוסטיק און מיט היץ איוואן אויסגערופן. — וועסט גלויבן, אז נאך אונזער פריערדיקן זיין בא איר, האב איך נאר געטראכט ביי־זיך — וועגן אט די דריי און צוואנציק יאריקע רויטע ליפעלאך מיינע, און דו האסט איצט מיטאמאל ווי געטראפן און אנגעהויבן גלייך מיט דעם. איך בין איצט געזעסן דא און דו ווייסט, וואס איך האב גערעדט צו זיך : ווען איך זאל אפילו נישט גלויבן אין לעבן, ווען איך זאל אויפהערן אפילו גלויבן אין אן איבערגעגעבענער פרוי, ווען איך זאל זיך אפילו מיאש זיין אין דעם סדר־העולם, ווען עס זאל אפילו פאר מיר קלאר ווערן, אז אלצדינג איז א פארשאלטענער און אפשר א טייוולשער כאאס, ווען עס זאל זיך אפילו אראפלאזן אף מיר גאר די שרעק פון דעם מענטשלאכן יאוש, — וועל איך פארט וועלן לעבן, און בין איך שוין יע צוגעפאלן צו דעם דאזיקן בעכער, וועל איך זיך נישט אפרייסן פון אים, ביז איך וועל אים דעם גאנצן נישט בייקומען ! איבעריקנס, צו דרייסיק יאר וועל איך אף געוויס א ווארף טאן דעם בעכער, ווען איך זאל אפילו ניט אויסטרינקען דעם גאנצן און איכ׳ל אוועק . . . איך ווייס ניט וואוהין. נאר ביז די דרייסיק יאר מיינע, דאס ווייס איך זיכער, וועט אלצדינג בייקומען מיין יוגנט, — יעטווידע אנטוישונג, יעטווידע אפשטויסונג צום לעבן. איך האב מיך אפט געפרעגט : צי איז דא אף דער וועלט אזא פארצווייפלונג, אז עס זאל קאנען בייקומען אין מיר אט דעם ווילדן

און אפשר מ׳אוסן דורסט נאכן לעבן, און כ׳האב באשלאסן, אז ס׳איז נישטא דאכט זיך אזא פארצווייפלונג, דאס הייסט אבער ווי־דער ביז צו די דרייסיק יאר, דעמאלט אבער וועל איך שוין אליין ניט וועלן, אזוי דאכט זיך מיר. אט דעם דאזיקן דורסט נאכן לעבן האלטן אפט געוויסע שווינדזוכטיקע מאראליסטן פאר נידער־טרעכטיק, דערהויפט די פאעטן. א שטריך איז דאס אין א געוויסן פרט א קאראמאזאווס, אט דער דאזיקער דורסט נאכן לעבן מיין איך, דאס איז אמת, ניט קוקנדיק אף קיין שום זאך, דו האסט אים אויך, אן א ספק, פארוואס אבער איז ער א נידערטרעכטיקער? ס׳איז נאך דא שרעקלאך פיל צענטראפעדאלן כוח אף אונזער פלאנעט, אליאשקא. עס ווילט זיך לעבן, און איך לעב, כאטש ס׳איז להיפך דער לאגיק. זאל זיין אפילו איך גלויב נישט אין דעם סדר העולם, עס זיינען מיר אבער טייער די קלעפיקע שפראצנדיקע בלעטעלאך פון פרילינג, טייער דער בלויער הימל, טייער אפטמאל א מענטש, וועמען, דו וועסט גלויבן, מ׳ווייס אפילו ניט אפטמאל פארוואס מ׳האט אים ליב, ס׳איז טייער אפטמאל א העלדן־טאט א מענטשלאכער, אין וועלכן דו האסט שוין אפשר פון לאנג אויפגעהערט צו גלויבן, וועמען אבער מ׳אכט לויט דער רגילות מיטן גאנצן הארצן. אט האט מען דיר געבראכט יאיך, עס געזונטערהייט. די יאיך איז א מאכל, זיי קאכן גוט. איך וויל א פאר טאן קיין אייראפע, אליאשא, איך וועל גלייך פון דאנען אוועקפארן; און איך ווייס דאך, אז איך וועל פארן מער ניט ווי אף א בית־עולם, אבער אפן סאמן טייערסטן, אפן סאמן טייערסטן בית־עולם, אט וואס! טייערע מתים ליגן דארטן, איטלאכער שטיין איבער זיי הילכט מיט א פלאמיקן פארגאנגענעם לעבן, מיט אזאליידנשאפטלאכן גלויבן אין דעם אייגענעם אויפטו אין דעם אייגענעם אמת, אין דעם אייגענעם קאמף און אין דער אייגענער וויסנשאפט, אז איך וועל — דאס ווייס איך פאראויס — פאלן אף דער ערד און וועל קושן אט די שטיינער און וועל וויינען איבער זיי, זייענדיק אין דער זעלביקער מינוט איבערצייגט מיט דעם גאנצן הארצן מיינעם, אז דאס אלץ איז שוין לאנג א בית־עולם און ווייטער גארנישט. און ניט פאר פארצווייפלונג וועל

איך ווייגען, נאר פשוט דערפאר, וואס איך וועל זיין גליקלאך מיט די פארגאסענע טרערן מיינע: כ׳וועל זיך מיט דער אייגענער התלהבות באַרוישן. די קלעפּיקע פּריליַנג־בלעטעלאך, דעם בלויען הימל האָב איך ליב, אַט וואס! דאָ איז ניט שייך קיין שכל, קיין לאָגיק, מיט דעם אינגעווייט, מיט דעם בויך האסטו ליב, די ערשטע יוגנט־כּוחות דיינע האסטו ליב... פאַרשטייסטו עפּעס אין דעם דאָזיקן פּלאַפּלען מיינעם, אַליאָשקאָ, צי ניט? — האָט איוואַן אַנגעהויבן שמייכלען מיטאמאל.

— איך פאַרשטיי זייער גוט, איוואַן: מיט דעם אינגעווייט און מיטן בויך ווילט זיך ליב האָבן, — האסט דאָס זייער גוט געזאָגט, און איך בין מוראדיק צופרידן פון דעם, וואס עס ווילט זיך דיר אַזוי לעבן, — האָט אויסגערופן אַליאָשאַ. — איך רעכן, אַז קודם כּל דאַרפן אַלע ליב קריגן דאָס לעבן אויף דער וועלט.

— ליב קריגן דאָס לעבן מער, ווי דעם תּוך זיינעם?

— ניט אַנדערש. ליב קריגן פריער פאַר דער לאָגיק, ווי דו זאָגסט. ניט אַנדערש, ווי פריער פאַר דער לאָגיק און ערשט דעמאָלט קאָן מען באַגרייפן דעם תּוך. אַט וואס עס דאַכט זיך מיר שוין פון לאַנג. אַ העלפט פון דיין אַרבעט איז אָפּגעטאָן, איוואַן, דו האסט זי שוין: האסט ליב צו לעבן. איצטער דאַרפסטו זען וועגן דער צווייטער העלפט דיינער, און דו ביזט אַ געראַטעוועטער.

— דו האַלסט שוין אין ראַטעווען, און איך בין אפשר גאָר ניט פאַרלאָרן געוואָרן! און וואס אַבער באַשטייט זי, די אַנדערע העלפט דיינע?

— אין דעם, וואס מ׳דאַרף מחיה מתים זיין די מתים דיינע, וואס זיינען אפשר קיינמאָל ניט געשטאָרבן אַפילו. נו, דערלאַנג טיי. איך בין צופרידן, וואס מיר רעדן, איוואַן.

— איך זע, אַז דו ביזט עפּעס באַגייסטערט. איך האָב גוואַלטיק ליב אַזוינע professions de foi גראָד פון אַזוינע... מאָ־נאַכן. אַ שטאַרקער מענטש ביזטו, אַלעקסיי. ס׳איז אמת, אַז דו ווילסט אַרויסגיין פון מאָנאַסטיר?

— אמת. מיין סטאַרעץ שיקט מיך, איך זאָל גיין אין דער וועלט.

— וועלן מיר זיך נאך זען, אף אזא אופן, אין דער וועלט הייסט עס, מיר'ן זיך נאך טרעפן ביז אט די דרייסיק יאר, ווען איך וועל זיך אנהייבן אפצורייסן פונ'ם בעכער, דער טאטע, זעסטו, וויל זיך ניט אפרייסן פון זיין בעכער ביז צו זיבעציק יאר, חלומט ביז אכציק אפילו, האט אליין געזאגט, ער מיינט דאס זעער ערנסט, הגם ער איז א לץ, האט זיך אוועקגעשטעלט אף דער תאווה זיינער פונקט ווי אף א שטיין · · · כאטש נאך דרייסיק יאר, אמת גערעדט, איז כמעט ווי ניטא אף וואס צו שטעלן זיך, חוץ ווי אף דאס · · · אבער ביז זיבעציק איז חלשות, בעסער ביז דרייסיק: מ'קאן ווייזן א „שיין פון איידלקייט" מאכנדיק אן אנשטעל פון זיך, האסט נישט געזען היינט דמיטריען?

— ניין, נישט געזען, כ'האב אבער געזען סמערדיאַקאָוון, — און אליאשא האט אף־גיך און געניי דערציילט דעם ברודער פון זיין באגעגעניש מיט סמערדיאקאוון, איוואן האט מיטאמאל אנגעהויבן הערן צעטראגענערהייט אזוי, אייניגע זאכן אפילו איבערגעפרעגט.

— ער האט מיר אבער געבעטן דמיטריען ניט איבערצוגעבן, וואס ער האט גערעדט וועגן אים, — האט אליאשא מוסיף געווען.

איוואן האט זיך אנגעכמורעט און זיך פארטראכט.

— דו האסט זיך דאס צוליב סמערדיאַקאָוון אנגעכמורעט? — האט א פרעג געטאן אליאשא.

— יע, צוליב אים. גייט ער צום טייוול; דמיטריען האב איך טאקע באמת געוואלט זען, איצט אבער דארף מען ניט . . . האט אָן חשק א זאג געטאן איוואן.

— וואָס, דו פארסט טאקע אזוי גיך אוועק, ברודער?

— יע.

— נו, און דמיטרי און דער פאטער? מיט וואס וועט זיך דאס ענדיקן בא זיי? — האט ציטערנדיק אנגערופן זיך אליאשא.

— דו הייבסט רק אן מיט דיינע זאכן! וואס בין איך דא? בין איך דען א שומר פון מיין ברודער דמיטרי? — האט אויפגערייצטערהייט איוואן געהאט אפגעשניטן, האט אבער מיטאמאל

עפעס ביטער א שמייכל געטאן: — ס׳איז קינס תשובה פאר גאט וועגן דעם דערהרגעטן ברודער, הא? אפשר טראכסטו איצט אין דער מינוט וועגן דעם? צו אלדי רוחות, איך קאן דאך אבער באמת נישט בלייבן דא פאר זייערן קיין שומר? איך האב געענדיקט מיט מיינע זאכן, און איך פאר אוועק. צי טראכסטו אקארשט ניט, אז איך אייפער צו דמיטריען, אז איך האב די גאנצע דריי חדשים אפגערעדט פון אים זיין בילד־שיינע קאטערינא איוואנאוונען? ע׳, צו אלדי רוחות, איך האב אייגענע עסקים געהאט. כ׳האב די עסקים געענדיקט, פאר איך. כ׳האב מיינע געשעפטן פריער געענדיקט, דו ביזט געווען אן עדות.

— דאס מיינסטו פריער בא קאטערינא איוואנאוונען?

— יע, בא איר, געמאכט מיטאמאל א סוף. וואס זשע אבער איז דאס אזוינס? וואס פאר א שייכות האב איך צו דמיטריען? דמיטרי איז דא קיין זאך ניט שייך! איך האב געהאט מיינע אייגענע אינטערעסן מיט קאטערינא איוואנאוונען. אדרבה, דו ווייסט אליין, אז דמיטרי האט זיך געהאלטן אזוי, ווי ער וואלט געמאכט יד־אחת מיט מיר. איך האב דאך אים גארנישט געבעטן, נאר ער אליין האט זי מיר פייערלאך איבערגעגעבן און נאך געבענטשט. עפעס ווי א געלעכטער זעט דאס אלצדינג אויס. ניין, אליאשא, ניין, ווען דו וואלסט נאר געוואוסט, ווי לייכט איך שפיר זיך איצט! וועסט גלויבן, איך בין געזעסן דא און געגעסן וואַרמעס, און איך האב געוואלט בעטן שאמפאניער, אף צו פייערן די ערשטע שעה פון מיין פרייהייט. פוי, א האלב יאר כמעט, — און פלוצים מיט איין מאל, מיט איין מאל אראפגעווארפן אלצדינג. נו, האב איך דען גערעכנט נאך נעכטן אפילו, אז, ווען מ׳זאל וועלן, איז ניט שווער צו מאכן א סוף?

— דאס רעדסטו וועגן דיין ליבע, איוואן?

— וועגן דער ליבע, אז דו ווילסט, יאָ, איך האב זיך פארליבט אין דער פריילן, אין דער אינסטיטוטקע. האָב זיך געפלאגט מיט איר, און זי האט מיך געפלאגט. בין געהאנגען אף איר... און מיטאמאל איז אלצדינג פארשוואונדן. כ׳האב גערעדט פריער מיט

באגייסטערונג, און אז איך בין ארויס, האב איך זיך צעקייכט פאר געלעכטער — גלויבסטו דאס? בפועל ממש.

— דו זאגסט דאס איצט אויך אזוי לוסטיק, — האט זיך אנ־גערופן אליאשא, איינקוקנדיק זיך אין זיין פנים, וואס האט באמת מיטאמאל אזוי לוסטיק אויסגעזען.

— פון וואנען האב איך דען געזאלט וויסן, אז איך האב זי אינגאנצן נישט ליב! כא־כא־כא! איז אט האט זיך דאס ארויס־געוויזן, אַז ניט. ווי זי פלעגט דאס מיר געפעלן ווערן! ווי זי איז מיר אפילו פריער געפעלן געווארן, בעת איך האב געהאלטן די רעדע. און דו ווייסט, זי איז מיר אפילו איצט אויך שטארק געפעלן, — און דערביי, ווי ס'איז לייכט אוועקצופארן פון איר! דו מיינסט איך פלאפל?

— ניין, נאר דאס איז אפשר געווען נישט קיין ליבע.

— אליאשקא, — האט איוואן אנגעהויבן לאכן, — לאז זיך נישט אריין אין קיין פירושים וועגן ליבע! פאר דיר פאסט דאס ניט! היינט פריער, אַי ביזטו דאס פריער ארויסגעשפרונגען! איך האב זיך גאר פארגעסן א קוש טאן דיך דערפאר . . . ווי געפלאגט אבער האט זי דאס מיך! באמת, ווי איך בין געהאנגען בא א בראָך, אָ, זי האט געוואוסט, אז איך האב זי ליב! זי האט ליב געהאט מיך, נישט דימיטריען, — האט מיט פרייד באטאנט איוואן, — דמיטרי איז מער ניט ווי א בראָך. אלצדינג, וואס איך האב פריער געזאגט, איז היילער אמת. די מעשה איז אבער נאר די דער עיקר, וואס זי דארף האבן אפשר א יאר פופצן צי צוואנציק אף אנצושטויסן זיך, אז דמיטריען האט זי גארניט ליב, און אז זי האט ליב נאר מיך, וועמען זי פלאגט. ס'איז אבער א סברה, אז זי וועט זיך גאר קיינמאל ניט אנשטויסן אף דעם, ניט קוקנדיק אפילו אף דער לערע, וואס זי האט היינט באקומען. נאר ס'איז טאקע בעסער אויך: אויפגעהויבן זיך און אוועקגעגאנגען אף אויביק. בדרך אגב, וואס מאכט זי? וואס? וואס איז דארטן געווען, בעת איך בין אוועקגעגאנגען?

אליאשא האט אים דערציילט פון דער היסטעריקע און פון דעם, אז זי איז דאכט זיך איצט ניט ביים זינען און אז זי האט היינ־

— צי לייגט אבער ניט כאָכלאַקאָוואַ ?

— דאכט זיך ניט.

— מ׳דארף דאס דערגיין. איבעריקנס איז פון היסטעריקע נאך קיינער ניט געשטארבן. און זאל זיך זיין א היסטעריקע, גאט האט געגעבן די היסטעריקע דער פרוי אין זיין ליבשאפט צו איר. איך וועל אינגאנצן ניט גיין אהין, צו וואס זאל איך קריכן ווידער ?

— דו האסט דאך איר אגב פריער געזאגט, אז זי האט דיך קיינמאל נישט ליב געהאט.

— דאס האב איך געזאגט מיט א כיוון, אליאשקא, איכ׳ל באשטעלן שאמפאניער, לאמיר טרינקען לחיים לכבוד מיין פרייהייט. ווען דו וואלסט נאר געוואוסט, ווי איך בין צופרידן !

— ניין, ברודער, לאמיר בעסער ניט טרינקען, — האט זיך אנגערופן מיטאמאל אליאשא, — אויסער דעם האב איך נאך עפעס ווי א שווער געמיט.

— יע, דו האסט שוין פון לאנג א שווער געמיט, איך זע שוין דאס פון לאנג.

— פאָרסטו טאקע באשטימט אוועק מארגן אינדערפרי ?

— אינדערפרי ? דאס האב איך ניט געזאגט, אז אינדערפרי . . . נאר איבעריקנס קאן אפשר אמאל זיין, אז אינדערפרי. וועסט גלויבן, איך האב דאך היינט דא געגעסן מער ניט דערפאר, כדי ניט צו עסן אינאיינעם מיטן אלטן, אף אזוי פיל איז ער מיר נמאס געווארן. איך וואלט צוליב אים אליין שוין לאנג אוועקגעפארן. פארוואס ביזטו עפעס אזוי צעטראגן, וואס איך פאר אוועק? מירביידע האבן נאך גאט ווייס וויפל צייט ביזן אוועקפארן. א גאנצע אייביקייט מיט צייט, אן אומשטערבלאכקייט !

— אויב דו פארסט מארגן אוועק, איז וואס איז דא פאר אן אייביקייט ?

— וואס איז דאס אבער נוגע אונז ביידן ? — האט אנגעהויבן לאכן איוואן, אונזערס וועלן מיר דאך פונדעסטוועגן באוויזן איבערצורעדן, וועגן אונזער זאך מיין איך, צוליב וואס מיר זיינען געקומען אהער ? וואס קוקסטו מיט א פארוואונדערונג ? ענטפער : צוליב וואס

זײַנען מיר זיך צונויפגעקומען אַהער? צו רעדן וועגן דער ליבע צו קאַטערינאַ איוואַנאָוונען, וועגן דעם אַלטן און וועגן דמיטריען? צו רעדן פון אויסלאַנד? וועגן דעם גורל־שווערן צושטאַנד פון רוסלאַנד? וועגן דעם אימפּעראַטאָר נאַפּאָלעאָנען? האַ, צוליב דאָס?

— ניין, ניט צוליב דאָס.

— פאַרשטייסטו אַליין, הייסט דאָס, צוליב וואָס. אַנדערע מענטשן האָבן צו טאָן מיט איין זאַך, אָבער מיר, רויטיקע ליפּע־לאַך, האָבן צו טאָן מיט אַנדערע זאַכן, מיר דאַרפֿן ראשית כּל פאַרענטפערן די אייביקע פראַגן, דאָס איז אונזער זאָרג. דאָס גאַנצע יונגע רוסלאַנד האַלט דאָך איצט אין איין רעדן וועגן די אייביקע פראַגן, דווקא איצט, בעת די אַלטע לייט זײַנען אַלע מיט־אַמאָל אָנגעקומען צו פאַרנעמען זיך מיט פּראַקטישע זאַכן. פאַר וואָס האָסטו די גאַנצע דרײַ חדשים געקוקט אויף מיר און ווי גע־וואַרט? כּדי פאַרהערן מיך: „צי איך גלויב, צי איך גלויב אינ־גאַנצן ניט?" — אָט וואָס עס איז דאָך געווען דער תּוך פון אײַערע דרײַחדשימדיקע בליקן, אַלעקסיי פיאָדאָראָוויטש, אמת, יע?

— אפשר יע, — האָט אַ שמייכל געטאָן אַליאָשאַ. — דו לאַכסט דאָך איצטער ניט אָפּ פון מיר, ברודער?

— איך זאָגסטו, לאַך? איך וועל ניט וועלן מצער זײַן מײַן ברודערל, וואָס האָט דרײַ חדשים געקוקט אויף מיר מיט אַזאַ דער־וואַרטונג. אַליאָשאַ, גיב אויף מיר אַ קוק: איך בין דאָך אויך פּונקט אַזאַ קליינינקער אינגעלע, ווי דו, דער חילוק איז נאָר, וואָס איך בין ניט קיין מאַנאַך. וואָרים ווי עס קערן דאָס איצט וועלטן אַ ביסל די רוסישע אינגעלאַך? געוויסע פון זיי, מײַן איך, אָט נעם, אַ שטייגער, דעם היגן עיפּושדיקן שיינקל, קומען זיי זיך צו־נויף און מ'פאַרקלײַבט זיך אין ווינקל אַרײַן. האָבן זייער גאַנצן לעבן ניט געקענט פריער איינער דעם צווייטן, און אַז מ'וועט אַרויס פון שיינקל, וועט מען ווײַטער אַ פערציק יאָר ניט וויסן איינער פון דעם אַנדערנס געביין, נו, איז וועגן וואָס זשע וועלן זיי שמועסן, אַז מ'איז זיך צונויפגעקומען אויף אַ ווײַלינקע אין שיינקל? וועגן וועלט־פראַגן, ניט אַנדערש: צי איז דאָ אַ גאָט, צי איז דאָ אומ־

שטערבלאַכקייט? און די וואָס גלויבן ניט אין גאָט, וועלן אַנהייבן רעדן פון סאָציאַליזם, פון אַנאַרכיזם, וועגן איבערבויען די גאַנצע מענטשהייט אויף אַ נייעם יסוד, וועט דאָך אַרויסקומען דער אייגענער שוואַרץ־יאָר, דאָס זיינען דאָך די אייגענע פראַגן מער ניט פון דעם אַנדער עק, און אָן אַ שיעור, אָן אַ שיעור פון די סאַמע אָריגינעלסטע אינגעלאַך האַלטן איצט בא אונז נאָר אין איין רעדן וועגן די אייביקע פראַגן, וואָס ס׳איז דען ניט אַזוי?

— אוודאי, פאַר אָן אמתן רוס זיינען די פראַגן: צי ס׳איז דאָ אַ גאָט און צי ס׳איז דאָ אומשטערבלאַכקייט, אָדער, ווי דו זאָגסט, די פראַגן פון דעם אַנדער עק, פאַרשטייט זיך, די ווייכטיקסטע פראַגן, די סאַמע ווייכטיקסטע, און אַזוי דאַרף מען טאַקע אויך, — האָט זיך אָנגערופן אַליאָשאַ און זיך איינגעקוקט אין דעם ברודער אַלץ מיט דעם זעלביקן שטילן און פאַרשנדיקן שמייכעלע.

— הער אויס, אַליאָשאַ, זיין אַ רוסישער מענטש איז אָפטמאָל גיכער קיין גרויסע חכמה, אָבער קיין נאַרישערע זאַך פונדעסטוועגן פאַר דאָס, מיט וואָס עס פאַרנעמען זיך איצט די רוסישע אינגעלאַך, קאָן מען זיך אפילו ניט פאַרשטעלן. אָבער איין רוסישן אינגעלע, אַליאָשקען האָב איך מוראדיק ליב.

— ווי קונציק דו האָסט דאָס דערפירט דערצו, — האָט אַליאָשאַ מיטאַמאָל אָנגעהויבן שמייכלען.

— נו, טאָ זאָג זשע, פון וואָס אָנהייבן, הייס אַליין, — פון גאָט? ס׳איז דאָ אַ גאָט, וואָס?

— פון וואָס דו ווילסט, פון דאָס הייב אָן, כאָטש אפילו פון דעם „אַנדער עק". דו האָסט דאָך נעכטן געזאָגט, זיצנדיק ביים טאַטן, אַז ס׳איז נישטאָ קיין גאָט, — האָט אַליאָשאַ אַ קוק געטאָן פאַרשנדיק אויפן ברודער.

— דאָס האָב איך נעכטן מיט אַ כיוון זיך גערייצט מיט דיר בא דעם אַלטן צו וואַרמעס, און איך האָב געזען, ווי עס האָבן זיך בא דיר אָנגעצונדן די אויגעלאַך. איצטער אָבער בין איך אַ בעלן דורכשמועסן זיך מיט דיר און איך זאָג דאָס דיר זייער ערנסט. איך וויל זיך איינלעבן מיט דיר, אַליאָשאַ, וואָרים איך האָב קיין

פריינד נישט, איך וויל א פרווו טאן, נו, איז מאָל זשע דיר, אז איך נעם אפשר יע אָן גאט, — האט איוואן אנגעהויבן לאכן, — פאר דיר איז דאס אַן אומגעריכטע זאך, הא?

— יע, פארשטייט זיך, אויב דו טרייבסט נאר איצט אויך ניט קיין קאטאוועס.

— קאטאוועס. דאס האט מען נעכטן געזאגט ביים סטארעץ, אז איך טרייב קאטאוועס. הער אויס, מיין ליבינקער, אינ׳ם אכצנטן יארהונדערט איז געווען א גרויסער בעל־עבירה, וואס האט געזאגט, אז ווען עס וואלט ניט געווען קיין גאט, וואלט מען אים געמוזט אויסטראכטן, s'il n'existait pas Dieu il faudrait l'inventer. באמת, דער מענטש האט אויסגעטראכט גאט. און נישט דאס איז מאדנע, נישט דאס וואלט געווען דער פֶּלֶא, וואס גאט איז באמת דאָ, נאר דאס איז דער פלא, וואס אַזאַ געדאנק — א געדאנק וועגן דער נויטיקייט פון גאט — האט געקאנט ארייַנקריכן אין קאפ בא אזא ווילדער און בייזער חיה, ווי דער מענטש איז, אף אזוי פיל איז דער געדאנק הייליק, אף אזוי פיל איז ער רירנדיק, אף אזוי פיל איז ער טיף און אף אזוי פיל פארשאפט ער כבוד דעם מענטשן. וואס ס'איז שייך אבער מיר, האב איך שוין לאנג גענומען אף זיך נישט צו טראכטן וועגן דעם: צי דער מענטש האט באשאפן גאט, צי גאט האט באשאפן דעם מענטשן? איך וועל, פארשטייט זיך, ניט אויסרעכענען וועגן אט דער פראגע די אלע איצטיקע אקסיאמען פון די רוסישע אינגעלאך, וואס ארויסגעדרונגען האט מען זיי אלע פון די אייראפעאישע השערות; ווארים דאס וואס דארטן איז א השערה, איז תיכף בא דעם רוסישן אינגעלע א כלל גדול, און נישט נאר בא די אינגעלאך, נאר א סברה, אז בא געוויסע פראפעסארן אויך, ווארים אונזערע איצטיקע רוסישע פראפעסארן זיינען זעער אפט אויך אט די זעלביקע רוסישע אינגעלאך. דעריבער לאז איך דורך אלע השערות. ווארים וואס פאר אן אויפגאבע האבן מיר דען איצט ביידע? די אויפגאבע איז די, אז איך זאל וואס גיכער געבן דיר צו פארשטיין דעם תוך מיינעם, דאס הייסט וואס בין איך פאר א מענטש, אין וואס גלויב איך און אף וואס האף איך, ס'איז דאך אמת, הא?

דעריבער בין איך דיר מודיע, אז איך נעם אן גאט פשוט שבפשוטי אבער אט וואס מ׳דארף אגב באמערקן: אויב גאט איז דא און אויב ער האט באמת באשאפן די וועלט, איז, ווי מיר ווייסן גוט, האט ער זי באשאפן על פי עוקלידס געאמעטריע, און דעם שכל פון דעם מענטשן האט ער אבער נאר געגעבן משיג צו זיין די דריי אויסמעסטונגען פון דעם רוים. דערביי זיינען געווען און זיינען איצט אפילו אויך דא אזוינע געאמעטערס און פילאזאפן, פון די סאמע באריממסטע אפילו, וואס זיינען מסופק, אז דער גאנצער וועלט־אלי אדער נאך ברייטער, — דאס גאנצע זיין זאל נאר זיין באשאפן על פי עוקלידס געאמעטריע, מ׳דערוועגט זיך אפילו צו טראכטן, אז צוויי פאראלעלע, וואס קאנען זיך על פי עוקלידן בשום אופן ניט צונויפקומען אף דער ערד, װאלטן זיך אפשר ־יע צונויפגעקומען ערגעץ אין דער אומענדלאכקייט. איך האב מיר אבערי מיין ליבינקער, אזוי באשלאסן, וויבאלד אז איך קאן אפילו אט דאס נישט משיג זיין, איז ווי קום איך שוין צו משיג זיין וועגן גאט. איך מוז זיך מודה זיין, אז איך האב קיין שום כשרונות ניט אף צו פארענטפערן אזוינע פראגן. איך האב עוקלידס א שכל, אן ערדישן, טא ווי אזוי קומען מיר דעריבער צו פארענטפערן דאס, וואס עס איז ניט שייך צו אונזער וועלטל. און איך גיב דיר אויך אן עצה, פריינד אליאשא, קיינמאל ניט צו טראכטן וועגן דעם, בפרט נאך וועגן גאט: צי ער איז יע דא, צי ער איז ניטא? דאס זיינען אלץ פראגן, וואס געהערן גארניט צו קיין שכל, וואס איז באשאפן אף צו משיג זיין מער ניט ווי דריי אויסמעסטונגען. הכלל, איך נעם אן גאט ניט נאר מיט חשק, נאר אדרבה, איך נעם אָן אויך די חכמת אלקות, און אויך דעם ציל זיינעם, — זאכן, פון וועלכע מיר ווייסן שוין לגמרי גארנישט, איך גלויב אין דעם סדר העולם, אין דעם זין פונ׳ם לעבן, איך גלויב אין דער אויביקער האַרמאָניע, אין וועלכער מיר׳ן זיך אלע צונויפגיסן, איך גלויב אינ׳ם וואָרט, צו וועלכן עס שטרעבט דער וועלט־אל און וואס איז אליין "געווען בא גאָט" און וואס איז אליין גאָט, און אזוי ווייטער, א. א. וו. אין דער אומענדלאכקייט. גערעדט האט מען שוין וועגן דעם א

הײבש ביסל, דאַכט זיך, איך בין שוין אַפֿן דרך — האָ? נו, טאָ מאָל זשע דיר אויס, אַז ואַחרי ככּלות הכּל נעם איך אָט די דאָזיקע גאַנצע װעלט — ניט אָן, כאָטש איך װײס אַפֿילו, אַז זי איז דאָ, אָבער איך דערלאָז זי גאָרניט, ניט איך נעם ניט אָן גאָט, פֿאַרשטײ דאָס, נאָר די װעלט, װאָס ער האָט באַשאַפֿן, אָט די דאָזיקע גאָטס װעלט נעם איך ניט אָן, און איך קאָן ניט מסכּים זײַן זי אָנצונעמען. איך װיל זאָגן גענױער: איך בין זיכער, װי אַ קלײן קינד, אַז די לײדן װעלן זיך פֿאַרהײלן און װעלן פֿאַרגײן, אַז דער גאַנצער פֿאַרדריסלאַכער קאָמיזם פֿון די מענטשלאַכע סתּירות װעט פֿאַרשװינדן, װי אַ פּוסטער חלום, װי אַ הבֿלדיקע אױסטראַכטעניש פֿון אַ שװאַכינקן און אַ קלײנינקן, װי אַן אַטאָם פֿון דעם מענטשלאַכן שׂכל עװקלידס, אַז ענדלאַך, בּסוף כּל הדורות, אינ׳ם מאָמענט פֿון דער אײביקער האַרמאָניע, װעט זיך אַנטפּלעקן און באַװײַזן עפּעס אַזױנס טײַערס, אַז עס װעט זײַן גענוג פֿאַר אַלע הערצער, אױף אײַנצושטילן יעדן גרימצאָרן, אױף צו מכפּר זײַן כּל הגזלות פֿון די מענטשן, גאָר דאָס בלוט, װאָס זײ האָבן זײערע אײגענע פֿאַרגאָסן, אַז עס װעט זײַן גענוג נישט נאָר מ׳זאָל קאָנען מוחל זײַן, נאָר אַפֿילו צו רעכטפֿאַרטיקן אַלצדינג, װאָס עס איז פֿאָרגעקומען מיט די מענטשן, — זאָל זיך דאָס אַפֿילו זײַן, זאָל זיך דאָס אַלץ זײַן און אַנטפּלעקן זיך, איך נעם דאָס אָבער נישט אָן און איך װיל דאָס נישט אָננעמען! זאָלן זיך אַפֿילו פּאַראַלעלע ליניעס צונױפֿקומען און איך זאָל דאָס אַלײן זען: װעל איך זען און כ׳װעל זאָגן, אַז זײ זײַנען זיך צונױפֿגעקומען, אָננעמען אָבער װעל איך דאָס פֿאָרט נישט. אָט דאָס איז דער תּוך מײַנער, אַליאָשאַ, דאָס איז מײַן טעזיס. דאָס האָב איך דיר שױן געזאָגט ערנסט. איך האָב מיט אַ כּיװן אָנגעהױבן דעם דאָזיקן שמועס מײַנעם מיט דיר אַזױ נאַריש, װי מ׳קאָן גאָר נאַרישער ניט אָנהײבן, נאָר כ׳בין דערגאַנגען צו מײַן װידױ, װאָרים נאָר דעם װידױ מײַנעם דאַרפֿסטו דאָך האָבן, נישט װעגן גאָט האָסטו געדאַרפֿט װיסן, נאָר מער נישט געדאַרפֿט דערװיסן זיך, מיט װאָס עס לעבט דער פֿון דיר געליבטער ברודער דײַנער. האָב איך דאָס דיר געזאָגט.

איוואן האט פארענדיקט מיטאמאל זיין לאנגע טיראַדע מיט עפעס אזא שטארקן און אומגעריכטן געפיל.

— פארוואס אבער האסטו אנגעהויבן „אזוי נאריש, ווי מ׳קאן גאר נארישער ניט אנהייבן”? — האט אליאָשא א פרעג געטאן קוקנדיק אף אים פארטראכטערהייט.

— ערשטנס, לאמיר זאגן, שוין צוליב דעם רוסיזם אליין: די רוסישע שמועסן וועגן אט די טעמען ווערן אלע געפירט אזוי נאריש, אז נארישער קאן גארניט געמאלט זיין. און צווייטנס, צוריק דאס אייגענע, וואס נארישער, אלץ נעהנטער צו דער זאך. וואס נארישער, אלץ קלערער. די נארישקייט איז קורץ און ווייס נישט פון קיין שמד־שטיק, די קלוגשאפט אבער האט פאלשקייט און דרייט זיך תמיד אויס. קלוגשאפט איז גנבי און נארישקייט איז פשוטקייט און אָרנטלאכקייט. איך האב דערפירט די זאך ביז צו מיין פארצווייפלונג, און וואס נארישער איך האב זי ארויסגעוויזן, אלץ בעסער איז זי פאר מיר.

— וועסט מיר דערקלערן, פארוואס דו „נעמסט נישט אָן די וועלט?” — האט א זאג געטאן אַליאָשאַ.

— פארשטייט זיך, אז איך וועל דערקלערן, ס׳איז נישט קיין סוד, אָט דאס האב איך דאך טאקע געמיינט. ברודערל דו מיינס, נישט דיך וויל איך פארפירן און א שטויס טאן דיך פון דיין פעסטן אָרט, אדרבה, איך וואלט אפשר געוואלט געבעזן ווערן דורך דיר גופא, — האט מיטאמאל איוואן שוין אינגאנצן א שמייכל געטאן, ווי א קליי־נינקער מילדער אינגעלע. קיינמאל האט נאך בא אים אַליאָשא אַזאַ שמייכעלע נישט געזען.

IV

א מרידה

— איין זאך מוז איך פאר דיר מודה זיין, — האט אנגעהויבן איוואן, — אז איך האב קיינמאל ניט געקאנט פארשטיין, ווי אזוי מ׳קאן ליב האבן די אייגענע נאהנטע מענטשן. דווקא די נאהנטע קומט

מיר אויס, קאן מען ניט ליב האבן, סיידן אפשר נאר ווייטע. איך האב ערגעץ אין אן ארט געלייענט וועגן „יאָהאַן דעם באַרמהאַרציקן" (איינעם א הייליקן), אז בעת ס'איז געקומען צו אים א הונגעריקער און א פארפראָרענער און געבעטן דערוואַרימען אים, האט ער זיך געלייגט אינאיינעם מיט אים אין בעט, האט אים ארומגענומען און אנגעהויבן עטעמען אים אין מויל, וואס האט געפוילט און געעיפושט פון עפעס א שרעקלאכער קראנקייט. איך בין איבערצייגט, אז ער האט דאס געטאָן מיט א בראָך, מיט א בראָך פון שקר, צוליב דעם באשטימטן חוב פון ליבשאַפט, צוליב דער ארויפגעשלעפטער עפּיטימיע אף זיך. כדי ליב צו קריגן א מענטשן, מוז מען, אז ער זאל זיך באהאלטן, קוים באַווייזט ער אבער נאר דעם פנים זיינעם — איז אן עק מיט דער ליבשאַפט.

— וועגן דעם האט ניט איין מאל גערעדט דער סטארעץ זאסימא, — האט זיך אנגערופן אליאשא, — ער פלעגט אויך זאגן, אז דעם מענטשנס פנים שטערט זעער אפט פיל מענטשן נאך נישט קיין געניטע אין ליבשאפט ליב צו האבן. עס האט דאך אבער די מענטשהייט אויך אסך ליבשאפט, וואס איז ענלאך כמעט צו דער ליבשאפט פון קריסטוס, דאס ווייס איך אליין, איוואַן . . .

— נו, לאמיר זאגן, אז איך ווייס דאס נאך לעת עתה ניט און איך קאן דאס ניט פארשטיין, און צוזאמען מיט מיר א וועלט מיט מענטשן אויך. די פראגע איז דאך די, צי דאס קומט פאר צוליב די שלעכטע מעלות פון דעם מענטשן, אדער דערפון, וואס די טבע זיינע איז אזא. איך האלט, אז די ליבשאפט קריסטוסעס צו מענטשן איז עפעס אן אוממעגלאכער וואונדער אף דער וועלט. אמת, ער איז געווען א גאט. אבער מיר זיינען דאך ניט קיין געטער. לאמיר זאגן, איך קאן, למשל, טיף ליידן, דער צווייטער אבער קאן דאך קיינמאל ניט וויסן, ביז וואס פאר א מדרגה איך ליידן, ווארים ער איז א צווייטער, ניט איך, און ועל כולם, וועט א מענטש זעער זעלטן מסכים זיין האלטן דעם צווייטן פאר א ליידנדן (עפעס ווי דאס וואלט געווען א כבוד). פארוואס אבער וועט ער ניט מסכים זיין, ווי מיינסטו? אט דערפאר, וואס איך האב א שלעכטן ריח, וואס איך האב א נארישן פנים, וואס איך האב אים אמאל אפגעטראטן א פוס.

היינט דערצו זיינען נאך דא לײַדן און לײַדן: דערנידערנדיקע לײדן, וואס עס דערנידעריקט מיך, הונגער, למשל, וועט נאך דער בעל־טובה מײנער יע דערלאזן, קוים אבער העכערע לײדן, פאר א אידעע, א שטײגער, דאס ניין, דאס וועט ער אפשר נאר אין א זעלטענעם פאל דערלאזן, ווארים ער וועט, צום ביישפיל, א קוק טאן אף מיר און פלוצים דערזען, אז איך האב גארניט אזא אויסזען, ווי עס דארף האבן לויט זײן פאנטאזיע א מענטש, וואס לײדט, למשל, פאר אזא און אזא אידעע. איז אט פארליר איך תיכף זײן גנאד און דאס קומט פאר אפילו נישט צוליב זײן שלעכט הארץ. ארימע־לײט, דער עיקר ארנטלאכע ארימעלײט, האבן געדארפט קײנמאל ניט באווײזן זיך אף דער גאס, נאר בעטן די נדבה דורך דער צײטונג. אבסטראקט קאן מען נאך ליב האבן א נאהענטן און אפטמאל אפילו פון דערווייטנס אויך, פון דער נאהנטן אבער כמעט קײנמאל ניט. אז אלץ וואלט פארגעקומען ווי אפן סצענע, ווי אין באלעט, וואו די ארימעלײט, ווען זיי באווײזן זיך, קומען אין זײדענע שמא־טעס און אין צעריסענע שפיצן און, טאנצנדיק גראציעז, בעטן זיי די נדבה, נו, דעמאלט, זעסטו, קאן מען נאך הנאה האבן פון זיי. האבן הנאה, אבער פארט נישט ליב האבן. נאר זײן גענוג וועגן דעם. איך האב דיך געדארפט נאר ארויספירן אף מײן קוק. איך האב געוואלט אנהייבן רעדן וועגן די לײדן פון דער מענטשהײט בכלל, נאר לאמיר זיך בעסער אפשטעלן אף די לײדן פון די קינדער אלײן. דאס וועט פארקלענערן דעם היקף פון מײן ארגומענטאציע אף א מאל צען, אבער לאמיר בעסער נעמען די קינדער אלײן, וואס דאס איז נאך ערגער פאר מיר, פארשטייט זיך. ערשטנס אבער, קאן מען קינדער־לאך ליב האבן פון דער נאהנטן אפילו אויך, אפילו שמוציקע, אפילו מיאוסע (אגב דאכט זיך מיר, אז קינדערלאך זײנען גאר ניטא קײן מיאוסע). צווייטנס, וועל איך וועגן גרויסע נאך דעריבער ניט רעדן, ווײל חוץ דעם, וואס זיי זײנען אפשטויסנדיק און זײנען נישט ווערט קײן ליבע, האב זיי נאך א שכר אויך: זיי האבן געגעסן פון דעם עץ הדעת און דערוואוסט וואס עס איז גוט און וואס עס איז שלעכט, און זײנען געווארן „ווי די געטער״. מ׳עסט נאך עד היום אויך פון

דעם עץ הדעת. די קינדערלאך אבער האבן גארנישט ניט אויפ־
געגעסן און זיינען לעת עתה נאך אין קיין זאך ניט שולדיק. דו
האסט ליב קינדערלאך, אליאשא? איך ווייס, אז דו האסט ליב, און
דו וועסט פארשטיין, פאר וואס איך וויל וועגן זיי אליין רעדן איצט.
אויב זיי ליידן אויך מוראדיק אף דער וועלט, ליידן זיי שוין, פאר־
שטייט זיך, פאר די עלטערן זייערע, זיינען באשטראפט פאר זייערע
עלטערן, וואס האבן געגעסן פון דעם עץ הדעת, — אבער דאס איז
דאך שוין נוגע אן אנדער וועלט, וואס איז פאר א מענטשנס הארץ
דאָ, אף דער וועלט, נישט משיג צו זיין. אן אומשולדיקער טאר
נישט ליידן פאר׳ן צווייטן, היינט נאך אזא אומשולדיקער! דו מעגסט
זיך וואונדערן, אליאשא, פון מיר, איך האב אויך זעער שטארק ליב
קינדערלאך. און מערק זיך דאס: גרויזאמע מענטשן, ליידנשאפט־
לאכע, בלוטרדורסטיקע, קאראַמאַזאָווס, האבן זעער ליב קינדער.
קינדער, כל זמן זיי זיינען קינדער, ביז זיבן יאר צום ביישפיל,
שטייען שרעקלאך אפ פון מענטשן: עפעס ווי אינגאנצן אן אנדער
באשעפעניש מיט אן אנדער נאטור... איך האב געקענט איינעם
א גזלן פון תפיסה: ס׳איז אים אויסגעקומען אין משך פון זיין
קאריערע, ביים אויסהרגענען גאנצע פאמיליעס אין די הייזער, וואו־
הין ער פלעגט זיך ארייננקלייבן ביינאכט אף צו רויבן, אויסקוילענען
פאראיינס עטלאַכע קינדער אויך. זיצנדיק אבער אין תפיסה, פלעגט
ער זיי משונהדיק ליב האבן. פון פענצטער פון תפיסה פלעגט ער
מער ניט ווי קוקן כסדר אף די קינדערלאך, וואס פלעגן שפילן
אפן הויף פון טורמע. איינעם א קליינינקל אינגעלע האט ער
צוגעוואוינט קומען צו זיך אונטערן פענצטער, און דער אינגעלע האט
זיך זעער באפריינדעט מיט אים... דו ווייסט ניט, צוליב וואס
איך זאג דאס אלץ, אליאשא? ס׳איז מיר עפעס דער קאפ טוט ווי,
און ס׳איז מיר שווער אפן הארצן.

— דו רעדסט און האסט עפעס אזא מאדנעם אויסזען, —
האט אליאשא אנגערופן זיך צעטראגענערהייט, — פונקט ווי דו
וואלסט ניט געווען ביים זינען.

— מיר האט ניט לאנג אגב דערציילט איינער א באלגאר אין

מאסקווע, — האט איוואן פיאָדאָראָוויטש ווייטער גערעדט, ווי גאר ניט הערנדיק אפילו דעם ברודער, — ווי די טערקן און די טשערקעסן באגייען בא זיי, אין באָלגאריע, אומעטום רציחות, מורא האבנדיק פאר אן אלגעמייגעם אויפשטאנד פון די סלאוון, — מ׳ברענט מ׳קוילעט, מ׳פארגוואלטיקט פרויען און קינדער, מ׳בויערט־צו די אויערן פון ארעסטאנטן מיט טשוועקעס צו די פּאַרקאַנס און מ׳לאזט זיי אזוי ביז אינדערפרי, און אינדערפרי הענגט מען זיי — און נאך אזוינע זאכן, אלצדינג קאן מען זיך גארניט פארשטעלן אפילו. באמת, מ׳זאגט אפטמאל, אז מענטש דער איז גרויזאם, ווי א ״חיה״, דאס איז אבער א מוראדיקע עוולה און א גרויסע באליידיקונג בנוגע די חיות: א חיה קאן קיינמאל אין לעבן ניט זיין אזוי גרויזאם, ווי א מענטש, אזוי ארטיסטיש גרויזאם, אזוי קונסט־פול. א טיגער בייסט פשוט, רייסט, און קאן מער ניט ווי דאס. עס וואלט אים אפילו קיינמאל אין קאפ ניט איינגעפאלן צו צובויערן מיט טשוועקעס מענטשן פאר די אויערן איבער נאכט, ווען ער וואלט דאס אפילו שוין יע געקאָנט טאָן. די דאזיקע טערקן האבן, אגב אורחא, מיט גרויס תאוה געפייניקט קינדער אויך, אנהייבנדיק מיט דעם, וואס זיי פלעגן זיי אויסשניידן מיטן שווערד פון דער מאמעס בויך, ביז וואַרפן אינדערהויך עופהלאך פון ברוסט און אויפכאפן זיי אפן שפיז פאר די מאמעס אין די אויגן. דווקא פאר די מאמעס אין די אויגן פלעגט דאס טאקע זיין די גרעסטע מתיקות. נאר אט האסטו א בילדל, וואס האט מיך גוואלטיק פאראינטערעסירט. שטעל זיך פאר: אן עופהלע פון דער ברוסט זיצט אף די הענט בא דער פלאטערנדיקער מאמען, ארום און ארום טערקן. איז זיי איינגעפאלן א לוסטיק שפיצל: זיי צערטלען דעם עופהלע, לאכן, כדי ער זאל אויך אנהייבן לאכן, דאס גיט זיך זיי איין און דאס עופהלע האט זיך צולאכט. אין דער ווײַלע שטעלט אָן איין טערק דעם פּיסטאַלעט אף אים פיר ווערשאָק פון זיין פּנימל, דער אינגעלע הייבט אן פריילאך צו לאכן, ציט אויס די הענטעלאך אף אנצוכאפּן דעם פּיסטאַלעט, און מיטאמאל גיט א לאז דער ארטיסט גלייך אים אין פּנימל אריין און צעברעקלט אים דאס קעפּעלע ... קונסט־פול, ניט אמת?

אגב, זאגט מען, האבן האָלט די טערקן זעער זיסע זאכן.

— ברודער, צו וואס דערציילסטו דאס אלץ? — האט א פרעג געטאן אליאשא.

— איך מיין, אז אויב דער טייוול עקזיסטירט ניט, האט דאך אים, הייסט עס, באשאפן דער מענטש, איז האט ער אים באשאפן אין זיין פורים און אין זיין געשטאלט.

— אף אזא אופן פונקט אזוי ווי גאט.

— ווי דו קאנסט דאס אבער קונציק פארדרייען דעם פשט, ווי עס זאגט פאלאניוס אין „האמלעט", — האט אנגעהויבן לאכן איוואן. — האסט מיך געכאפט בא א ווארט, ס'א דאגה, איך בין צופרידן. איז שוין איינמאל א פיינער דער גאט דיינער, אויב עס האט אים באשאפן דער מענטש אין זיין פורים און אין זיין געשטאלט. האסט מיך אקארשט געפרעגט, צו וואס איך דערצייל דאס אלץ: איך בין, פארשטייסטו מיך, א ליבהאבער און א זאמלער פון געוויסע פאקטן און, דו וועסט גלויבן, איך פארשרייב און איך זאמל פון צייטונגען, פון דערציילונגען, פון וואנען עס זאל זיך ניט מאכן, געוויסע אנעקדאטן, און איך האב שוין א שיינע קאלעקציע. די טערקן זיינען געוויינטלאך אויך אריין אין דער קאלעקציע, דאס זיינען אבער אלץ אויסלענדער. איך האב אונזערע אייגענע מעשהלאך אויך, נאך כמעט בעסערע פאר די טערקישע. פארשטייסט, בא אונז האט מען צו טאן מער מיטן שלאגן, בא אונז איז וואס מער שמיץ און וואס מער ריטער און דאס איז נאציאנאל: בא אונז קאנען ניט געמאלט זיין קיין געבויערטע אויערן מיט טשוועקעס, מיר זיינען פארט אייראפעער, אבער שמיץ, ריטער, דאס איז שוין עפעס אונזערס אן אייגנס און קאן בא אונז נישט ווערן אוועקגענומען. אין אויסלאנד שלאגט מען איצט איינגאנצן ניט, די מנהגים זיינען, אפנים, געווארן בעסערע, אדער עס זיינען אזוינע געזעצן איינגעפירט געווארן, אז איינער דערוועגט זיך ניט צו שמייסן דעם צווייטן, דערפאר אבער האבן זיי זיך געקריגט מיט אן אנדער זאך, אויך מיט א ריין נאציאנאלער, ווי בא אונז, און שוין אף אזוי פיל נאציאנאל, אז בא אונז קאן דאס כמעט ווי גאר ניט פארקומען, כאטש אפילו עס קלעפט זיך שוין, דאכט זיך,

צו צו אונז אויך, דערהויפּט זינט דער רעליגיעזער באוועגונג אין אונזער העכערער געזעלשאפט. איך האב אן אויסגעצייכנטע קליינע בראשור, איבערגעזעצט פון פראנצויזיש, ווי גאר ניט לאנג, סך הכל מיט א יאר פינף צוריק, האט מען אין זשענעווע געמשפּט איינעם א גזלן און א מערדער, א געוויסן רישאר, א בחור פון דרייאונצוואנציק יאר, דאכט זיך, וואס האט תשובה געטאן אף זיינע שלעכטע מעשים און איז געקומען צוריק צו דער קריסטלאכער אמונה פארן סאמן עשאפאט. דער דאזיקער רישאר איז געווען א ממזר און אז ער איז נאך געווען א קינד, א יאר זעקס, האבן אים די עלטערן אוועקגעשיינקט צו עפּעס פאסטאכער פון די שווייצער בערג און זיי האבן אים געהאדעוועט, כדי צו פארשאפן זיך מיט אים בא דער ארבעט. געוואקסן איז ער בא זיי, ווי א ווילדע חיהלע, קיין שום זאך האבן די פאסטאכער אים נישט אויסגעלערנט, אדרבה, צו זיבן יאר האט מען אים שוין געשיקט פיטערן די שאף אין נאסקייט און אין קעלט, כמעט א נאקעטן און א הונגעריקן. און, באגייענדיק זיך אזוי מיט אים, האט זיך קיינער פון זיי, כדרך הטבע, נישט פארטראכט אף דעם און קיינעם האט דאס נישט פארדראסן, אדרבה, זיי האבן דאס געהאלטן פאר זייער בארעכטיקט, ווארים רישארן האט מען זיי אוועקגעשיינקט ווי א חפץ און זיי האבן אפילו נישט געפונען פאר נויטיק צו געבן אים עסן. רישאר גופא גיט איבער, אז אין יענע יארן, האט ער, ווי דער פארבלאנדזשעטער זון פון דעם עוואנגעליום, געגארט צו עסן כאטש דעם אויסגעמישטן טויג, מיט וועלכן מ׳פלעגט שטאפן די חזירים אף צום פארקויפן, נאר מ׳פלעגט אים נישט געבן דאס אויך אפילו און שלאגן אים, בעת ער פלעגט גנבענען בא די חזירים. און אזוי האט ער אפּגעלעבט זיין גאנצע קינדהייט און זיין גאנצע יוגנט, ביז ער איז אויסגעוואקסן און האט באקומען מער כוח און איז אליין אוועק גנבענען. דער ווילדער האט אנגעהויבן אלס טעגלאכער לוין־ארבעטער פארדינען געלט אין זשענעווע, דאס פארדינטע פארטרינקען, האט געלעבט ווי א חיה און געענדיקט מיט דעם, וואס ער האט דערהרגעט איינעם אן אלטן מאן און אים בארויבט. מ׳האט אים געכאפּט.

געמשפּט און פאַרמשפּט צום טויט. דאַרטן מאַכט מען דאָך ניט קיין קונצן. איז אַט, אין תּפיסה, רינגלען אים תּיכּף אַרום פּאַסטאַרן און מיטגלידער פון כּל־ערליי קריסטלאַכע חברותי, וואוילטעטיקע דאַמען וכדומה. אויסגעלערנט האָבן זיי אים אין תּפיסה לייענען און שרייבן, האָבן אים אָנגעהויבן צו פּאַרטייטשן דאָס עוואַנגעליום, איינרעדן אים, טענהן, פּויקן, זעגן און שטיקן ביז ער איז זיך, סוף־כּל סוף, אַליין פייערלאַך מודה געווען אין זיין פאַרברעך. ער איז געקומען אָפן רעכטן ווען, האָט אַליין אָנגעשריבן אין געריכט, אַז ער איז אַ הילה־רעה און אַז לסוף איז ער זוכה געווען דערצו, אַז אויך אים האָט דער אויבערשטער אויפגעמאַכט די אויגן און אים געבענטשט. גאַנץ זשענעווע איז געוואָרן אויף, דאָס גאַנצע פרומע און וואוילטעטיקע זשענעווע. אַלץ, וואָס עס איז נאָר געווען אין זשענעווע דער־הויבענעס און אַריסטאָקראַטישעס, האָט זיך אַ לאָז געטאָן צו אים אין תּפיסה. רישאַרן קושט מען און מ׳האַלזט: „דו ביזט אונזער ברודער, גאָטס ברכה איז אַראָפּ אַף דיר!“ און רישאַר גופא האַלט נאָר אין איין וויינען אין התלהבות: „יע, ס׳איז אַראָפּ גאָטס ברכה אַף מיר! פריער האָב איך מיין גאַנצע קינדהייט און יוגנט געפרייט זיך מיט דעם עסן פון די חזירים, איצט אָבער איז אַף מיר אויך אַראָפּ גאָטס ברכה, איך שטאַרב בנשיקה!“ — „אוודאי, אוודאי, רישאַר שטאַרב בנשיקה, דו האָסט פאַרגאָסן בלוט און דו דאַרפסט שטאַרבן מיט גאָט. זאָל זיין אַפילו, אַז דו ביזט ניט שולדיק, וואָס דו האָסט איינגאַנצן ניט געקענט גאָט, בעת דו האָסט מקנא געווען דעם עסן פון די חזירים און בעת מ׳האָט דיך געשלאָגן דערפאַר, וואָס דו פלעגסט גנבענען דעם עסן בא זיי (וואָס דאָס איז געווען, אַגבֿ, זייער ניט גוט, וואָרים גנבענען טאָר מען ניט), — האָסטו אָבער פאַרגאָסן בלוט און דו מוזט שטאַרבן“. און אָט קומט דער לעצטער טאָג. דער אָפּגעשוואַכטער רישאַר וויינט און טוט מער ניט ווי דאָס, וואָס ער האַלט יעטווידע מינוט אין איין איבערחזרן: „דאָס איז דער בעסטער טאָג מיינער, איך גיי צו גאָט!“ — „אוודאי“, שרייען די פּאַסטאַרס, די ריכטער און די וואוילטעטיקע דאַמען, „איז דאָס דער גליקלאַכסטער טאָג דיינער, וואָרים דו גייסט צו

גאט!" אלע באַוועגן זיך, אין עקיפּאַזשען און צו פיס, הינטער דעם שאַנד־וואָגן, וואו מ׳פירט רישאַרן צום עשאַפאַט. און אַט איז מען געקומען צו אים: „שטאַרב, ברודער אונזערער" שרייט מען צו רישאַרן, „שטאַרב מיט גאָט, וואָרים אף דיר איז אויך אַראָפּ גאָטס ברכה!" און מ׳שלעפּט אַרויף דעם ברודער רישאַר, באַדעקט מיט קושן פון די ברידער, אפן עשאַפאַט, מ׳לייגט אים אַרויף אפן גילאָטינע און מ׳האָט אים טאַקע מעשה־ברודער אָפּגעהאַקט דאָס קעפּל דערפאַר, וואָס אף אים איז אויך אַראָפּ גאָטס ברכה. דאָס דאָזיקע בראָשורל איז איבערגעזעצט אף רוסיש פון עפּעס רוסישע וואָוילטעטיקע לייט לוטעראַנער פון דער העכערער געזעלשאַפט און מ׳האָט זי אומזיסט פאַנאַנדערגעשיקט צו צייטונגען און אַנדערע אויסגאַבן אף צו בילדן דעם רוסישן פאָלק. די מעשה מיט רישאַרן איז דער־פאַר גוט, ווייל זי איז נאַציאָנאַל. כאָטש אפילו בא אונז איז אומגעלומפּערט צו האַקן דעם ברודער דעם קאָפּ בלויז דערפאַר, ווייל ער איז געוואָרן אונזער ברודער און ס׳איז אף אים אַראָפּגעקומען גאָטס ברכה, חזר איך אָבער איבער, אַז מיר האָבן אייגענע, כמעט ניט קיין ערגערע. מיר האָבן אַ היסטאָרישן, אוממיטלבאַרן און באַהנטסטן תּענוג פון צו פייניקן דורך שלאָגן, בא נעקראַסאָוון זיינען דאָ לידער, ווי דער מוזשיק שמייסט דעם פערדל מיט דער בייטש איבער די אויגן, „איבער די בנעימותדיקע אויגן". ווער, אַ שטייגער, האָט דאָס נישט געזען, דאָס איז אַ רוסיזם. ער באַ־שרייבט, ווי דאָס שוואַכינקע פערדעלע, אף וועלכן מ׳האָט אַרויפ־געוואָרפן צופיל משא, איז איינגעקראָכן מיטן וואָגן און קאָן אים נישט אַרויסשלעפּן. דער מוזשיק שלאָגט אים, שלאָגט מיט אַ פאַר־ביסנקייט, שלאָגט, ניט פאַרשטייענדיק ענדלאָך וואָס ער טוט, אין שכרות פונ׳ם שלאָגן שלאָגט ער אים ווייטער, אָן אָן אויפהער: „כאָטש דו האָסט ניט קיין כוח אפילו, אָבער שלעפּ, פגר אוועק אָבער שלעפּ!" די קליאַטשקע רייסט זיך, און ער שלאָגט זי, דאָס באַשעפע־נישל אף גאָטס באַראָט, איבער די וויינענדיקע, „איבער די בנעימות־דיקע אויגן". ווי ניט ביי־זיך האָט זי געגעבן אַ ריס און אַרויס־געשלעפּט דעם וואָגן, און גענומען גיין טרייסלענדיק זיך די גאַנצע,

אָן אַן אַטעם, עפּעס אַף אַ זײַט, אומטערטאַנצנדיק אומגאַטירלאַך
און חלשותדיק אַזוי, — בײַ נעקראַסאָוון איז דאָס אַ שרעק. אָבער
דאָס איז דאָך מער ניט ווי אַ פֿערדל, פֿערד האָט גאָט אַלײן
געגעבן, אַז מ׳זאָל זײ שלאָגן. אַזוי האָבן די טאָטערס אונדז געלערנט
און מנדב געווען די בײַטש לזכר. אָבער מ׳טאָר דאָך שלאָגן מענטשן
אויך. איז אָט האָסטו אַן אינטעליגענטן געבילדעטן העיר און זײַן
פֿרוי, וואָס שלאָגן זײער אײגענע טאָכטערל, אַ קינד פֿון זיבן יאָר,
מיט ריטער, — דאָס איז בײַ מיר געגנוי פֿאַרשריבן. דער טאַטינקע
איז צופֿרידן, וואָס די ריטער זײַנען מיט שפּיצן, „וועלן זיך
בעסער לײגן”, זאָגט ער, און ער הײבט אָן „אַרײַנלײגן” דער לײב־
לאַכער טאָכטער. איך ווײס אַף זיכער, עס זײַנען דאָ אַזוינע שמײסער,
וואָס ווערן אויפֿגעהיצט מיט יעדן שמיץ ביז צו תּאווה, ממש ביז צו תּאווה,
מיט יעדן ווײַטערדיקן שמיץ אַלץ מער און מער, אַלץ פּראָגרעסיוועער
און פּראָגרעסיוועער. מ׳שמײַסט אַ מינוט, מ׳שמײַסט ענדלאַך פֿינף מינוט,
מ׳שמײַסט צען מינוט, מ׳שמײַסט ווײַטער, מערער, שפּאַרעוודיקער,
בעסער. דאָס קינד שרײַט, דאָס קינד קאָן שוין ענדלאַך ניט שרײַען,
עס ווערט אים פֿאַרכאַפּט דער אָטעם: ”טאַטע, טאַטע, טאַטינקע,
טאַטינקע!” דורך עפּעס אַ טײַוולשן ניט קײן פֿײַנעם צופֿאַל דער־
גײט די זאַך צום געריכט. מ׳דינגט אַן אַדוואָקאַט. דאָס רוסישע
פֿאָלק רופֿט שוין פֿון לאַנג דעם אַדוואָקאַט — ”אַן אַבלאַקאַט —
איז אַ געדונגענער געוויסן”. דער אַדוואָקאַט טענהט און פֿאַר־
טײדיקט זײַן קונה: ”די זאַך איז אַזאַ אײנפֿאַכע, אַ פֿאַמיליען־
זאַך און אַזאַ געוויינלאַכע: אַ פֿאָטער האָט אָפּגעשמיסן די
טאָכטער און, צו דער שאַנדע פֿון אונזער איצטיקער צײַט, איז די
זאַך דערגאַנגען צום געריכט!” די איבערצײַגטע געריכטס־
געשוואָרענע גײען אַוועק אין צווײטן צימער און טראָגן אַרויס
אַ רעכטפֿאַרטיקנדיקן פּסק־דין. דער עולם ברילט פֿון נחת, וואָס
מ׳האָט רעכטפֿאַרטיקט דעם פּײַניקער. — ע־עך, איך בין דאָרטן
ניט געווען, איך וואָלט אַ בריל געטאָן אַ פֿאָרשלאָג, אַז מ׳זאָל
גרינדן אַ סטיפּענדיע לכּבוד דעם רוצח!... בילדלאַך אויסגע־
צײכנטע. נאָר וועגן קינדערלאַך האָב איך נאָך בעסערע אויך, בײַ

מיר איז פאראן זעער, זעער אסך אנגעזאמלטע מעשיות וועגן רו־סישע קינדערלאך, אליאשא, א טאטע־מאמע, „פון סאמע פיינסטע חשובסטע מענטשן, געבילדעטע און דערצויגענע", האבן אנגעהויבן האסן זייער קליינינקע, פינפיאריקע מיידעלע, די פארשטייסט, איך פארזיכער דיר ממש נאך אמאל, א ס'איז דא א באזונדער נטיה בא אסך מענטשן — דאס איז די ליבשאפט צו פייניקן קינדער, אבער נאר קינדער. צו אלע אנדערע סוביעקטן פון דעם מענטשלאכן מין באציען זיך אט די זעלביקע רוצחים אפילו מיט א גוטסקייט און מילדקייט, אלס געבילדעטע און הומאנע אייראפעאישע מענטשן, האבן אבער זעער ליב צו פייניקן קינדער, האבן אפילו ליב די קינדער גופא אין דעם זין. אט דווקא די אומבאהאלפנקייט פון די דאזיקע נפשהלאך רייצט די פייניקער, דער מלאכשער צוטרוי פון דעם קינד, וואס האט ניט וואו אהינצוטאן זיך און צו וועמען צו גיין — אט דווקא דאס קאכט אויף דאס מיאוסע בלוט פון דעם אכזרי. אין יעדן מענטשן איז דא פארשטייט זיך א חיה, — א חיה פון כעס, א חיה פון תאווהדיקן אויפפלאקערן פון דעם געשריי פון דעם גע־פייניקטן קרבן, א חיה א ווילדע, אן אראפגעלאזענע פון קייט, א חיה פון אין דער אויסגעלאסנקייט באקומענע קראנקייטן, פון פאדאגרעס, פון א קראנקער לעבער וכדומה. דאס דאזיקע פינפיאריקע מיידעלע נעבאך האבן די געבילדעטע עלטערן געפייניקט אף כל־ערליי אופנים. זיי האבן זי געשלאגן, געשמיסן, געשטויסן מיט די פיס, אליין ניט וויסנדיק פאר וואס, געמאכט דעם גאנצן לייב אירן אין בלויע צייכנס; ענדלאך איז מען דערגאנגען אויף צו פיינערע מיט־לען: אין קעלט, אין פראסט פלעגט מען זי פארשפארן אף דער גאנצער נאכט אין אפטרעט, און דערפאר, וואס זי פלעגט זיך ניט בעטן ביינאכט ארויסגיין (פונקט ווי א פינפיאריק קינד, וואס שלאפט מיט זיין מלאכשן שטארקן שלאף, קאן שוין אין די יארן בעטן זיך ארויסגיין) — פלעגט מען איר דערפאר אויסשמירן דעם גאנצן פנימל מיט איר אייגענעם קאל און צווינגען זי צו עסן אט דעם דאזיקן קאל, און דאס פלעגט צווינגען א מאמע, א מאמע! און די דא־זיקע מאמע האט געקאנט שלאפן, בעת עס פלעגט זיך הערן ביינאכט

דאס קרעכצן פון דעם אומגליקלאכן עופהלע, וואס איז פארשפארט אין בית הכסא! דו פארשטייסט, אז א קליין נפשל, וואס קאן נאך אפילו ניט משיג זיין, וואס עס קומט פאר מיט אים, שלאגט זיך אין בית הכסא, אין דער פינצטער און אין קעלט, מיט דעם קלייבינקל פויסטל זיינעם אין דעם צעבראכענעם הערצעלע און וויינט מיט זיינע בלוטיקע, נישט צארנדיקע, מילדע טרערעלאך צו "גאטעניו", ער זאל אים העלפן — פארשטייסטו דעם דאזיקן שטות, פריינד מיינער און ברודער מיינער, גאטס מאנאך דו מיינער און בעל־הכנעה, פארשטייסטו דאס, צוליב וואס מ׳דארף אזוי נויטיק אט דעם שטות און צוליב וואס מ׳האט אים באשאפן! אן אים, זאגט מען, וואלט דער מענטש גארניט געקאנט האבן קיין קיום אף דער וועלט אפילו, וואריס ער וואלט ניט דערקענט קיין גוטס און קיין שלעכטס. צוליב וואט זאל מען דערקענען דאס דאזיקע טייוולשע גוטס און שלעכטס, ווען דאס קאסט אזוי פיל? די גאנצע וועלט פון דער דערקענטעניש איז, אף אזא אופן, ניט ווערט די דאזיקע טרערעלאך פון דעם עופהלע צו "גאטעניו". איך רעד נישט פון דיליידן פון די גרויסע, זיי האבן געגעסן פון דעם עץ הדעת, און זאל זיי נעמען דער רוח, עס מעג זיי אלעמען נעמען דער רוח, נאר אט די, אט די! איך פייניק דיך, אליאשקא, דו ביזט ווי ניט ביי־זיך, איך וועל אויפהערן, אויב דו ווילסט.

— ס׳מאכט ניט אויס, איך וויל אויך געפייניקט ווערן, — האט א מורמל געטאן אליאשא.

— נאך איין מעשהלע, מער ניט ווי נאך איינע, ווייל ס׳איז אינטערעסאנט און זעער כאראקטעריסטיש, די הויפטזאך אבער, ווייל איך האב זי נאר־וואס געלייענט אין איינעם פון די זאמלביכער פאר אונזער אלטערטום, דאכט זיך אין דעם "ארכיוו" צי אין "סטארינא", מ׳דארף א קוק טאן, כ׳האב אפילו פארגעסן, וואו איך האב דאס געטראפן. דאס איז געווען אין דער סאמער פינצטערער צייט פון דעם לייבאייגנטום, נאך אין אנפאנג פון אונזער איצטיקן יארהונדערט, זאל לעבן דער באפרייער פונ׳ם פאלק! ס׳איז געווען דעמאלט אין אנהייב יארהונדערט איינער א גענעראל, א גענעראל מיט גרויסע פראטעקציעס,

א זעער רייכער פריץ, אבער פון אזוינע פריצים (אמת, וואס זיינען שוין דעמאלט אויך, דאכט זיך, געווען, ניט קיין סך), וואס, בעת זיי פלעגן גיין רוען נאכן דינסט, פלעגן זיי כמעט זיין זיכער, אז זיי האבן זיך דערדינט פאר זיך דאס רעכט אפן לעבן און אפן טויט פון זייערע אונטערטעניקע. אזוינע פריצים זיינען דעמאלט געווען. איז אט וואוינט זיך דער גענעראל אין זיין הויף מיט די צוויי טויזנט בפשות, בלאזט פון זיך, באגייט זיך מיט זיינע קלענערע שכנים ווי מיט זיינע לצים און ווי מיט מענטשן, וואס זיינען בא אים אף לאסקאווע. האלט א שטאל מיט הונדערטע הינט און שיר ניט קיין הונדערט אויפזעער איבער זיי, אלע אין מונדירן, אלע אף פערד. און אט האט א אינגעלע פון הויף, א קליינינקער אינגעלע, אינגאנצן א יאר אכט, א ווארף געטאן עפעס שפילנדיק מיט א שטיין און געטראפן דעם ליבסטן גענעראלס הונט אין פוס. איז „פארוואס האט דער ליבער הונט מיינער אנגעהויבן הינקען?" גיט מען אים איבער, אז דער אינגעלע האט א ווארף געטאן אף אים א שטיין און געמזיקט אים די פוס. „אהא, דאס ביזטו! — האט אים באקוקט דער גענעראל, — נעמט אים!" האט מען אים אוועקגענומען, אוועקגענומען בא דער מאמען, א גאנצע נאכט איז ער אפגעזעסן פארשפארט, און אף מארגן, באגינען, פארט ארויס דער גענעראל אין דעם גאנצן גלאנץ אף געיעג, געזעצט זיך אפן פערד, ארום אים זיינע לאסקאווע דינער, די הינט, די אויפזעער פון זיי, אלע אף פערד. ארום און ארום האט זיך צונויפגעקליבן דער גאנצער הויף אף אנצוקוקן דאס. און פארויס פון אלעמען שטייט די מאמע פון דעם אומשולדיקן אינגעלע. מ'פירט ארויס דעם אינגעלע פון דער תפיסה. ס'איז א פינצטערער, קאלטער און נעפלדיקער הארבסט־טאג, ווי געטראפן פאר געיעג. דעם אינגעלע הייסט דער גענעראל אויסטאן, דאס קינדעלע טוט מען אויס. ווי די מאמע האט אים געהאט, ער טרייסלט זיך, איז אראפ פון זינען פאר שרעק, דער־וועגט אבער ניט א פיפס צו טאן. „יאגט אים!" קאמאנדירט דער גענעראל, „לויף, לויף!" שרייען צו אים די אויפזעער פון די הינט, דער אינגעלע לויפט . . . „נעמט אים!" טוט א בריל דער גענעראל און גיט א לאז אף אים די גאנצע מחנה יאגד־הינט. האט אנגערייצט

די הינט פאר דער מאמען אין די אויגן, און די הינט האבן צעריסן דאס קינד אף שטיקלאך!... דער גענעראל, דאכט זיך, האט דאן באקומען אן אפיטרופסות. נו... וואס זאל מען טאן מיט אים? דערשיסן? צוליב דער באפרידיקונג פונ׳ם מאראלן געפיל דערשיסן? זאג, אליאשקא!

— דערשיסן! — האט שטיל א זאג געטאן אליאשא, מיט א בלייכן, עפעס אויסגעקרימטן שמייכעלע, געבנדיק א הייב דעם בליק אפן ברודער.

— בראווא! — האט א ברום געטאן איוואן אין עפעס א התפעלות, — וויבאלד אז דו האסט שוין געזאגט, הייסט דאס... אי ביזטו א מאנאך! איז אט וואס פאר א טייוועלע עס זיצט בא דיר אי הערצל, אליאשקא קאראמאזאוו!

— איך האב געזאגט א שטות, אבער...

— דאס איז דאך די מעשה, וואס אבער... — האט געשריען איוואן, — זיי וויסן, מאנאכל, אז שטותערייען דארף מען זעער נויטיק האבן אף דער וועלט. אף שטותערייען שטייט די וועלט און אן זיי וואלט זי אפשר גאר קיין קיום נישט געהאט. מיר וויסן וואס מיר ווייסן.

— וואס ווייסטו?

— איך פארשטיי קיין שום זאך ניט — האט איוואן פארגעזעצט, ווי רעדנדיק פון היץ, — און איך וויל גאר גלאט איצט קיין זאך ניט פארשטיין. איך וויל בלייבן ביים פאקט. איך האב שוין לאנג גענומען אף זיך ניט צו פארשטיין. טאמער וועל איך יע וועלן עפעס פארשטיין, וועל איך תיכף זיין אומטריי דעם פאקט. איך האב מיר אבער באשלאסן צו בלייבן ביים פאקט...

— פאר וואס פרווסטו מיך אויס? — האט אליאשא טרויעריק אויסגערופן מיט א בראך, — וועסט מיר זאגן ענדלאך?

— אוודאי וועל איך זאגן, צו דערצו האב איך דאך געפירט, כדי צו זאגן. דו ביזט מיר טייער, איך וויל דיך נישט אנווערן און איך וויל ניט איבערגעבן דיך דיין זאסימען.

איוואן האט געשוויגן בא א מינוט. דאס פנים זיינס איז מיטאמאל געווארן זעער באטריבט.

— הער מיך אויס: איך האב גענומען נאר קינדער, כדי עס זאל אויסקומען בולטער. ווען די איבעריקע מענטשלאכע טרערן, מיט וועלכע עס איז דורכגעזאפט די גאנצע ערד פון דער הייטל ביזן צענטער, — רעד איך שוין קיין ווארט ניט. איך האב מיין טעמע מיט א כיוון פארקירצט. איך בין א וואנץ און איך בין מודה בא דער גאנצער דערנידעריקונג, אז איך קאן קיין שום זאך ניט פארשטיין, צוליב וואס דאס איז אלץ אזוי איינגעאורדנט. דער מענטש איז, הייסט עס, אליין שולדיק: מ׳האט אים געגעבן א גן עדן, האט ער פארוואלט פרייקייט און אוועקגעגנבט דאס פייער פון הימל, וויסנדיק אליין, אז ער וועט ווערן אומגליקלאך, איז אף אזא אופן ניטא וואס צו רחמנות האבן אף אים. אָ, על פי מיין שכל נאך, על פי מיין ארימן, גשמיותדיקן עווקלידשן שכל נאך, ווייס איך נאר דאס, אז ליידן זיינען דא, אז קיין שולדיקע זיינען ניטא, אז אלץ קומט ארויס פשוט און איינפאך איינס פון דעם אנדערן, אז אלץ פליסט און ווערט אויסגעגליכן, — אבער דאס איז דאך מער ניט ווי אן עווקלידשע ווילדקייט, איך ווייס דאך דאס, לעבן לויט איר קאן איך דאך ניט מסכים זיין! וואס קומט מיר ארויס אז קיין שולדיקע זיינען ניטא און אז אלץ קומט ארויס פשוט און איינפאך איינס פון דעם אנדערן, און וואס איך ווייס דאס — איך דארף האבן שכר, א ניט פטר איך זיך אוועק. און שכר ניט אמאל ווייס אין ווען, אפשר בסוף כל הדורות, נאר אט דא אַף דער וועלט, אז איך אליין זאל זען, און טאמער וועל איך דעמאלט שוין זיין טויט, דארף איך אויפשטיין תחית המתים, ווארים אויב אלץ וועט פארקומען אָן מיר, וועט זיין א צו גרויסע עוולה. איך האב דאך צוליב דעם געליטן, כדי מיט זיך, מיט די ליידן מיינע אויסמיסטיקן פאר עמיצן א קינפטיקע הארמאניע. איך וויל זען מיט די אייגענע אויגן, ווי דער שעפס וועט ליגן לעבן דעם וואלף און ווי דער געקוילעטער וועט אויפשטיין און זיך ארומנעמען מיט זעם, וואס האט אים געקוילעט. איך וויל זיין אף אן ארט, בעת אלע וועלן מיטאמאל דערקענען, צוליב וואס דאס איז אלץ געווען אזוי. אף דעם דאזיקן באגער האלטן זיך אלע אמונות אף דער וועלט, און איך גלויב. נאר אט

וואס: די קינדערלאך, וואס וועל איך דאס פונדעסטוועגן דעמאלט אנהייבן טאן מיט זיי? דאס איז א קשיא, וואס איך קאן ניט געבן קיין ענטפער אף איר. צום הונדערטסטן מאל חזר איך איבער, — ס'איז דא קשיות א ים, נאר איך האב גענומען קינדערלאך אליין, ווייל דא איז בריא כשמש, וואס איך דארף זאגן, הערט זיך איין: אויב אלע דארפן ליידן, כדי מיט דעם ליידן צו קויפן די אויביקע הארמאניע, טאָ וואס פאר א שייכות, זאגט מיר, איך בעט אייך, האבן דערצו די קינדער? ס'איז לחלוטין ניט צו פארשטיין, צו וואס האבן זיי אויך געדארפט ליידן, און פארוואס דארפן זיי אויך קויפן מיט ליידן די הארמאניע? צו וואס זיינען זיי אויך אריינגעפאלן אין כלל און אויסגעמיסטיקט מיט זיך פאר א צווייטן א קינפטיקע הארמאניע? סאלידאריטעט אין פרט פון זינד צווישן מענטשן פארשטיי איך, איך פארשטיי אויך די סאלידאריטעט אין פרט פון שכר, אבער ניט מיט קינדערלאך סאלידאריטעט אין פרט פון זינד, און אויב ס'איז טאקע אמת, אז זיי זענען אויך סאלידאר מיט די עלטערן אין אלע זייערע גזלות און רציחות, איז דער דאזיקער אמת געוויס ניט פון אט דער וועלט און איך פארשטיי אים ניט. געוויס, א לץ קאן זאגן, אז סיי־ווי־סיי וועט דאך דאס קינד אויסוואקסן, און באוויזן צו זינדיקן, אבער אט איז עס דאך ניט אויסגעוואקסן, מ'האט דאך אים, אן אכטיאריקן, מיט הינט אוועקגעפטרט. אָ, אליאשא, איך לעסטער ניט גאט! איך פארשטיי דאך, וואס פאר א מין צעטרייסלונג עס דארף פארקומען פון דער גאנצער וועלט, ווען אלצדינג פון הימל און פון אונטער דער ערד וועט זיך צונויפגיסן אין איין זמר, און יעטווידע באשעפעניש, וואס לעבט און וואס האט אמאל געלעבט, וועט אויסרופן: „גאט איז גערעכט, ווארים זיינע וועגן האבן זיך פאר אונז געעפנט!" ווען די מאמע וועט זיך ארומנעמען מיט דעם גזלן, וואס האט צעריסן מיט די הינט דעם זון אירן, און אלע דרייען וועלן אויסרופן מיט טרערן: „גאט איז גערעכט!" דעמאלט וועט שוין אוודאי דערפילט ווערן די גרעסטע הכרה און אלצדינג וועט ווערן קלאר. אבער דא טאקע איז דער פינטל, אט דווקא דאס קאָן איך ניט אָננעמען. און כל זמן איך לעב אף דער ערד, זע איך אנצונעמען מיינע אייגענע מיטלען. פארשטייסטו מיך, אליאשא, עס קאן דאך טאקע אפשר איינ־

דערמאָנען זיך: „גאָט איז גערעכט!" ...

רעכט מוחל צו זיין? איך וויל ניט קיין הארמאניע, אויס ליבע צו דער מענטשהייט וויל איך ניט. איך וויל בעסער בלייבן מיט ליידן, פאר וועלכע מ'האט ניט גענומען קיין נקמה, בעסער וועל איך שוין בלייבן בא מיינע ליידן, פאר וועלכע מ'האט ניט גענומען קיין נקמה, און בא דעם ניט געשטילטן צארן מיינעם, ווען איך זאל זיין אפילו אומגערעכט. און מ'האט גאר גלאט צו טייער אפגעשאצט די הארמאניע. גארניט נאך אונזער קעשענע נאך צו צאלן אזוי פיל פארן ארייננאנג, דעריבער איי̲ל איך זיך אוועקצוגעבן צוריק מיין בילעט. און אויב איך בין נאר אן ארנטלאכער מענטש, בין איך מחויב אפגעבן אים צוריק וואס־גיכער. און דאס טו איך טאקע. ניט גאט נעם איך ניט אָן, אליאשא, איך גיב אים נאר אפ צוריק מיט יראת הכבוד דעם בילעט.

דאס איז א מרידה, — האט אליאשא אנגערופן זיך שטיל, האלטנדיק איינגעגראבן דעם קאפ.

— א מרידה? איך וואלט נישט געוואלט הערן פון דיר אזא ווארט, — האט איוואן געזאגט מיט הארץ. — מ'קאן דען לעבן אלס מורד, און איך וויל לעבן. זאג מיר פשוט אליין, איך רוף צו דיר, — ענטפער, שטעל זיך פאר, אז דו בויסט דאס אליין אויף דעם בנין פון דעם מענטשלאכן גורל מיטן ציל ביים ענד גליקלאך מאכן די מענטשן, געבן זיי ענדלאך שלום און פרידן, דערצו אבער וואלט געווען נויטיק און אומפארמיידלאך צו פייניקן סך הכל נאר איין קליינינקן נפשל, אט טאקע דעם זעלביקן עופהלע, וואס האט זיך געשלאגן מיטן פויסטל אין הערצל און אף די טרערעלאך זיינע, וואס מ'האט ניט גענומען קיין נקמה פאר זיי, גרינדן דעם דאזיקן בנין, וואלסטו מסכים געווען צו זיין דער ארכיטעקטאר אף אט די תנאים, זאג און ליי̲ג ניט!

— ניין, כ'וואלט ניט מסכים געווען, — האט אליאשא שטיל ארויסגערעדט.

— און קאנסטו דערלאזן דעם געדאנק, אז די מענטשן גופא, פאר וועמען דו בויסט, וואלטן מסכים געווען אנצונעמען דעם דאזיקן גליק אף דעם ניט געדעכטפארטיקטן בלוט פון דעם געפייניקטן קינד, און, אננעמענדיק, בלייבן אף אויביק גליקלאך?

— ניין, איך קאן דאס ניט דערלאזן, ברודער, — האט אליאשא אנגערופן זיך מיטאמאל מיט פינקלענדיקע אויגן, — דו האסט אקארשט געזאגט: צי איז דען פאראן אף דער גאנצער וועלט א וועזן, וואס וואלט געקאנט און געהאט רעכט מוחל צו זיין? דער איינער איז אבער פאראן, און ער קאן אלצנדיג מוחל זיין, אלצדינג און אלעמען און פאר אלץ, ווארים ער האט אליין אפגעגעבן דאס אומשולדיקע בלוט זיינע פאר אלצדינג און פאר אלעמען. דו האסט פארגעסן אָן אים, אף אים אָבער האלט זיך דאס דער בנין, און צו אים וועט מען דאס אויסרופן: „גאט איז גערעכט, ווארים זיינע וועגן האבן זיך געעפנט פאר אונז" . . .

— אהא, דאס איז דער „צדיק גמור" און זיין בלוט! ניין, איך האב ניט פארגעסן אָן אים, אדרבה, איך האב זיך די גאנצע צייט געוואונדערט, וואס דו ברענגסט אים ניט ארויס, ווארים געווינלאך איז בא א ויכוח שטעלן אים אייערע גלייך ארויס. דו ווייסט אליאשא, לאך ניט, איך האב א מאל פאופאסט א פאעמע, מיט א יאר צוריק. אויב דו קאנסט פטרן מיט מיר נאך א צען מינוט, וואלט איך זי פאר דיר דערציילט.

— דו האסט אנגעשריבן א פאעמע?

— אָ, ניין, נישט אנגעשריבן, — האט איוואן אנגעהויבן לאכן. — כ'האב קיינמאל אין לעבן ניט פארפאסט קיין צוויי פערזן אפילו. איך האב אבער אט די דאזיקע פאעמע אויסגעטראכט און באהאלטן זי אין זכרון, אויסגעטראכט זי מיט פלאם. דו וועסט זיין מיין ערשטער לעזער, דאס הייסט מיין ערשטער הערער. צו וואס זאל באמת א מחבר פארלירן כאטש נאר איין איינציקן הערער, — האט איוואן אנגעהויבן שמייכלען. — זאל איך זי דיר דערציילן צי ניט?

— איך הער זעער גוט, — האט זיך אנגערופן אליאשא.

— זי הייסט מיין פאעמע „דער גרויסער אינקוויזיטאר", אן אומגעלומפערטע זאך, נאָר איך וויל זי דיר דערציילן.

V

דער גרויסער אינקוויזיטאָר

— אַט קאָן מען דאָ אויך ניט אויסקומען אָן אַ הקדמה, דאָס הייסט אָן קיין ליטעראַרישער הקדמה, פוי, — האָט איוואַן אָנגעהויבן לאַכן, — און וואָס פאַר אַ מחבר בין איך דען! דו פאַרשטייסט, די האַנדלונג קומט פאָר בײַ מיר אין זעכצנטן יאָרהונדערט, און דעמאָלט — דו דאַרפסט דאָס נאָך אגב וויסן פון שול — דעמאָלט איז געווען אַ מנהג אין פּאָעטישע ווערק אַראָפּברענגען אויף דער ערד גייסטער פון די הימלען. איך רעד שוין ניט פון דאַנטען. אין פראַנקרייך פלעגן די ריכטער די קלעריקן, און דאָס אייגענע אויך די מאָנאַכן אין די מאָנאַסטירן געבן גאַנצע פאָרשטעלונגען, וואו מ'פלעגט אַראָפּברענגען אויפן סצענע די מאַדאָנע, מלאכים, הייליקע, קריסטוסן און גאָט אַליין. דעמאָלט איז דאָס אַלץ געווען זייער פשוט. בײַ וויקטאָר הוגאָ אין „Notre-Dame de Paris“ ווערט געגעבן אין דער פּאַריזער ראַטושע אין דער צייט פון לודוויק XI לכּבוד דער געבורט פונ'ם פראַנצויזישן טרוין־פאָלגער אַן אומזיסטע און שאַפנדיקע פאָרשטעלונג פאַרן פאָלק אונטער דעם נאָמען: „Le bon jugement de la trés sainte et gracieuse Vierge Marie“, וואו זי אַליין קומט אַראָפּ און טראָגט ארויס איר bon jugement. בײַ אונדז אין מאָסקווע, ביז פּעטערס צייט, פלעגן פון צייט צו צייט אויך פאָרקומען כּמעט אַזוינע דראַמאַטישע פאָרשטעלונגען, דערהויפּט פון מעשיות פון דער ביבל; נאָר אַ חוץ דראַמאַטישע פאָרשטעלונגען, איז דעמאָלט אַרומגעגאַנגען איבער גאָר דער וועלט אַסך דערציילונגען און „געדיכטען“, וואו עס פלעגן אָנטיילנעמען, אז מ'פלעגט דאַרפן, הייליקע, מלאכים און די גאַנצע פּמליא של מעלה. אין די מאָנאַסטירן פלעגט מען זיך פאַרנעמען בײַ אונדז מיט איבערזעצונגען אויך, מיט איבערשרייבן און אַפילו מיט פאַרפאַסן אַזוינע מיני פּאָעמען, און נאָך ווען — בימי די טאָטערס. ס'איז דאָ בײַ אונדז, למשל, אַ קליינינקע מאָנאַסטיר־פּאָעמע (איבערגעזעצט פון גריכיש, פאַרשטייט זיך), וואָס הייסט: „גאָטס

מוטער וואַנדלט איבערן גיהנום", מיט אזוינע בילדער אין מיט אַזאַ דרייסטקייט, וואָס זיינען ניט קלענער פון דאַנטעס. גאָטס מוטער קומט אין גיהנום, און עס פירט זי "איבער די גיהינימס" דער מלאך מיכאל. זי זעט די רשעים און זייערע יסורים. אַגב איז דאָ פאַראַן אַ זעער צוציענדיקער מין רשעים אין אַ ברענענדיקער אָזערע, וואס בעת זיי ווערן שוין אַריינגעוואָרפן און קאָנען ניט אַרויס־שווימען, "פאַרגעסט שוין גאָט אויך אָן זיי" — אַן אויסדרוק פון גוואַלטיקער טיפקייט און קראַפט. איז אָט פאַלט אַנידער גאָטס מוטער אַן ערשטוינטע און מיט ביטערע טרערן פאַרן כסא הכבוד און בעט ער זאל מוחל זיין אַלעמען, וואָס געפינען זיך און גיהנום, אַלעמען, ווען זי האָט דאָרטן געזען, אָן אַ חילוק. איר טענהן צו גאָט איז מוראדיק אינטערעסאַנט. זי בעט זיך רחמים, זי טרעט ניט אָפּ פון אים, און אַז דער אויבערשטער וויזט איר אָן מיט די נעגל דורכגעבויערטע הענט און פיס פון איר זון און זאָגט: ווי זאָל איך מוחל זיין די, וואָס האָבן אים געפּייניקט — הייסט זי אלע צדיקים, אַלע קדושים, אַלע מלאכים און אַלע שרפים אַנידערפאַלן אינאיינעם מיט איר און בעטן מחילה פאַר אַלעמען אָן אַ חילוק. עס ענדיקט זיך מיט דעם, וואָס זי פועלט באַ דעם אויבערשטען ער זאָל אפּשטעלן יעדן יאר די ענויים פאר די רשעים פון דעם הייליקן פרייטיק ביז שבועות, און די רשעים פון גיהנום לויבן השם יתברך און רופן צו אים: "דו ביזט גערעכט, רבונו של עולם, וואס דו האסט אזוי געמשפט". איז אט, וואלט מיין קליינינקע פאָעמע אויך געווען פון אָט דעם שניט, ווען זי וואלט ארויס צו יענער צייט. בא מיר באווייזט זיך אפן טצענע "ער"; אמת, ער זאגט קיין זאך ניט אין דער פאָעמע, נאר מער ניט, וואס ער באווייזט זיך און גייט דורך פארביי. פופצן הונדערט יאר זיינען שוין אוועק, ווי ער האט צוגע־זאגט צו קומען אין דער הערשאפט פון זיין קיניגרייך, שוין פופצן הונדערט יאר, ווי דער נביא זיינער האט געזאגט; "דאס וועט געשען באלד". "דעם טאג און שעה אבער ווייס אפילו דער זון אליין ניט, נייערט בלויז דער פאטער מיינער פון הימל", ווי ער אליין האט מבשר געווען אף דער ערד. די מענטשהייט אבער ווארט אף אים מיט

דעם פריערדיקן גלויבן און מיט דער פריערדיקער התלהבות· אָ׳ נאָך אפילו מיט אַ גרעסערן גלויבן׳ ווארים פופצן הונדערט יאר זיינען שוין אוועק פון דעמאלט אָן׳ ווי די הימלען האבן אויפגעהערט צו געבן ערבות דעם מענטשן:

גלויב׳ וואס ס׳ועט דאס האַרץ דיר זאָגן׳
זוך קיין ערבות ניט פון הימל׳

און טאקע גישט מער ווי דער גלויבן אין דעם׳ וואס דאס הארץ זאגט! אמת׳ ווארנדער זיינען דעמאלט אויך געווען אסך· עס זיינען געווען צדיקים׳ וואס פלעגן על פי ווארנדער קראנקע געגעזן מאכן; צו אנדערע צדיקים׳ ווי מיר זעען פון זייער לעבנסבאשרייבונג׳ פלעגט אראפקומען די מטרוניתא אליין׳ אבער דער שטן שלאפט ניט׳ און אין דעם מענטשן האבן זיך שוין פארקליבן מחשבות זרות וועגן דעם אמת פון אט די נסים· דעמאלט האט זיך דאס גראד באוויזן אף צפון׳ אין דייטשלאנד׳ א גוואלדיקע נייע אפיקורסות· א מוראדיקער שטערן׳ ״ווי דער עמוד האש״ (דאס הייסט ווי די קירכע) „איז געפאלן אף די קוואלן וואסער, און זיי זיינען געווארן ביטער״· די דאזיקע אפיקורסים האבן אנגעהויבן לעסטרן גאט און לייקענען אין נסים· דערפאר אבער גלויבן נאך מיט מער ברען אט די׳ וואס זיינען געבליבן טריי· די טרערן פון דער מענטשהייט דערגרייכן צו אים׳ ווי פריער, מ׳ווארט אף אים׳ מ׳האט אים ליב׳ מ׳האפט אף אים׳ מ׳לעכצט צו ליידן און אומקומען על קדוש השם׳ אזוי ווי פריער · · · איז אט אזוי פיל הונדערטע יארן האט תפילה געטאן די מענטשהייט מיט פלאם און מיט גלויבן: ״באווייז זיך פאר אונז, פאטער״׳ אזוי פיל הונדערטע יארן האט מען גערופן צו אים׳ אז ער האט׳ אין זיין רחמים, וואס האט קיין מאס ניט, געוואלט אראפנידערן צו די׳ וואס האבן געבעטן צו אים· ער האט אראפגענידערט׳ ער פלעגט פריער אויך קומען צו צדיקים יחידים׳ צו קדושים און צו הייליקע נזירים אף דער ערד׳ ווי עס שטייט געשריבן אין דעם „הייליקן ספר״ פון זייער לעבן· אונזער טיוטשעוו׳ וואס איז געווען א גרויסער מאמין אין די ריכטיקייט פון זיינע רייד׳ האט געזאגט׳ אז

מ׳יט דער לאַסט פון קרייץ באַלאָדן,
איז פון ברעג צו ברעג געגאנגען
יעזוס קריסטוס איינגעבויגען,
בענטשנדיק דיך, ערד געטרייע.

וואָס דאס איז געווים געווען אזוי, דאס קאָן איך דיר זאגן. איז אט האט ער פארוואָלט אראפּקומען כאטש נאר אף א רגע צום פאלק, — צו דעם געפּייניקטן, צו דעם ליידנדיקן, צו דעם עיפּוש־דיק־זינדיקדיקן, אבער אים קינדיש ליבהאבנדיקן פאלק. די האנדלונג קומט פאר בא מיר אין שפּאניע, אין סעווילע, אין דער סאמער שרעקלאכסטער צייט פון דער אינקוויזיציע, בעת אין לאנד האבן צוליב דעם רום פון גאט טאג־טעגלאך געברענט די שייטערהויפנס און

אַף רחבותדיקע אויטאָדאַפעס
האט מען לעסטערער פאַרברענט.

אָ, אוודאי איז דאס געווען ניט יענער אראפּקומען, וואו, ווי ער האט מבשר געווען, ער וועט זיך באווייזן באחרית הימים, אין דער גאנצער פּראכט פונ׳ם הימל און וואס עס וועט פארקומען פלוצלונג, "ווי א בליץ, וואס לייכט פון מזרח ביז מעריב". ניין, ער האט געוואלט כאטש נאר אף א רגע קומען צו זיינע קינדער און דווקא אהין, וואו עס האבן גראד אנגעהויבן קנאלן די שייטער־הויפנס פון די אפּיקורסים. צוליב דער בארמהארציקייט זיינער, וואס האט קיין עגד ניט, גייט ער נאכאמאל דורך צווישן די מענטשן אין דעם זעלביקן מענטשלאכן געשטאלט, ווי ער איז דריי יאר ארומ־געגאנגען צווישן זיי מיט פופצן הונדערט יאר צוריק. ער נידערט אראפּ אף די "גלוטיקע שטויגן" פון דער דרומדיקער שטאט, וואו מ׳האט ערשט גראד אף דער נאכט פארברענט א "פּרעכטיקן אוי־טאדאפע", בא דעם בייזיין פונ׳ם קיניג, פון דעם הויף, פון די ריטער, פון די קארדינאלן און פון די פיינסטע הויף־דאמען, בא דעם בייזיין פון דער גרויסער באפעלקערונג פון גאנץ סעווילע, האט דער קאר־דינאל, דער גרויסער אינקוויזיטאר, פארברענט מיט איין מאל שיר ניט קיין הונדערט אפּיקורסים ad majorem gloriam Dei. ער איז

אראפּגעקומען שטיל אומבאמערקטערהייט און אט אלע — ס׳איז מאָד־
נע — דערקענען אים. דאס האט געקאנט זיין איינע פון די בעסטע
ערטער פון דער פּאעמע, — דאס הייסט, פּארוואס גראד דערקענט
מען אים? דאס פאלק שפּארט זיך צו אים מיט א נישט בייקומענ־
דיקן כּוח, רינגלט אים ארום, עס ווערט אלץ גרעסער און גרעסער,
מ׳גייט נאָך נאָך אים. שווייגנדיק גייט ער דורך צווישן זיי
מיט א שטילן שמייכעלע פון רחמנות, וואס האט קיין ברעג ניט,
א זון פון ליבשאפט ברענט אין זיין הארצן, שטראלן פון ליכט, פון
חכמה און פון קראפט פליסן פון די אויגן זיינע און, אויסגיסנדיק
זיך אף די מענטשן, צעטרייסלען זיי זייערע הערצער און רופן ארויס
צוריק א ליבשאפט. ער שפּרייט אויס צו זיי די הענט, בענטשט זיי,
און פון דעם אָנרירן זיך צו אים, מער ניט ווי אן די קליידער אפילו,
גייט ארויס א היילנדיקע קראפט. אט רופט אויס פון צווישן דער מחנה
א זקן, א בלינדער פון קינדווייז אן: „האר פון דער וועלט, הייל
מיך אויס, און לאז מיך דיך אויך אנקוקן.“ און ווי א טוך ווערט
אראפּגעצויגן פון זיינע אויגן, און דער בלינדער זעט אים. דאס
פאלק וויינט און קושט די ערד, וואס ער גייט אף איר. קינדער
ווארפן בלומען צו אים, זינגען און רופן צו אים: „הושׂענא!“
„דאס איז ער, דאס איז ער אליין, חזרן אלע איבער, דאס מען ער
זיין, ס׳איז ער, ניט קיין אנדערער, ווי ער.“ ער שטעלט זיך אפּ
ביים אריינגאַנג פונ׳ם סעווילער דאָם אין דער זעלביקער ווילע, בעת
מ׳טראגט אריין אין קלויסטער מיט א געוויין אן אפענעם ווייסן
ארונדל מיט א קינד: א זיבניאריק מיידעלע ליגט אין אים, א בת
יחידה פון א חשובן באלעבאס. דאס טויטע קינד ליגט איינגעהילט
אין בלומען. „ער וועט לעבעדיק מאכן דיין קינד,“ שרייט מען פון צווישן
דער מחנה צו דער קלאגנדיקער מוטער. דער פּאַטער פון דאָם,
וואס איז ארויס אנטקעגן דעם ארון, איז געפּלעפט און רונצלט די
שטערן. דא דערהערט זיך אבער אן אויסגעשריי פון דער מאמען,
וועמעס קינד עס איז. זי פאלט אנידער צו זיינע פיס: „אויב דאס
ביזטו, טא מאך לעבעדיק מיין קינד!“ רופט זי אויס אויס־
שטרעקנדיק צו אים די הענט. די לויה בלייבט שטיין, דעם ארונדל

לאזט מען אראפ צו זיינע פיס ביים אריינגאַנג פון קלויסטער. ער קוקט
מיט רחמים און עס לוספערן ארויס די לעפצן זיינע: „תַּלְיָפָא קוּמִי" —
„שטיי אויף, מיין קינד". דאס מיידעלע הייבט זיך אויף אין דעם ארון,
זעצט זיך, קוקט, און שמייכלט מיט די פארוואונדערטע אויגעלאך ארום
און ארום. אין די הענט האלט זי א בוקעט ווייסע ראזן, מיט וועל-
כע זי איז געלעגן אין ארון. צווישן דעם פאלק איז א טומל, א
געפילדער, א יאמער, און אין דער זעלביקער ווילע באווייזט זיך
מיטאמאל ארום דעם דאָם איבערן פלאץ דער קארדינאל אליין, דער
גרויסער אינקוויזיטאר. דאס איז א זקן, א בן תשעים כמעט, א
הויכער, א גראַדער מיט אן אויסגעדארט פנים, מיט איינגעפאלענע
אויגן, פון וועלכע עס לייכט נאך אבער א שטראל, ווי א פונק. אָ
ער איז ניט אנגעטאן אין די פרעכטיקע קליידער זיינע, אין וועלכע
ער האט געלויכטן נעכטן פארן פאלק, בשעת מ'האט פארברענט די
פיינד פון דעם רוימישן גלויבן, — ניין, איצט איז ער נאר אין
זיַין אלטער, גראבער מאנאכן-ריזע. אין א באשטימטן שטח פון אים
גייען די פינצטערע באַהעלפער און די קנעכט זיינע און די „הייליקע"
שמירה. ער שטעלט זיך אפ פארן המון און באקוקט פונדערווייטן.
ער האט אלץ געזען, ער האט געזען, ווי מ'האט אוועקגעשטעלט דעם
ארון לעבן „זיינע" פיס, האט געזען, ווי דאס קינד איז אויפגע-
שטאנען תחית המתים און דאס פנים זיינס איז געווארן פינצטער,
ער כמורעט מיט די גרויע געדיכטע ברעמען זיינע, און זיין בליק
פינקלט מיט א רוגזהדיקן פייער. ער שטרעקט אויס זיין פינגער
און הייסט די שומרים אננעמען „אים". און אט, אף אזוי פיל איז
גרויס זיין מאכט און אף אזוי פיל איז שוין דאס פאלק אונטערטעניק,
אונטערגעדריקט און צוגעוואוינט דערצו, אז דער המון רוקט זיך תיכף
פאנאנדער פאר די שומרים, און בא א טויטער שטילקייט, וואס איז
מיטאמאל אנגעשטאנען, לייגן ארויף אף „אים" די שומרים די הענט
און פירן „אים" אוועק. דער גאנצער המון, ווי איין מענטש, בויגט
כהרף עין די קעפ צו דער ערד פאר דעם זקן דעם אינקוויזיטאר, און
שווייגנדיק בענטשט ער דאס פאלק און גייט דורך פארביי. די שמירה
ברענגט אריין דעם „געפאנגענעם" אין אן ענגן פינצטערן תפיסה-גע-

וועלב אין דעם אלטן בנין פון דעם הייליקן בית דין און פארשפארט אים דארטן. עס גייט אריבער דער טאג, עס קומט א פינצטערע, הייסע און טויטע סעווילייער נאכט. אין דער טיפער פינצטערניש עפנט זיך־אויף מיטאמאל די אייזערנע טיר פון דער תּפיסה, און לאנגזאם, מיט א לעמפל אין האנט, גייט אריין דער זקן אליין דער גרויסער אינקוויזיטאר אין תּפיסה. ער איז אליין, די טיר הינטער אים ווערט גלייך פארשפארט. ער בלייבט שטיין ביים ארייננגאנג און א לאנגע ווײַלע, א מינוט און די אנדערע, קוקט ער זיך איין אין דעם פּנים זיינעם. ענדלאך גייט ער שטיל צו, שטעלט אוועק דעם לעמפל אפן טיש און רופט זיך אן צו אים:

„— דאס ביזטו? דו?״ — אבער ניט באקומנדיק קיין ענטפער איז ער גלייך מוסיף: „ענטפער ניט, שווייג. און וואס וואלסטו דען געקאנט זאגן? איך ווייס צו־גוט, וואס דו וועסט זאגן. אבער דו האסט גאר גלאט קיין רעכט ניט עפּעס מוסיף זיין צו דעם, וואס איז שוין געזאגט געווארן פריער פון דיר. טא למאי ביזטו געקומען שטערן אונז? ווארים דו ביזט געקומען שטערן אונז און דו ווייסט דאס אליין. צי ווייסטו אבער, וואס מארגן וועט זיין? איך ווייס ניט, ווער „דו״ ביזט, און איך וויל ניט וויסן: צי דאס ביזטו אדער נאר א צֶלֶם זיינער, אבער מארגן וועל איך דיך פארמשפטן און פארברענען אפן שייטער־הויפן, ווי דעם ערגסטן אפיקורס, און דאס זעלביקע פאלק, וואס האט געקושט דיינע פיס, וועט מארגן, אף איין וואונק מיינעם, א ווארף טאן זיך אונטערשארן די קוילן צו דיין שייטערהויפן, ווייסטו דאס? אוודאי, עס קאן זיין, אז דו ווייסט דאס״ — האט ער מוסיף געווען טיף טראכטנדיק, אף קיין רגע ניט אפרייסנדיק זיך מיטן בליק פון זיין „געפאנגענעם״.

— איך פארשטיי ניט גוט, איוואן, וואס דאס איז אזוינס? — האט א שמייכל געטאן אליאשא, וואס האט די גאנצע צייט צוגעהערט, — צי דאס איז פשוט א ניט קיין אויסגעהאלטענע פאנטאזיע אדער עפּעס א גרייז פונ׳ם זקן, עפּעס א משונהדיקער qui pro quo?

— זאל זיין פון מיינטוועגן כאטש דאס לעצטע, — האט איוואן אנגעהויבן לאכן, — וויבאלד דער איצטיקער רעאליזם האט שוין דיך

אזוי צעלאזן געמאכט, און דו קאנסט נישט אריבערטראגן קיין שום פאנטאסטישע זאך — ווילסט qui pro quo, זאל זיין אזוי, אמת איז דאס, — האט ער זיך ווייטער צולאכט, — דעם אלטן איז ניינציק יאר, און ער האט שוין לאנג געקאנט אראפגיין פון זינען פון זיין געדאנק, דער געפאנגענער ווידער האט אים געקאנט פארגאפן מיט זיין אויסזען. דאס האט געקאנט ענדלאך זיין פשוט א רעדן פון היץ, א זעאונג, וואס עס קאן זען א ניינציקיאריקער זקן, וואס איז נאך אויפגעפלאמט פון דעם נעכטיקן אויטאדאפע פון די הונדערט אפיקורסים, איז דען אבער עפעס א חילוק פאר מיר מיט דיר, צי דאס איז א qui qro quo, צי א ניט קיין אויסגעהאלטענע פאנטאזיע? דא איז נאר דאס וויכטיקסטע, וואס דער אלטער דארף זיך ארויסזאגן, וואס פאר די גאנצע ניינציק יאר זאגט ער זיך ענדלאך ארויס און זאגט דאס ארויס אפן קול, וואס ער האט די גאנצע ניינציק יאר געשוויגן.

— און דער געפאנגענער שווייגט אויך? קוקט אף אים און זאגט קיין ווארט ניט?

— אזוי דארף דאס טאקע זיין, דאס איז אפילו תמיד אזוי, — האט איוואן ווייטער גענומען לאכן. — דער אלטער אליין זאגט צו אים, אז ער האט ניט קיין רעכט אפילו מוסיף זיין צו דעם, וואס איז שוין פון פריער געזאגט געווארן. אז דו ווילסט וויסן, באשטייט אין דעם טאקע דער גרונד־שטריך פונ׳ם רומישן קאטויליציזם, אזוי ווייניקסטנס קומט מיר אויס: „דו האסט אלצדינג, הייסט עס, איבערגעגעבן דעם פויפסט און בכן געהערט איצט אלצדינג דעם פויפסט, און דו קום זיך איצט אינגאנצן ניט, לכל הפחות שטער ניט ביז א צייט“. אין דעם זינען איז ניט נאר וואס זיי רעדן, נאר זיי שרייבן אפילו, ווייניקסטנס די יעזואיטן. דאס האב איך אליין געלייענט בא זייערע טעאלאגן. „צי טארסטו איבערגעבן אונז כאטש איין סוד פון יענער וועלט, פון וואנען דו ביזט געקומען?“ — פרעגט אים מיין זקן און ענטפערט אים אליין פאר אים, — „ניין דו טארסט ניט, כדי ניט מוסיף צו זיין צו דעם, וואס ס׳איז שוין פון פריער געזאגט געווארן, און כדי ניט אוועקצוצונעמען די פרייהייט פון די מענטשן, פאר וועלכער דו ביזט אזוי געשטאנען, בעת דו ביזט געווען אף דער ערד. אלץ וואס דו וועסט איצט

פון דאס ניי זאגן, וועט שעדיקן די פרייקייט פונ׳ם גלויבן פון די מענטשן, ווארים דאס וועט זיך באווייזן ווי א וואונדער, און די פרייקייט פון זייער גלויבן איז דיר נאך דעמאלט, מיט אנדערהאלבן טויזנט יאר צוריק, געווען טייערער פאר אלץ. צי ניט דו האסט דעמאלט אזוי אפט גערעדט: ״איך וויל אייך מאכן פאר פרייע?״ נאר אט האסטו איצט דערזען אט די ״פרייע״ מענטשן — איז מיטאמאל מוסיף דער אלטער מיט א פארטראכטן שמייכעלע — ״יא, די דאזיקע זאך, האט אונז טייער געקאסט״ — רעדט ער ווייטער, קוקנדיק שטרענג אף אים, — ״נאר מיר האבן ענדלאך פארענדיקט די דאזיקע זאך, צוליב דיין נאמען וועגן. פופצן הונדערט יאר האבן מיר זיך געפייניקט מיט דער דאזיקער פרייקייט, איצט אבער איז א סוף דערצו און א פעסטער סוף? דו גלויבסט ניט, אז ס׳איז א פעסטער סוף? דו קוקסט מילד אף מיר און דו טוסט מיר ניט אן אפילו דעם כבוד פון קיין צארן? זיי וויסן אבער, אז איצט, און דווקא איצט, זיינען די מענטשן זיכער מער ווי ווען-עס-איז, אז זיי זיינען אינגאנצן פריי, און דערביי האבן זיי דאך אליין געבראכט אונז זייער פרייקייט און אונטערטעניק אוועקגעלייגט זי אונז צו די פיס. דאס אבער האבן מיר אויפגעטאן, צי דאס אבער האסטו געוואלט, אזא פרייקייט דען״?

— איך פארשטיי ווייטער ניט, — האט אליאשא איבערגעריסן, — ער טרייבט קאטאוועס, ער לאכט?

— עס הייבט זיך ניט אן. אט דאס גראד רעכנט ער פאר דעם פארדינסט פון אים און פון די זייניקע, אזוי סוף כל סוף, האבן זיי ביי־געקומען די פרייקייט, און האבן דאס געמאכט דעריבער, כדי צו מאכן גליקלאך די מענטשן, ווארים אצונד (ער רעדט דאס געווייגלאך פון דער אינקוויזיציע) איז צום ערשטן מאל מעגלאך געווארן א טראכט צו טאן וועגן דעם גליק פון די מענטשן. דער מענטש איז געווען באשאפן ווי א מורד; קאנען אבער מורדים זיין גליקלאך? מ׳האט דיר מתרה געווען, — זאגט ער צו אים, — דיר האבן ניט געפעלט קיין התראות און קיין אזהרות, אבער דו האסט ניט געהערט די התראות, דו האסט אפגעווארפן דעם איינציקן וועג, דורך וועלכן מ׳האט געקאנט מאכן די מענטשן גליקלאך, אבער צום גליק האסטו, אוועקגייענדיק,

איבערגעגעבן די זאך אונז. דו האסט מבטיח געווען אף לעתיד לבוא. דו האסט געמאכט שטארק מיט דיין ווארט. דו האסט אונז געגעבן דאס רעכט צונויפצובינדן און פאנאנדערבינדן. איז אוודאי קאנסטו שוין ניט טראכטן אפילו אפנעמען בא אונז איצט דאס דאזיקע רעכט. טא למאי ביזטו געקומען שטערן אונז?"

— און וואס הייסט: דיר האבן ניט געפעלט קיין התראות או קיין אזהרות? — האט א פרעג געטאן אליאשא.

— אט דאס איז דאך דער עיקר. וואס דער אלטער דארף זיך אויסרעדן.

„— דער מוראדיקער און קלוגער גייסט. דער גייסט פון ניט־זיין און פון זיך חרוב־מאכן. — רעדט ווייטער דער אלטער. — דער גרויסער גייסט האט גערעדט מיט דיר אין דער מדבר. און ס'איז אונז איבערגעגעבן אין די ספרים. אז ער האט דיך כלומרשט געשטעלט פאר א „נסיון". איז דאס אמת? און וואלט מען געקאנט כאטש עפעס זאגן ריכטיקער פאר דאס. וואס ער האט דיר מבשר געווען אין די דריי קשיות. אף וועלכע דו האסט נישט געענטפערט. און וואס עס הייסט אין די ספרים דער „נסיון"? אבער אויב עס איז נאר ווען עס איז פארגעקומען אף דער וועלט אן אמתער גרויסער וואונדער. איז דאס אין יענעם טאג. אין דעם טאג פון אט די דריי נסיונות. גראד אין אט די דריי קשיות איז באשטאנען דער וואונדער. ווען מ'וואלט נאר געקאנט א טראכט טאן. מער ניט צוליב א פרווו און אלס משל. אז די דאזיקע דריי קשיות פונ'ם מוראדיקן גייסט וואלטן אן א שפור פארלארן געווארן אין די ספרים און אז מ'וואלט געדארפט זיי צוריק אויפשטעלן. פונדאסניי אויסטראכטן זיי. כדי ווייטער אריינטראגן אין די ספרים. און צוליב דעם זאל מען צונויפרופן אלע חכמים פון דער וועלט — די מלאכים. כהנים. תלמידי חכמים. פילאזאפן. פאעטן. און זאגן צו זיי: טראכט אויס דריי קשיות. אבער אזוינע. וואס זאלן ניט נאר וואס זיין ראוי דער זאך. נאר זאלן א חוץ דעם כולל זיין. אין דריי ווערטער אין דריי אויסדריקן פון א מענטשן. די גאנצע קומענדיקע געשיכטע פון דער וועלט און פון דער מענטשהייט. — מיינסטו דען. אז די גאנצע חכמה פון דער וועלט. וואס איז אינאיינעם באהעפט.

וואָלט געקאָנט אויסטראַכטן כאָטש וואָס עס איז ענלאַכס על פּי דעם כּוח און על פּי דער עמקות צו יענע דריי קשיות, וואָס דער מעכטיקער און קלוגער גייסט האָט דיך דעמאָלט בּפירוש געפרעגט אין דער מדבּר? שוין נאָך די קשיות אַליין, בּלויז נאָך דעם וואונדער, וואָס זיי זיינען געפרעגט געוואָרן, קאָן מען פאַרשטיין, אַז מיר האָבן ניט צו טאָן מיט קיין שׂכל פון אַ בּשׂר ודם, נאָר מיט אַן אייבּיקן און אַבּ־סאָלוטן. ווארים די דאָזיקע דריי קשיות וואָלטן ווי כּולל געווען און פאָרויס געזאָגט די גאַנצע ווייטערדיקע מענטשלאַכע געשיכטע און עס בּאַווייזן זיך דריי געשטאַלטן, אין וועלכע עס וועלן זיך צונויפקומען, אַלע ניט־פאַרענטפערטע היסטאָרישע סתירות פון דעם מענטשן אויף דער גאַנצער וועלט. דעמאָלט האָט דאָס נאָך ניט געקאָנט זיין אַזוי בּולט, ווארים דער עתיד איז געווען אומבּאַוואוסט, אַצונד אָבּער, אַז עס זיינען אַריבּער פופצן הונדערט יאָר, זעען מיר, אַז די דאָזיקע דריי קשיות האָבּן אויף אַזוי פיל אַלצדינג געטראָפן און פאָרויס געזאָגט און ס׳איז אַלצדינג אויף אַזוי פיל מקוים געוואָרן, אַז מ׳טאָר קיין זאַך ניט מוסיף זיין צו זיי אָדער מקצר זיין פון זיי.

„בּאַטראַכט אַליין, ווער איז געווען גערעכט: דו צי דער, וואָס האָט דיך געפרעגט? דערמאָן זיך אין דער ערשטער קשיא, כאָטש אַפילו ניט בּפועל ממש, נאָר דעם תּוך פון איר: „דו ווילסט אַרויס אויף דער וועלט און דו גייסט מיט הוילע הענט, מיט עפּעס אַ הבטחה פון פרייקייט, וואָס לויט דער מגושמדיקייט און דער גע־בּאָרענער עם הארצות זייערער, קאָנען זיי דאָס ניט משׂיג זיין אַפילו, פאַר וואָס זיי ציטערן און האָבּן מורא, — וואָס עס איז קיינמאָל קיין זאַך ניט געווען אומדערטרעגלאַכער פאַר דעם מענטשן און פאַר דער מענטשלאַכער עדה ווי פרייקייט! זעסטו אָבּער די שטיינער אין אָט דער וויסטער און בּלוטיקער מדבּר? פאַרוואַנדל זיי אין בּרויט, און עס וועלן זיך אַ לאָז טאָן די מענטשן נאָך דיר, ווי אַ סטאַדע אַ דאַנק־בּאַרע, וואָס וועט פאָלגן, כאָטש ס׳וועט אייבּיק ציטערן, אַז דו וועסט צונעמען די האַנט דיינע און דיין בּרויט וועט אויפהערן פאַר זיי״. דו האָסט אָבּער ניט געוואָלט אָוועקנעמען די פרייקייט פון דעם מענטשן

און דו האסט אפגעווארפן די עצה, ווארים וואס איז דאס פאר א פרייקייט, האסטו געטראכט, אז דאס פאלגן דיר איז געקויפט פאר ברויט? דו האסט געזאגט, אז דער מענטש לעבט ניט מיטן ברויט אליין, צי ווייסטו אבער, אז אין נאמען פון אט דעם זעלביקן ברויט, פון דעם ברויט פון דער ערד וועט זיך שטעלן אנטקעגן דיר דער גייסט פון דער ערד און וועט זיך ראנגלען מיט דיר און וועט דיך בייקומען און אלע וועלן אוועקגיין נאך אים, אויסרופנדיק: „ווער איז ענלאך צו דער דאזיקער חיה, ער האט אונז געגעבן דעם פייער פון הימל!״ צי ווייסטו, אז עס וועלן אריבערגיין הונדערטער יארן און דעם מענטש וועט אויסרופן מיט די ליפן פון זיין חכמה און וויסנשאפט, אז קיין פארברעך איז ניטא, און ס׳איז אף אזא אופן אויך ניטא קיין זינד, נאר עס זיינען דא מער ניט ווי הונגעריקע? „גיב פריער אפעסן, דערנאך פארלאנג מעשים טובים פון זיי!״ אט וואס מ׳וועט אנשרייבן אפן דגל, וואס מ׳וועט אויפריכטן אנטקעגן דיר און דורך וועלכן דער היכל דיינער וועט חרוב ווערן. אפן ארט פון דעם היכל דיינעם וועט אויפגעריכט ווערן א נייער בנין, עס וועט ווידער אויפגעבויט ווערן א מוראדיקער טורים פון בבל, און הגם דער טורים וועט אויך ניט פארענדיקט ווערן, ווי דער פריערדיקער, וואלסטו דאך אבער פארט געקאנט אויסמיידן אט דעם נייען טורים און פארקירצן אף טויזנט יאר די ליידן פון די מענטשן, — ווארים צו אונז וועלן זיי דאך קומען, אפמאטערנדיק זיך טויזנט יאר מיט זייער טורים! זיי וועלן אונז דעמאלט ווייטער אויפזוכן אונטער דער ערד, אין קאטאקאמבעס, באהאלטענע (ווארים מירן ווייטער זיין פארפאלגט און פארטריבן), וועלן זיי אונז געפינען און אויסרופן צו אונז: „גיט אונז אפעסן, ווארים די, וואס האבן אונז צוגעזאגט פייער פון הימל, האבן אים ניט געגעבן״. און דעמאלט וועלן מיר שוין פארענדיקן זייער טורים, ווארים פארענדיקן וועט דער, ווער עס וועט געבן אפעסן, און אפעסן וועלן מיר נאר געבן, אין דיין נאמען וועגן, און מיר וועלן לייגן, אז דאס איז אין דיין נאמען. אָ, אן אונז וועלן זיי קיינמאל ניט, קיינמאל ניט זיין זאט! קיין שום תורה וועט זיי ניט געבן קיין ברויט, כל זמן זיי וועלן בלייבן פריי, עס וועט זיך אבער ענדיקן מיט דעם, אז זיי וועלן ברענגען

די פּרייקייט זייערע אונז צו די פיס און וועלן זאגן צו אונז: „פאַרשקלאַפּט אונז בעסער, נאָר גיט אונז אָפּעסן”. זיי וועלן סוף כּל סוף אַליין פאַרשטיין, אַז אי פרייקייט אי ברויט פון דער ערד צו־זאַט פאַר יעדן איינציקן קאָן ניט געמאָלט זיין, וואָרים זיי וועלן זיך קיינמאָל, קיינמאָל ניט קאָנען צעטיילן צווישן זיך! עס וועט זיי אויך קלאָר ווערן, אַז זיי קאָנען גאָר אַפילו קיינמאָל ניט זיין קיין פרייע, וואָרים זיי זענען שוואַך, זיינען זינדיק, קליין און זיינען מורדים. דו האָסט זיי צוגעזאָגט ברויט פון הימל. נאָר איך חזר איבער נאָך אַ מאָל, קאָן ער זיך דען פאַרגלייכן אין די אויגן פון אַ שוואַכן, אַן אויביק זינדיקן און אַן אויביק מגושמדיקן בשר ודם מיט דעם ברויט פון דער ערד? און אויב עס וועלן גיין נאָך דיר, אין נאָמען פון דעם ברויט פון הימל, טויזנטע און צענדליקער טויזנטע, איז וואָס וועט זיין מיט די מיליאָנען און מיט די צענדליקער טויזנטע מיליאָנען מענטשן, וואָס וועלן ניט זיין בכוח מותר צו זיין אָפּן ברויט פון דער ערד צוליב דעם ברויט פון הימל? אָדער זיינען דיר נאָר טייער די צענדליקער טויזנטע גרויסע און שטאַרקע, און די איבעריקע מיליאָנען, וואָס זיינען פול ווי דער זאַמד פון ים, די שוואַכע, אָבער וואָס האָבן דיך ליב, דאַרפן נאָר זיין אַ מאַטעריאַל פאַר די גרויסע און די שטאַרקע? ניין, אונז זיינען טייער די שוואַכע אויך, זיי זיינען זינדיקע און זיינען מורדים, שפּעטער אָבער וועלן זיי אָנהייבן הערן אויך. זיי וועלן זיך וואונדערן פון אונז און זיי וועלן אונז האַלטן פאַר געטער דערפאַר, וואָס, שטעלנדיק זיך בראש פון זיי, זיינען מיר מסכּים געווען אויסצוטראָגן די פרייקייט, פאַר וועלכער זיי האָבן זיך דערשראָקן, און וואָס מיר הערשן איבער זיי, — אַזוי מוראַדיק וועט זיי שפּעטער ווערן צו זיין פריי! מיר וועלן אָבער זאָגן, אַז מיר זיינען אונטערטעניק דיר און מיר הערשן אין דיין נאָמען. מיר וועלן זיי ווייטער אָפּנאַרן, וואָרים דיך וועלן מיר שוין ניט צולאָזן צו זיך. אין דעם דאָזיקן שקר וועט אויך באַשטיין אונזער אָפּקומען, וואָרים מיר וועלן מוזן לייגן. אָט וואָס עס האָט באַטייט די ערשטע קשיא אין דער מדבר, און אָט וואָס דו האָסט ניט פאַרענטפערט אין׳ם נאָמען פון פרייקייט, וואָס דו האָסט געשטעלט העכער פאַר אַלץ. און דערביי האָט די דאָזיקע קשיא כּולל געווען דעם גרויסן סוד פון דער וועלט. אַז דו וואָלסט מקבּל געווען דאָס דאָזיקע

„ברויט״׳ וואלסטו געגעבן אַן ענטפער אף דעם אויביקן און אלגעמיינעם צער פון די מענטשן׳ סיי פון דעם יחיד׳ אזוי אויך פון דעם גאנצן כלל — איין מיין: „פאר וועמען מען זאל זיך בוקן?״ ס׳איז ניטא קיין פיינלאכערע און קיין שווערערע זאָרג פאר דעם מענטשן׳ ווי בלייבנדיק פריי׳ אויפזוכן וואס גיכער אזא׳ פאר וועמען צו בוקן זיך׳ דער מענטש זוכט אבער צו בוקן זיך פאר דאס׳ וואס עס איז שוין זיכער׳ אזוי זיכער׳ אז אלע זאלן מיטאמאל זיין מסכים צו בוקן זיך דער פאר. ווארים די זאָרג פון אט די ארימע באשעפענישן באשטייט ניט נאר אין דעם כדי אויפזוכן דאס׳ פאר וואס איך אדער א צווייטער זאל זיך בוקן׳ נאר אויפזוכן אזוינס׳ אז אלע זאלן זיך אויך איינגלויבן אין דעם און זאלן זיך בוקן דערפאר, און ניט אנדערש ווי אלע אינאיינעם. אט די דאזיקע באדערפעניש אין דעם געמיינזאמן בוקן זיך זיינען די גרעסטעליידן פון איטלאכן מענטשן אלס יחיד און פונ׳ם גאנצן כלל פון תמיד אָן׳ צוליב דעם געמיינזאמן בוקן זיך האבן איינע די אנדערע אויסגעקוילעט מיטן שווערד. זיי האבן באשאפן געטער און גערופן איינער צום צווייטן: „ווארפט אוועק אייערע געטער און קומט בוקן זיך צו אונזערע׳ אז ניט איז א תל פון אייך און פון אייערע געטער!״ און אזוי וועט דאס זיין ביז די וועלט וועט האבן א קיום׳ אפילו דעמאלט׳ בשעת עס וועלן פארשווינדן די געטער פון דער וועלט: ס׳א דאגה וועט מען זיך א ווארף טאן פאר אפגעטער. דו האסט געוואוסט׳ דו האסט געמוזט וויסן פון דעם רוזין דרוזין פון דעם מענטשנס טבע׳ דו האסט אבער אפגעווארפן דעם איינציקן אבסאלוטן דגל׳ וואס מ׳האט דיר געוואלט געבן׳ כדי צו נויטן אלעמען צו בוקן זיך פאר דיר אן טענות׳ — האסט אפגעווארפן דעם דגל פון דעם ברויט פון דער ערד׳ און דו האסט אפגעווארפן אינ׳ם נאמען פון פרייקייט און דעם ברויט פון הימל׳ טא גיב א קוק׳ וואס דו האסט ווייטער געטאן׳ און ווידער אינ׳ם נאמען פון דער פרייקייט. איך זאג דיר׳ אז דער מענטש האט ניט קיין פיינלאכערע זאָרג׳ ווי צו געפינען דעם׳ וועמען ער זאל אפגעבן וואס גיכער יענע מתנה פון דער פרייקייט׳ מיט וועלכער די דאזיקע אומגליקלאכע באשעפעניש ווערט געבוירן׳ באהערשן וועט אבער די פרייקייט פון די מענטשן נאר יענער׳ ווער

עס וועט באַרואיקן זייער געוויסן. מיטן ברויט איז דיר געגעבן געוואָרן א זיכערער דגל: וועסט געבן ברויט און דער מענטש וועט זיך בוקן, ווארים ס'איז קיין זאך ניטא קיין זיכערערע פאר ברויט, נאר אויב אין דער זעלביקער צייט וועט איינער באהערשן זיין געוויסן אויסער דיר, — אָ, דעמאלט וועט ער אפילו ווארפן דעם ברויט דיינעם און וועט אוועק־גיין נאך יענעם, וועמעס וועט באצויבערן זיין געוויסן. אין דעם ביזטו געווען גערעכט, ווארים דער סוד פון דעם מענטשנס קיום באשטייט ניט אין דעם, כדי מער ניט ווי לעבן, נאר אין דעם, צוליב וואס מ'זאל לעבן. אָן א זיכערער פארשטעלונג פאר זיך, צוליב וואס ער זאל לעבן, וועט דער מענטש ניט מסכים זיין צו לעבן און וועט גיכער מאכן א סוף פון זיך, איידער בלייבן לעבן, כאטש אפילו ארום אים זאל זיין ברויט און ברויט. דאס איז א כלל, וואס זשע איז אָבער ארויסגעקומען: אנשטאט צו באַמעכטיקן זיך מיט דער פרייקייט פון דעם מענטשן, האסטו זיי אים נאך גרעסער געמאכט! צי האסטו דען פארגעסן, אז רו און אפילו דער טויט איז טייערער דעם מענטשן פאר א פרייען אויסדערוויילן פון שלעכטס און גוטס? ס'איז ניטא קיין שום באצויבערנדיקע זאך פאר דעם מענטשן, ווי די פרייקייט פון זיין געוויסן, ס'איז אויך נישטא קיין פיינלאכערע זאך פאר דאס. איז אנשטאט פעסטע יסודות אף צו באַ־רואיקן איינמאל פאר אלעמאל דעם געוויסן פון דעם מענטשן — האסטו גענומען אלץ, וואס עס איז דא ניטגעווייגלאכס, סודותדיקעס, און ניט־באשטימטעס, האסט גענומען אלץ, וואס עס איז ניט געווען נאך די כוחות נאך פון דעם מענטשן, און דעריבער ביזטו זיך אזוי באגאנגען, ווי דו וואלסט אים אינגאנצן ניט ליב געהאט, — און ווער האט דאס געטאן? דער, וואס איז געקומען אפגעבן פאר זיי זיין לעבן! אנשטאט פון באַמעכטיקן זיך מיט דער פרייקייט פון דעם מענטשן, האסטו זי פארמערט און שווערער געמאכט אף אויביק די אינערלאכע רו פון דעם מענטשן מיט ענויים. דו האסט געוואלט די פרייע ליבשאפט פון דעם מענטשן, כדי ער זאל מיט דעם אייגענעם ווילן גיין נאך דיר, פאר־כישופט און פארגאפט פון דיר. אנשטאט דעם פעסטן אוראלטן געזעץ — האט מיט א פרייען הארץ געדארפט דער מענטש אליין אויסדערוויילן אף להבא, וואס עס איז גוט און וואס עס איז שלעכט,

האבנדיק נאר פאר א פירער דיין געשטאַלט פאר זיך, — נישיים זע אבער האסטו ניט א טראכט געטאָן, אז ער וועט דאך סוף־כל־ סוף אפוואָרפן און אפלייקענען סיי די געשטאלט דיינע סיי דעם אמת דיינעם, אויב מ׳וועט ארויפוואַרפן אף אים אזא מוראדיקע לאסט, ווי זיין פריי אין אויסדערוויילן? זיי וועלן ענדלאך אויסרופן, אז דער אמת באשטייט ניט אין דיר, ווארים מ׳האט נישט געטארט לאָזן זיי אין א גרעסערער צעמישטקייט און אפקומעניש, ווי דו האסט דאָס געטאָן, איבערלאזנדיק זיי אזוי פיל זארג און ניט קיין פארענטפערטע קשיות. אף אזא אופן, האסטו גופא אויך אוועקגעלייגט דעם יסוד אף חרוב צו מאכן דיין אייגענע מלוכה און מער באשולדיק קיינעם ניט אין דעם. אבער צי דאס האט מען דיר געוואלט געבן? עס זיינען פאראן דריי כוחות, די איינציקע דריי כוחות אף דער וועלט, וואס זיינען ביכולת אף אויביק צו באוועלטיקן און צו באצויבערן דעם געוויסן פון אט די שוואכינקע מורדים, צוליב זייער גליק וועגן, — די דאזיקע כוחות זיינען: דער נס, דער סוד און דער שם. דו האסט מותּר געווען סיי אף דאס ערשטע, סיי אף דאס צווייטע, סיי אף דאס דריטע, און אליין געגעבן א ביישפיל דערצו. בשעת דער מוראדיקער און קלוגער גייסט האט דיך אוועקגעשטעלט אפן שפיץ פונ׳ם היכל און געזאגט צו דיר: „אז דו ווילסט דערגיין, צו דו ביזט גאטס זון, טאָ טו זיך א ווארף אף דער ערד, ווארים מיר לערנען וועגן אים, אז די מלאכים וועלן אים אויפכאפן און וועלן אים אוועקטראגן און ער וועט ניט פאלן און וועט זיך ניט שעדיקן, און דו וועסט דעמאלט דערגיין, צי דו ביזט גאטס זון, און וועסט דערווייזן דעמאלט, ווי גרויס איז דיין גלויבן אין דעם פאטער דיינעם", דו האסט אבער אויסגעהערט און אפגעווארפן די עצה און דו האסט זיך ניט אונטערגעגעבן און ניט א ווארף געטאָן זיך אף דער ערד. אָ, אוודאי ביזטו זיך באגאנגען שטאלץ און גרויס, ווי א גאט, אבער דער מענטש, אבער דער דאזיקער שוואכער און מורדישער שבט — זיינען זיי דען געטער? אָ, דו האסט פארשטאנען דעמאלט, אזי געבנ־ דיק נאר א טראָט, נאר א באוועגונג אף א ווארף צו טאָן זיך אף דער ערד, וואלסטו תיכף געשטעלט דעם רבונו של עולם אין נסיון און וואלסט פארלארן דעם גאנצן גלויבן אין אים, און וואלסט געהרגעט געווארן אָן

דער אייגענער ערד, וואס דו ביזט געקומען ראטעווען, און עס וואלט גע־ ווען א פרייד פאר דעם קלוגן גייסט, וואס האט דיך געשטעלט אין נסיון. אבער איך חזר איבער, צי זיינען דען דא אסך אזוינע, ווי דו? און נישיים זע האסטו באמת געקאנט דערלאזן כאטש איין רגע, אז די מענטשן וועלן אויך זיין בכוח אף אזא נסיון? אזוי איז דען באשאפן די טבע פון דעם מענטשן, אז ער זאל מותר זיין אפן גס און אין אזוינע מוראדיקע מאמענטן פונ'ם לעבן, אין מאמענטן פון די סאמע גרעסטע און מוראדיקסטע און פיינלאכע אינערלאכע פראגן זיינע זאל ער בלייבן נאר מיט א פרייען באשלוס פון דעם אייגענעם הארצן? אָ, דו האסט גע־ וואוסט, אז דיין גבורה וועט בלייבן אין די ספרים, אז זי וועט דערגרייכן די טיפעניש פון די צייטן און די לעצטע גרעניצן פון דער גאנצער ערד, און דו האסט געהאפט, אז ווען ער וועט גיין נאך דיר, וועט דער מענטש אויך בלייבן מיט גאט און ניט נויטיקן זיך אין קיין וואונדער. דו האסט אבער ניט געוואוסט, אז ווי נאר דער מענטש וועט אפווארפן דעם וואונדער וועט ער די רגע אפווארפן אויך גאט, מחמת דער מענטש זוכט ניט אף אזוי פיל גאט, וויפל דעם וואונדער. און היות ווי דער מענטש איז ניט בכוח צו בלייבן אן וואונדער, וועט ער באשאפן פאר זיך נייע וואונדער, שוין אייגענע, און וועט זיך נעמען בוקן פאר די וואונדער פון א כישוף־מאכער און פון א כישוף־מאכערין, ער מעג זיך אפילו הונדערט מאל זיין א מורד, אן אפיקורס און אַ רשע. דו ביזט ניט אראפ פון צלם, בשעת מ'האט געשריען צו דיר, מאטערנדיק דיך און רייצנדיק זיך מיט דיר: „גיי אראפ פון צלם וועלן מיר גלויבן, אז דאס ביזטו". דו ביזט דערפאר ניט אראפ, ווייל דו האסט ווידער דאס אייגענע, ניט געוואלט פארקנעכטן דעם מענטשן מיט קיין וואונדער און האסט געגארט דעם פרייען גלויבן, ניט קיין גלויבן פון וואונדער. האסט געגארט די פרייע ליבשאפט און ניט קיין התפעלות פון א קנעכט פאר א מעכטיקער זאך, פון וועלכער ער איז אף אייביק פארציטערט געווארן. אבער אין דעם פרט האסטו אויך געמשפט וועגן די מענטשן צו הויך, ווארים זיי זיינען קנעכט, כאטש אפילו זיי זיינען בטבע מורדים. קוק זיך ארום און משפט, עס זיינען שוין אריבער פופצן הונדערט יאר, גיי גיב א קוק אף זיי: וועמען האסטו דערהויבן ביז צו זיך? באמיתת, דער מענטש איז בא־

שאפן שוואכער און נידעריקער, ווי דו האסט געטראכט וועגן אים! קאן ער דען, קאן ער דען מקיים זיין דאס, וואס דו? אכטנדיק אים אזוי פיל, האסט זיך באגאנגען אזוי ווי דו וואלסט אויפגעהערט רחמנות צו האבן אף אים, ווארים שוין צו־פיל האסטו פארלאנגט פון אים — און ווער האָט דאס געטאן, דער, וואס האט אים ליב געקראגן מער ווי זיך גופא! אז דו וואלסט אים ווייניקער געאכט, וואלסטו ווייניקער אויך פארלאנגט פון אים, און דאס וואלט געווען נעהנטער צו ליבשאפט, ווארים די משא זיינע וואלט גרינגער געווען. ער איז שוואך און מיאוס, וואס קומט ארויס, אז ער באגייט אומעטום א מרידה קעגן אונזער ממשלה און האלט זיך גרויס, וואס ער איז אַ מורד? דאס איז די גאוה פון א קינד און פון א שול־אינגל. דאס זיינען קלייניקע קינדערלאך, וואס מאכן א ליארם אין שול און טרייבן ארויס דעם לערער. עס וועט אבער אויך קומען א סוף צו די התפעלות פון די קינדערלאך, ער וועט זיי קאסטן טייער. זיי וועלן חרוב מאכן די בתי מקדשים און וועלן פארפלייצן די ערד מיט בלוט. די נאראנים די קינדער וועלן שפעטער כאפן זיך אבער, אז הגם זיי זענען מורדים, זיינען זיי אבער שוואכע מורדים, וואס האלטן ניט אויס די אייגענע מרידה. באגיסנדיק זיך מיט די נארישע טרערן זייערע, וועלן זיי כל־סוף־כל־סוף מודה זיין זיך, אז דער, וואס האט זיי באשאפן פאר מורדים, האט בלתי ספק געוואלט אפשפעטן פון זיי. זאגן וועלן זיי דאס פארצווייפלטערהייט, און דאס וועט זיין א גאטס־לעסטערונג, פון וואס זיי וועלן ווערן נאך אומגליקלאכער, ווארים די טבע פון דעם מענטשן טראגט ניט אריבער קיין גאטס־לעסטערונג, און סוף־כל־סוף וועט זי תמיד נוקם זיין זיך דערפאר אָן זיך אליין. דאגות, מטושטשדיקייט און אומגליק — דאס איז דער איצטיקער גורל פון דעם מענטשן נאך דעם, ווי דו ביזט אזוי פיל אויסגעשטאנען פאר זיין פרייקייט! דער גרויסער נביא דיינער איז מבשר אין זיין זעאונג און אין זיין נבואה, אז ער האט געזען אלעמען פון דעם ערשטן תחית המתים, און זיי זיינען געווען צו צוועלף טויזנט פון איטלאכן שבט. אויב אבער אז זיי זיינען געווען אזוי פיל, זיינען זיי אויך געווען ניט קיין מענטשן, נאר געטער. זיי זיינען אויסגעשטאנען די קרויצונג דיינע, זיי האבן אריבערגעטראגן צענדליקע יארן אין דער

הונגעריקער און וויסטער מדבר, דערנערנדיק זיך מיט היישרעקן און
מיט ווארצלען — און אוודאי קאנסטו מיט שטאלץ אנווייזן אף
די דאָזיקע קינדער פון דער פרייקייט, פון דער פרייער ליבשאפט,
פון פרייען און גדלותדיקן מקריב זיין זיך אין דיין נאמען וועגן,
דערמאָן זיך אבער, אז דאס זיינען סך הכל געווען מער ניט ווי עטלאכע
טויזנט, און דאס אויך געטער, אבער די איבעריקע? און מיט וואס
זיינען שולדיק די איבעריקע שוואכע מענטשן, וואס זיי האבן ניט
געקאנט אריבערטראגן דאס, וואס די מעכטיקע? וואס איז שולדיק
א שוואכע נשמה, אז זי איז ניט בכוח צו באוועלטיקן אזוי פיל
מוראדיקע גאָטס־גאבן? און נישיים זע ביזטו באמת געקומען נאר צו די
אויסדערוויילטע און צוליב די אויסדערוויילטע! אויב אבער ס'איז אזוי, איז
דא א סוד און מיר קאנען אים ניט משיג זיין, וויבאַלד אבער ס'איז א סוד
האבן מיר אויך געמעגט פרעדיקן דעם דאזיקן סוד און לערנען זיי, אז
ניט דאס פרייע אויסדערוויילן פון זייער האַרצן איז וויכטיק און ניט די
די ליבשאַפט, נאר דער סוד, אונטער וועלכן זיי דארפן אונטער־
ווארפן זיך בלינדערהייט, אפילו קעגן זייער אייגענעם געוויסן. און
אזוי האָבן מיר געטאן. מיר האבן מתקן געווען דיין גבורה און מיר
האבן זי אויפגעריכט אפן נס, אפן סוד און אפן שם,
און די מענטשן האבן זיך דערפרייט, וואס מ'האט זיי ווייטער אוועק־
געפירט, ווי א סטאַדע, און וואס ס'איז ענדלאך אראפגענומען געווארן
פון זייער נשמה אזא מוראדיקע גאָבּ, וואס האט זיי געבראכט אזוי
פיל ענויים. זיינען מיר געווען גערעכט, אז מיר האבן זיי אזוי געלערנט
און אז מיר האבן אזוי געטאן, זאג? נישיים זע האבן מיר ניט ליב
געהאט דעם מענטשן, דערקענענדיק מיט אזוי פיל הכנעה זיין אנ־
מעכטיקייט, מיט אזוי פיל ליבשאפט מאכנדיק גרינגער זיין משא און
און אז מיר האבן מתיר געווען דער שוואכער טבע זיינער כאטש
אפילו א עבירה? טא פארוואס ביזטו איצט געקומען שטערן אונז?
און וואס קוקסטו אף מיר שווייגנדיק און דורכגעדרונגען מיט די
מילדע אויגן דיינע? ווער אין כעס, איך וויל ניט האבן די ליבשאפט
דיינע, ווארים איך גופא האב דיך ניט ליב, און למאי זאל איך דאס
לייקענען פאר דיר? צי ווייס איך דען ניט, מיט וועמען איך רעד?

דאס, וואס איך דארף דיר זאגן, איז דיר שוין אלץ באוואוסט, איך לייען דאס אין די אויגן דיינע. און צי וויל איך דען באהאלטן פון דיר דעם סוד אונזערן? אפשר ווילסטו אים דערגיין דווקא פון מיינע ליפן, טא הער: מיר זיינען ניט מיט דיר, נאר מיט א י ם. דאס איז אונזער סוד! מיר זיינען שוין פון לאנג ניט מיט דיר, נאר מיט א י ם, שוין פון אכט הונדערט יאר. ס'איז פונקט אכט הונדערט יאר, ווי מיר האבן גענומען פון אים דאס, וואס דו האסט אפגעווארפן מיט כעס, יענע לעצטע מתנה, וואס ער האט דיר געוואלט געבן, ווייזנדיק דיר אף אלע קיניגרייכן פון דער וועלט! מיר האבן גענומען פון אים רוים און דעם שווערד פון צעזאר און אויסגערופן נאר זיך אליין פאר די קסרים פון דער וועלט, פאר די איינציקע קיסרים, הגם מיר האבן נאך עד היום ניט באוויזן צו דערפירן אונזער זאך ביז דעם גאנצן סוף. אבער ווער איז שולדיק? אָ, די דאזיקע זאך איז נאך ביז איצט נאר ביים אנהייב, נאר זי איז שוין אנגעהויבן. לאנג דארף מען נאךווארטן אפן סוף און אסך וועט נאך האבן אויסצושטיין די וועלט, מיר וועלן דאס אבער דערגרייכן און מיר וועלן זיין צעזארס, און דעמאלט וועלן מיר שוין טראכטן וועגן דעם גליק פון די מענטשן אף גאר דער וועלט. אבער דו האסט דאך נאך דעמאלט געקאנט נעמען צעזארס שווערד. פארוואס האסטו אפגעווארפן אט די לעצטע גאָב? אז דו וואלסט געהערט די דריטע עצה פון דעם מעכטיקן גייסט, וואלסטו ממלא געווען אלץ, וואס עס זוכט דער מענטש אף דער ערד, דאס הייסט: פאר וועמען ער זאל זיך בוקן, וועמען ער זאל איבערגעבן דעם געוויסן און אף וואס פאר אן אופן ענדלאך אלע זאלן זיך פאראייניקן אין אן אלגעמיין זיכערן און אחדותדיקן בערגל פון מוראשקעס, ווארים די באדערפעניש פון א פאראייניקונג פון דער גאנצער וועלט איז די דריטע און די לעצטע אפקומעניש פון דעם מענטשן, תמיד האט די מענטשהייט אלס קיבוץ געשטרעבט איינצוארדענען זיך אף דער גאנצער וועלט. עס זיינען געווען אסך גרויסע פעלקער מיט א גרויסער געשיכטע, אבער וואס העכער די דאזיקע פעלקער זיינען געווען, אלץ אומגליקלאכער זיינען זיי געווען, ווארים זיי האבן שטארקער פאר-

די אנדערע דערקענט די באַדערפֿעניש פֿון דער אַלוועלטלאַכער פֿאַראייניקונג פֿון די מענטשן, די גרויסע עראָבערער, די טימורן און די טשינגיס־כאַנען, האָבן זיך ווי אַ ווינטער דורכגעטראָגן איבער דער וועלט, שטרעבנדיק איינצונעמען דעם וועלט־אַל, אָבער זיי האָבן אויך, הגם אומבאַוואוסטזיניק, אויסגעדריקט די זעלביקע שטאַרקע באַדערפֿעניש פֿון דער מענטשהייט אין אַן אַלוועלטלאַכער און געמיינזאַמער פֿאַראייניקונג. אַז דו וואָלסט אָנגענומען די וועלט און צעזאַרס פּורפּור־קלייד, וואָלסטו אויפֿגעבויט אַ מלוכה פֿון דער גאַנצער וועלט און וואָלסט געגעבן רו אויף גאָר דער וועלט. וואָרים ווער זאָל דען געוועלטיקן איבער די מענטשן, אויב ניט די, וואָס געוועלטיקן איבער זייער געוויסן און וועמעס הענט זייער ברויט געפֿינט זיך? האָבן מיר דעריבער גענומען צעזאַרס שווערד, און ווייבאַלד אַז מיר האָבן אים גענומען האָבן מיר אַוודאי אָפּגעוואָרפֿן דיך און אויך זיינען אַוועק נאָך אים. יאָ עס וועלן פֿאַרבייגיין נאָך הונדערטע יאָרן פֿון שלעכטע מעשים פֿון דעם פֿרייען פֿאַרשטאַנד, פֿון זייער וויסנשאַפֿט און אַנטראָפּאָפֿאַגיע, וואָרים אָנהייבנדיק צו בויען זייער טורים פֿון בבֿל אָן אונדז, וועלן זיי ענדיקן מיט אַנטראָפּאָפֿאַגיע. אָבער ערשט דעמאָלט וועט קומען צו קריכן צו אונדז די חיה און וועט לעקן די פֿיס אונדזערע און באַשפּריצן זיי מיט בלוטיקע טרערן פֿון אירע אויגן, און מיר וועלן זיך אַרויפֿזעצן אויף דער חיה און וועלן אויפֿהייבן דעם בעכער און עס וועט שטיין געשריבן אויף אים: „רוזין דרוזין!“ ערשט דעמאָלט וועט אָנשטיין פֿאַר דעם מענטשן די קיניגרייך פֿון רו און גליק. דו שטאָלצירסט מיט דיינע אויסדערוויילטע, אָבער דו האָסט מער ניט ווי אויסדערוויילטע, און מיר וועלן באַרואיקן אַלעמען. און צי איז דאָס נאָך גלאַט אַזוי: וויפֿל פֿון אָט די אויסדערוויילטע, פֿון די גבורים וואָס וואָלטן געקאָנט ווערן אויסדערוויילטע, זיינען ענדלאַך פֿאַרמאַטערט וואַרטנדיק אויף דיר, און האָבן אַוועקגעגעבן און וועלן נאָך אַוועקגעבן די כּוחות פֿון זייער גייסט און דעם פֿלאַם פֿון זייער האַרץ אויף אַן אַנדער פֿעלד און וועלן ענדיקן מיט דעם, וואָס זיי וועלן אויף דיר גופֿא אויפֿריכטן דעם פֿ ר י י ע ן דגל זייערן. אָבער דו

אליין האסט אויפגעריכט דעם דאזיקן דגל׳ בא אונז אבער וועלן אלע זיין גליקלאך און מ׳וועט מער ניט באגיין קיין מרידות׳ מער ניט פטרן איינער דעם צווייטן׳ ווי אין דער פרייקייט דיינער אומעטום׳ יאָ׳ מיר וועלן קלאר מאכן׳ אז זיי וועלן נאר דעמאלט זיין פריי׳ בעת זיי זיי וועלן זיך אפזאגן פון זייער פרייקייט צוליב אונז און וועלן ווערן אונז אונטערטעניק. איז וואס׳ וועלן מיר זיין גערעכט אדער אומגערעכט? זיי וועט אליין ווערן קלאר׳ אז מיר זיינען גערעכט׳ ווארים זיי וועלן זיך דערמאנען׳ צו וואס פאר אן אימהדיקער קנעכטשאפט און צעמישטקייט עס האט זיי דערפירט די פרייקייט דיינע׳ די פרייקייט׳ דער שכל הישר און די וויסנשאפט וועלן זיי ארייינפירן אין אזא פינצטערניש און זיי וועלן ווערן אוועק־געשטעלט פאר אזוינע וואונדער און פאר אזוינע ניט קיין פארענטפערטע סודות׳ אז א טייל פון זיי׳ די ווידערשפעניקע און ווילדע׳ וועלן פטרן זיך גופא׳ די אנדערע׳ די ווידערשפעניקע׳ אבער די שוואכע׳ וועלן פטרן איינע די צווייטע׳ און די איבעריקע׳ וואס וועלן בלייבן׳ די שוואכע און די אומגליקלאכע׳ וועלן קומען צו קריכן צו אונזערע פיס און וועלן אויסשרייען צו אונז: „יא׳ איר זייט גערעכט געוועןָ׳ איר אליין האט געוועלטיקט איבער דעם סוד זיינעם׳ און מיר קומען צוריק צו אייך׳ ראטעוועט אונז פון אונז גופא׳ באקומענדיק ברויט פון אונז׳ וועלן זיי אוודאי דערזען׳ אז מיר נעמען בא זיי זייער אייגענעם ברויט׳ וואס איז מיט זייערע הענט דערווארבן געווארן׳ כדי זיי גופא צו פארטיילן׳ אָן קיין שום ניסים׳ זיי וועלן זען׳ אז מיר האבן ניט פארוואנדלט קיין שטיינער אין קיין ברויט׳ זיי וועלן אבער׳ באמיתו׳ זיין אסך מער צופרידן פון דאס׳ וואס זיי באקומען דעם ברויט פון אונזערע הענט׳ ווי פון דעם ברויט גופא! ווארים זיי וועלן זער גוט געדיינקען׳ אז פריער׳ אָן אונז׳ פלעגט דאס ברויט׳ וואס פלעגט דערווארבן ווערן פון זיי גופא׳ פארוואנדלען זיך אין זייערע הענט אין שטיינער׳ און אז זיי זיינען געקומען צוריק צו אונז׳ זיינען די שטיינער גופא פארוואנדלט געווארן אין זייערע הענט אין ברויט׳ צו־גוט׳ צו־גוט וועלן זיי אָפשאצן׳ וואס עס באטייט צו ווערן אונטער־טעניק אף אויביק! און כל זמן די מענטשן וועלן דאס ניט משיג

זיין, וועלן זיי זיין אומגליקלאך· ווער האט מער פאר אלעמען געהאלפן דעם דאזיקן ניט משיג זיין, זאג? ווער האט צעריסן די סטאדע און צעשפרייט זי אף פרעמדע וועגן? די סטאדע וועט זיך אבער פונדאסניי צונויפזאמלען, און וועט זיך פונדאסניי אונטערווארפן, און געשען וועט שוין דאס אף אלעמאל· דעמאלט וועלן מיר זיי געבן א שטילן, הכנעהדיקן גליק פון שוואכע באשעפענישן, אזוי ווי זיי זיינען אינדערעמתן באשאפן געווארן· יא, מיר וועלן זיי סוף כל־סוף קלאר מאכן, ניט צו האלטן זיך גרויס, ווארים דו גופא האסט זיי דערהויבן און דערמיט אויסגעלערנט צו האלטן זיך גרויס; מיר וועלן זיי דערווייזן, אז זיי זיינען שוואכינקע, אז זיי זיינען מער ניט ווי עלנטע קינדער, אבער אז דאס קינדישע גליק איז טייערער פאר יעטווידן אנדערן גליק· זיי וועלן ווערן שרעקעדיקע און אנהייבן קוקן אף אונז, אין פחד צוטוליען זיך צו אונז, ווי הינעלאך צו דער הון· זיי וועלן זיך וואונדערן פון אונז און ציטערן פאר אונז און שטאלצירן, וואס מיר זיינען אזוי מעכטיק און אזוי קלוג, אז מיר האבן געקאנט איינשטילן אזא ווילדע סטאדע פון טויזנט מיליאן· זיי וועלן אין שוואכקייט ציטערן פאר אונזער צארן, דער שכל זייערער וועט ווערן מטושטשדיק, די אויגן זייערע וועלן זיין פול מיט טרערן, ווי בא קינדער און פרויען; אבער גראד אזוי לייכט וועלן זיי אף איין וואונק אונזערן איבערגיין צו פרייד און לוסטיקייט, צו ליכטיקער שמחה און גליקלאכן קינדערשן געזאנג· יא, מיר וועלן זיי נויטן צו אר־בעטן, אבער אין די פרייע שעהן פון דער ארבעט וועלן מיר זיי מאכן א לעבן, ווי א קינדערשן שפיל, מיט קינדערשע לידער, מיט א כאר און מיט אומשולדיקע טענץ· יא, מיר וועלן זיי מתיר זיין א עבירה אויך, זיי זיינען שוואך און אנמעכטיק, און זיי וועלן אונז ליב האבן ווי קינדער דערפאר, וואס מיר וועלן זיי מתיר זיין צו זינדיקן· מיר וועלן זיי זאגן, אז איטלאכע עבירה וועט ווערן מכפר, אויב מ׳וועט זי טאן מיט אונזער היתר; און מתיר זיין וועלן מיר זיי די עבירה דעריבער, ווייל מיר האבן זיי ליב, און די שטראף פאר די עבירות, וועלן מיר נעמען אף זיך· און מיר וועלן בעמען אף זיך, און זיי וועלן אונז פארגעטערן, וואס מיר טראגן אף זיך

זייערע עבירות פאר גאט. און קיין שום פארבארגענע זאכן וועלן זיי ניט האבן פון אונז. מיר וועלן זיי מתיר זיין און אויך קאנען פאר־ ווערן צו לעבן מיט זייערע ווייבער און ליבהאבערנס, צו האבן אדער ניט צו האבן קיין קינדער, — עס וועט זיך אלץ ווענדן אן דעם, ווי זיי וועלן אונז פאלגן, — און מיט פרייד און שמחה וועלן זיי אונז הערן. די פיינלאכסטע סודות פון זייער געוויסן, — אלצדינג, אלצדינג וועלן זיי אנטפלעקן פאר אונז, און מיר וועלן געבן אף אלץ אן ענטפער, און מיט פרייד וועלן זיי גלויבן אונזער ענטפער, ווארים ער וועט זיי אויסלייזן פון א גרויסער זארג און פון שווערע ענויים אליין צו געבן דעם ענטפער. און אלע וועלן גליקלאך זיין, אלע מיליאנען באשעפענישן, א חוץ די הונדערט טויזנט, וואס פירן זיי. ווארים נאר מיר, נאר מיר, וואס האבן דעם סוד געהיט, נאר מיר וועלן זיין אומגליקלאך. ס'וועלן זיין טויזנטע מיליאנען גליקלאכע עופהלאך און הונדערט טויזנט קדושים, וואס האבן גענומען אף זיך די קללה פון אפ־ צושיידן וואס ס'איז גוט און וואס ס'איז שלעכט. שטיל וועלן זיי שטארבן, שטיל וועלן זיי אויסגעלאשן ווערן אין דיין נאמען וועגן, און אין קבר וועלן זיי טרעפן מער ניט ווי דעם טויט. מיר וועלן אבער באהאלטן דעם סוד און מיר וועלן, צוליב זייער אייגענעם גליק, צוזאגן זיי דעם אויביקן שכר פון יענער וועלט. ווארים אויב אפילו עס וואלט עפעס יע געווען אף יענער וועלט, איז דאס געוויס ניט פאר אזוינע, ווי זיי. מ'טענהט און מ'זאגט נבואה, אז דו וועסט קומען און ווייטער אפהאלטן א נצחון, אז דו וועסט קומען מיט דיינע אויסדערוויילטע, מיט דיינע שטאלצע און מעכטיקע, מיר אבער וועלן זאגן, אז זיי האבן נאר זיך אליין מציל געווען, און מיר האבן מציל געווען אלעמען. מ'זאגט, אז פארשעמט וועט ווערן די אפ־ געקערטע, וואס וועט זיצן אף דער חיה און וועט האלטן אין איר האנט דעם ס ו ד, אז די שוואכע וועלן זיך אויפהייבן פונדאסניי, וועלן צערייסן איר פורפור־קלייד און לאזן נאקעט איר "מיאוסן" לייב. דעמאלט וועל איך אבער אויפהייבן זיך און איך וועל דיר ווייזן די טויזנטע מיליאנען גליקלאכע עופהלאך, וואס האבן ניט געוואוסט וואס א עבירה איז. און מיר, וואס מיר האבן גענומען זייערע

עבירות אף זיך, צוליב זייער גליק וועגן; מיר וועלן זיך שטעלן פאר דיר און זאגן: „משפט אונז, אויב דו קאנסט און אויב דו דערוועגסט זיך!" זיי וויסן, אז איך האב ניט מורא פאר דיר, זיי וויסן, אז איך בין אויך געווען אין דער מדבר, אז איך האב זיך אויך גענערט מיט היישרעקן און מיט ווארצלען, אז איך האב אויך געבענטשט די פרייקייט, מיט וועלכער דו האסט די מענטשן געבענטשט, און איך האב זיך אויך געקליבן צו שטעלן זיך אין דעם מספר פון דיינע אויסדערוויילטע, אין דעם מספר פון די מעכטיקע און די שטארקע מיט דעם באגער „ממלא צו זיין דעם מספר". איך בין אבער געקומען צו זיך און ניט געוואלט דינען קיין משוגעתן. איך האב זיך אומגעקערט און בין צוגעשטאנען צו דעם מספר פון יענע, וואס האבן מתקן געווען דיין גבורה. איך האב זיך אפגעקערט פון די שטאלצע און בין געקומען צוריק צו די עניוות־דיקע למען דעם גליק פון די עניוותדיקע. דאס, וואס איך זאג דיר, וועט מקוים ווערן און די קיניגרייך אונזערע וועט אויפגעריכט ווערן. איך זאג דיר נאך אמאל, מארגן וועסטו דערזען אט די איבערגעגעבענע סטאדע, וואס וועט אף דעם ערשטן וואונק מיינעם א ווארף טאן זיך אונטערצושארן די הייסע קוילן צו דיין שייטערהויפן, אף וועלכן איך וועל דיך פארברענען דער פאר, וואס דו ביזט געקומען שטערן אונז. ווארים אויב ס'איז נאר געווען איינער, וואס האט מער פאר אלעמען פארדינט אונזער שייטערהויפן, איז דאס ביזטו. מארגן וועל איך דיך פארברענען. Dixi".

איוואַן האט געענדיקט. בשעתן רעדן איז ער געווארן אויפגערעגט, און האט גערעדט מיט היץ; ביים ענדיקן אבער, האט ער מיטאמאָל אַ שמייכל געטאן.

אַליאָשאַ, וואס האט אים די גאנצע צייט צוגעהערט שווייגנדי־קערהייט, האט אבער ביים סוף געפרווט עטלאכע מאל אין אַ גוואל־טיקער אויפרעגונג איבערשלאָגן אים, האט זיך אבער קענטיק איינגע־האלטן און געגומען מיטאמאל רעדן, ווי ער, וואלט זיך עפעס געגעבן א ריס פון ארט:

— דאס איז דאך אבער ... אומגעלומפערט! — האט ער געגעבן א רוף־אויס, ווערנדיק רויט. — די פּאַעמע דיינע איז א לויב־געזאַנג צו יעזוס, ניט קיין לעסטערונג ... אזוי ווי דו האסט דאס געוואלט־היינט ווער וועט דאס דיר גלויבן וועגן דער פרייקייט? אזוי, אזוי דארף מען זי דען פארשטיין! אזוי דארף מען דען פארשטיין אונזער רעכטגלויבן ... דאס איז רוים, און ניט דער גאנצער רוים אויך, דאס איז אַ שקר, — דאס זיינען די ערגסטע פון דעם קאַטוילי־ציזם, די אינקוויזיטאָרן, די יעזואיטן! ... און עס קאן גלאט ניט געמאלט זיין אזא מין פאנטאסטישע פערזאן, ווי דיין אינקווי־זאטאר. וואס זיינען דאס פאר א עבירות פון די מענטשן, וואס זיי האבן גענומען אף זיך? וואס זיינען דאס פאר א טרעגער פון דעם סוד, וואס האבן גענומען אף זיך די קללה צוליב דעם גליק פון די מענטשן? ווען האט מען זיי געזען? מיר קענען יעזואיטן, מ'דערציילט שלעכטע מעשים פון זיי, איז דען דאס אבער דאס, וואס באַ דיר? זיי זיינען לחלוטין ניט דאס, לחלוטין ניט ... דאס איז פשוט דער רוי־מישער חייל פאר דער קומענדיקער אלוועלטלאכער מלוכה אף דער ערד, מיט א קיסר — דעם רוימישן פויפסט ... אט וואס זייער אידעאל איז, אבער קיין שום סודות און קיין שום דערהויבענער צער .. דער סאמער פשוטסטער באַגער נאך מאכט, נאך דעם מיאוסן תענוג פון עולם הזה, נאך פארשקלאפונג ... ווי א מין קומענדיקער לייבאייגנשאַפט מיט דעם, וואס זיי וועלן ווערן די פריצים ... אט דאס איז אלץ. זיי גלויבן אפשר אין גאָט אויך ניט. דער לייַדנדיקער אינקוויזיטאָר דיינער — איז מער ניט ווי א פאנטאזיע ...

— אבער וואַרט, וואַרט א ווײַלע, — האט געלאכט איוואַן, — ווי דו האסט זיך דאס צוהיצט! דו זאגסט א פאנטאזיע, ס' אַ דאגה! אַוודאי, א פאנטאזיע. אבער איך בעט דיך: נישיים זע מיינסטו באמת, אז די גאנצע קאטוילישע באוועגונג פון די לעצטע הונדערטע יארן איז טאקע ניט מער ווי א באגער נאך מאכט בלויז צוליב דעם מיאוסן תענוג וועגן? צי לערנט דאס דיך ניט אָקאָרשט פּאָטער פּאַאיסי אזוי?

— גאר, גאר, אדרבה, אנומלט האט פּאָטער פּאַאיסי גערעדט דאכט זיך פונקט ווי דו ... אבער ניט דאס, פארשטייט זיך, לחלוטין

ניט דאס, — האט זיך אַליאָשא מיטאמאל א כאַפּ געטאן.

— ס'איז אבער א גאָר וואוילע ידיעה פונדעסטוועגן, ניט קוקנדיק אף דיין „לחלוטין ניט דאס". דווקא דאס פרעג איך דיך, פארוואס האבן זיך דיינע יעזואיטן און אינקוויזיטאָרן צונויפגעקליבן מער ניט ווי צוליב גשמיותדיקן מיאוסן תענוג? פארוואס קאן זיך ניט טרעפן צווישן זיי קיין איין ליידנדער, וואס ווערט געפייניקט פון א גרויסן צער און וואס האט ליב די מענטשהייט? דו פארשטייסט, שטעל זיך פאר, אז עס האט זיך געפונען כאטש איינער צווישן אָט די אלע, וואס באגערן מער ניט ווי דעם געשמיותדיקן און מיאוסן תענוג — כאטש נאר איינער, ווי מיין אַלטער דער אינקוויזיטאָר, וואס האט אַליי געגעסן ווארצלען אין דער מדבר און האט געווילדעוועט בייקומענדיק דעם חומר זיינעם, כדי צו מאכן זיך פאר א בן חורין, פאר א תמים, וואס האט אבער דעם גאנצען לעבן זיינעם ליב געהאט די מענטשהייט און פאר וועמען ס'איז מיטאמאל אנטפלעקט געווארן און ווער עס האט דערזען, אז ס'איז ניט גרויס דאס רוחניותדיקע גליק פון צו דערגרייכן די ממשלה איבער דעם ווילן, כדי אין דער זעלביקער צייט זאל ווערן קלאר, אז מיליאָנען פון די איבעריקע גאָטס באשעפענישן ווערן נאר ווי אף א געלעכטער באשאפן, אז זיי וועלן קיינמאל ניט זיין בכוח צו באַוועלטיקן זייער פרייקייט, אז פון קליינינקע מורדים וועלן קיינמאל ניט ארויסקומען קיין גבורים אף צו פארענדיקן דעם טורים, אז ניט פאר א זוינע געגנז האָט געחלומט דער גרויסער אידעאַליסט מיט זיין הארמאניע. פארשטייענדיק דאס אלץ, האט ער זיך אומגעקערט און איז צוגעשטאנען... צו די קלוגע לייט. נישיים זע האט דאס ניט געקאנט טרעפן זיך?

— צו וועמען צוגעשטאנען, צו וואס פאר א קלוגע לייט? — האט אַליאָשאַ ארויסגערופן כמעט מיט היץ. — קיין שום חכמה האבן זיי ניט, און קיין פארבארגענישן און קיין סודות אויך ניט... אַפּיקורסות אפשר איז דער גאנצער סוד זייערער. דער אינקוויזיטאָר דיי־נער גלויבט ניט אין גאָט, אָט דאס איז אויך דער גאנצער סוד זיינער!

— לאז זיין אפילו, אז ס'איז אזוי! ענדלאך האסטו זיך געכאפט. און ס'איז באמת אזוי, באמת נאָר אין דעם איז דער גאנצער סוד, צי

איז דאס אבער ניט קיין ליידן, כאָטש נאָר פאר אזא מענטשן, ווי ער־ וואס האט דעם גאנצן לעבן זיינעם אוועקגעפּטרט אַף אַ גבורה אין דער מדבר און האָט זיך ניט אויסגעהיילט פון דער ליבשאַפט צו דער מענטש־ הייט? בא דער שקיעה פון זיין לעבן ווערט אים קלאר, אז נאר די עצות פון דעם גרויסן מוראדיקן גײַסט וואָלטן געקאנט כאָטש אף וויפל עס איז בעסער מאכן דעם לעבן פון די שוואכע מורדים, פון „די ניט דער־ גאנצטע מוסטער־באשעפענישן, וואס זיינען באשאפן אף צו־כלומרשט". איז אָט, איבערצייגנדיק זיך אין דעם, זעט ער, אז מ׳דארף גיין ווי עס האט אנגעוויזן דער קלוגער גײַסט, דער מוראדיקער גײַסט פון טויט און צעשטערונג, און צוליב דעם דארף מען אננעמען די פאלשקייט און דעם שקר, און שוין באוואוסטערהייט פירן די מענטשן צום טויט און צו צעשטערונג און דערביי נאַרן זיי דעם גאנצן וועג, אז זיי זאָלן ווי־ עס־איז ניט באמערקן, וואוהין מ׳פירט זיי, כדי די דאזיקע בלינדע נעבאך זאלן כאטש אפן וועג האלטן זיך פאר גליקלאכע. און נעם דאס אויך אין רעיון: א שקר אינ׳ם נאמען פון יענעם, אין וועמעס אידעאַל דער זקן האט אזוי ליידנשאפטלאך געגלויבט דעם גאנצן לעבן! איז דאס דען ניט קיין אומגליק? און ווען נאר איינער אפילו וואָלט זיך ארויס־ געוויזן אזא בראש פון דעם דאָזיקן גאנצן חייל, „וואס גארט נאך מאכט מער ניט ווי צוליב דעם מיאוסן תענוג וועגן", — איז דען ניט גענוג איינער אזא, אז עס זאל ארויס א טראגעדיע? לא די וואס דאס: איינער אזא, וואס שטייט בראש, איז אפילו גענוג, אז מ׳זאל ענדלאך קאנען אויסגעפינען אן אמתע פירנדיקע אידעע פאר דער גאנצער רוימישער זאך, מיט אלע זיינע חיילות און יעזואיטן, א העכערע אידעע פון דער דאזיקער זאך. איך זאג דיר אָפן, איך גלויב פעסט, אז אט דער איינ־ ציקער מענטש האט אויך קיינמאל ניט אויפגעהערט צו זיין צווישן די וואס שטייען בראש פון דער באוועגונג. ווער ווייס, אפשר זיינען אפילו צווישן די רוימישע פויפסטן גופא געווען אזוינע יחידים. ווער ווייס, אפשר עקזיסטירט נאָך איצט אויך אָט דער פארשאלטענער זקן, וואס האט ליב אזוי עקשנותדיק און אזוי אייגנארטיק די מענטשהייט, אפשר עקזיסטירט ער נאך איצט אויך אלס א קיבוץ פון אסך אזוינע זקנים און דאס איז גארנישט צופעליק, נאר עס עקזיסטירט אלס הסכם צווישן

זיך, אלס א געהיימער בונד, וואס איז שוין פון לאנג איינגעאָרדנט אף אפצוהיטן דעם סוד, אף אפצוהיטן אים פון אומגליקלאכע און שוואכע מענטשן, כדי צו מאכן זיי פאר גליקלאכע. דאס איז אָן אַ ספק פאראן, און עס עס דארף טאקע אזוי זיין. מיר דאכט זיך, אז אפילו די מאַסאָנען האבן אין זייער תוך אויך עפעס ענלאכס פון אט דעם סוד, און דעריבער האַסן די קאטוילן אזוי די מאסאָנען, ווייל זיי האלטן זיי פאר קאנקורענטן, אז עס ווערט צעברעקעלט די גאנצקייט פון דער אידעע, בשעת עס דארף זיין איין סטאדע און איין היטער... איבעריקנס, פארטיידיקנדיק מיין געדאנק, קום איך עפעס אויס ווי א מין מחבר, וואס האט ניט אויסגעהאלטן דיין קריטיק. זאָל זיין גענוג וועגן דעם.

— דו ביזט אפשר אליין א מאסאָן!! — האט זיך באַ אליאשען פלוצלונג אר יסגעריסן. — דו גלויבסט ניט אין גאט, — האט ער צוגעגעבן, אבער שוין גוואלטיק באטריבט. צו דערצו האט זיך אים נאך אויסגעוויזן, אז דער ברודער קוקט אף אים מיט א שמייכל. — איז מיט וואס ושע ענדיקט זיך דיין פאָעמע? — האט ער מיטאמאל א פרעג געטאן, קוקנדיק צו דער ערד, — אדער זי איז שוין געענדיקט?

— איך האב זי געוואלט ענדיקן אזוי: בשעת דער אינקוויזיטאר ווערט אנטשוויגן, ווארט ער א ווײַלע, וואס דער „געפאנגענער" וועט אים ענטפערן. זיין שווייגן איז אים שווער. ער האט געזען, ווי דער געפאנגענער האט אים די גאנצע צייט צוגעהערט איינגעדרונגענערהייט און קוקנדיק אים שטיל, גלייך אין די אויגן, און ניט געוואלט, קענטיק איבערשפארן קיין איין זאך. דער אלטער וואלט געוואלט, ער זאל אים ענטפערן כאטש עפעס, זאגן אפילו א ביטערן און מוראדיקן וואָרט. אבער שווייגנדיק דערנעהענטערט ער זיך מיטאַמאָל צו דעם אלטן און שטיל קושט ער אים אין זיינע ניינציקיאריקע בלאסע ליפן. אט דאס איז דער גאנצער ענטפער. דער אלטער פארצאפלט זיך. עפעס האט זיך געגעבן א באוועג אין די ווינקלען פון זיינע ליפן; ער גייט צו צו דער טיר, עפנט זי אויף און רופט זיך אָן צו אים: „גיי און מער זאלסטו ניט קומען... זאלסט קיינמאל ניט קומען... קיינמאל ניט, קיינמאל ניט!" און ער לאזט אים ארויס אף „די טונקעלע שטעגן פון שטאָט". דער געפאנגענער גייט דאַן אוועק.

— און דער אלטער?

— דער קוש ברענט בא אים אין הארצן, דער אלטער בלייבט אבער באַ דאס זייניקע.

— און דו אויך מיט אים, דו אויך? — האט מיט טרויער אליאָשאַ אויסגערופן. איוואן האט אנגעהויבן שמייכלען.

— דאס איז דאך אבער נאר א שטות, אַליאָשאַ, דאס איז דאך נאר א צעוואָרפענע פּאָעמע פון א צעוואָרפענעם סטודענט, וואס האט קיינמאל קיין צוויי שורות ניט אנגעשריבן. פּאַרוואס נעמסטו דאס אָן אזוי ערנסט? צי מיינסטו אפשר ניט, אז איך וועל איצט גלייך אוועקפארן אהין, צו די יעזואיטן, כּדי צו שטעלן זיך אין דעם מספּר פון די, וואס זײַנען „מתקן זיין גבורהו?" אָ גאָט, וואס גייט דאס מיך אָן! איך האב דאך דיר געזאגט: איך דארף מער ניט דער־שלעפּן ווי ביז דרייסיק יאר, און דעמאלט — אָן דר'ערד דעם בעכער!

— און די קלעפּיקע בלעטעלאך, און די טײַערע קברים, און דער בלויער הימל, און די געליבטע פרוי! ווי אזוי וועסטו דאס לעבן, מיט וואס וועסטו דאס זיי ליב האבן? — האט אַליאָשאַ אויסגערופן באטריבט. — מיט אזא גיהנום אין הארצן און אין מוח איז דען דאס מעגלאך? ניין, אוודאי פּאָרסטו, כּדי צושטיין צו זיי... אז ניט, וועסטו זיך אליין טויטן, וועסט אבער נישט אויסהאלטן!

— ס'איז דא אזא כּוח, וואס עס וועט אלץ אויסהאלטן! — האט איוואַן א זאג געטאן מיט א קאלטן שמייכעלע.

— וואס פאר א כּוח?

— דער קאַראַמאַזאָווס... דער כּוח פון קאַראַמאַזאָווס שפלות.

— דאס הייסט דערטרונקען ווערן אין אויסגעלאסנקייט, דער־שטיקן די נשמה אין נבֿלה, יאָ, יאָ?

— ס'קאן זיין, אז יאָ... נאר ביז דרייסיק יאר וועל איך אפשר אויסמיידן, און דעמאלט...

— ווי זשע וועסטו אויסמיידן? מיט וואס וועסטו אויסמיידן? דאס איז ניט מעגלאך מיט דיינע געדאנקען.

— ווייטער דאס אייגענע: על פּי קאַראַמאַזאָוו.

— דאס הייסט, אז „אלצדינג מעג מען“? „אלצדינג מעג מען“, אמת, אמת?

איוואַן האט זיך אנגעכמורעט און איז מיטאמאל עפּעס מאדנע בלייך געווארן.

— אַהאַ, דאס האסטו אונטערגעכאפּט דעם נעכטיקן ווערטל, פון וועלכן מיאַוסאָוו פון האט זיך אזוי באליידיקט... און וואס דמיטרי האט אזוי נאאיוו ארויסגעשפּרונגען און איבערגעחזרט? — האט ער געגעבן א קרומען שמייכל. — יאָ, אפשר אזוי: „אלצדינג מעג מען“ וויבאלד דאס ווארט איז שוין ארויסגעזאגט. איך לייקן ניט. און מיטינקעס רעדאקציע איז אויך ניט קיין שלעכטע.

אַליאָשאַ האט שווייגנדיק געקוקט אף אים.

— האלטנדיק ביים אוועקפארן, האב איך געמיינט, ברודער, אז איך האב כאטש דיך אף דער גאנצער וועלט, — האט איוואַן אנגערופן זיך מיטאמאל מיט א שטארקן געפיל, — נאָר איצט זע איך, אז ס'איז פאר מיר אויך אין דיין הארץ נישטא קיין אָרט, דו טייערער מאָנאַך מיינער. פון דער פארמל: „אלצדינג מעג מען“ וועל איך זיך ניט אפּזאגן, איז וואס, וועסטו זיך דערפאר אפּזאגן פון מיר, יאָ, יאָ?

אַליאָשאַ איז אויפגעשטאנען, איז צוגעגאנגען צו אים, און שווייגנדיק, האט ער אים שטיל א קוש געטאן אין די ליפּן.

— א ליטערארישע גנבה! — האט איוואַן אויסגעשריען, אריבערגייענדיק מיטאמאל אין עפּעס א התפּעלות, — דאס האסטו אוועקגעגנבעט פון מיין פּאָעמע! א דאנק דיר פונדעסטוועגן. הייב זיך, אַליאָשאַ, לאמיר גיין, ס'איז צייט צו גיין, סיי פאר מיר, סיי פאר דיר.

זיי זיינען ארויסגעגאנגען, זיינען אבער געבליבן שטיין לעבן גאניק פון שיינק.

— הער אויס, אַליאָשאַ, — האט א זאג געטאן איוואַן מיט א פעסטער שטים, — אויב עס וועט אינדערעמתן קלעקן בא מיר אף די קלעפּיקע בלעטעלאך, וועל איך זיי ליב האבן נאר דערמאנענדיק זיך אָן דיר. ס'איז פאר מיר גענוג דאס, וואס דו ביזט דא ערגעץ־וואו פאראן, און עס וועט מיר נאך ניט מיאוס ווערן צו לעבן. איז דאס

געגוג פאר דיר? אז דו ווילסט, נעם דאס פון מיינטוועגן אָן פאר א דערקלערונג אין ליבע, אבער איצט, גייסטו אף רעכטס, און איך אף לינקס — און געגוג, דו הערסט, זיין געגוג, דאס הייסט, אויב איך זאל מארגן ניט אוועקפארן (דאכט זיך, אז איך פאָר געוויס) און מיר זאלן זיך, כ'ווייס ווי, טרעפן נאך אמאל, טא ריעד שוין מיט מיר מער קיין איין ווארט ניט וועגן אט די אלע טעמען. איך בעט דאס דיך ניט אנדערש. און וועגן דעם ברודער דמיטריען אויך, איך בעט דאס דיך זעער. הייב גאר אפילו אינגאנצן ניט אָן מער צו רעדן מיט מיר, — האט ער מיטאמאל צוגעגעבן אויפגעריעגטערהייט, — ס'איז אלצדינג געעקט, אלצדינג אפגערעדט, אמת? און איך פון מיין זייט וועל דיר דערפאר אויך געבן א הבטחה: אז איכ'ל צו דרייסיק יאר וועלן „א שליידער טאן אָן דר'עריד דעם בעכער", איז וואו דו זאלסט ניט זיין אפילו, וועל איך פארט קומען נאך א מאל זיך דורכרעדן מיט דיר... עס מעג זיך אפילו זיין פון אמעריקע, זיי דיר דאס וויסן, כ'וועל דירעקט קומען, עס וועט זיין זעער אינטערעסאנט א קוק טאן דעמאלט אף דיר אויך: ווי וועסטו זיין דעמאלט? זעסטו, א גאר פייערלאכע הבטחה, באמת, מיר געזועגנען זיך דאך אפשר אף א יאר זיבן אדער אף א יאר צען. נו, גיי זיך איצט צו דיין Pater Seraphicus, ער שטארבט דאך; ער וועט שטארבן אָן דיר, קאנסטו נאך א סברה ווערן אין כעס אף מיר, וואס איך האב דיך פארהאלטן. זיי געזונט, גיב מיר נאך א מאל א קוש, אט אזוי, און גיי זיך...

איוואַן האט זיך מיטאמאל א קער געטאָן און איז אוועק שוין ניט אומקערנדיק זיך מער אף צוריק. ס'איז געווען ענלאך דערצו, ווי דער ברודער דמיטרי איז נעכטן אוועקגעגאנגען פון אַליאָשען, הגם נעכטן איז דאס פארגעקומען גאר אף אן אנדער אופן. דער דאזיקער מאדנער איינפאל האט ווי א בליץ געטאן אין אַליאָשעס באטריבטן זינען, אין דעם באטריבטן און טרויערדיקן זינען פון דער דאזיקער מינוט. ער האט אויפגעווארט א ווײַלע, נאכקוקנדיק דעם ברודער פון הינטן. ער האט עפעס מיטאמאל ווי באמערקט, אז דער ברודער איוואַן גייט אזוי ווי וויגנדיק זיך און אז דער רעכטער אקסל זיינער

אז מ׳זאל קוקן אזוי פון הינטן, איז׳ דאכט זיך, נידעריקער בא אים פארן לינקן. ער האט דאס פריער קיינמאל נישט באמערקט. ער האט זיך אבער מיטאמאל אויך א קער געטאן און איז כמעט אוועקגעלאפן צום מאָנאַסטיר. ס׳איז שוין געווארן שטארק טונקל, און ער האט זיך כמעט ווי געשראקן; עפּעס אזוינס נייעס האט אנגעהויבן אויפוואקסן אין אים, אף וואס ער וואלט נישט געקאנט געבן קיין ענטפער. עס האט זיך ווידער אויפגעהויבן, ווי נעכטן, א ווינט, און די הונדערטיאריקע טענענביימער האבן פאראומערט גענומען רוישן ארום אים, בשעת ער איז אריין אין דעם וועלדל פון סקיט. ער איז כמעט ווי געלאפן. „Pater Seraphicus“ – פון וואנען האט ער דאס גענומען דעם דאזיקן נאמען – פון וואנען? האט א בליץ געטאן בא אַליאָשען. איוואַן, ארימער איוואַן, ווען זשע וועל איך דיך איצט זען?... אט איז שוין דער סקיט אויך, גאָטעניו! אוודאי, אוודאי, ס׳איז ער, ס׳איז דער Pater Seraphicus, ער וועט מיך ראטעווען... און דאן אף אייביק!“

שפּעטער האט ער עטלאכע מאל אין זיין לעבן דערמאנט זיך, גארניט פארשטייענדיק, ווי אזוי האט ער דאס געקאנט מיטאמאל, נאכדעם ווי ער האט זיך צוזעגנט מיט איוואנען, אזוי פארגעסן זיך, אינגאנצן אף דעם ברודער דמיטריען, וואס אינדערפרי, סך הכל מיט עטלאכע שעה צוריק, האט ער גענומען אף זיך בלא נדר ווי אויפזוכן אים און ניט אוועקגיין אן דעם, עס זאל זיך כאטש אפילו מאכן ניט צו קומען אף דער נאכט אין מאנאסטיר.

VI

לעת עתה נאך זעער ניט קלאר

און איוואן פיאדאראוויטש, אפגעזעגנט זיך מיט אליאשען, איז אוועק אהיים, צו פיאדאר פאוולאוויטשן אין שטוב. נאר א מאדנע זאך, אף אים איז אנגעפאלן מיטאמאל א נאגעניש גאר אן אומדערטרעגלאכע און, וואס דער עיקר איז, מיט יעדן טראט, וואס ער האט זיך דערנעהענ־

טערט צו דער שטוב, איז זי אלץ מער און מער געוואקסן. ניט אין דער נאגעניש איז געווען דאס מאדנעקייט, נאר אין דעם, וואס איוואן פיאדעראוויטש האט בשום אופן ניט געקאנט באשטימען, אין וואס אזוינס די נאגעניש איז באשטאנען. פילן א נאגעניש פלעגט אים אפט אויס־קומען פריער אויך און ס׳וואלט גאר קיין חידוש ניט געווען, וואס זי איז געקומען אין אזא מינוט, ווען ער האט זיך געגרייט, מארגן שוין, צערייסנדיק מיטאמאל מיט אלצדינג, וואס עס האט אים געבראכט צוציען אהער, א קער טאן אינדערקרים אן א זייט און ארויף אף נייעם, לחלוטין אומבאוואוסטן וועג, און ווידער איינגאנצן אן איינזאמער ווי פריער, האפנדיק אסך, נאר נישט וויסנדיק אף וואס, פיל, צופיל ווארטנדיק פון לעבן, נאר נישט קאנענדיק קיין זאך אליין באשטימען ניט אין די דערוווארטונגען, ניט אפילו אין די פארלאנגען זיינע. און הגם די נאגעניש פון דאס נייע און אומבאוואוסטע איז באמת געלעגן אף זיין נשמה, פונדעסטוועגן האט אים אין דער ד׳איקער מינוט, געפייניקט גארניט דאס. „צי זאל דאס אפשר נישט זיין די אפשטוי־סונג צום טאטנס שטוב?” — האט ער א טראכט געטאן ביי־זיך, — „ס׳איז ענלאך דערצו, אזוי איז דאס שוין נמאס געווארן, און כאטש אפילו איך וועל היינט צום לעצטן מאל אריבערטרעטן דעם דאזיקן אומווערדיקן שוועל, איז דאס אבער פארט אפשטויסנדיק . . . נאר ניין, ס׳איז נישט דאס אויך. צי זאל דאס נישט זיין דאס געזעגענען זיך מיט אליאשען און דער געוועזענער שמועס מיט אים: אזוי פיל געשוויגן פאר דער גאנצער וועלט און נישט אנגעטאן דעם כבוד צו רעדן מיט קיינעם, און מיטאמאל אנגעפראוועט אזוי פיל שטות”. באמת, דאס האט געקאנט זיין יונגער פארדרוס פון יונגער נישט באהאוונטקייט און פון יונגער גאוה, א פארדרוס וואס ער האט נישט געקאנט גוט ארויסזאגן זיך, בפרט פאר אזא מענטשן, ווי אליאשא, אף וועמען זיין הארץ האט בלתי ספק געהאט גרויסע האפענונגען. אוודאי איז דאס אויך געווען, אט דער דאזיקער פארדרוס מיין איך, ער האט גאר אפילו געמוזט זיין, אבער דאס איז אויך געווען ניט דאס, אלץ ניט דאס. „א נאגעניש ביז צום ניט־גוט ווערן, און זאגן וואס איך וויל, בין איך ניט בכוח, סיידן אפשר ניט צו טראכטן” . . .

איוואן פיאָדראָוויטש האט געהאט א פרווו געטאן „ניט צו טראכטן", האט אבער דערמיט אויך ניט געקאנט העלפן. דער עיקר האט זי דערמיט אויפגערעגט, די דאזיקע נאגעניש, און מיט דעם אויפגערייצט, ווייל זי האט געהאט עפעס אזא צופעליקן, א לחלוטין אויסערלאכן אנבליק; דאס האט ער געשפירט. ס'איז ערגעץ־וואו געשטאנען אדער ס'איז געווען ארויסגעשטעקט עפעס א באשעפעניש צי א זאך, אט אזוי ווי עס שטעקט א מאל פאר די אויגן עפעס, און צוליב אן עסק אדער א הייסן ויכוח באמערקט מען דאס נישט א לאנגע צייט, און לעת עתה ווערט מען שטארק אויפגערעגט, מ'פלאגט זיך כמעט, און ענדלאך כאפט מען זיך און מען באזייטיקט די דאזיקע אומניצלאכע זאך, וואס איז דאס רוב א גארנישטיקע און לעכערלאכע, עפעס א חפץ, וואס מ'האט געלאזן ניט אף דעם געהעריקן ארט, א נאָזטיכל, וואס איז אראפגעפאלן אף דער ערד, א בוך, וואס מ'האט ניט ארייַנגעשטעלט אין אלמער, וכדומה. ענדלאך האט איוואן פיאָדאָראָוויטש, געפינענדיק זיך אין דער סאמער ערגסטער און אויפגערעגטער שטימונג, דערגרייכט דעם טאטנס שטוב, און פלוצים, אזוי אן ערך בא א טריט פופצן פון טירל, האט ער, א קוקטאנדיק אפן טויער, זיך מיטאמאל אנגעשטויסן אף דאס, וואס עס האט אים אזוי געפלאגט און געמאטערט.

אף דער באנק לעבן טויער איז געזעסן און זיך געקילט מיט דער אָוונט־לופט דער לאקיי סמערדיאקאָוו, און איוואן פיאָדראָוויטש האט פון דעם ערשטן בליק אף אים פארשטאנען, אז בא אים אין נשמה איז אויך געזעסן דער לאקיי סמערדיאקאָוו און אז אט דעם דאזיקן מענטשן קאן דאס ניט אריבערטראגן זיין נשמה. אלץ האט זיך מיטאמאל אנטפלעקט און ס'איז לויטער געווארן. פריער, בעת אליאָשא האט נאך דערציילט וועגן זיין באגעגעניש מיט סמערדיאקאָוון, האט עפעס אזוינס נעפלדיקס און ווידערווערטיקס זיך ארייַנגעשניטן מיטאמאל אין דעם הארץ זיינעם און תיכף ארויסגערופן בא אים צוריק א צאָרן. דערנאך, צוליבן שמועס, האט ער זיך אף א ווײַלע פארגעסן אן סמערדיאקאָוון, אבער ער איז פונדעסטוועגן געבליבן בא אים אין נשמה, און ווי נאר איוואן פיאָדאָראָוויטש האט זיך צוזעגנט מיט אליאָשען און איז אליין אוועק צום שטוב־צו, ווי תיכף האט דאס פארגעסענע

געפיל אנגעהויבן מיטאמאל געשווינד ארויסצוגיין אף אויבן. „נישיים זי אבער קאן מיך דער דאזיקער אויסוואורף אזוי באאומרואיקן!” האט ער א טראכט געטאן גוואלטיק אויפגעבראַכט.

די מעשה איז די, וואס איוואַן פיאָדאָראָוויטש האט באמת פיינט געקראָגן דעם דאָזיקן מענטשן די לעצטע צייט, און באזונדערס די גאר לעצטע טעג. ער האט אפילו אליין אנגעהויבן צו באמערקן, ווי עס וואקסט אין אים כמעט א האס צו דער דאזיקער באשעפעניש. עס קאן זיין, אז דער פראָצעס פון דעם האַס האט זיך דעריבער אזוי פארשארפט, ווייל אין אנפאנג, בשעת איוואַן פיאָדאָראָוויטש איז ערשט געקומען צו אונז, איז געווען גאר עפעס אנדערש. דעמאלט האט איוואַן פיאָדאָראָוויטש עפעס מיטאמאל געהאט שטארק פאראינטערעסירט זיך מיט סמערדיאַקאָוון, האט אים געהאלטן אפילו פאר א זייער אָריגינעלן. האט אליין איינגעוואוינט אים צו רעדן מיט זיך, איבעריקנס וואונדערנדיק זיך תמיד פון דער געוויסער צעווארפנקייט, אדער בעסער געזאגט, פון דער געוויסער ניט־געשטעלטקייט פון זיין שכל און ניט פארשטאנען, וואס אזוינס קאן דאס תמיד און אָן אַן אויפהער באַאומרואיקן „דעם דאזיקן דורכדרינגער”. זיי פלעגן רעדן אויך וועגן פילאָזאָפישע פראגן, און אפילו וועגן דעם, פארוואס האט געלויכטן דאס ליכט אין דעם ערשטן טאג, בשעת די זון, די לבנה און די שטערן זיינען באשאפן געווארן ערשט אפן פערטן, און ווי דארף מען דאס פארשטיין; איוואַן פיאָדאָראָוויטש האט זיך אבער גיך איבערצייגט, אז די זאַך באשטייט לחלוטין ניט אין דער זון, ניט אין דער לבנה און ניט אין די שטערן, אז די זון, די לבנה און די שטערן איז אפשר אפילו א זאך אן אינטערעסאנטע, דאס האט אבער פאר סמערדיאַקאָוון לחלוטין נישט קיין גרויסע באדייטונג און אז ער דארף האבן גאר עפעס אנדערש. ווי די מעשה זאל ניט זיין, עס האט זיך אבער אנגעהויבן ארויסווייזן א גוואלטיקע אייגנליבע, דערצו נאך א באליידיקטע אייגנליבע. איוואַן פיאָדאָראָוויטשן איז דאס זייער ניט געפעלן געווארן. אט דערפון האט זיך דאס אויך אנגעהויבן די אפשטויסונג. דערנאך האבן זיך אנגעהויבן די סכסוכים אין שטוב, די מעשה מיט גרושענקען, עס האבן זיך אנגעהויבן די עסקים מיטן ברודער דמיטריען, דאגות זיינען אנגעשטאנען, — זיי האבן

גערעדט אויך וועגן דעם, נאר כאָטש אפילו סמערדיאַקאָוו פלעגט תמיד רעדן וועגן דעם שטארק אויפגערעגט, פלעגט מען אבער ווייטער בשום אופן ניט קאנען דערגיין, וואס אין פלוג וויל ער. מ׳וואלט זיך געקאנט חידושן אפילו פון דער אומקלאָרקייט און צעוואָרפנקייט פון געוויסע פארלאַנגען זיינע, וואס פלעגן ניט ווילנדיק קומען צום אויסדרוק און שטענדיק, בדרך אגב, זיין מטושטשדיקע אזוינע. סמערדיאַקאָוו פלעגט אלצדינג אויספרעגן, פלעגט שטעלן עפעס פראגן פון הינטער ארום, קענטיק באקלערטע, צוליב וואס אבער, — דאס פלעגט ער ניט זאגן, און דאס רוב פלעגט ער אין דעם סאַמן היציקן מאָמענט פון אויס־פרעגן ווערן מיטאמאל אנטשוויגן אדער אריבערגיין אינגאנצן אף עפעס אן אנדער זאך. וואס עס האט אבער ענדלאך מער פאר אלץ אויפ־געררייצט איוואַן פיאָדאָראָוויטשן און אריינגעגעבן אין אים אזא האס, — איז דאס געווען עפעס אזא אָפשטויסנדיקע און צו־גרויסע באהנטקייט, וואס סמערדיאַקאָוו האט אנגעהויבן צו אים שטארק ארויסווייזן, און וואס ווייטער, אלץ מער און מער. ניט וואס מ׳זאל זאגן, אז ער זאל זיך האבן דערלויבט צו זיין ניט העפלאך, אדרבה, רעדן פלעגט ער תמיד מיט גרויס אפשיי, נאר ס׳האָט זיך פונדעסטוועגן אזוי איינגע־שטעלט, אז סמערדיאַקאָוו האט קענטיק אנגעהויבן האלטן זיך אזוי, גאָט ווייס פארוואס, עפעס ווי ער וואלט געווען סאָלידאַר מיט איוואַן פיאָדאָראָוויטשן אין א געוויסער זאך, פלעגט רעדן תמיד מיט אזא טאָן, אזוי ווי צווישן זיי ביידן וואלט שוין עפעס געווען אפגעמאכט און ווי דאס וואלט געווען א סוד־זאך, עפעס אזוינס, וואס ביידע צדדים האבן אמאָל ארויסגעזאגט, וואס דאס איז נאר פאר זיי ביידן באוואוסט, און די איבעריקע בשר־ודם׳ס, וואס דרייען זיך ארום לעבן זיי, קאָנען דאס גאָר אפילו ניט משיג זיין. פונדעסטוועגן האט איוואַן פיאָדאָראָ־וויטש דא אויך א לאנגע צייט ניט געקאנט פארשטיין די אמתע סיבה פון זיין וואַקסנדיקער אפשטויסונג, און ערשט אין דער סאַמער לעצטער צייט, האט ער אנגעהויבן אָנמוטן זיך וואס אזוינס די זאך איז. מיט א געפיל פון עקל און אויפגעררייצטקייט האט ער געהאט געוואלט, שווייגנדיק און נישט קוקנדיק אף סמערדיאַקאָוון, דורכגיין איצט אין טויערל אריין, אבער סמערדיאַקאָוו האט זיך אויפגעהויבן פון באנק,

און שוין נאך דעם דאזיקן זשעסט אליין האט איוואַן פיאָדאָראָוויטש גלייך פארשטאנען, אז ער וויל פארפירן מיט אים גאָר א באזונדערן שמועס. איוואַן פיאָדאָראָוויטש האט א קוק געטאן אף אים און האט זיך אפגעשטעלט, און אט דאס גופא, וואס ער איז אזוי פלוצים געבליבן שטיין און איז ניט דורכגעגאנגען פארביי, ווי ער האט דאס געוואלט נאך מיט א מינוט צוריק, האט אים אויפגערייצט ביז צו צעטרייסלונג. מיט כעס און אפשטויסונג האט ער געקוקט אף סמערדיאַקאָווס סריסותדיקן אויסגעדאַרטן פרצוף מיט די פארבארסטענע לעקעלאך און דעם אנגעגרויזטן טשוביקל. דאס לינקע עטוואס צוגעדריקטע אויגל זיינס האט געפינטלט און אונטערגעשמייכלט, ווי איינער וואלט געזאגט: „וואס גייסטו וואס, וועסט דאך ניט פארבייגיין, זעסט דאך, אז מיר ביידע, קלוגע מענטשן, האב וועגן־וואס צו רעדן". איוואַן פיאָדאָראָוויטש האט זיך פארצאפלט:

„אוועק, פארך, וואס פאר א חבר בין איך דיינער, פרא אדם!" האט זיך געהאט געגעבן א פלי־אראָפּ פון זיין צונג, נאר, צו דער גרעסטער פארוואונדערונג זיינער, איז אראפגעפלויגן פון צונג גאר עפעס אנדערש:

— וואס, דער פאטער שלאפט נאך צי ער האט זיך שוין אויפגעכאפט? — האט ער שטיל און רואיק א זאג געטאן, אומגעריכטערהייט פאר זיך גופא, און האט זיך מיטאמאל, אויך לחלוטין אומגעריכט, אנידערגעזעצט אפן בענקל. בא א רגע האט ער שיר ווי א ציטער געטאן, ער האט זיך דאס שפעטער דערמאנט. סמערדיאקאָוו איז געשטאנען אנטקעגן אים מיט די הענט אף הינטן, און געקוקט מיט א זיכערקייט, כמעט שטרענג.

— זיי רוען נאך, — האט ער ארויסגערעדט ניט געאיילטערהייט. („ער האט פונדעסטוועגן אליין אנגעהויבן רעדן דער ערשטער, ניט איך"). — איך וואונדער זיך פון אייך, מיין הער, — האט ער, שווייגנדיק א ווײלע, צוגעגעבן און געקינצלטערהייט אראפגעלאזן די אויגן, ארויסשטעלנדיק דאס רעכטע פיסל פארויס און שפילנדיק זיך מיטן נעזל פון דעם לאקירטן שיכל.

— פאר וואס וואונדערסטו זיך פון מיר? — האט איוואַן פיאָדאָראָ־

וויטש אנגערופן זיך שטרענג און אפגעהאקט, איינגעהאלטנדיק זיך מיט די גאנצע כוחות, און מיטאמאל האט ער מיט עקל פארשטאנען, אז ער שפירט די גרעסטע נייגעריקייט און אז ער וועט פאר קיין פאל ניט אוועקגיין פון דאנען, כל זמן ער האט זי ניט באפרידיקט.

— פארוואס, מיין הער, פארט איר ניט קיין טשערמאשניע? — האט סמערדיאַקאָוו געגעבן א הייב־אויף מיטאמאל די אויגלאך און פאמילער א שמייכל געטאן. „און פארוואס איך האב א שמייכל געטאן, דארפסטו אליין פארשטיין, אויב אז דו ביזט א קלוגער מענטש", וואלט ווי גערעדט דאס צוגעדריקטע לינקע אויגל זיינס.

— נאך וואס זאל איך פארן קיין טשערמאַשניע? האט זיך איוואַן פיאָדאָראָוויטש פארוואונדערט.

סמערדיאַקאָוו האט ווידער געשוויגן א ווײַלע.

— פיאָדאָר פּאַוולאָוויטש אפילו אליין האבן דאך דאס געבעטן אייך, — האט ער ענדלאך א זאג געטאן נישט געאײַלטערהייט, און ווי ער וואלט עפּעס אליין ניט געשעצט זיין ענטפער: אט נאר אפּצו־פטרן זיך הייסט עס, כדי נאר עפּעס־וואס צו זאגן.

— צו אלדי רוחות, רעד קלארער, וואס ווילסטו? — האט איוואן פיאדאראוויטש, סוף כל סוף, אויסגעשריען מיט כעס, אריבערגייענדיק פון רואיקייט צו גראבקייט.

סמערדיאַקאָוו האט א צוגעשטעלט דאס רעכטע פיסל צום לינקן, אויסגעצויגען זיך גראדער, האט אבער ווייטער געקוקט מיט דער זעל־ביקער רואיקייט און מיט דעם זעלביקן שמייכל.

— קיין וויכטיקס אזוינס קיין זאך ניט... נאָר סתם, אנטקעגן דעם, וואס איר זאגט...

ווידער אָנגעשטאנען א שווייגן... מ'האט אפּגעשוויגן שיר ניט קיין מינוט. איוואן פיאדאראוויטש האט געוואוסט, אז ער האט געדארפט אויפהייבן זיך איצט און ווערן אויפגעקאָכט, סמערדיאקאָוו איז אבער געשטאנען לעבן אים און ווי געווארט: „לאָמיר טאקע זען, צי דו וועסט ווערן אויפגעקאכט צי ניט?" אזוי, לכל הפחות, האט זיך דאס אויסגע־וויזן איוואן פיאדאראוויטשן. ענדלאך האט ער זיך געגעבן א וויג אף אויפצוהייבן זיך, און סמערדיאקאוו האט ווי געכאפּט דעם מאמענט.

— א שרעקלאכע לאגע איז מיינע, איוואן פיאדאראוויטש, איך ווייס אפילו ניט, ווי איך זאָל זיך העלפן, — האט ער מיטאמאל א זאג געטאן פעסט און דייטלאך און ביים לעצטן וואָרט זיינעם געגעבן א זיפץ. איוואן פיאדאראוויטש האט זיך גלייך צוריק אנידערגעזעצט.

— ביידע זיינען גוואלטיקע עקשנים, ביידע זיינען דערגאנגען צו די גרעסטע קינדערשע נארישקייטן, — האט סמערדיאקאוו גערעדט. — איך מיין דאס אנטקעגן אייער פאטער און אייער ברודער, דמיטרי פיאַדאראוויטשן. אט וועלן זיי אויפשטיין איצט, פיאדאר פּאַוולאָוויטש, און וועלן גלייך אנהייבן צוצושטיין צו מיר איטלאכע מינוט: „וואס, זי איז ניט געקומען? פארוואָס איז זי ניט געקומען?" — און אזוי ביז האלבע נאכט און נאָך לענגער אפילו. און טאָמער וועט אגראפענא אלעקסנדראָוונא ניט קומען (וואָרים ס'איז א סברה, אז זיי זיינען גארניט מרוצה ווען עס איז צו קומען), וועלן זיי זיך מארגן אינדערפרי ווידער ארויפווארפן אף מיר: „פארוואס איז זי ניט געקומען? פארוואס איז זי ניט געקומען? ווען וועט זי קומען?" — פונקט ווי איך וואָלט עפּעס געווען אין דעם שולדיק בנוגע זיי. פון דער אנדער זייט איז ווידער אזא לייענען, ווי עס וועט נאָר גלייך אנהייבן ווערן טונקל, און נאָך פריער אפילו, וועט דער ברודער אייערער אראָפּקומען אהער מיטן געווער אין האנט און א זאג טאָן: „היט זיך, כּלב איינער, בוליאָנשטשיק: טאמער וועסטו זי פארחלומען און ניט געבן מיר צו וויסן, אז זי איז געקומען, — מאך איך דיר דעם ערשטן די מיתה". ס'וועט אריבער די נאכט, וועלן זיי מיך אינדערפרי אויך אָנהייבן, אזוי ווי פיאדאר פּאוולאָוויטש, מאר־טירעריש צו מאטערן: „למאי איז זי ניט געקומען? וועט זי באלד קומען?" — און פונקט ווי איך וואָלט אויך בנוגע זיי עפּעס געווען שולדיק אין דעם, וואס זייער פריילן איז דאס ניט געקומען. און זיי ביידע כּעסן זיך שוין אזוי פיל מיט יעדן טאג און מיט יעדער שעה, אז איך טראכט אָפּטמאָל פאר מורא נעמען זיך אליין דעם לעבן. איך האלט ניט פון זיי, מיין הער.

— פארוואס אבער האָסטו זיך אריינגעמישט? פארוואס האסטו אָנגעהויבן דמיטרי פיאדאראוויטשן אלצדינג איבערצוגעבן? — האט איוואן פיאדאראוויטש אנגערופן זיך אויפגערעגטערהייט.

— ווי האָב איך זיך דען געקאָנט ניט ארייננמישן? און איך האָב גאָר גלאַט ניט אריינגעמישט זיך אויך, אויב איר ווילט וויסן אקוראט ווי די מעשה איז. פון דעם סאַמן אָנהייב אָן האָב איך כסדר געשוויגן, ניט דערוועגט זיך עפּעס צו זאָגן, און זיי אליין האָבן מיך באַשטימט צו זייער דינער — דער הויף־דינער זיין בא זיי. איז פון דעמאלט אָן ווייסן זיי גאר איין וואָרט: איך וועל דיך דערהרגענען, כּלב איינער, טאָמער וועסטו זי פאַרשלאָפן!" איך רעכן געוויס, מיין הער, אז מאָרגן וועט בא מיר פאַרקומען א לאַנגע פאַליקע.

— וואס פאר א לאנגע פאַליקע?

— א לאַנגע ספּאַזמע אזא, א גוואַלטיק לאַנגע. עס דויערט עטלאכע שעה, און א מאל א סברה, א טאג און דער אנדערער. איינ־מאל האט דאס געדויערט בא מיר אַ טעג דריי, כ'בין אראָפּ־געפאלן דעמאלט פון בוידעם. א ווײַלע האט אויפגעהערט דאָס וואָרפן זיך, און דערנאָך האט דאָס ווייטער אָנגעהויבן, און אזוי האָב איך די גאנצע דריי טעג ניט געקאָנט קומען צו זיך. פיאָדאָר פּאַוולאָ־וויטש האָבן דעמאלט געשיקט נאָך הערצענשטובן נאָך דעם היגן דאָקטאָר, האָט ער מיר געלייגט אייז צום קאָפּ, און עפּעס נאָך א מיטל האָט ער געברויכט... כ'וואָלט געקאָנט אוועקשטאַרבן.

— מ'זאָגט דאָך אָבער, אז די פאַליקע קאָן מען ניט וויסן פאָרויס. אז זי קאָן קומען אין א געוויסער שעה. ווי אזוי זשע זאָגסטו, אז מאָרגן וועט זי קומען? — האָט איוואַן פיאָדאָראָוויטש א פרעג געטאָן מיט א באַזונדערער און אויפגערייצטער נייגעריקייט.

— דאָס איז אמת, אז מ'קאָן ניט וויסן פאָרויס.

— דערצו ביזטו דאָך דעמאלט אראָפּגעפאַלן פון בוידעם.

— אפן בוידעם קריך איך יעדן טאָג, קאָן איך מאָרגן אויך אראָפּפאלן פון בוידעם. און אויב ניט פון בוידעם, וועל איך קאָנען אראָפּפאלן אין קעלער, אין קעלער גיי איך אויך יעדן טאָג, נאָך מיינע זאַכן.

איוואַן פיאָדאָראָוויטש האָט געגעבן א לאַנגן קוק אף אים.

— דו פּלאַדערסט זע איך, און איך פאַרשטיי דיך עפּעס ניט, — האָט ער זיך אנגערופן שטיל, נאָר אזוי ווי מיט רוגזה: — דו ווילסט זיך

אפנים מארגן מאכן מיט דיין פאליקער אף דריי טעג? האַ?

סמערדיאַקאָוו, וואס האט געקוקט צו דער ערד און געשפילט זיך ווידער מיטן נעזל פון דעם רעכטן שוך, האט אוועקגעשטעלט די רעכטע פוס אף אן ארט און אנשטאט איר ארויסגעשטעלט פארויס די לינקע, האט אויפגעהויבן דעם קאפ און אנגערופן זיך, געבנדיק א שמייכל.

— ווען איך וואלט אפילו דעם דאזיקן שפיצל יע געקאנט, מאכן זיך, מיין איך, און היות ווי מאכן זיך איז דאס גארניט שווער פאר א געניטן מענטשן, בין איך אפילו אזוי אויך לחלוטין בארעכטיקט אנצווווענדן דעם דאזיקן מיטל אף צו ראטעווען דעם לעבן מיינעם פון טויט; ווארים וויבאלד אז איך ליג קראנק, איז ווען אפילו א גראַפענאַ־אַלעקסאַנדראָוונאַ זאל יע קומען צו זייער פאטער, קאנען זיי דאך דעמאלט ניט פאר־לאנגען פון אַ קראנקן מענטשן: „פארוואס האסטו ניט געגעבן צו וויסן?“ זיי וועלן זיך אליין שעמען.

— צו אלדי רוחות! — האט איוואַן פיאָדאָראָוויטש מיטאמאל ארויפגעוואַרפן זיך אף אים מיט א פארקרימטן פנים פון פארביסנקייט. — וואס ציטערסטו רק פאר דיין לעבן! דאס גאנצע סטראשען פון דעם ברודער דמיטרי איז ניט מער ווי היציקע ווערטער און ווייטער גארנישט. ער וועט דיך ניט דערהרגענען; ער וועט דערהרגענען, אבער ניט דיך!

— וועט דערהרגענען, ווי א פליג, און פריער פאר אלעמען מיך. אבער מער פאר אלץ האב איך פאר אן אנדער זאך מורא: מ'זאל מיך ניט האלטן פאר קיין שותף, אויב זיי וועלן אפטאן עפעס אן אומ־געלומפערטע זאך מיט זייער פאטער.

— פארוואס וועט מען דאס דיך האלטן פאר א שותף?

— מ'וועט מיך דערפאר האלטן פאר א שותף, ווייל איך האב זיי איבערגעגעבן די סמנים בסוד סודות.

— וואס פאר א סמנים? וועמען איבערגעגעבן? דער רוח זאל דיך נעמען, רעד קלארער!

— איך מוז זיך לחלוטין מודה זיין, — האט מיט א פעדאנטישער רואיקייט סמערדיאַקאָוו געצויגן די ווערטער, — אז דא איז דא א גע־וויסער סוד בא מיר מיט פיאָדאָר פּאַוולאָוויטשן. ווי איר ווייסט אליין

(אויב איר ווילט דאס נאר וויסן), איז שוין פון עטלאכע טעג ווי נאר עס ווערט נאכט אדער אוונט אפילו, שליסן זיי זיך גלייך איין פון אינווייניק. איר האט די לעצטע צייט יעדעס מאל אנגעהויבן פרי אוועקגיין צו זיך אף אויבן אין צימער, נעכטן זייט איר גאר אינגאנצן אין ערגעץ ניט ארויסגעגאנגען, איז דעריבער ווייסט איר אפשר גאר ניט, ווי זיי האבן אנגעהויבן איצט מיט גרויס זארג איינצושליסן זיך אף דער נאכט. און ווען אפילו גריגאָרי וואַסיליעוויטש אליין זאל קומען, איז סיידן, אז זיי וועלן זיך נאכן קול איבערצייגן, וועלן זיי אים דאן עפענען. גריגאָרי וואַסיליעוויטש קומט אבער ניט, דעריבער באדין איך זיי איצט נאר אליין די צימערן — אזוי האבן זיי אליין באשטימט פון דער זעלביקער רגע אן, ווי זיי האבן אנגעהויבן דעם עסק מיט אַגראַפענאַ אַלעקסאַנדראָוונען, אף דער נאכט אבער דערווייטער איך זיך איצט אויך, לויט זייער פאראָרדענונג נאך, אין נעכטיק אין פליגל, און איך מוז ביז האלבע נאכט ניט שלאפן און זיין אף דער וואך, אויפשטיין און ארומגיין איבערן הויף, אוןווארטן ווען אַגראַפענאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ וועלן קומען, ווארים ס'איז שוין א מעשה פון עטלאכע טעג, ווי זיי ווארטן אף איר, ווי א צעמישטער. זיי זאגן אזוי: זי האט מורא פאר אים, פאר דמיטרי פיאָדאָראָוויטשן, הייסט עס (זיי רופן אים מיטקע), און דעריבער וועט זי זען ארייַנכאפן זיך צו מיר שפעט ביינאכט דורך די הינטער געסלאך; איז דו, זאגט ער, זאלסט ווארטן אף איר ביז סאמע האלבע נאכט און נאך שפעטער. און אויב זי וועט קומען, טא לויף צו צום טיר און קלאפ מיר אָן מיט דער האנט אין טיר אדער אין פענצטער פון סאָד די ערשטע צוויי מאל שטיל, אט אזוי: איינס־צוויי, און דערנאך גלייך דריי מאל אף גיך: טוק־טוק־טוק. איז אט, זאגן זיי, וועל איך תיכף פארשטיין, אז זי איז דאס געקומען, און איך וועל דיר אויפעפענען די טיר שטילינקערהייט. א צווייטן סימן האבן זיי מיר איבערגעגעבן אין פאל, אויב עס וועט זיך עפעס טרעפן אויסערגעוויינלאכס: צוערשט א קלאפ טאן צוויי מאל אף־גיך: טוק־טוק, און דערנאך, אפווארטנדיק א ווייַלע, געבן נאך א קלאפ אסך א שטארקערן, וועלן זיי פארשטיין, אז עס האט זיך עפעס געטראפן אן אויסערגעוויינלאכע זאך און אז איך דארף זיי ניט אנדערש זען, וועלן זיי מיר עפענען,

און איך וועל אריין און וועל זיי געבן צו וויסן. דאס איז אלץ שייך דערצו, אויב אַגראַפּענאַ אַלעקסאַנדראָווּנאַ זאל אליין ניט קומען און זאל שיקן מודיע זיין וועגן עפּעס; אַ חוץ דעם, קאָנען דמיטרי פּיאָדראָוויטש אויך קומען, מוז מען וועגן אים אויך לאָזן וויסן, אַז ער געפינט זיך נאָהנט. זיי פלאַטערן גוואַלדיק פאַר דמיטרי פּיאָדאָראָוויטשן, אַזוי אַז ווען אפילו אַגראַפּענאַ אַלעקסאַנדראָווּנאַ זאל שוין יע קומען און זיי זאָלן זיך שוין מיט איר איינשליסן, און דמיטרי פּיאָדאָראָוויטש זאל זיך לעת עתה באַווייזן ערגעץ נאָהנט, בין איך, אין אַזאַ פאַל, אויך מחויב גלייך אָנזאָגן זיי וועגן דעם אַ קלאַפּטאַנדיק דריי מאָל, אַזוי אַז דער ערשטער סימן פון די פינף קלעפּ באַטייט: „אַגראַפּענאַ אַלעקסאַנדראָווּנאַ זיינען געקומען", און דער צווייטער סימן פון די דריי קלעפּ — „איך מוז אייך ניט אַנדערש האָבן"; אַזוי האָבן זיי אַליין עטלאַכע מאָל אַלס ביישפּיל מיר געלערנט און דערקלערט. היות אָבער ווי אויף דעם גאַנצן וועלט־אַל ווייסן פון די דאָזיקע סימנים מער ניט ווי איך און זיי, וועלן זיי גלייך עפענען אָן אַ שום צווייפל און גאָר ניט פרעגן ווער דאָס איז (פרעגן אינדערהויך האָבן זיי זייער מורא). איז אָט פון דאָזיקע סימנים ווייסן איצט דמיטרי פּיאָדאָראָוויטש אויך.

— פון וואַנען ווייס ער? האָסט איבערגעגעבן? ווי אַזוי זשע האָסטו זיך דערוועגט איבערצוגעבן?

— אָט טאַקע צוליב דער זעלביקער מורא וועגן. היינט ווי אַזוי וואָלט איך זיך דאָס דערוועגט צו פאַרשווייגן פאַר זיי? דמיטרי פּיאָדאָראָוויטש האָבן טאָג־איין טאָג־אויס געטענהט: „דו נאַרסט מיך אונטער, דו באַהאַלטסט עפּעס פון מיר? איך וועל דיר ביידע פיס אויסדרייען!" איז האָב איך זיי פון די דאָזיקע אָפּגערעדטע סימנים געגעבן צו וויסן, אַז זיי זאָלן כאָטש זען מיין קנעכטשאַפט און מיט דעם גופא באַנוגענען זיך, אַז איך נאַר זיי ניט אונטער, און אַז איך גיב זיי אַלץ איבער ביז אַ האָר.

— אויב דו רעכנסט, אַז ער וועט זיך באַנוצן מיט די דאָזיקע סימנים און וועלן אַריינגיין, טאָ לאָז אים ניט.

— און אויב איך גופא וועל האָבן די פּאַליקע, איז ווי וועל איך

דאס דעמאלט ניט לאזן, ווען איך וואלט שוין אפילו יע געקאנט דער־ וועגן זיך ניט צו לאזן זיי, קענענדיק זיי פאר אזא געפערלאכן.

— צו אלדי רוחות! פארוואס ביזטו דאס אזוי זיכער, אז דו וועסט האבן די פאליקע, דער רוח זאל דיך נעמען? דו לאכסט אפּ פון מיר צי ניט?

— ווי אזוי קאן איך זיך גאר דערוועגן אפצולאכן פון אייך, און צי קאן גאר ליגן אין קאפּ אפצולאכן, ווען עס איז אזא מורא? איך פילי אז די פּאַליקע וועט קומען, אזא געפּיל האב איך, טאקע פון מורא אליין וועט זי קומען.

— צום טייוול! אויב דו וועסט ליגן, וועט גריגאָרי זיין אף דער וואַך. זיי דאס מודיע גריגאָריען א פריער, ער וועט שוין אים זעסט ניט ארײַנלאזן.

— די סימנים טאר איך גריגאָרי וואַסיליעוויטשן אָן דעם פארזאג פון פריץ בשום אופן ניט דערוועגן זיך איבערצוגעבן. און אנטקעגן דעם וואס איר זאגט, אז גריגאָרי וואַסיליעוויטש וועט דער הערן און ניט ארײַנלאזן זיי, זײַנען זיי פונקט היינט פון נעכטן אָן קראנק געווארן, און מאַרפאַ איגנאַטיעוונאַ האבן בדעה צו היילן זיי מארגן. אזוי טאקע האבן זיי פריער אפגעמאכט. היינט איז דאס דאזיקע היילן זייערס גאר אינטערעסאנט: פון עפּעס א „נאַסטאָיקע" אזא ווייס מאַרפאַ איגנאַטיעוונאַ און זי האט דאס תמיד, א שטארקע „נאַסטאָיקע" אזא, פון עפּעס א גראז. אט אזא מין סוד האבן זיי. און זיי היילן מיט אט דער סודותדיקער רפואה גריגאָרי וואַסיליעוויטשן א מאל דריי אין יאר, בעת עס׳נעמט בא אים אָפּ דער גאנצער קרייץ, פונקט ווי ער וואלט עפּעס געווען פאראליזירט, דאס קומט פאר א מאל דריי אין יאר הייסט עס. דעמאלט נעמט מאַרפאַ איגנאַטיעוונא א האנטאך, ווייקט איין אין דער דאזיקער אײַנגעשטאנענער רפואה און רייבט איין דעם גאנצן רוקן זײַנעם א האלבע שעה צייט, ביז צו טרוקן, אזוי אז עס ווערט אפילו רויט און אנגעשוואלן, און דאס, וואס עס בלײַבט דערנאך איבער אין גלאז, גיבן זיי אים אויסטרינקען און זאגן דערבײַ עפּעס א ברכה, אבער ניִשט אינגאנצן גיבן זיי אים אוועק, ווארים א קלײַנעם חלק, בא דעם דאזיקן זעלטענעם פאל, לאזן זיי איבער פאר

זיך אויך און טרינקען דאס אויך אויס. און וואס זאל איך אייך זאגן, אלס ניט קיין טרינקער, פאלן זיי גלייך אנידער און שלאפן אפ א לאנגע צייט פעסט; און אז גריגאָרי וואסיליעוויטש כאפט זיך אויף, איז ער כמעט שטענדיק נאך דעם געזונט, אבער מאַרפאַ איגנאַטיעוונא כאפט זיך אויף און דער קאפ איז איר שטענדיק נאך דעם טומווייי. איז אָט, אויב מארגן וועלן מאַרפא איגנאַטיעוונאַ דערפילן די דאזיקע כוונה אירע, איז גאָר א פראגע צי גריגאָרי וואַסיליעוויטש וועט עפעס דערהערן און ניט ארייַנלאזן דמיטרי פיאָדאָראָוויטשן. זיי וועלן שלאפן.

— וואס פאר א שטות! דאס וועט אלץ ווי אף להכעיס מיטאמאל צונויפפאלן: סיי די פאַליקע באַ דיר, סיי זיי ביידע וועלן זיין ניט ביים זינען! — האט איוואן פיאָדראָוויטש אויסגעשריען; — צי ווילסטו אקארשט אליין ניט דערפירן דערצו, אז דאס זאל אלץ צונויפפאלן?— האט זיך פלוצים ארויסגעריסן באַ אים, און ער האט שטרענג אנ־געכמורעט די ברעמען.

— ווי אזוי קאן איך דאס אזוי דערפירן... און וואס דארף איך דערפירן, אז אלץ הענגט דא אף מער ניט ווי פון דמיטרי פיאָדאָראָוויטשן אליין, און נאר פון זיינע געדאנקען... וועלן זיי וועלן עפעס אנטאן, — וועלן זיי אָנטאָן, אויב ניט, וועל איך דאך זיי ניט ברענגען מיט א כיוון אף אריינשטויסן זיי צום פאטער.

— צוליב וואס אבער זאל ער קומען צום פאטער, און נאך שטילינקערהייַט, וויבאלד אַגראַפענאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ, ווי דו זאגסט אליין, וועט אינגאנצן ניט קומען? — האט איוואַן פיאָדאָראָוויטש צו־געגעבן, ווערנדיק בלייך פון כעס; — דו זאגסט דאך דאס אליין, און, זייַענדיק דאָ, בין איך אויך געווען זיכער די גאנצע צייט, אז דער אלטער פאנטאזירט מער ניט און אז די דאזיקע בריאה וועט ניט קומען צו אים. איז פארוואס זאל דמיטרי ארייַנרייסן זיך צום אלטן, וויבאלד זי וועט ניט קומען? זאג! איך וויל וויסן דיינע רעיונות.

— דאס ווייסט איר אליין, פארוואס זיי וועלן קומען, טא צו וואס דארפט איר דא מיינע רעיונות? זיי וועלן קומען מער ניט ווי צוליב זייער פארברענטן כעס, אדער צוליב זייער צווייפלען, אויב

איך וועל למשל זיין קראנק, זיי וועלן אנהייבן איבערטראכטן און וועלן אוועק פון אומגעדולדיקייט וועגן צו זוכן אין די צימערן, ווי דאס איז נעכטן געווען א שטייגער: צי איז זי ווי עס איז נישט פאר־בייגעגאנגען שטילינקערהייט פון זיי. זיי ווייסן אויך זייער גוט, אז בא פיאָדאָר פּאַוולאָוויטשן ליגט צוגעגרייט א גרויסער קאָנווערט, און דריי טויזנט רובל ליגן אין אים פארזיגלט, מיט דריי זיגלען, ארומגעבונדן מיט א סטענגעלע און אנגעשריבן מיט זייער אייגענער האנט: „דעם מלאך מיינעם, גרושענקען, אויב זי וועט וועלן קומען", און שפּעטער, אין א טעג דריי ארום, האבן זיי נאך צוגעשריבן: „און דעם טייבעלע". נו, איז אט דאס גופא טאקע צווייפלדיק.

— אַ שטות! — האט אויסגעשריען איוואַן פיאָדאָראָוויטש כמעט ווי ווילד, — דמיטרי וועט נישט גיין רויבן קיין געלט, און נאך דער־הרגענען דערצו דעם טאטן. דאס האט ער אים געקאנט נעכטן דערהרגענען צוליב גרושענקען, ווי א ווילדער אויפגערייצטער שוטה, רויבן אבער וועט ער נישט גיין!

— זיי דארפן איצט נויטיק האבן געלט, נויטיק ווי לעבן אף דער וועלט, איוואן פיאדאראוויטש. איר ווייסט אפילו ניט ווי נויטיק, — האט זייער רואיק און מיט א מערקווירדיקער דייטלאכקייט סמערדיאקאוו געלאזט וויסן. — אט די דריי טויזנט רובל האלטן זיי נאך דערצו פאר זייערע אייגענע געלט און אזוי האבן זיי מיר אליין דערקלערט: „דער פאטער, זאגן זיי, בלייבט מיר שולדיק פונקט נאך דריי טויזנט רובל". היינט צו דעם אלעמען באטראכט, איוואן פיאדאראוויטש, א שטיקל אמת אויך: דאס איז דאך כמעט ווי זיכער, קאן מען זאגן, אז ווען אגרא־פענא אלעקסאנדראָווגא זאל נאר דאס אליין פארוועלן, וועלן זיי געוויס זיי צווינגען צו חתונה האבן מיט איר, איך מיין דעם פריץ אליין, פיאָדאָר פּאַוולאָוויטשן, ווען זיי זאלן נאָר דאס פארוועלן, — נו, און עס קאן דאך געמאלט זיין, אז זיי זאלן האבן חשק דערצו. דאס זאג איך זיך דאך גלאַט אזוי, אז זי וועט ניט קומען, אבער עס קאן דאָך געמאלט זיין, אז זי וועט נאך וועלן מער ווי דאס, דאס הייסט, אז זי זאל טאקע וועלן ווערן א פריצטע. איך ווייס אליין, אז דער סוחר אירער סאמ־סאָנאָוו האט איר אליין געזאגט בפה מלא, אז דער דאזיקער ענין וועט

זיין גארניט קיין נארישער, און האט דערביי געלאכט. און זיי אליין, גרושענקאַ מיין איך, זיינען שוין אויך פון די נאראָנים ארויס. חתונה האבן מיט אזא דלפן, ווי דמיטרי פיאדאראוויטש איז, איז גאר קיין עסק ניט פאר זיי. איז אט, אז מיר זאלן איצט נעמען דעם סך הכל, איוואן פיאדאראוויטש, באטראכט דאס אליין, וועט שוין דעמאלט ניט נאר פאר דמיטרי פיאדאראוויטשן, נאר אפילו פאר אייך מיט דעם ברודער אייערן, אַלעקסיי פיאדאראוויטשן, גארנישט ניט בלייבן נאכן פאטערס טויט, קיין פרוטה ניט, ווארים אגראפענא אלעקסאנדראָווגא וועט טאקע נאר צוליב דעם חתונה האבן מיט זיי, כדי אלצדינג אפצו־שרייבן אף זיך און די גאנצע קאפיטאלן, וואס זיינען נאר דא איבער־שרייבן אף איר נאמען. ווען אבער דער פאטער אייערער זאל איצט שטארבן, ביז דאס אלץ איז נאך ניט געשען, וועט אף אייער יעדערנס חלק אנקומען די שטעל צו פערציק טויזנט קארבן פארבונדענע, אפילו דמיטרי פיאדאראוויטשן אויך, וועמען זיי האַסן אזוי, ווייל קיין צוואה האבן זיי דאך ניט געמאכט... אט דאס אלץ ווייס דמיטרי פיאדאראוויטש זייער גוט...

עפעס אזוינס האט זיך ווי איבערגעקרימט און זיך געגעבן א צאפל אף איוואן פיאדאראוויטשעס פנים. ער איז מיטאמאל רויט געוואָרן.

— איז נאך דעם, אלעמען, — האט ער פלוצים איבערגעשלאגן סמערדיאקאָוון, — פארוואָס הייסטו מיר פאָרן קיין טשערמאשניע? וואס האסטו געוואָלט זאגן מיט דעם? איך וועל אוועקפארן, און בא אייך וועט דאָ שדים ווייסן וואס פאָרקומען. — איוואַן פיאדאראוויטש האט מיט מאטערניש אפגעכאפט דעם אָטעם.

— פארשטייט זיך, — האט שטיל און מיושבדיק סמערדיאקאָוו א זאג געטאן, קוקנדיק פונדעסטוועגן שארף אף איוואן פיאדא־ראוויטשן.

— וואס פארשטייט זיך? — האט איבערגעפרעגט איוואן פיאָדאָ־ראָוויטש, איינהאלטנדיק זיך בכל מאמצי כוחו און מיט רוגזה פינקלענדיק מיט די אויגן.

— איך האב דאס געזאגט, ווייל איך זשאלעווע אייך. ווען איך

וואָלט דא נאָר געווען אף אייער אָרט, וואלט איך אף אלצדינג געגעבן א שפּיי... איידער צו זיצן בא אזא מין זאך... — האט געענטפערט סמערדיאקאָוו, קוקנדיק מיט אן אָפענעם פּנים אף איוואן פיאדארא־וויטשעס פינקלענדיקע אויגן. ביידע האבן געשוויגן.

— דו ביזט דאכט זיך א גרויסער אידיאָט און... נאָך א גוואל־טיקער פארך דערצו! — האט מיטאמאל אויפגעהויבן זיך פון בענקל איוואן פיאדאראוויטש. דערנאך האט ער שוין גלייך טאקע געוואָלט דורכגיין דורכן טירל, איז אבער מיטאמאל געבליבן שטיין און זיך א קער געטאן צו סמערדיאקאָוון. פאָרגעקומען איז דא עפּעס אזוינס משונהדיקס: איוואן פיאדאראוויטש האט פּלוצים עפּעס, ווי אין א קראמף, פארביסן די ליפּן, צוזאמענגעדריקט די פויסטן און — נאך א רגע, וואָלט ער, בלתי ספק, א ווארף געטאן זיך אף סמערדיאקאָוון. סמערדיאקאוו האט דאס ווייניקסטנס באמערקט אין דעם זעלביקן אויגנ־בליק, זיך א צאפּל געטאן און געגעבן זיך א צי מיטן גאנצן קערפּער אף צוריק. אָבער דער דאָזיקער מאָמענט איז אַריבער פאַר סמערדיאקאָוון בשלום, און איוואן פיאָדאָראָוויטש האָט שווייגנדיק, נאָר ווי געפינענ־דיק זיך אין א מין פארלעגנהייט, געגעבן אַ קער צום טירל צו.

— איך פאָר אוועק מאָרגן קיין מאָסקווע, אויב דו ווילסט דאס וויסן, — מאָרגן גאנץ פרי — אָט דאס איז אלץ! — האט ער מיט־אמאָל א זאָג געטאָן הויך אפן קול, איבערעסערהייט און אייבציקע ווערטער־ווייז, וואונדערנדיק זיך שפּעטער פון זיך אליין, צוליב וואס האט ער דאס דעמאָלט גאָר געדארפט זאָגן סמערדיאקאָוון.

— די גלייכסטע זאך, וואָס עס קאָן נאר זיין, — האט סמערדיאַקאָוו אונטערגעכאפּט, עפּעס ווי ער וואָלט נאָר געוואַרט אף דעם, — סיידן אפשר דאס, וואס פון מאָסקווע קאָן מען אייך טעלעגראפיש פון דאנען באַאומרואיקן, אין אזא מין ענלאכן פאל.

איוואן פיאָדאָראָוויטש איז ווידער געבליבן שטיין און ווידער האַסטיק א קער געטאָן זיך צו סמערדיאקאָוון. אבער מיט סמער־דיאַקאָוון גופא האָט זיך אויך ווי עפּעס־וואס געטראָפן. די גאנצע היימישקייט זיינע און די גאווה איז כהרף עין פארשוואונדן; דאס גאנצע געזיכט זיינע האָט אויסגעדריקט א מוראדיקע אויפמערקזאמקייט

און אַ דערוואַרטונג, אָבער שוין אָן אויפמערקזאַמקייט א ציטערדיקע, א חניפהדיקע: „צי ווערסטו, ווי איינער וואָלט געזאָגט, ניט זאָגן נאָך עפּעס, נישט מוסיף זיין עפּעס" אזוי האָט מען טאקע געקאָנט לייענען אין דעם שארפן, אין איוואַן פיאָדאָראָוויטשן אַיינגעגעסענעם בליק זיינעם.

— און פון טשערמאַשניע וואָלט מען דען ניט אַרויסגערופן דאס אייגענע... אין אַזאַ מין ענלאַכן פאַל? — האט א ברייל געטאָן פלוצים איוואַן פיאָדאָראָוויטש, ניט אָנהייבנדיק צו וויסן פארוואָס ער האָט מיטאַמאָל אַזוי שרעקלאך אויפגעהויבן דעם קול.

— דאס אייגענע וועט מען פון טשערמאשניע אויך... באַ־אומרואיקן... — האָט א מורמל געטאָן סמערדיאַקאָוו שיפּענדיק, עפּעס ווי ער וואָלט זיך פארלאָרן, אבער ווייטער געקוקט זייער שארף איוואַן פיאָדאָראָוויטשן אין די אויגן.

— מער ניט מאָסקווע איז ווייטער, און טשערמאשניע איז נעהנטער, ווילסט פארשפּאָרן אַפנים די הוצאות, וואס דו שטייסט צו מיט טשערמאשניע, אָדער עס פאַרדריסט דיר, וואס איך וועל אָנ־לייגן אַזוי פיל וועג?

— פארשטייט זיך... — האט א מורמל געטאָן שוין מיט אן אָפּגעהאקטער שטים סמערדיאַקאָוו, מיט אן עקלדיקן שמייכעלע אזא און אין א קראמף זיך ווייטער מכין געווען געבן באַצייטנס א שפרונג אף צוריק. צו סמערדיאקאָווס פארוואונדערונג אבער, האָט איוואַן פיאָדאָראָוויטש מיטאַמאָל אָנגעהויבן לאכן און איז האסטיק אריין אין טויערל, האלטנדיק אין לאכן. דער, וואס וואָלט א קוק געטאָן אף זיין פּנים, וואָלט אף געוויס געזאגט, אז אָנגעהויבן לאכן האט ער כלל וכלל ניט פון דעם, וואס ער איז געווען אזוי פריילאך. און גלאט, ער גופא וואָלט אויך בשום אופן ניט געקאָנט דערקלערן, וואס אזוינס עס איז געווען דעמאָלט מיט אים אין יענער מינוט. באוועגט האט ער זיך און געגאנגען איז ער פונקט ווי ער וואלט זיך געפונען אין א קראַמף.

VII

„מיט אַ מענטשן אַ בר־דעת איז זיך גאר אַפֿילו דורכרעדן אינטערעסאַנט‟

הײַנט גערעדט האט ער אויך. באַגעגענענדיק פּיאָדאָר פּאַװולאָװיטשן אין זאַל, בעת ער איז נאר־װאס אַרײַן, האט ער מיט אַמאָל גענומען שרײַען צו אים, װאַרפֿנדיק מיט די הענט: „איך גײ צו זיך אַרױבן, ניט צו אײַך, אַ גוטן‟, און איז אַ דורך פֿלײַסנדיק זיך אַפֿילו ניט אַ קוק צו טאָן אױפֿן פֿאָטער. ס׳קאָן זײַער געמאָלט זײַן, אַז ער האט דעם אַלטן שױן צו־שטאַרק געהאַסט אין דער דאָזיקער מינוט, אָבער אַזאַ מין פּשוטער אַרױסװײַזן פֿון פֿײַנדשאַפֿט איז שױן אַפֿילו פֿאַר פּיאָדאָר פּאַװולאָװיטשן אױך געװען אַן אומגעריכטע זאַך. און דער אַלטער האָט קענטיק, באמת, געװאָלט אים עפּעס מודיע זײַן אױף־גיך, צוליב װאָס ער איז טאַקע מיט אַ כּיװון אַרױס מקבל פּנים זײַן אים אין זאַל; דערהערנדיק אָבער אַזאַ מין ליב־האַרציקע תּשובֿה, איז ער געבליבן שטײן שװײַגנדיקערהײט און מיט אַן אױסדרוק פֿון געשפּעט האט ער באַלײט מיט די אױגן דעם בנאָק זײַנעם אױף די טרעפּ אין סאַלקע אַרײַן, ביז ער איז נעלם געװאָרן פֿון די אױגן.

— װאָס איז דאָס מיט אים? — האט ער האַסטיק אַ פֿרעג געטאָן סמערדיאַקאָװן, װאָס איז אַרײַן תּיכּף נאָך איװאַן פּיאָדאָראָװיטשן.

— זײַנען עפּעס אין כּעס, װער קאָן זיך פֿאַנאַנדערקלײַבן בײַ זײ, — האט ער אַרױסגעמורמלט אָן חשק.

— כאַפּט דאָס דער קאַדיק! זאָל ער זײַן אין כּעס! דערלאַנג דעם סאַמאָװאַר און דו אַלײן טראָג זיך גלײַך אָפּ פֿון דאַנען, לעבעדיק. ניטאָ עפּעס קײן נײַס?

דאָ האָבן זיך אָנגעהױבן אַ סדרה פֿראַגעס טאַקע פֿון אָט דעם מין, אױף װעלכע סמערדיאַקאָװ האט זיך אָקאָרשט באַקלאָגט פֿאַר איװאַן

פּיאָדאָראָוויטשן, דאס הייסט אלץ וועגן דער אורחטע, אף וועלכער מ׳האט געוואַרט, און מיר וועלן די דאזיקע סדרה פּראגעס ניט ארייַנגעמען אהער. אין א האלב שעה ארום איז שוין די שטוב געווען פֿארהאקט, און דער צעמישטער ישׂשׂל איז ארומגעגאנגען איינער אליין איבער די צימערן הין און צוריק, און פּלאטערנדיק געוואַרט, אַז אָט־אָט וועלן זיך דערהערן די פֿינף אפּגעמאכטע קלעפּ, פון צייַט צו צייַט ארייַנגעקוקט אין די פֿינצטערע פֿענצטער און קיין זאַך נישט געזען אין זיי, א חוץ נאכט.

געווען איז שוין זעער שפּעט, און איוואַן פֿיאָדאָראָוויטש האט נאך אַלץ ניט געשלאפן און געהאלטן אין טראַכטן. שפּעט האט ער זיך די נאכט געלייגט, אזייגער צוויי איז דאס געווען. מיר וועלן אבער ניט אנהייבן איבערצוגעבן דעם גאנצן גאנג פון זייַנע געדאַנקען, און ס׳איז איצט סתם ניט די צייַט פאר אונז ארייַנצוקלייבן זיך אין דער דאזיקער נשמה: די דאזיקע נשמה האט איר אייגענעם זמן. און ווען מיר וואָלטן אפילו יע געפּרוווט עפּעס איבערצוגעבן, וואלט געווען זעער קונציק אויסצופירן דאס, ווייל דאס זייַנען געווען ניט קיין געדאנקען, נאר ס׳איז געווען עפּעס זעער אומבאַשטימטעס אזוינס, און דער עיקר, צו שטארק אויפֿגערעגטעס. ער גופֿא האט געשפּירט, אז ער האט פארלאָרן אלע סופן. געמאטערט האבן אים אויך עפּעס כל־ערליי מאָדנע און כמעט גאר אומגעריכטע פארלאנגען, ווי א שטייגער: שוין נאך האַלבע נאכט האט זיך אים פּלוצים זעער שטארק און אומדערטרעגלאַך פֿארוואלט ארויסגיין אף־אונטן, אָפּשפּארן די טיר, אריין אין פֿליגל און שלאָגן סמערדיאַקאָוון מכּות רצח, ווען איינער וואלט אים אבער געפרעגט פאר וואס טוט ער דאס, וואלט ער אליין אויך בשום אופן ניט געקאנט קלאר אָנגעבן קיין איין סיבּה, סיידן אפשר דאס, וואס ער האט דעם דאזיקן לאקיי אנגעהויבן אזוי האַסן, ווי דעם סאַמן גרעסטן באליידיקער, וועלכן מ׳קאן נאר אויסגעפינען אף דער וועלט. פון דער אנדער זייַט האט אין דער דאזיקער נאכט ניט איין מאל אנגעכאפּט זייַן נשמה עפּעס אזא אומדערקלערלאכע און דערנידערנדיקע מורא, פון וועלכער ער האט, — דאס האט ער געשפּירט, — אפילו ווי פֿארלארן די כּוחות

מיטאמאלי דער קאָפּ האט אים ווי געטאן און זיך געדרייט
עפּעס א פארהאסטקייט אזא האט געקלעמט זיין האַרץ, ווי
ער וואלט זיך געקליבן צו נעמען נקמה פון עמיצן. געהאסט
האט ער אפילו אַליאָשען, דערמאנענדיק זיך אָן דעם שמועס, וועלכן
ער האט געהאט מיט אים, געהאסט ווילע־ווייז זעער שטארק זיך
גופא אויך. וועגן קאַטערינא איוואַנאָוונען האט ער כמעט ווי פאר־
געסן זיך צו טראכטן אפילו, און שטארק האט ער זיך נאך דעם
געוואונדערט דערפון, בפרט אז אליין האט ער קלאר געדיינקט, ווי
נאך נעכטן אינדערפרי, בעת ער האט אזוי שטאלץ א בערים געטאן
זיך בײַ קאַטערינאַ איוואַנאָוונען, אז מארגן פארט ער אוועק קיין
מאָסקווע, האט ער אין הארצן די־שטעל א שעפּטשע געטאן
צו זיך: „אפן הימל א ירידי, וועסט דאך ניט פֿארן, און עס וועט
דיר גאר ניט זיין אזוי לייכט אפצורייסן זיך פון דאנען, ווי דו פלא־
דערסט איצט". דערמאנענדיק זיך שפּעטער, אין א לאנגע
צייט ארום, אָן דער דאזיקער נאכט, פלעגט איוואן פיאָדאָראָוויטש
מיט א באזונדערן עקל דערמאנען זיך אָן דעם, ווי ער פלעגט זיך
מיטאמאל געבן א הייב פון זאָפע און שטילינקערהייט, ווי ער וואלט
מוראדיק געציטערט, אז מ'זאל אים ניט כאפּן, אויפעפענען די טירי,
ארויס אף די טרעפּ און צוהערן זיך צו אונטן, צו די אונטערשטע
צימערן, ווי פיאָדאָר פּאַוולאָוויטש שארט זיך דארטן און גייט ארום,
פלעגט צוהערן זיך — א לאנגע צייט, בײַ א מינוט פינף, מיט עפּעס
א משונהדיקער נייגעריקייט, איינהאלטנדיק דעם אָטעם, און מיט א
קלאַפּנדיקן האַרצן, צוליב וואָס ער האָט דאָס אבער אַלצדינג געטאן,
צוליב וואָס ער האט זיך צוגעהערט — האט ער, פארשטייט זיך, אַליין
אויך ניט געוואוסט. דעם דאזיקן „אַקט" האט ער דערנאך דעם
גאַנצן לעבן זיינעם אָנגערופן א „ניטדערטרעכטיקן", און האט דעם
גאַנצן לעבן זיינעם געהאַלטן אים, טיף אין זיך, אין די ווינקעלאך
פֿון דער נשמה זיינער — פֿאַרן סאַמן מיאוסטן אַקט פון זיין גאַנצן
לעבן. אַקעגן־זשע צו פיאָדאָר פּאַוולאָוויטשן גופא האט ער אין
יענע מינוטן ניט געשפּירט אפילו קיין שום האַס, האט מער נישט
ווי געשפּירט אַ שטארקע נייגעריקייט צו וויסן: ווי ער גייט דאָרטן

אונטן אַרום, וואָס אַ שטייגער קאָן ער איצט דאָרטן טאָן בײַ זיך, האָט געוואָלט טרעפֿן און משער געווען, ווי אַזוי ער דאַרף דאָרטן איצט אונטן אַרײַנקוקן אין די פֿינצטערע פֿענצטער און פּלוצים בלײַבן שטיין אין מיטן צימער און וואַרטן, וואַרטן — צי עס קלאַפּט ניט עמיצער. אַראָפּ איז איוואַן פּיאָדאָראָוויטש צוליב אָט דעם עסק וועגן אף די טרעפּ אַ מאָל צוויי. אַז אַלץ איז שטיל געוואָרן און פּיאָדאָר פּאַוולאָוויטש האָט זיך שוין אויך געלייגט, אַ זייגער צוויי אַן ערך, האָט זיך איוואַן פּיאָדאָראָוויטש אויך געלייגט מיט דעם פֿעסטן באַגער אף־גיך אײַנצושלאָפֿן, וואָרים ער האָט זיך געשפּירט שרעקלאַך אויסגעמאַטערט. און באמת: אײַנגעשלאָפֿן איז ער מיטאַמאָל זייער שטאַרק און געשלאָפֿן אָן חלומות, האָט אָבער אויפֿגעכאַפּט זיך פֿרי, אַ זייגער זיבן, אַז ס'איז שוין ליכטיק געווען. אויפֿגעמאַכט די אויגן, האָט ער צו זײַן גרעסטער פֿאַרוואונדערונג מיטאַמאָל דערשפּירט אין זיך אַ צופֿלוס פֿון עפּעס אַ ניט קיין געוויינלאַכער ענערגיע, האָט האַסטיק אַ שפּרונג געטאָן און האַסטיק אָנגעטאָן זיך, דערנאָך אַרויסגעשלעפּט זײַן טשעמאָדאַן און, אָן שהיות, אָנגעהויבן אין אײַלעניש אים אײַנצופּאַקן. די וועש האָט ער גראָד נאָך נעכטן אינדערפֿרי באַקומען אינגאַנצן פֿון דער וועשערײַ. איוואַן פּיאָדאָראָוויטש האָט אַזש אַ שמייכל געטאָן בײַם געדאַנק, וואָס אַלצדינג האָט זיך אַזוי צוזאַמענגעלייגט, אַז ס'איז נישטאָ קיין שום מניעה צו זײַן פּלוצלונגדיקן אַוועקפֿאָר. און דער אַוועקפֿאָר איז אויסגעקומען טאַקע באמת אַ פּלוצלונגדיקער. הגם איוואַן פּיאָדאָראָוויטש האָט נעכטן יע געזאָגט (קאַטערינאַ איוואַנאָוונען, אַליאָשען און שפּעטער סמערדיאַקאָוון), אַז מאָרגן פֿאָרט ער אַוועק, נאָר לייגנדיק זיך נעכטן שלאָפֿן, האָט ער זייער גוט געדיינקט, אַז אין יענעם מאָמענט האָט ער נישט געקלערט אַפֿילו וועגן אַוועקפֿאָרן, ווײַניקסטענס איז אים אין זינען נישט געלעגן, אַז אינדערפֿרי, בײַם אויפֿכאַפּן זיך, וועט ער ראשית כל אַ וואָרף טאָן זיך אײַנפּאַקן דעם טשעמאָדאַן. ענדלאַך איז דער טשעמאָדאַן מיטן רײַזע־זאַק פֿאַרטיק געווען: ס'איז שוין געווען אַ זייגער נײַן, ווען מאַרפֿאַ איגנאַטיעוונאַ איז אַרײַן צו אים מיט דער שטענדיקער טאָג־טעגלאַכער פֿראַגע: „וווּ ווען זיי טרינקען טיי, בײַ זיך, אָדער

זיי וועלן אַראָפּגיין אונטן ז״ אייזאַן פּיאָדאָראָוויטש איז אַראָפּ אַף אונטן, אויסגעזעצן האָט ער כּמעט ווי פֿריילאַך, הגם ס׳איז געלעגן סיי אין אים, סיי אין די ווערטער און אין די באַוועגונגען זיינע עפּעס אַזאַ צעוואָרפנקייט און האַסטיקייט. פֿריינדלאַך געגריסט זיך מיטן פאָטער און עפּעס גאָר באַזונדערס אַפילו נאָכגעפֿרעגט זיך וואָס ער מאַכט, האָט ער, ניט וואַרטנדיק איבעריקנס ביז דער פאָטער וועט אים איינגאַנצן ענטפערן, מיטאַמאָל מודיע געווען, אַז אין אַ שעה אַרום פאָרט ער אַוועק קיין מאָסקווע, אין איינגאַנצן, און ער בעט שיקן נאָך אַ פורי. דער אַלטער האָט אויסגעהערט די דאָזיקע ידיעה אָן דער מינדסטער פֿאַרוואונדערונג, האָט גאָרניט אַף קיין אָנשטענדיקן אופן פֿאַרגעסן זיך אַפּילו צו מצער זיין זיך, וואָס דער זונדל פֿאָרט אַוועק; אָנשטאָט דעם האָט ער מיטאַמאָל אָנגעהויבן גוואַלדיק אַרומצושמייען, פּונקט דערמאָנענדיק זיך, בדרך אַגבֿ, אָן זיינעם אייגענעם ברענענדיקן ענין.

— הערסט אַביסל! אָן אַקט! ניט געזאָגט נעכטן... נאָר ס׳אַ דאַגה. מיר׳ן דאָס איצט אויך מאַכן. טו מיר די גרויסע טובֿה, זונעניו מיין האַרציקער, און פֿאַרפֿאָר קיין טשערמאַשניע. פון וואָלאָוויער סטאַנציע דאַרפסטו דאָך נאָר אַ קער טון אַף לינקס, ס׳איז עפּעס צוועלף וויאָרסט סך הכּל, און דו קומסט שוין קיין טשערמאַשניע.

— באַמנות, ווי איך קאָן ניט: ביז צו דער אייזנבאַן־סטאַנציע האָב איך אַכציק וויאָרסט, און דער באַן גייט אָפּ קיין מאָסקווע זיבן אַ זייגער פאַרנאַכט — פּונקט נאָר די צייט אַף צו באַווייזן צום צוג.

— וועסטו באַווייזן מאָרגן, אַ ניט איז רעכט איבערמאָרגן, היינט אָבער כאַפּ זיך אַראָפּ אין טשערמאַשניע. וואָס אַרט דיר, אַז דו וועסט באַרואיקן דיין פאָטער! ווען איך וואָלט דאָ ניט געהאַט די געשעפֿטן, וואָלט איך שוין לאַנג אַליין אַ פֿאָר געטאָן, ווארים אַ שטיקל עסק האָב איך דאָרטן אַ גאָר וויכטיקן, און וואָס לאָזט ניט וואַרטן אַף זיך, באַ מיר איז דאָ אָבער איצט... די צייט ניט אַזאַ... פֿאַרשטייסטו מיך, דאָרטן איז דאָך דאָ מיין וועלדל אין די צוויי צירקלען בעהיטשעוו, און אין דיאַטשקין, וואָס זיינען כּסדר פּוסטע ניט קיין

פארבויטע ערטער. די מאַסלאָווס די וואַלד־סוחרים, דער אלטער מיטן זון, גיבן אף אויסצוהאקן סך הכל אכט טויזנט רובל, און ערשט פאראיארן האט זיך אנגעריסן א קונה, וואס האט צוועלף געבאטן. ער איז אבער ניט קיין היגער, אט וואו דער הונט איז באַגראבן. ווארים די היגע סוחרים ליגן איצט נײַן אײלן אין דר׳ערד: רײַסן זיי דעריבער די מאַסלאָווס, דער טאטע מיטן זון, וואס האבן ממון קרח; מ׳מוז נעמען, וואס מ׳גיט, ווײַל פון די היגע סוחרים דערוועגט זיך קײנער ניט צו שטעלן זיך אנטקעגן זיי. אבער דער אילינסקער גלח האט מיר פאראכטאגן דאנערשטיק מיטאמאל ארײַנגעשריבן א בריוו, אז ס׳איז געקומען צו פארן גאָרטסקין, דאס איז אויך א וואלד־סוחר, איך קען אים, די גאנצע מעשה איז אבער די, וואס ער איז ניט קיין היגער, נאר וואס ער איז א פּאָגרעבאָווער, איז האט ער, הייסט עס, פאר די מאַסלאָווס קיין מורא ניט, אז מ׳שמועסט ניט קיין היגער. עלף טויזנט קארבן, זאגט ער, גיב איך פאַרן וועלדל, דו הערסט? אבער ער וועט דא נאך פארברענגען, שרייבט דער גלח, עפעס סך הכל בא א וואך צייט. איז וואלסטו טאקע א פאר געטאן און געקומען מיט אים צו א הסכם...

— וועט איר שרייבן דעם גלח און ער וועט קומען מיט אים צו א הסכם...

— ווי קומט ער דערצו? דאָ איז דאָ א מעשה. דער גלח האט קיין אויגן ניט. איז א דימענט א מענטש, איך וואלט אים די שטעל דערלאנגען צוואנציק טויזנט קארבן אף צו באהאלטן אָן אַן אײנגעטונקטער פען, אבער ער הייבט ניט אָן צו זען פֿון דאנען אהין, עפעס ווי ער וואלט גאר קיין מענטש ניט געווען, אַ וואָראָנע וועט אים אפנארן. און איז דאך א געבילדעטער מענטש, שטעל זיך דאס פאר. דער דאזיקער גאָרסטקין איז נאכן אויסזען נאך א מוזשיק, אין א בלויער פּאָדיאָווקע, נאר נאכן כאראקטער נאך איז דאס א כלב שבכלבים, דאס איז בדרך אגב אונזער אלגעמײנע צרה: ער לײַגט, אט וואס די מעשה איז. אפטמאל וועט ער דיר אנפראווען, אז דו וועסט שטײן מיט אן אפענעם מאל און טראכטן פארוואס טוט ער דאס. ער האט אנגעפראוועט פאר צוויי יארן, אז

די ווײַב זײַנע איז געשטאָרבן און אַז ער האָט שוין חתונה געהאַט מיט אַ צווייטער, און די גאַנצע מעשה איז ניט־געשטויגן ניט־געפֿלויגן, שטעל זיך דאָס פֿאָר: זײַן ווײַב איז קיינמאָל אין לעבן ניט געשטאָרבן, זי לעבט נאָך עד היום און בויקערט אים אַלע דרײַ טעג די בייגער. איז אַט דאַרף מען דאָס איצט אויך דערגיין: צי ער לײַגט צי ער מיינט דאָס אָף אָן אמת, אַז ער איז אַ בעלן צו קויפֿן און געבן דערפֿאַר עלף טויזנט רובל?

— איז ווײַל איך דאָך דאָ אויך גאָרנישט ניט קאָנען מאַכן, איך האָב אויך קיין אויגן ניט.

— כאַפּ ניט, וואַרט אַקאָרשט, אוודאי טויגסטו יאָ, וואָרים איכ׳ל דיר איבערגעבן אַלע זײַנע סימנים, גאָרסטקינס הייסט עס, איך האָב שוין מיט אים פֿון כּמה יאָרן צו טאָן. פֿאַרשטייסטו מיך: מ׳דאַרף אים קוקן אָפּן באָרד; דאָס בערדעטשקע זײַנס איז אַ געלינקע, אַ שיטערינקע און אַ העסלאַכע אַזאַ. איז אַז דאָס בערדעטשקע טרייסלט זיך, און ער גופֿא רעדט און כּעסט זיך — איז אַ באַווײַז, אַז עס גייט אַ גאַנג, אַז ער מיינט אָף אָן אמת, איז גרייט צו מאַכן אַ מסחר; גלעט ער אָבער דעם בערדל מיט דער לינקער האַנט, און אַליין שמייכלט ער אונטער — איז אַ באַווײַז, אַז ער וויל אָפּדרייען דעם קאָפּ, אַז ס׳איז אַלץ קיין וואָר־וואָרט ניט. אין די אויגן זאָלסטו אים קיינמאָל ניט קוקן, נאָך די אויגן וועסטו קיינמאָל ניט קלוג ווערן, ס׳איז אַ טריבער וואַסער, אַ דרײַ־קאָפּ איז דאָס, — קוק מער ניט ווי אָפּן באָרד. איך וועל דיר געבן אַ צעטעלע צו אים, און גיב אים אָפּ. הייסן הייסט ער גאָרסטקין, נאָר מ׳רופֿט אים ניט גאָרסטקין, נאָר ליאַגאַווי, טאָ דו רוף אים ניט ליאַגאַווי, ער וועט זיך באַליידיקן. אַז דו וועסט אָפּמאַכן מיט אים און וועסט זען, אַז עס גייט אָף אַ דרך, טאָ שרײַב מיר תּיכּף אָן. און טאַקע שרײַב מער ניט ווי דאָס: „ער לײַגט ניט". האַלט זיך בײַ עלף, אַ טויזנטער קאָנסטו יאָ אַראָפּלאָזן, מער אָבער לאָז ניט אַראָפּ. עפּעס אַ קלייניקייט: אַכט טויזנט און עלף טויזנט — אַ חילוק אין דרײַ טויזנט קאָרבן. אַט די דרײַ טויזנט האָב איך פּונקט ווי געפֿונען, אַזוי גיך געפֿינט מען דען אַ בעלן, און געלט דאַרף איך, אַז עס שפּאָרן מיר איצט די אויגן

פון קאפּ. אז דו וועסט מודיע זיין, אז די זאך איז ערנסט, וועל איך שוין דעמאלט אליין אראפּכאפּן זיך אהין און ענדיקן, כ'וועל שוין ווי־עס־איז אפּרייסן צייט. אבער איצטער וואס האב איך וואס צו לויפן אהין, אויב דער גלח האט דאס אלצדינג אויסגעטראכט? איז וואס, פּאָרסטו, צי ניט?

— אַך, כ'האָב קיין צייט ניט, לאָזט געמאך.

— ווײ־ווײ, טו אַ טאטן א טובה, כ'וועל דיר אָפּטאָן! אָן הערצער זייט איר אלע, אָט וואָס! וואָס פאר א ווערדע האט בא דיר א טאג צי דער אנדערער? וואוהין קלייבסטו זיך דאָס איצטער, קיין ווענעדיק? עס וועט בלייבן שטיין דיין ווענעדיק אפן זעלביקן אָרט אין צוויי טעג אַרום אויך. איך וואָלט געשיקט אליאָשקען, נאָר וואס ווייס אליאָשקע אין די זאכן? איך טו דאָך דאָס נאָר דעריבער, ווייל דו ביזט א מענטש מיט א קאָפּ, וואָס, איך זע דען ניט? קיין וואַלד סוחר ביזטו ניט, אבער אן אויג האָסטו. דער עיקר איז נאָר דאָ, אז מ'זאָל זען: צי דער מענטש רעדט אף צו'ן אמת אָדער אף צופּלייסן. כ'זאג דאָך דיר, קוק אף זיין באָרד: טורייסלט זיך דאס בערדעטשקע — איז א באווייז, אז ס'איז אף צו'ן אמת.

— שיקט איר מיך דאס אליין אין דער דאָזיקער פארשאָלטענער טשערמאשניע, האַ? — האט אויסגעשריען איוואַן פיאָדאָראָוויטש, א שמייכלטאָנדיק מיט שלעכטסקייט.

פיאָדאָר פּאוולאָוויטש האט די דאָזיקע שלעכטסקייט נישט דערזען אָדער ער האָט נישט געוואָלט דערזען, דעם שמייכעלע אָבער האט ער אויפגעכאַפּט:

— איז פאָרסטו, הייסטו, עס, פאָרסטו? תיכף שרייב איך דיר אָן א צעטעלע.

— כ'ווייס נישט, צי איך'ל פאָרן, כ'ווייס נישט, אפן וועג וועל איך זיך מישב זיין.

— וואס אפן וועג, זײַ זיך מישב גלייך. חיותל, זײַ זיך מישב! אז דו וועסט אָפּמאַכן מיט אים, שרייב אָן צוויי שורהלאך און גיב איבער דעם גלח, וועט ער מיר תיכף צושיקן דעם צעטעלע דײַנעם. דערנאָך אָבער האַלט איך דיך שוין ניט, פאָר זיך קײַן ווענעדיק.

צוריק אַף דער וואָלאָוויער סטאַנציע וועט דיך דער גלח אָפּפירן אַף זײַנע פערד …

דער אַלטער איז געווען פּשוט אין התפּעלות, האָט אָנגעשריבן דעם צעטעלע, מ׳האָט אוועקגעשיקט נאָך דער פורי. מ׳האָט דערלאַנגט צובײַסן, און קאָניאַק. אַז דער אַלטער פלעגט זײַן פריילאַך, פלעגט ער תמיד אָנהייבן פאַנאַנדערצוגיסן זיך, דאָס מאָל אָבער האָט ער אַזוי ווי אײַנגעהאַלטן זיך. וועגן דמיטרי פּיאָדאָראָוויטשן, צום בײַשפּיל, האָט ער אַפילו קיין וואָרט ניט דערמאַנט. און פון דעם צושיידן זיך ווידער איז ער אינגאַנצן ניט געווען גערירט. האָט אַפילו ווי ניט געפונען וועגן וואָס צו רעדן; און איוואַן פּיאָדאָראָוויטש האָט דאָס זייער גוט באַמערקט. "כ׳האָב שוין נישקשה דערעסן אים", האָט ער אַ טראַכט געטאָן בײַ־זיך. אָבער באַלייטנדיק דעם זון שוין פון גאַניק, איז דער אַלטער עטוואָס אַזוי ווי בטול געוואָרן, איז שוין אַפילו געווען אַ בעלן צו צו טשמאָקען זיך. נאָר איוואַן פּיאָדאָראָוויטש האָט אָפּ־גײַך דערלאַנגט אים די האַנט אַף צו געזעגענען זיך, קענטיק בכּיוון האָבנדיק קיין חשק דערצו. דער אַלטער האָט דאָס גלייך פאַר־שטאַנען און כּהרף עין זיך געגעבן אַ צי צוריק.

— נו, פאָר געזונט, פאָר געזונט! — האָט ער איבערגעחזרט פון גאַניק. — וועסט דאָך נאָך קומען אַ מאָל אַפן לעבן, האַ? זאָלסטו קומען, וועסט תמיד זײַן אַ גוטער גאַסט. זאָל גאָט מצליח זײַן דײַן וועג!

איוואַן פּיאָדאָראָוויטש האָט זיך אַרײַנגעזעצט אין וועגל.

— פאָר געזונט, איוואַן, זאָלסט ניט דערמאַנען צופיל צו בייזן! — האָט אויסגעשריען צום לעצטן מאָל דער פאַטער.

באַלייטן זײַנען אַרויס אַלע פון שטוב: סמערדיאַקאָוו, מאַרפאַ און גריגאָרי. איוואַן פּיאָדאָראָוויטש האָט זיי אַלעמען געשענקט צו צען רובל. אַז ער האָט זיך שוין געזעצט אַפן וועגל, איז סמערדיאַ־קאָוו צוגעשפּרונגען פאַרריכטן די דעקע פון וואָגן.

— זעסט … איך פאָר קיין טשערמאַשניע … — האָט עפּעס פּלוצים זיך אַרויסגעריסן בײַ איוואַן פּיאָדאָראָוויטשן, ווײַטער אַזוי ווי נעכטן, עפּעס אַזוי ווי פון־זיך געגעבן אַ פלי־אַראָפּ, און נאָך מיט

עפּעס אַ נערוועזן שמייכעלע דערצו· אַ לאַנגע צייט האָט ער דאָס דערנאָך דערמאַנט·

— איז דאָס׳ הייסט עס׳ טאַקע אמת׳ אַז מיט אַ מענטשן אַ בר־דעת איז זיך גאָר אפילו דורכרעדן אינטערעסאַנט׳ — האָט פּעסט אָפּגעענטפערט סמערדיאַקאָוו׳ אַ קוקטאָנדיק דורכגעדרונגען אַף איוואַן פיאָדאָראָוויטשן·

דער וועגל האָט זיך אַ ריר געטאָן און זיך אַוועקגעטראָגן· אין דער נשמה פון דעם פאָרער איז געווען נעפּלדיק׳ ער האָט אָבער מיט אַ להוטקייט געקוקט אַרום אַף די פעלדער׳ אַף די בערגלאַך׳ אַף די ביימער׳ אַף דער סטאַדע גענז׳ וואָס איז הויך דורכגעפלויגן איבער אים איבערן לויטערן הימל· און ס׳איז מיטאַמאָל געוואָרן אַזוי גוט· ער האָט געפּרוווט אָנהייבן רעדן מיטן פורמאַן׳ און עס האָט אים עפּעס גוואַלטיק אַזוינס פאַראינטערעסירט פון דעם׳ וואָס עס האָט אים געענטפערט דער מוזשיק׳ אָבער אין אַ מינוט אַרום האָט ער פאַרשטאַנען׳ אַז אַלצדינג איז נאָר פאַרבייגעלאָפן פאַרביי די אויערן און אַז ער האָט׳ באמת רעדנדיק׳ נישט פאַרשטאַנען אַפילו דאָס׳ וואָס דער מוזשיק האָט געענטפערט· ער איז אַנטשוויגן געוואָרן׳ ס׳איז אַזוי אויך גוט געווען: די לופט ריין׳ פריש׳ עטוואָס קיל׳ דער הימל לויטער· עס האָבן געהאַט אַ בליץ געטאָן אין דעם געדאַנק זיינעם די געשטאַלטן פון אַליאָשען און קאַטערינאַ איוואַנאָווגען; ער האָט אָבער שטיל געגעבן אַ שמייכל און שטיל אַ בלאָז געטאָן אַף די ליבע געשפּענסטער און זיי זיינען אָפּגעפלויגן: „ס׳וועט נאָך קומען זייער צייט אויך״׳ ט׳ער אַ טראַכט געטאָן· די ערשטע סטאַנציע איז מען אָפּגעפאָרען געשווינט׳ מ׳האָט איבערגעביטן די פערד און אַוועקגעטראָגן זיך קיין וואָלאָוויע· „פאַרוואָס עפּעס איז מיט אַ מענטשן אַ בר־דעת זיך גאָר דורכרעדן אינטערעסאַנט׳ וואָס ט׳ער געוואָלט זאָגן מיט דעם?״ האָט אים פּלוצים פאַרכאַפּט דער אָטעם· „און צוליב וואָס האָב איך דאָס אים געזאָגט׳ אַז איך פאָר קיין טשערמאַשניע?״ מ׳איז זיך געקומען צוטראָגן אַף וואָלאָוויער סטאַנציע· איוואַן פיאָדאָראָוויטש איז אַראָפּ פון וועגל און די פורמאַנעס האָבן אים אַרומגערינגלט· מ׳איז מושווה געוואָרן צו פאָרן קיין טשערמאַשניע׳ צוועלף וויאָרסט מיט

א זײַט־װעג, מיט א פּריװאַטן פורמאַן. ער ט׳געהײסן שפּאַנען. איז אַרײַן אין דער אכסניה, אַרומגעקוקט זיך אַף אַלע זײַטן געהאַט א קוק געטאָן אַף דער אױפֿזעערן און איז מיטאַמאָל צוריק אַרױס אַפֿן גאַניק.

— מ׳דאַרף ניט שפּאַנען קײן טשערמאַשניע. איכ׳ל ניט פֿאַר־שפּעטיקן ברידער, צו דעם זיבן א זײגערדיקן צוג?

— פּטור, מיר׳ן פּונקט באַװײַזן. שפּאַנען, װאָס?

— שפּאַן אײַן, געשװינט. װעט אפשר עמיצער פֿון אײַך זײַן מאָרגן אין שטאָט?

— װי־דאָס ניט זײַן, מיטרי פֿאָרט.

— קאָנסט מיר אפשר, מיטרי, טאָן א געפֿעליקײט? גײ אַרײַן צו מײַן פֿאָטער צו פֿיאָדאָר פּאַװלאָװיטש קאַראַמאַזאָװן, און גיב אים איבער, אַז איך בין אין טשערמאַשניע ניט געפֿאָרן. װעסט דאָס טאָן צי ניט?

— פֿאַרװאָס זאָל איך דאָס ניט אַרײַן, אװדאי װעל איך אַרײַן, פֿיאָדאָר פּאַװלאָװיטשן קען איך שױן ניט פֿון הײַנט.

— און אָט האָסטו פֿאַר דײַן טרחה, װאָרים ס׳איז א סברה, אַז ער זאָל דיר גאָרנישט ניט געבן אױך... — האָט זיך פֿרײלאַך צעלאַכט איװאַן פֿיאָדאָראָװיטש.

— בנאמנות, װי זײ װעלן ניט געבן — האָט זיך צעלאַכט מיטרי אױך. א דאַנק, פּריץ, אװדאי װעל איך אַרײַן.

זיבן א זײגער פֿאַרנאַכט איז איװאַן פֿיאָדאָראָװיטש אַרײַן אין װאַגאָן און זיך אװעקגעטראָגן קײן מאָסקװע. „אװעק אַל־דאָס פֿריערדיקע, א סוף מיט דער פֿריערדיקער װעלט אַף אײביק, און זאָל ניט בלײַבן פֿון איר מער קײן סימן, קײן שפּור; אין א נײַ װעלט, אין נײַע ערטער, און נישט אַרומצוקוקן זיך!“ אָבער אַנשטאָט התלהבות איז אַף דער נשמה זײַנער אַרױף מיטאַמאָל אַזא פֿינצטערקײט, און אין האַרצן האָט אָנגעהױבן נאָגן אַזא נאָגעניש, װאָס ער האָט קײנמאָל ניט געשפּירט פֿריִער דעם גאַנצן לעבן זײַנעם. ער האָט אָפּגעטראַכט די גאַנצע נאַכט; דער װאַגאָן איז געפֿלױגן, און ערשט אַז עס האָט גענומען שאַרען אַף טאָג, שױן אַרײַנפֿאָרנדיק אין מאָסקװע, איז ער מיטאַמאָל אַזױ װי געקומען צו זיך:

— כ׳בין א מ׳אוס נפש! — האט ער א מורמל געטאן אין־זיך·

אבער פיאָדאָר פּאַוולאָוויטשן· באלייט דעם זונדלי איז געבליבן
זעער צופרידן· גאנצע צוויי שעה האט ער זיך געשפּירט כמעט ווי־
גליקלאך און זיך געטרונקען קאָניאַק; פלוצים אבער איז געשען אין־
שטוב פאר אלעמען א סאַמע פיינלאכסטע און אומאנגענעמסטע זאך
וואס האט די שטעל פיאָדאָר פּאַוולאָוויטשן שטארק צעטומלט: סמערדיאַקאָוו
איז געגאנגען עפּעס נעמען אין קעלער און איז אראפּגעפאלן אף דער־
ערד פון דעם אויבערשטן טרעפּל· נאך א גליק· וואס אפן הויף איז
דעמאלט גראד געווען מאַרפאַ איגנאַטיעווגאַ און זי האט גלייך
דערהערט· ווי אזוי ער איז געפאלן האט זי ניט געזען· דערפאר אבער
האט זי דערהערט א געשריי· א געשריי עפּעס אזא מאדנעם· א
משונהדיקן· וועלכן אבער זי האט שוין לאנג געקענט· — א געשריי־
פון אן עפּילעפּטיקער· בשעת א ספּאַזמע· צי עס האט אים אנגעכאפּט
די ספּאַזמע אין דער מינוט· בעת ער האט געהאלטן ביים אראפּגיין
פון די טרעפּלאך· אזוי אז ער האט שוין· פארשטייט זיך· געמוזט תּיכּף
אראפּפליען אף־אונטן אין חלשות· אדער פארקערט· פון דער צע־
טרייסלונג אליין איז פארגעקומען בא סמערדיאַקאָוון· דעם באוואוסטן
עפּילעפּטיקער· די ספּאַזמע· — האט מען ניט געקאנט קלוג ווערן· נאר
געפונען האט מען אים שוין ליגנדיק אין קעלער אף דער ערד·
ווארפנדיק זיך מיט שוים אף די ליפּן· אין קאָנוואולסיעס און אין
קראמפן· אין אנפאנג האט מען גערעכנט· אז ער האט זיך געוויס עפּעס
אויסגעבראכן· א האַנט צי א פוס· און זיך געמזיקט· נאר „דער לעבעדיקער
האט אפּגעהיט״· ווי עס האט זיך אויסגעדריקט מאַרפאַ איגנאַטיעווגאַ:
קיין שום זאך האט זיך נישט געטראפן· נאר ס׳איז מערנישט שווער
געווען ארויסצובאקומען אים און אַרויסטראגן פון קעלער אף דער
לעבעדיקער וועלט· מ׳האט אבער געבעטן הילף בא די שכנים און
מען האט דאס ווי־עס־איז אפּגעטאן· געפונען זיך האט בא דער דאזיקער
גאנצער צערעמאניע פיאָדאָר פּאַוולאָוויטש בכבודו ובעצמו אויך· האט אליין
געהאלפן· קענטיק אן איבערגעשראקענער און עפּעס ווי צעטומלט·
דער קראנקער איז אבער צו זיך ניט געקומען: כאטש די ספּאזמעס
פלעגן אפילו אויפהערן אף א ווײַלע· פלעגן זיי אבער ווייטער אנשטיין·

און אַלע האָבן באַשלאָסן, אַז עס וועט זײַן פּונקט דאָס אייגענע, וואָס פֿאַראײַאָרן, בעת ער איז אויך ניט־ווילנדיק אַראָפּגעפֿאַלן פֿון בוידעם. מ׳האָט זיך דערמאָנט, אַז דעמאָלט האָט מען אים געלייגט אײַז צום קאָפּ. אײַז אין קעלער איז נאָך געווען, און מאַרפֿאַ איגנאַטיעוונאַ האָט געהייסן אַרויפֿטראָגן, פֿיאָדאָר פּאַוולאָוויטש האָט אָבער פֿאַרנאַכט געשיקט נאָכן דאָקטאָר הערצענשטובע, וואָס איז טאַקע די־שטעל געקומען, אַ יסהערגדיק זעער געטרײַ דעם חולה (דאָס איז געווען דער סאַמער געטרײַסטער און אויפֿמערקזאַמער דאָקטאָר אין דער גאַנצער גובערניע, אַ ליבינקער אַלטעטשקער), האָט ער געזאָגט, אַז די ספּאַזמע איז אַן ערנסטע און אַז „עס קאָן זײַן אַ סכּנה״ לעת־עתּה אָבער פֿאַרשטייט ער נאָך ניט אַלץ, נאָר אויב מאָרגן אינדערפֿרי וועלן ניט העלפֿן די איצטיקע מיטלען, וועט ער זען אָננעמען אַנדערע. דעם קראַנקן האָט מען אַוועקגעלייגט אין פֿליגל, אין אַ דערבײַיִקן צימערל פֿון גריגאָרי און מאַרפֿאַ איגנאַטיעוונאַס דירה. דערנאָך האָט פֿיאָדאָר פּאַוולאָוויטש שוין דעם גאַנצן טאָג געהאַט אויסצושטיין איין אומגליק נאָכן צווייטן: וואָרעמעס האָט שוין געקאָכט מאַרפֿאַ איגנאַטיעוונאַ, און דער זופּ איז געווען אין פֿאַרגלײַך מיט סמערדיאַקאָווס קאָכן „אמתע באָב־יאַך״, און די הון איז געווען אַזוי פֿאַרקוואַרט, אַז צעקײַען איז בשום־אופֿן ניט געווען מעגלאַך. מאַרפֿאַ איגנאַטיעוונאַ האָט געענטפֿערט דעם פּריץ אויף די ביטערע, כאָטש אפֿילו אמתע פֿאָרוואורפֿן, אַז די הון איז שוין אַזוי אויך זעער אַן אַלטע און אַז פֿאַר קיין קעכער האָט זי זיך ניט געלערנט. צו דערצו איז אינאָוונט נאָך אַ נײַער אומגליק אָנגעשטאַנען: מ׳האָט אָנגעזאָגט פֿיאָדאָר פּאַוולאָוויטשן, אַז גריגאָרי, וואָס איז שוין געווען קראַנק פֿון אייערנעכטן אָן, האָט זיך פּונקט איצט שוין מיט אַלעמען אַנידערגעלייגט אין בעט. דער קרייץ האָט אים אָפּגענומען. פֿיאָדאָר פּאַוולאָוויטש האָט געענדיקט טרינקען דעם טיי ווי־מעגליך גיכער און זיך אײַנגעשלאָסן אַליין אין שטוב. געפֿונען האָט ער זיך, אין אַ שרעקלאַכן און ציטערדיקן וואַרטן. די זאַך איז געווען אין דעם, וואָס גראָד דעם אָוונט האָט ער געוואַרט אויף גרושענקעס קומען שוין כּמעט אויף געוויס; ווײַניקסטנס, האָט אים סמערדיאַקאָוו נאָך גאַנץ פֿרי כּמעט ווי פֿאַרזיכערט, אַז „זיי האָבן שוין געוויס צוגעזאָגט צו קומען״. דאָס

הארץ פון דעם ווילדן אלטעטשקן האט געשלאגן אויפגערעגט, ער איז ארומגעגאנגען איבער די פוסטע צימערן און זיך צוגעהערט. מ׳האט געדארפט האבן א שארף אויג; ס׳האט זי געקאנט ערגעץ־וואו אפהיטן דמיטרי פיאָדראָוויטש, און ווי זי וועט נאר א קלאפ טאן אין פענצטער (סמערדיאַקאָוו האט נאך אייערנעכטן פארזיכערט פיאָדאָר פּאַוולאָוויטשן, אז ער האט איר איבערגעגעבן, וואו און וואוהין זי זאל אנקלאפן), דארף מען עפענען די טיר וואס־גיכער און בשום אופן ניט פארהאלטן זי קיין איין רגע אומזיסט אין פיר־הויז, אז זי זאל זיך, רחמנא לצלן, ניט דערשרעקן פאר עפּעס און אנטלויפן. גרויס זארג האט געהאט פיאָדאָר פּאַוולאָוויטש, אבער נאך קיינמאל האט זיך דאס הארץ זיינס ניט געבאדן אין קיין זיסערער האפענונג: מ׳האט דאך כמעט ווי געקאנט זאגן שוין זיכער, אז דאָס מאל וועט זי דאָך שוין קומען אף־געוויס!..

זעקסטער בוך

דער רוסישער מאנאך

I

דער סטאַרעץ זאָסימאַ און זיינע אורחים

אז אַליאָשאַ איז מיט א ציטער און מיט א ווייטאָק אין האַרץ אריין אין דעם סטארעצס קעמערל, איז ער געבליבן שטיין כמעט ווי געפלעפט: אנשטאט דעם גוססדיקן חולה, שוין אפשר ניט ביים זינען, ווי ער האָט מורא געהאט צו טרעפן אים, האָט ער אים פּלוצים דערזען זיצנדיק אין פאטער־שטול הגם מיט אַן אָפּגעמאטערט און שוואכן פּנים, אבער א מונטערן און א פריילאכן, איז געזעסן ארומגערינגלט פון זיינע אורחים און גע־פירט מיט זיי א שטילן און ליכטיקן שמועס. איבעריקנס, אויפגע־שטאנען איז ער פון בעט סך הכל מיט א פערטל שעה צוריק איידער אַליאָשאַ איז געקומען; די אורחים זיינען זיך שוין צונויפגעקומען אין קעמערל פריער און מ׳האָט געווארט, ביז ער וועט זיך אויפכאפּן, על פּי דעם, ווי פאָטער פּאַאיסי האט מבטיח געווען, אז „דער רבי וועט אויפשטיין בלי ספק, כדי נאָך א מאָל צו שמועסן מיט די, וואס זיינען געווען ליב דעם הארצן זיינעם, ווי ער גופא האט מבשר געווען און ווי ער גופא האט מבטיח געווען נאָך איינדערפרי". און אין דער דאָזיקער הבטחה, ווי אין יעדן אנדער וואָרט פון דעם גוססדיקן סטאַרעץ, האט פאטער פּאַאיסי געגלויבט באמונה שלמה, אזוי אז ווען ער וואָלט אים אפילו געזען, ווי ער איז שוין אינגאנצן אָן זינען און אָטעמט שוין אפילו ניט, נאָר ער וואָלט געהאט זיין הבטחה, אז ער וועט נאָך א מאל אויפשטיין און זיך געזעגענען מיט

זיי, וואָלט ער אפשר נישט געגלויבט אפילו דעם טויט גופא און וואָלט געוואַרט כסדרי, אז דער נפטר וועט זיך אויפכאַפּן און ממלא זיין די הבטחה. אינדערפרי אבער האט דער סטאַרעץ, לייגנדיק זיך שלאָפן, געזאָגט צו אים ממש אזוי: „איך וועל ניט שטאַרבן פריער, איידער כ'וועל נאָך א מאָל מיט התלהבות ניט שמועסן מיט אייך, וואס זייַנען ליב דעם הארץ מיינעם, איידער איך וועל א קוק טאָן אף אייער ליבע פּנימער און איך וועל פאר אייך נאָך א מאל אויסגיסן מיין הארץ". אפנים, אז די וואס זייַנען זיך צונויפגעקומען צו דעם, זייַנען געווען די סאמע איבערגעגעבנסטע פריינד זייַנע פון קדמונים אָן, זאלבע־פערט זייַנען זיי געווען: די היעראָמאָנאַכן פאטער יאָסיף און פאטער פּאַאיסי, דער היעראָמאָנאַך פאטער מיכאַאיל, דער אויפזעער פון סקיט, א מענטש נאָך גאר ניט קיין אלטער, ניט קיין גרויסער למדן, וואס האט געשטאמט פון פּראָסטן יחוס, וואס איז אבער לויט זיין מהות געווען א פעסטער מענטש, אַן איש תמים און א בעל מאמין, וואס האט אויסגעזען נאָכן אָנבליק נאָך א שטרענגער און איז אבער געווען אין דער אמתן א גרויסער רך לבֿ, הגם ער האט קענטיק געוואָלט פארבאָרגן זיין ווייכע הארץ ביז צו א געוויסער בושה אפילו. דער פערטער אורח, דער ברודער אַנפים, איז שוין געווען גאר אַן אלטינקער, א פּשוטער מאָנאַכל, וואס האט אליין געשטאמט פון די אָרימסטע פּויערים און איז כמעט געווען אַן עם הארץ, א שווייגער און א שטילער, זעלטן וואס ער פלעגט אפילו רעדן מיט עמיצן, דער גרעסטער עָניו צווישן די גרעסטע עניווים און אויסגעזען האט ער עפּעס ווי א מענטש, וואס איז ווי אף אויביק דערשראָקן געווארן פון עפּעס גרויסעס און אימהדיקעס, וואס איז ניט על פּי דער השגה זייַנער. אָט דעם עפּעס אזוי ווי פלאַטערנדיקן מענטשן האָט סטארעץ זאָסימאַ שטארק ליב געהאט און דעם גאנצן לעבן זייַנעם באַצויגן זיך צו אים מיט א ניט קיין געוויינליכן דרך ארץ, כאָטש עס קאָן זיין אפילו, אז מיט קיין צווייטן האט ער דעם גאנצן לעבן זייַנעם ניט אויסגערעדט קיין ווייניקער געציילטע ווערטער, ווי מיט אים, ניט קוקנדיק, וואס ער האט א מאל אין די וואנדערונגען מיט אים איבער דער גאַנצער הייליקער מדינה־רוסיה פארבראַכט א סך יאָרן בעזאמען,

געווען איז דאָס שוין זעער לאַנג, מיט אַ יאָר פֿערציק צוריק, בעת דער סטאַרעץ זאָסימאַ האָט אָנגעהויבן צוערשט זיין מאָנאַכן־עבֿודה אין אַן אָרימען, קנאַפּ־וואָס באַוואוסטן קאָסטראָמער מאָנאַסטיר, און בעת ער איז, באַלד נאָך דעם, אַוועק צוזאַמען מיט פֿאָטער אַנפֿימען אויף זייַנע וואַנדערונגען צו קלייַבן נדבֿות אויף זייער אָרימען קאָסטראָמער מאָנאַסטירל. אַלע, סיי דער באַלעבאָס, סיי די אורחים האָבן זיך אַוועקגעזעצט אין דעם סטאַרעצס צווייטער קאַמער, וואו ס'איז געווען זייַן געלעגער; די דאָזיקע קאַמער, ווי ס'איז שוין פֿריער געזאָגט געוואָרן, איז געווען אַ זעער ענגע, אַזוי אַז אַלע פֿירען (אחוץ פֿאָר־פֿירי דעם יונגן מאָנאַך, וואָס איז די גאַנצע צייַט געשטאַנען) האָבן זיך קוים אויסגעזעצט אַרום דעם סטאַרעצס פֿאָטער־שטול אויף די שטולן, וואָס מ'האָט אַרייַנגעבראַכט פֿון דער ערשטער קאַמער. עס האָט שוין אָנגעהויבן צו ווערן פֿינצטער, דאָס צימער איז באַלויכטן געוואָרן פֿון די אייל־לעמפּלאַך און פֿון די וועקסענע ליכט, וואָס לעבן די הייליקע בילדער. דערזעענדיק אַליאָשען, וואָס איז מטושטש געוואָרן בײַם אַרייַנגאַנג און איז געבליבן שטיין אין טיר, האָט דער סטאַרעץ אַ שמייכל געטאָן צו אים מיט פֿרייד און אויסגעשטרעקט די האַנט:

— שלום עליכם, מייַן שטילינקער, שלום עליכם, מייַן ליבינקער, ביזט אויך דאָ. כ'האָב געוואוסט, אַז דו וועסט קומען.

אַליאָשאַ איז צוגעגאַנגען צו אים, זיך אַ בוק געטאָן פֿאַר אים ביז צו דער ערד און זיך פֿאַנאַנדערגעוויינט. עפּעס אַזוינס האָט זיך געריסן פֿון זייַן האַרצן, די נשמה זייַנע האָט געפֿלאַטערט, עס האָט זיך אים געוואָלט וויינען און וויינען.

— וואָס איז דאָס מיט דיר, וועסט נאָך האָבן צייַט מיך צו באַ־וויינען, — האָט אַ שמייכל געטאָן דער סטאַרעץ, אַרויפֿלייגנדיק די רעכטע האַנט אויף זייַן קאָפּ, — דו זעסט, איך זיץ און איך שמועס, כ'וועל נאָך אפֿשר צוואַנציק יאָר אָפּלעבן, ווי עס האָט מיר נעכטן געוואונטשן די גוטע, די האַרציקע פֿרוי פֿון ווישעגאָריע, וואָס איז געקומען מיט דער מיידעלע ליזאַוועטען אויפֿן אָרעם. געדיינק אָן זיי, פֿאָטער אין הימל, אי אָן דער מאַמען, אי אָן דער מיידעלע ליזאַוועטען

(ער האט זיך איבערגעצלמט)· פֿאָרפּירי, די נדבה אירע האסטו אַוועק־
געטראָגן, וואוהין איך האב דיר געהייסן?

דאס האט ער זיך דערמאנט אָן די נעכטיקע זעכציק קאָפּיקעס, וואס עס האט מנדב געווען די פריילאכע חסידה, אף אוועקצוגעבן „דער, וואס איז נויט־באדערפטיקער פאר מיר". אזוינע נדבות קומען פאר ווי א דערלייזונג, וואס מ'נעמט אף זיך ארויף מיטן אייגענעם רצון, ניט אנדערש ווי דורך די געלט, וואס מ'פארהארעוועט מיט דער אייגענער פראַצע. דער סטאַרעץ האָט נאָך נעכטן פארנאכט אוועקגעשיקט פאָר־פירין צו איינער א פרוי פון אונזער שטעטל, וואס האט נאך גאר ניט לאנג אפגעברענט, אן אלמנה מיט קינדערלאך, וואס איז נאך דער שרפה אוועק איבער די הייזער. פאָרפירי האט תיכף מודיע געווען, אז די זאך איז שוין אפגעטאָן און אז ער האט איבערגעגעבן די נדבה אזוי ווי ס'איז אים באפולן געווארן, „פון א צדקניות א ווייבל, וואס מ'ווייס ניט, ווער זי איז".

— שטיי אויף, טייערער, — האט דער סטאַרעץ ווייטער געזאגט צו אַליאָשען, — לאז כ'וועל א קוק טאָן אף דיר. ביזטו געווען בא דיינע און האסטו געזען דעם ברודער?

אַליאָשען איז אויסגעקומען מאָדנע, וואס ער פרעגט זיך נאך אזוי זיכער און דייטלאך מער ניט ווי אף איינעם פון די ברידער, — אבער אף וועלכן: הייסט עס, אז צוליב דעם דאזיקן ברודער, קאן זיין, האט ער דאס אים אויך אוועקגעשיקט פון זיך אי נעכטן, אי היינט.

— איינעם פון זיי האב איך געזען, — האט געענטפערט אַליאָשאַ.

— איך מיין דעם נעכטיקן, דעם עלטערן, פאר וועמען כ'האב זיך א בוק געטאָן צו דער ערד.

— אים האב איך מער ניט ווי נעכטן געזען, און היינט אבער האב איך אים באין אופן נישט געקאנט אויפזוכן, — האט זיך אנגערופן אַליאָשאַ.

— זע אייל זיך אויפצוזוכן אים, מארגן גיי ווייטער אוועק און אייל זיך. לאז אלצדינג און זע אייל זיך. אפשר וועסטו נאך באווייזן צו פארכאפן די אימהדיקע זאך. כ'האב זיך נעכטן א בוק געטאן פאר זיין שווערן אפקומען, וואָס עס שטייט אים פאָר.

ער איז פּלוצים אנטשוויגן געוואָרן און עפּעס אזוי ווי פאַרטראַכט זיך. די דאַזיקע ווערטער זיינען געווען מאָדנע. פאַטער יאָסיף, וואָס איז געווען אַן עדות, ווי דער סטאַרעץ האָט זיך נעכטן א בוק געטאָן ביז צו דער ערד, האָט געגעבן א קוק אויף פאַטער פּאַאיסין. אַליאָשאַ האָט נישט אויסגעהאַלטן:

— פאָטער און רבי, — האָט ער געגעבן א זאָג זייער שטאַרק אויפגערעגט, — די ווערטער אייערע זיינען זייער ניט קלאָר... וואָס פאַר אַן אָפּקומען שטייט אים דען פאָר?

— זיי נישט נייגעריק. עפּעס האָט זיך מיר נעכטן אויסגעוויזן אַן אימהדיקע זאַך... עפּעס פּונקט ווי דעם גאַנצן גורל זיינעם וואָלט נעכטן אויסגעדריקט זיין בליק... ער האָט געהאַט אַזאַ מין בליק... אַז איך בין תּיכּף פאַרציטערט געוואָרן בא זיך אין האַרצן פון דעם, וואָס דער דאָזיקער מענטש גרייט צו פאַר זיך. איין מאָל צי צוויי אויף מיין לעבן האָב איך געזען בא אייניגע מענטשן אַזאַ מין אויסדרוק פון פּנים... וואָס וואָלט ווי אויסגעדריקט זייער גורל, און ווי, דער גורל זייערע איז מקוים געוואָרן. איך האָב דיך אַוועקגעשיקט צו אים, אַלעקסיי, ווייל איך האָב גערעכנט אַז דיין ברידערלאַכער צלם וועט אים ביישטיין. אָבער אַלצדינג איז באַשערט פון דעם אויבערשטן און אויך אונזער יעדערנס גורל. „אויב דאָס קערנדל ווייץ פאַלט אין דער ערד און שטאַרבט ניט, בלייבט עס אַליין; שטאַרבט עס אָבער, ברענגט עס פּירות אַסך". באַהאַלט דאָס אין זכּרון. דיך אָבער, אַלעקסיי, האָב איך אַסך מאָל אויף מיין לעבן געבענטש במחשבה פאַר דעם צלם דיינעם, זיי דאָס וויסן, — האָט זיך אָנגערופן דער סטאַרעץ מיט א שטילן שמייכל. — איך טראַכט וועגן דיר אַזוי: דו וועסט אַרויסגיין פון די דאָזיקע ווענט, אָבער לעבן וועסטו אין דער וועלט, ווי א מאָנאַך. דו וועסט האָבן אַסך שונאים, אָבער אַפילו די שונאים דיינע גופא וועלן דיך ליב האָבן. אַסך אומגליקן וועט דיר ברענגען דער לעבן, נאָר דווקא מיט די דאָזיקע אומגליקן וועסטו זיין גליקלאַך און דו וועסט בענטשן דעם לעבן, און דו וועסט אַנדערע אויך נויטן אים צו בענטשן, — וואָס דאָס איז נאָך וויכטיקער פאַר אַלץ. איז אָט וואָס פאַר א דו ביזט. פאַטערס און רבּיס מיינע, — האָט ער זיך געווענדט צו זיינע אורחים,

שמייכלענדיק פאַר געריירטקייט, — עד היום האָב איך קיין מאָל ניט געזאָגט, אַפילו אים ניט, פאַר וואָס דער צלם פון דעם דאַזיקן בחורל איז אַזוי געווען באַליבט דער נשמה מיינער. אַצונד וועל איך נאָר זאָגן: געווען איז מיר דער צלם זיינער אַזוי ווי אַ זכר און אַזוי ווי אַ נבואה. אין דעם באַגינען פון מיין לעבן, נאָך אַז איך בין געווען אַ קליין קינד, האָב איך געהאַט אַן עלטערן ברודער, וואָס איז געשטאָרבן אַלס בחורל, אויף מיינע אויגן, אַלט זייענדיק סך־הכל זיבעצן יאָר. און שפּעטער, דורכגייענדיק דעם לעבן מיינעם, איז פאַר מיר בהדרגה געוואָרן קלאָר, אַז דער דאַזיקער ברודער מיינער איז געווען אין מיין גורל אַזוי ווי אַן אָנווייזונג און ווי אַ באַשטימונג פון אויבן, וואָרים ווען ער וואָלט זיך ניט באַוויזן אין מיין לעבן, ווען ער וואָלט אינגאַנצן ניט געווען, וואָלט איך גאָר אפשר קיינמאָל ניט, אַזוי רעכן איך, ניט געוואָרן קיין מאַנאַך און וואָלט ניט אַרויסגעטראָטן אויף דעם דאַזיקן טייערסטן וועג. אָט יענע ערשטע טרעפּעניש איז פאָרגעקומען נאָך אין מיין קינדהייט, און אָט שוין ביים קץ פון מיין וועג איז פאַר מיר נתגלה געוואָרן אַזוי ווי אַן איבערחזרונג פון דער דאַזיקער טרעפּעניש. אַ פּלא איז דאָס, פאַטערס און רבים, וואָס ניט קוקנדיק וואָס אַלעקסיי איז געווען לויט זיין אָנבליק ניט שטאַרק ענלעך אויף אים, נאָר מער ניט עטוואָס, האָט ער מיר אויסגעזען אַזוי ענלעך מיט אים לויט זיין מהות, אַז איך האָב אים אַסך מאָל פּשוט געהאַלטן פאַר יענעם בחורל, פאַר מיין ברודער הייסט דאָס, וואָס איז על פּי סוד געקומען צו מיר ביים קץ פון מיין וועג, צוליב עפּעס אַ זכר און כדי דורכצודרינגען מיך, אַזוי אַז איך האָב זיך אַפילו געחידושט פון זיך גופא און פון דער דאַזיקער מאָדנער מחשבה מיינער. הערט־צו, פּאָרפירי, — האָט ער זיך אַ קער געטאָן צו דעם יונגן קלויסטער־ברודער, וואָס האָט אים באַדינט, — איך האָב אַסך מאָל געזען אויף דעם פּנים דיינעם אַזוי ווי עגמת נפש, וואָס איך האָב אַלעקסייען מער ליב, ווי דיך. אַצונד ווייסטו, פאַר וואָס דאָס איז אַזוי געווען, אָבער איך האָב דיך אויך ליב, זיי דאָס וויסן, און אַסך מאָל האָב איך זיך מצער געווען, וואָס דו האָסט עגמת נפש. אָבער אייך, מיינע טייערע אורחים, וויל איך מאַכן וויסן וועגן דעם דאַזיקן בחורל, דעם ברודער מיינעם, וואָרים אין

דעם גאנצן לעבן מיינעם האב איך ניט געהאט קיין טייערסטערע טרעפעניש פאר דער, וואס זאל זײַן אזא נבואה און אזא התעוררות. דאס הארץ מיינע איז אצונד געריירט געווארן, און איך דרינג דורך אין דער איצטיקער מינוט דעם גאנצן לעבן מיינעם, ווי איך וואלט אים פונדאסניי איבערגעלעבט...

* *

*

דאָ מוז איך באמערקן, אַז אָט דער לעצטער שמועס פון דעם סטאַרעץ מיט די געסט, וואס זײַנען געקומען צו אים אין דעם לעצטן טאָג פון זײַן לעבן, איז צום טייל געבליבן פארשריבן. פארשריבן האָט אַלעקסיי פיאָדאָראָוויטש קאַראַמאַזאָוו אין אַ קורצער צײַט אַרום נאָך דער פטירה פון דעם סטאַרעץ, געדיינקענדיק אפן קאָפּ. צי דאס איז אבער טאַקע אינגאַנצן געווען דער דעמאָלטיקער שמועס, צי ער האט עפעס צוגעגעבן אין זײַן כתב־יד אויך פון די פריערדיקע שמועסן מיט דעם רבין זײַנעם, דאס קאָן איך שוין ניט זאָגן אף געוויס, אויסער דעם ווערט איבערגעגעבן אין דעם כתב־יד דאס רעדן פון דעם סטאַרעץ עפעס אזוי, ווי ער וואָלט געשילדערט דעם לעבן זײַנעם ווי אַ מין דערציילונג, וואס ער האט פארגעלייענט פאַר זײַנע פריינד, אין דער צייט וואס, ווי מ׳גיט איבער, איז אין דער אמתן פארגעקומען די זאַך, בלתי ספק, עטוואס אַנדערש, וואָרים אין יענעם אָוונט איז דער שמועס געווען אַן אלגעמיינער, און הגם די אורחים האָבן ווייניק איבערגעשלאָגן דעם באַלעבאָס, נאר פונדעסטוועגן האבן זיי גופא אויך גערעדט, זיך אַריינגעמישט אין דעם שמועס און האבן נאָך אפשר עפעס דערציילט פון זײַער אייגענעם לעבן, היינט צו דערצו האָט אַזאַ גאנצקײַט אין דעם דערציילן גלאט נישט געקאָנט זיין, וואָרים אָפטמאָל פלעגט ביים סטאַרעץ ווערן פארכאפט דער אָטעם, פלעגט פארלירן די שטים און זיך אפילו לייגן אָפּרוען אף זײַן געלעגער, אמת, ניט איינשלאָפן, און די געסט פלעגן נישט אַוועקגיין פון זייערע ערטער. אַמאָל צי צוויי האט מען דעם שמועס איבערגעריסן מיטן לייענען דאס עוואַנגעליום; געלייענט האט פאָטער פּאַאיסי. מערקווירדיק איז אויך, וואס קיין איינער פון זיי האט

פונדעסטוועגן נישט גערעכנט, אַז שטאַרבן וועט ער נאָך אין דער
זעלביקער נאַכט, בפרט וואס דעם לעצטן אָוונט פון זיין לעבן האט
ער, נאָך אַ שטארקן שלאָף בײַטאָג, ווי דערשפירט אין זיך אַ נײַע
קראַפט, וואס האט אים אונטערגעהאלטן אין משך פון דעם לאנגן
שמועס מיט די פריינד. דאס איז עפּעס ווי געווען אַ לעצטע
התלהבות, וואס האט אין אים אויפגעהאַלטן די אומגלויבלאַכע אויפ־
לעבונג, אבער ניט מער ווי אף אַ קורצער צייט, וואָרים דאס לעבן זיינס
האט זיך מיטאמאל איבערגעהאקט... וועגן דעם אָבער שפּעטער,
איצט וויל איך מער נישט זאָגן, אַז איך האב געפונען פּאַר בעסער,
נישט איבערגעבנדיק אלע פרטים פון דעם שמועס, זיך נאר צו באַ־
גרעניצן מיטן סיפּור פון דעם סטאַרעץ לויט דעם כתב־יד פון אַלעקסיי
פיאָדאָראָוויטש קאַראַמאַזאָווי. דאס וועט אויסקומען אי קירצער, און
טאַקע ניט אזוי פארמאטערנדיק אויך, הגם אַסך זאַכן האט אַליאָשאַ
געוויס גענומען, איך חזר דאס איבער, פון די פריערדיקע שמועסן
אויך און זיי באַהעפט צוזאמען.

II

פון דעם לעבן פון דעם בנשיקה נפטר־גע־
וואָרענעם היעראָסכימאָנאַך סטאַרעץ זאָסימאַ,
צונויפגעשטעלט על פי די אייגענע ווערטער
זיינע פון אַלעקסיי פיאָדאָראָוויטש קאַראַמאַזאָווי.

ביאָגראַפישע נאָטיצן

א) וועגן דעם בחורל דעם סטאַרעץ זאָסימאַס ברודער

גענאכפּערטע פּאָטערס און רביס, געבארן געוואָרן בין איך אין
אַ ווייטער גובערניע אַ צפונדיקער, אין דער שטאָט וו. פון אַ
פּאָטער פון אַדל, אבער ניט קיין מפורסם און אָן א גרויסן
שם. נפטר געווארן איז ער, בעת איך בין אלט געווארן סך־

הכּל צוויי יאָר, און איך געדיינק אים גאָר לחלוטין ניט. געלאָזן האָט ער דער מוטער מײנער אַ ניט קיין גרויס הילצן שטיבל און אַ שטיקל קאַפּיטאַל, נישט קיין גרויסן, אָבער גענוג אויף דורכצולעבן מיט די קינדער ניט אין נויט. און געווען זײַנען מיר אינגאַנצן בײַ דער מוטער זאַלבעצווייט; איך, זינאָווי, און דער עלטערער ברודער מײַנער, מאַרקעל. געווען איז ער עלטער פֿאַר מיר מיט אַ יאָר אַכט. בטבע אַ כּעסן און אַן אויפֿגערייצטער, נאָר אַ גוטער, ניט קיין אָפּלאַכער און מאָדנע ס'אַראַ שווייגער, דער עיקר בײַ זיך אין שטוב, מיט מיר, מיט דער מאַמען און מיט די שטוב־מענטשן. געלערנט אין גימנאַזיע גוט, אָבער מיט די חברים זײַנע ניט געחברט זיך, כאָטש ניט געקריגט זיך אויך, אַזוי, לכל הפּחות, איז געבליבן בײַ דער מאַמען אין זכּרון פֿון אים. מיט אַ האַלב יאָר פֿאַר דער פּטירה זײַנער, אַז ס'איז אים שוין אַוועק דער אַכצעטער יאָר, האָט ער אָנגעהויבן צו גיין צו איינעם אַן איינזאַמען מענטשן פֿון אונדזער שטאָט, עפּעס אַ פּאָליטיש פֿאַרשיקטן, וואָס מ'האָט אַרויסגעשיקט פֿון מאָסקווע אין אונדזער שטאָט פֿאַר פֿרײַדענקען. געווען איז אָבער דער דאָזיקער פֿאַרשיקטער גאָר אַ מופלג גדול און אַ מפורסם־אַ פֿילאָזאָף אין אוניווערזיטעט. עפּעס האָט ער ליב געקריגן מאַרקעלן און האָט אָנגעהויבן אויפֿנעמען אים. אָפּזיצן פֿלעגט בײַ אים דער בחורל גאַנצע אָוונטן, און אַזוי דעם גאַנצן ווינטער לאַנג, ביז מ'האָט אַרויסגערופֿן צוריק דעם פֿאַרשיקטן אויף אַ מלוכה־שטעל קיין פּעטערבורג, לויט זײַן אייגענער בקשה, וואָרים ער האָט געהאַט אַ צד אין טיש. ס'האָט זיך אָנגעהויבן דער גרויסער תּענית, און מאַרקעל וויל נישט פֿאַסטן, זידלט זיך און מאַכט געשפּעט דערפֿון: „ס'איז אַלץ דברים בטלים, זאָגט ער, און ס'איז קיין שום גאָט ניטאָ", אַזוי אַז ער האָט אַרויפֿגעוואָרפֿן אַן אימה סײַ אויף דער מאַמען, סײַ אויף די שטוב־מענטשן, און אויף מיך דעם קליינינקן אויך, וואָרים כאָטש אַפֿילו איך בין געווען אַלט ניין יאָר סך־הכּל, נאָר דערהערנדיק די דאָזיקע רייד האָב איך זיך אויך שטאַרק דערשראָקן. די שטוב־מענטשן ווידער זײַנען געווען בײַ אונדז לײַב־אייגענע, פֿיר מאַן, וואָס מיר האָבן זיי אַלע געקויפֿט אויפֿן נאָמען פֿון אונדזערן אַ באַקאַנטן פּריץ. איך גע־

דײַנק נאָך, ווי פֿון אָט די פֿיר האט די מוטער פֿאַרקױפֿט אײַנע, די קעכין אַפּימען, אַ הינקעדיקע און אַ באַיאָרנטע, פֿאַר זעכציק רובל אַסיגנאַציעס, און אַף איר אָרט געדונגען ניט קײַן לײַב־אײגענע. און אָט אַף דער זעקסטער וואָך פֿון תּענות איז געוואָרן דעם ברודער, פּלוצים ערגער, וואָרים געווען איז ער פֿון תּמיד־אָן ניט קײַן געזונטער, האט געליטן אַף דער ברוסט, איז געווען שוואַך געבױט און נוטה צו שווינדזוכט; אַקעגן־זשע איז ער געווען אַ גאַנץ געוויקסיקער, נאָר אַ דינער און אַ דאַרער, און זײַן פּנים אַ זעער בנעימותדיקער. ער האט זיך מסתּמא געמוזט פֿאַרקילן, נאָר דער דאָקטאָר איז געקומען און באַלד אַ זאָג געטאָן דער מאַמען, אַז ס'איז אַ גיכע שווינדזוכט, און אַז ער וועט וועסנע ניט איבערלעבן. האט אָנגעהויבן די מאַמע צו וויינען, האט אָנגעהויבן בעטן דעם ברודער פֿאָרזיכטיק (כּדי ניט איבערצושרעקן אים), אַז ער זאָל גײן אין קלויסטער און מתוודה זײַן זיך און זיך באַהעפֿטן, וואָרים ער איז נאָך דעמאָלט ארומגעגאַנגען. ווי ער האט דאס דערהערט, איז ער געוואָרן מלא רציחה, און געמאַכט אַ תּל פֿון גאָטס היכל, האט זיך אָבער פֿאַרטראַכט פֿונדעסטוועגן: האט תּיכּף פֿאַרשטאַנען, אַז ער איז אַ חולה־מסוכּן און אַז דעריבער שיקט דאס אים די מאַמע, כּל־זמן ער איז נאָך בכּוח, ער זאָל גײן אין קלויסטער און זיך מתוודה זײַן. אגבֿ, האט ער שוין אַליין אויך געוואוסט, אַז ער איז פֿון לאַנג אַ חולה, און נאָך מיט אַ יאָר צוריק האט ער אײנמאָל אַ זאָג געטאָן זיצנדיק בײַם טיש צו מיר און צו דער מאַמען קאַלטבלוטיק: „כ'בין נישט קײַן אײַעריקער, כ'וועל אפֿשר קײַן יאָר ניט איבערלעבן." איז אָט האט ער זיך ווי אויסגערעדט אין אַ בײזער שעה. עס זײַנען אריבער דרײַ טעג, און עס איז געקומען די לעצטע הײליקע וואָך פֿאַר פּסח. און דער ברודער איז דינסטיק אײַנדערפֿרי אַוועק מתוודה זײַן זיך: „איך טו דאס, מאַמינקע, אין פּלוג, צוליב אײַך, אַף צו דערפֿרײען אײַך און צו באַרואיקן אײַך," — האט ער געזאָגט צו איר. — האט זיך פֿאַנאַנדערגעוויינט די מאַמע פֿון שׂמחה און טאַקע פֿון צער אויך: „קענטיק, שוין נאָהנט דער סוף, אַז ס'איז מיטאַמאָל פֿאָרגעקומען אַזאַ שינוי אין אים." אָבער נישט לאַנג איז ער געגאַנ־

לויסטער, האָט זיך באַלד אַנידערגעלייגט, אַזוי אַז מתודה געוועזן האָט ער זיך שוין אין שטוב און אויך מקבל געווען די באַהעפטונג. טעג זיינען אַנגעשטאַנען לויטערע, קלאָרע, שמעקעדיקע: ס'איז אַ שפּעטיקער פּסח געווען. די גאַנצע נאַכט, געדיינק איך, פלעגט ער הוסטן, שלאָפן שלעכט, און אינדערפרי פלעגט ער תמיד אויפשטיין און פרוון זעצן זיך אויף דעם ווייכן פאָטער־שטול. אָט אַזוי זע איך אים טאַקע פאַר מיינע אויגן: ער זיצט אַ שטילער, אַ מילדער, שמייכלט, אַליין איז ער אַ קראַנקער, נאָר דער פּנים איז אַ לוסטיקער. האָט זיך געביטן דער גאַנצער אינערלאַך — אַזאַ וואונדערלאַכע פאַרענדערונג האָט זיך דאָס אונגעהויבן באַ אים מיטאַמאָל! ס'גייט צו אים אַריין אין צימער די אַלטע ניאַניע: „לאָז מיך, חיותל, כ'וועל באַ דיר אויך אָנצינדן דאָס לעמפּל פאַרן הייליקן בילד." און ער פלעגט דאָס פריער ניט דערלאָזן, פלעגט אפילו פאַרלעשן — „צינד אָן, האַרציקע, צינד אָן, אַן אכזר בין איך געוועזן, וואָס איך פלעג אייך פריער פאַרווערן. אָנצינדנדיק דאָס לעמפּל ביזטו מתפלל צום אויבערשטן, און איך בין מתפלל פרייענדיק זיך פון דיר. הייסט עס, אַז מיר זיינען צו איין גאָט מתפלל". מאָדנע פלעגן אונז אויסקומען אָט די דאָזיקע רייד, און די מאַמע פלעגט אַוועקגיין צו זיך און רק וויינען, נאָר אַז זי פלעגט אַריינגיין צו אים פלעגט זי אָפּווישן די אויגן און מאַכן אַ פריילאַכן פּנים. „מאַמינקע, וויין ניט, ליבינקע, פלעגט ער זאָגן, איכ'ל נאָך לאַנג לעבן, נאָך לאַנג פרייען זיך מיט אייך, און דאָס לעבן, דאָס לעבן איז אַ לוסטיקער, אַ פריילאַכער!" — „אוי, מיין טייערינקער, וואָס פאַר אַ פריילאַכקייט, מ'שטיינס געזאָגט, אַז ביינאַכט ברענסטו ווי אַ פייער און דו הוסט, אַז עס צערייסט דיר שיר ניט די ברוסט". — „מאַמע, — ענטפערט ער איר, — וויין ניט, דאָס לעבן איז אַ גן־עדן, און מיר אַלע געפינען זיך אין גן־עדן, נאָר מיר ווילן דאָס ניט וויסן, אַז מיר וואָלטן אַבער געוואָלט וויסן, וואָלט שוין מאָרגן געקומען אויף דער גאַנצער וועלט דער גן־עדן". און עס פלעגן זיך וואונדערן אַלע פון די דאָזיקע רייד זיינע, אַזוי פלעגט ער דאָס מאָדנע און אַזוי זיכער רעדן; פלעגן זיך שטיקן און וויינען. ס'פלעגן קומען

צו גײן צו אונז באַקענטע, פלעגט ער זאָגן צו זײ: „האַרציקע, טײ־
ערע, מיט װאָס האָב איך דאָס פאַרדינט, װאָס איר האָט מיך ליב,
פאַרװאָס האָט איר דאָס מיך אַ זוניגעם ליב, און װי איך האָב דאָס
פריער ניט געװאוסט, ניט געשעצט" צו די שטוב־מענטשן, װאָס
פלעגן אַרײַן צו אים, פלעגט ער זאָגן איטלאַכע ריגע: „האַרציקע
מײַנע, טײַערע, פאַרװאָס דינט איר מיר, און צי בין איך דאָס דען
גלאַט װערט, אַז מ'זאָל מיך באַדינען? אַז דער אױבערשטער װאָלט
זיך דערבאַרעמט און מיך געלאָזן לעבן, װאָלט איך אַלײן אָנגעהױבן
דינען אײַך, װאָרים אַלע זײַנען מחויב אײנע די אַנדערע צו דינען".
די מאַמע פלעגט דאָס צוהערן און שאָקלען מיטן קאָפּ: „נחת דו
מײַנער, פון דער קראַנקײט רעדסטו דאָס אַזױ". פלעגט ער ענטפערן:
„מאַמע, נשמה מײַנע, אַז עס זאָלן ניט זײַן קײן האַרן און קײן קנעכט
קאָן ניט זײַן, נאָר זאָל איך אָבער אױך זײַן אַ קנעכט פון מײַנע
קנעכט, אַזױ װי זײ זײַנען מיר. און איך װעל דיר נאָך װאָס זאָגן,
מאַמינקע, איטלאַכער פון אונז איז שולדיק אַנטקעגן דעם אַנדערן,
אָבער איך נאָך מער פאַר אַלעמען". די מאַמע האָט אפילו אָנגע־
הױבן שמײכלען דערבײַ, זי װײנט און שמײכלט: — „מיט װאָס אַן
ערך ביזטו דאָס, זאָגט זי, אַנטקעגן אַלעמען מער שולדיק פאַר אַלע־
מען? עס זײַנען דאָ גזלנים, רוצחים, און מיט װאָס האָסטו זיך
דאָס אַזױ פאַרזינדיקט, װאָס דו װאַרפסט אױף זיך אַרױף מער װי אױף
אַלעמען?" — „מאַמינקע, ליובינקע דו מײַנע, זאָגט ער (ער האָט
אָנגעהױבן דעמאָלט צו זאָגן אַזעלכע האַרציקע װערטער, עפּעס אַזױ־
נע אומגעריכטע), ליובינקע דו מײַן טײַערע, נשמה מײַנע, זײַ װיסן,
אַז איטלאַכער איז באמת שולדיק אַנטקעגן אַלעמען, פאַר אַלעמען און
פאַר אַלץ. איך װײס נישט, װי אַרױסצוגעבן דאָס פאַר דיר, נאָר
איך שפּיר, אַז ס'איז אַזױ, איך שפּיר דאָס ביז פּײַנלעכקײט. און װי
אַזױ האָבן מיר דאָס געלעבט, זיך געכעסט און קײן זאַך ניט
געװאוסט דעמאָלט?" אַזױ פלעגט ער אױפשטײן פון שלאָף, װי באַ
גאָט אַ טאָג אַלץ מיט מער און מער גערירטקײט און פרײד, און צי־
טערנדיק דער גאַנצער פאַר ליבשאַפט. ס'פלעגט קומען צופאָרן דער
דאָקטאָר, — ס'איז געװען אַן אַלטער דײַטש, אײַזנשמידט: „נו, װאָס,

דאָקטאָר, כ׳וועל נאָך דורכלעבן אַ טאָג אויף דער וועלט ?״ — פֿלעגט ער פֿרעגן ליצנות מיט אים. — ״ניט נאָר אַ טאָג, איר וועט נאָך אַ סך טעג דורכלעבן, — פֿלעגט ענטפֿערן דער דאָקטאָר, — חדשים און יאָרן וועט איר נאָך לעבן״. — ״צו וואָס יאָרן, צו וואָס חדשים! — פֿלעגט ער אויסרופֿן, — צו וואָס דאַרף מען ציילן דאָ די טעג, ס׳איז איין טאָג אויך גענוג פֿאַר אַ מענטשן, כּדי צו דערקענען דעם גאַנצן גליק. טייערע מיינע, פֿאַרוואָס קריגן מיר זיך, פֿאַרוואָס זאָלן מיר איינער פֿאַרן צווייטן באַרימען זיך, איינער אויפֿן צווייטן געדיינקען עוולות: לאָמיר גלייך אַריין אין סאָד און אָנהייבן הוליען און לוסטיק זיין, איינער דעם צווייטן ליב האָבן און לויבן, און קושן, און דאָס לעבן אונדזערס בענטשן״. — ער איז שוין ניש קיין היגער, אייער זון״, האָט אַרויסגערעדט דער דאָקטאָר פֿאַר דער מאַמען, בשעת זי האָט אים באַגלייט ביזן גאַניק, ״ער ווערט פֿון דער קראַנקייט ווי צומישט״. אַרויסגעקומען זיינען די פֿענצטער פֿון זיין צימער אין סאָד, און דער סאָד איז בײַ אונדז געווען אַ שאָטנדיקער, מיט ביימער אַלטע, אויף די ביימער האָבן גענומען שפּראָצן פֿרילינגקנאָספּן, ס׳זיינען געקומען די ערשטע פֿייגעלאַך, טשוויטשערן זיי און זינגען אים אין פֿענצטער. און אָנגעהויבן האָט ער פֿלוצלונג, קוקנדיק אויף זיי און קווענדיק, בעטן בײַ זיי אויך מחילה: ״גאָטס פֿייגעלאַך, איר טייערע פֿייגעלאַך, זייט איר מיר אויך מוחל, וואָרים אויך קעגן אייך האָב איך געזינדיקט״. דאָס האָט שוין בײַ אונדז דעמאָלט גאָר קיינער ניט געקאָנט פֿאַרשטיין, און ער וויינט פֿאַר פֿרייד: ״אוודאי, זאָגט ער, איז געווען אַזאַ גאָטס ברכה אַרום מיר: פֿייגעלאַך, ביימער, לאָנקעס, הימלען, נאָר איך איינער האָב געלעבט אין נבֿלה, איך איינער האָב אַלץ מטמא געווען, און שיינקייט און בענטשונג אַפֿילו ניש באַמערקט״. — ״שוין צו פֿיל עבֿירות נעמסטו אַרויף אויף זיך״, פֿלעגט וויינען די מאַמע. — ״מאַמינקע, נשמה מיינע, איך וויין דאָך דאָס פֿון פֿרייד, און ניט פֿון צער; מיר ווילט זיך דאָך אַליין זיין שולדיק קעגן זיי, נאָר איבערגעבן קאָן איך דיר דאָס ניט, ווײַל איך ווייס ניט, ווי צו ליב האָבן זיי אַפֿילו. לאָז זיין איך בין זינדיק קעגן אַלעמען, דערפֿאַר

אָבער וועלן מיר אַלע אויך מוחל זיין, אָט דאס איז גן־עדן, וואָסי, כ׳בין דען איצט ניט אין גן־עדן?״

און נאָך אסך אנדערע זאכן האט ער גערעדט, וואס מ׳קאן זיך גאר ניט דערמאנען, און גאר ניט פארצייכענען. איך געדיינק, איינמאל בין איך אריין צו אים איינער אליין, ווען ס׳איז בא אים קיינער ניט געווען, ס׳איז געווען א פארנאכט, א קלארער, די זון געהאלטן ביים פארגיין און באלויכטן דעם גאנצן צימער מיט א קרומען שטראל. דערזען מיך, האט ער מיר א וואונק געטאן, כ׳בין צוגעגאנגען צו אים, ער האט מיך אָנגענומען מיטביידע הענט פאר די אקסלען, גענומען קוקן מיר אין פנים אריין מיט א ווייכקייט און מיט א ליבשאפט; האט קיין זאך ניט געזאגט, האט נאר א קוק געטאן אזוי אן ערך בא א מינוט און אַ זאָג געטאָן: „נו, גיי זיך איצטער, לעב פאר מ״ר!״ בין איך ארויס דע־מאָלט און אוועק שטיפן. אבער שפעטער אין לעבען האב איך זיך אסך מאל דערמאנט מיט טרערן, ווי ער האט מיר געהייסן לעבן פאר אים. ער האט נאָך געזאגט אסך אזוינע וואונדערלאכע און טייערע ווערטער, כאָטש וואס מיר האָבן דעמאָלט ניט פארשטאנען אפילו. געשטאָרבן איז ער די דריטע וואָך נאָך פסח, אינגאנצן ביים זינען, און הגם רעדן האט ער שוין אויפגעהערט, האָט ער זיך אָבער ניט פארענדערט ביז צו דער לעצטער רגע זיינער: פלעגט קוקן לוסטיק, אין די אויגן פלעגט זיין פרייד, זוכן אונז מיט די בליקן, שמייכלען צו אונז, רופן אונז. אפילו שטאָט האט גערעדט אסך פון זיין טויט. צעטרייסלט האט דאָס מיך דעמאָלט אלץ, אבער ניט זעער, כאָטש אפילו געוויינט האב איך זעער שטארק, בעת מ׳האט אים מקבר געווען. איך בין נאָך געווען יונג, נאָך א קינד, אבער אפן הארצן איז אלצדינג געבליבן נישט אפ־צומעקן, ס׳איז געבליבן איינגעגראָבן אין האַרצן אַ געפיל. דאָס אַלץ האָט געדאַרפט אַ מאָל זיך אַ הייב טאָן און אָפרופן זיך. און אַזוי איז דאָס טאַקע געשען אויך.

ב) וועגן די כתבי הקדש אין סטאַרעץ זאָסימאָס לעבן

געבליבן בין איך דעמאָלט אליין מיט דער מאַמען. האָבן איר אָן עצה געגעבן בקרוב גוטע לײַט, אַז אַזוי ווי ס׳איז געבליבן בא איר איין קינד און אָרים זייט איר ניט, א קאַפּיטאַל האָט איר, טאָ פאַרוואס זאָלט איר ניט, ווי אַלע, אוועקשיקן אייער זון קיין פּעטער־בורג, ווארים אז ער וועט בלייבן דא וועט איר אים אפשר ניט דער־לאָזן צו דערשלאָגן זיך צו קיין גוטן תכלית. און מ׳האָט צוגערעדט די מאמען זי זאָל מיך אוועקפירן קיין פּעטערבורג, אין דעם קאַדעטן־קאָרפּוס, כדי איך זאָל דערנאָך קאָנען אנקומען אין דער קייזערלאַכער גוואַרדיע. די מאמע האט זיך געשלאָגן מיט דער דעה: ווי צעשיידט מען זיך דאס מיטן לעצטן קינד, נאָר האט זיך באַשלאָסן פונדעסט־וועגן, כאָטש מיט ניט ווייניק טרערן, רעכענענדיק אַף מיטצוהעלפן דעם גליק מײַנעם. אוועקגעפירט האט זי מיך קיין פּעטערבורג, אָפּגעגעבן אין קאַדעטן־קאָרפּוס, און פון דעמאָלט אָן האב איך זי שוין מער קיין איין מאל ניט געזען; ווארים אין דריי יאָר ארום איז זי גופא געשטאָרבן, די גאַנצע דריי יאָר זיך מצער געווען און געקלאָגט נאָך אונזביידן. פון טאַטע־מאַמעס שטוב האב איך ארויסגעטראָגן די סאמע טײַערסטע זכרונות, ווארים ס׳איז ניטאָ קיין טײַערערע זכרונות בא א מענטשן, ווי פון דער ערשטער קינדהייט זײַנער בא טאטע־מאמע אין שטוב, און דאס איז כמעט שטענדיק אזוי, ווען ס׳איז נאר פאראן אין משפּחה כאָטש וויפל עס איז ליבשאפט און אחדות. נאָר אפילו פון דער סאַמער ערגסטער משפּחה קאנען בלייבן טײַערסטע זכרונות, ווען נאָר די נשמה אליין איז מסוגל צו זוכן דאס טײַערע. צו די זכרונות פון שטוב רעכן איך אויך צו, כאָטש זייענדיק אפילו אַ קינד, די זכרונות אָן דער הייליקער געשיכטע, וואס איך האב באַ טאטע־מאמע אין שטוב מיט גרויס התמדה געוואָלט וויסן. געהאט האב איך דע־מאָלט א ביכל, די הייליקע געשיכטע, מיט זעער פײַנע בילדלאָך, וואס האָט געהײסן: „ק״ד הייליקע געשיכטעס פון תנ״ך און פון ברית־החדשה“, און פון אים האָב איך זיך דאס געלערנט לייענען אויך.

ער ליגט נאָך בא מיר איצט אויך דא אפן פּאָליצע׳ ווי א טייערסטן זכר האלט איך דאס. אבער נאָך פאַר דעם׳ ווי איך האָב זיך אויסגעלערנט לייענען׳ געדיינק איך׳ ווי צום ערשטן מאל האָט מיך עפּעס א רוח הקודש דורכגעדרונגען׳ און אלט בין איך געווען אַכט יאָר׳ אוועקגעפירט האָט די מאמע מיך אליין (איך געדיינק ניט׳ וואו ס׳איז געווען דעמאָלט דער בדודער) אין גאָטס היכל׳ צו דער מיטאָג־תפילה. מאָנטיק אין דער הייליקער וואָך׳ וואס פאר פּסח׳ דער טאָג איז געווען א קלאָרער׳ און׳ דערמאנענדיק זיך איצטער׳ איז פּונקט׳ ווי איך וואָלט געזען פונדאסניי׳ ווי עס הייבט זיך אויף פון דעם ווייראַך־לעמפּל דער ווייראך און טראגט זיך אוועק אין דער הויך׳ און פון דער הויך אין דעם קופּל׳ דורך דעם שמאָלינקן פענצטערל׳ גיסן זיך אף אונז אין קלויסטער גאָטס שטראלן און דער ווייראך׳ ארויפשטייגנדיק אין וואָלקנס צו די שטראלן׳ וואָלט ווי צעגאנגען אין זיי. געקוקט האָב איך דערוועקטערהייט און צום ערשטן מאָל אפן לעבן האָב איך דעמאָלט אריינגענומען מיט מיין פארשטענדעניש אין מיין נשמה דעם זאָמען פון גאָטס וואָרט. אפן מיטן היכל איז ארויס דער באהעלפער מיט א גרויסן ספר׳ מיט אזא גרויסן׳ אז עס האָט זיך מיר געדאכט׳ אז קוים וואס ער טראגט אים׳ און ארויפגעלייגט אים אפן שטענדער׳ אויפגעמאכט און אָנגעהויבן צו לייענען׳ און איך האָב פּלוצים דעמאלט צום ערשטן מאל עפּעס פארשטאנען׳ וואס מ׳לייענט אין גאָטס היכל. ס׳איז געווען א מאן אין דעם לאנד עוץ׳ א גאנצער און א רעכטפארטיקער׳ און ער האָט געהאט אזוי פיל און אזוי פיל רייכקייט׳ אזוי פיל און אזוי פיל קעמלען׳ אזוי פיל און אזוי פיל שאָף און אייזלען׳ און זיינע קינדער האָבן זיך געפרייט׳ און ליב געהאט האט ער זיי זעער׳ און געבעטן גאָט פאר זיי: אפשר האָבן זיי געזינדיקט בא זייער פרייען זיך. ויהי היום׳ קומט אראָפּ צום אויבערשטן דער שטן אינאיינעם מיט די זין גאָטס און רופט זיך אָן צו גאָט׳ אז ער איז געווען אף דער גאנצער ערד און אונטער דער ערד. „האסטו דען געטאָן דיין הארץ אויך אף מיין קנעכט איובן?״ פרעגט גאָט. און דער אויבערשטער האָט זיך געבּרימט פארן שטן מיט דעם קנעכט זיינעם׳ דעם גרויסן צדיק. האָט דער שטן א שמייכל געטאן פון דעם אויבערשטנס רייד

און געזאָגט צו אים אַזוי: „גיב מיר אים איבער און דו וועסט זען צי דער קנעכט דײַנער וועט דיך לעסטערן און פֿאַרשילטן דײַן נאָמען“. האָט גענומען דער אויבערשטער און איבערגעגעבן זײַן צדיק, וועלכן ער האָט אַזוי ליב געהאַט, דעם שטן, און דער שטן האָט פֿאַרטיליקט זײַנע קינדער, און זײַן פֿי, און חרוב געמאַכט זײַן רײַכקייט, אַלצדינג מיטאַמאָל, ווי מיט אַ דונער פֿון גאָט, און איוב האָט צעריסן זײַנע קליידער און זיך אַ וואָרף געטאָן צו דער ערד און אויסגערופֿן: „אַ נאַקעטער בין איך אַרויס פֿון דעם בויך פֿון מײַן מוטער און אַ נאַקעטער וועל איך זיך אומקערן צוריק. גאָט האָט געגעבן און גאָט האָט גענומען, געבענטשט זאָל זײַן דער נאָמען פֿון גאָט!“ פּאַטערס און רבּיס, זײַט מיר מוחל מײַנע איצטיקע טרערן, — וואָרים ווי עס וואָלט פֿאַר מיר פֿונדאָסנײַ אויפֿגעשטאַנען מײַן גאַנצע קינדהייט, און איך אָטעם איצטער, אַזוי ווי דעמאָלט, מיט מײַן קינדערשער אַכט־יאָריקער ברוסטל, און איך שפּיר, אַזוי ווי דעמאָלט, פֿאַרוואונדערונג, און פֿרייד, און מטושטשדיקייט. סײַ די קעמלען האָבן דעמאָלט פֿאַרכאַפּט מײַן כּוח־הדמיון סײַ דער שטן, וואָס רעדט אַזוי מיטן אויבערשטן, און גאָט, וואָס האָט אַוועקגעגעבן זײַן קנעכט אויף צו פֿאַרטיליקן, און דער קנעכט זײַנער, וואָס רופֿט אויס: „געבענטשט זאָל זײַן דײַן נאָמען, נישט קוקנדיק אויף דאָס, וואָס דו שטראָפֿסט מיך“, — הײַנט דערנאָך דאָס שטילע און זיסע זינגען אין היכל: „מײַן תּפֿילה זאָל מקוים געוואָרן“ און ווידער דער ווײַראַך פֿון דעם גלחס ווײַראַך־לעמפּל און דאָס מתפּלל זײַן אויף די קני! פֿון דעמאָלט אָן, — נאָך נעכטן אַפֿילו האָב איך גענומען דעם דאָזיקן ספֿר אין האַנט, — קאָן איך ניט לייענען אָט די הייליקע געשיכטע אָן טרערן, הײַנט וויפֿל גרויסעס, פֿאַרבאַרגענעס דאָ איז דאָ, וואָס דער שׂכל קאָן ניט תּופֿס זײַן! עס איז מיר אויסגעקומען שפּעטער צו הערן די רייד פֿון אָפּשפּעטער און אַפּיקורסים, גאווהדיקע רייד: ווי אַזוי האָט דאָס געקאָנט דער אויבערשטער אַוועקגעבן דעם ליבסטן פֿון זײַנע צדיקים דעם שטן אויף אָנצוקוועלן, אַוועקנעמען בײַ אים די קינדער, אויף אים גופֿא אַרויפֿוואַרפֿן קראַנקהייטן און צרעתן, אַז ער זאָל דאַרפֿן מיט אַ שאַרבן אַראָפּקראַצן דעם אײַטער פֿון זײַנע וואונדן, און צוליב וואָס: כּדי נאָר צו בערימען

זאַך פאַרן שטן: „אָט וואָס, אַ שטייגער, עס קאָן אויסשטיין מיינער אַ צדיק פאַר מיר!" אָבער אין דעם איז דאָך דאָס גרויסע, וואָס דאָ איז א סוד, — וואָס דאָ איז זיך צונויפגעקומען דאס פארביישווע־בנדיקע פון דער ערד מיט דעם אויביקן אמת. פאר דעם אמת פון דער ערד קומט פאָר די פעולה פון דעם אויביקן אמת. פונקט ווי אין די ערשטע טעג פון בריאת העולם, ווען דער בורא האָט פאַרענדיקט די יצירה פון יעדן טאָג מיט א שבח: „ס'איז גוט דאס, וואס איך האָב באשאפן", אזוי קוקט ער איצט אויך אף איובן און בערימט זיך מיט זיין יצירה. און לויבנדיק דעם אויבערשטן, דינט איוב ניט נאָר אים, נאָר ער וועט דינען אויך דער גאנצער יצירה זיינער אף אויביק און אף עולם ועד, וואָרים דאס איז זיין גורל. גאָטעניו, וואס דאס איז פאר א ספר און וואס מיר קאנען לערנען פון אים! וואס פאר א ספר עס איז דער תנ"ך וואס פאר וואונדער און וואס פאר א קראפט ס'איז מיט דעם דאָזיקן ספר געגעבן געוואָרן דעם מענטשן! ווי עס וואָלט געווען דער צלם פון דער וועלט, פון דעם מענטשן און פון דעם מענטשנס טבע, און אלץ איז אָנגערופן מיט א נאָמען און אָנגעוויזן אף עולם ועד. היינט וויפיל סודות עס ווערן אנטפלעקט און פארענטפערט: איוב ווערט ווידער פון דעם אויבערשטן נתעלה, ער גיט אים ווידער רייכקייט, עס גייען אוועק אסך יאָרן, און ער האט שוין נייע קינדער, אנדערע, און ער האט זיי ליב, — גאָטעניו! ווי וואָלט ער געקאנט, דאכט זיך, ליב קריגן אָט די נייע קינדער, ווען ער האָט יענע קינדער, די פריערדיקע, פארלאָרן? דער־מאנענדיק זיך אָן יענע, קאן מען דען זיין אינגאנצן גליקלאך מיט די נייע קינדער, אזוי ווי פריער, ווי די נייע זאָלן אים אפילו ניט זיין ליב? אבער מ'קאן, מ'קאן: די אלטע צרות גייען בהדרגה איבער דורך דעם גרויסן סוד פון דעם מענטשלאכן לעבן אין א שטילער ריי־נדיקער פרייד; אנשטאט דאס יונגע ברויזנדיקע בלוט קומט די מילדע לויטערע אלטקייט: איך בענטש דעם טאג־טעגלאכן אויפגאנג פון דער זון, און דאס הארץ מיינע זינגט צו איר אזוי ווי פריער, אבער איך האב שוין מער ליב די שקיעה פון דער זון, די לאנגע רויטע שטראלע אירע, און מיט זיי די שטילע, מילדע, ריי־נדיקע

זכרונות, די ליבע געשטאַלטן פון דעם גאַנצן לאַנגן און געבענטשטן לעבן, — און איבער דאָס אַלץ דער אמת פון גאָט, דער דערבאַרעמדיקער, וואָס ברענגט שלום און איז אַלץ מכפּר! עס ענדיקט זיך דער לעבן מײַנער, איך ווייס און איך הער דאָס, אָבער איך שפּיר מיט יעדן טאָג, וואָס ס׳איז מיר איבערגעבליבן, ווי דער ערדישער לעבן מײַנער רירט זיך שוין אָן אָן אַ נײַעם לעבן, וואָס האָט קיין סוף ניט און איז פאַרבאָרגן, אָבער וואָס ס׳איז נאָהנט צום לעבן פון לעתיד לבוא, וואָס פון שפּירן אים ציטערט בײַ מיר פון התלהבות די נשמה מײַנע, עס ווערט לויטער דער דעת און דאָס האַרץ וויינט פאַר פרייד... פרײַנד און רבי׳ס, איך האָב געהערט ניט איין מאָל, און איצט, אין דער לעצטער צײַט, הערט מען דאָס נאָך עפטער, ווי עס טענהן אונזערע גײַסטלאַכע, דער עיקר אָבער די גײַסטלאַכע פון דאָרף, טענהן מיט טרערן און אומעטום, אַז זיי האָבן קנאַפּ אויף חיונה און אַז זיי זײַנען דערנידעריקט, און זאָגן אָפן, זיי דרוקן דאָס אפילו אין די צײַטונגען, — איך גופא האָב דאָס געלייענט, — אַז זיי זײַנען שוין איצט ניט בכוח אויסצולייגן פאַרן פאָלק די כּתבֿי־הקודש, וואָרים זיי האָבן קנאַפּ אויף חיונה, און אויב עס קומען לוטעראַנער און אַפּיקורסים און הייבן אָן אָפּצושלאָגן די שאָף, טאָ זאָל מען אָפּשלאָגן, וואָרים מיר האָבן דאָך קנאַפּ אויף חיונה. גאָטעניו! טראַכט איך, גיב דאָך זיי מער אויף חיונה, וואָס דאָס איז אַזוי טײַער פאַר זיי (וואָרים זייער טענה איז דאָך אויך אַ גערעכטע), אָבער איך זאָג באמת: אויב עמיצער איז שולדיק אין דעם, זײַנען מיר גופא שולדיק אַ העלפט! וואָרים זאָל זײַן אפילו, אַז ס׳איז ניטאָ קיין צײַט, זאָל זײַן, אַז ער זאָגט אמת, אַז ער איז די גאַנצע צײַט אונטערגעדריקט פון אַרבעט און פון דאגות חיונה, אָבער ס׳איז דאָך אַלץ פונדעסטוועגן ניט די גאַנצע צײַט, ער האָט דאָך פונדעסטוועגן כאָטש בײַ נאָר איין שעה אין דער וואָך אויף צו דערמאַנען זיך אָן דעם אויבערשטן. און גלאַט, מ׳אַרבעט דאָך ניט דעם קײַלעכדיקן יאָר, ווען מ׳זאָל צונויפקלײַבן בײַ זיך איין מאָל אין וואָך, אין איין אָוונט, אין אָנפאַנג כאָטש נאָר די קינדער אַליין, — וועלן דערהערן די טאַטעס און וועלן אויך אָנהייבן קומען. מ׳דאַרף דאָך ניט בויען קיין פּאַלאַצן דערצו, נאָר מ׳קאָן זיי צונויפּ־

קלייבן אין דער אייגענער שטיבל; זאָל ער קיין מורא ניט האָבן, זיי וועלן ניט מיאוס מאַכן זיין שטוב, וואָרים ער קלייבט דאָך זיי צונויף סך הכּל אף איין שעה. זאָל ער אויפעפענען פאר זיי דעם דאָזיקן ספר אָנהייבן לייענען אָן חקירות און אָן גאווה, ניט האַלטנדיק זיך גרויס קעגן זיי, נאָר מיט התלהבות און ווייכקייט, אליין פרייענדיק זיך דערפון, וואס ער לייענט פאר זיי און וואָס זיי הערן אים און פאַרשטייען אים, אליין ליב האָבנדיק די הייליקע ווערטער, אָפּשטעלן זיך וואו־ניט־וואו און געבן צו פאַרשטיין א האַרבן וואָרט, וואָס ס׳איז שווער פארן פשוטן מענטשן, זאָל ער קיין מורא ניט האָבן, זיי וועלן פאַרשטיין אַלץ, די רעכטגלויביקע האַרץ וועט פארשטיין אלץ! זאָל ער זיי דורכלייענען וועגן אַברהמען און שרהן, וועגן יצחקן און רבקהן, ווי יעקב איז געגאנגען צו לבנען און זיך געראַנגלט אין חלום מיט גאָט און געזאָגט: „ווי פאָרכטיק איז דער דאָזיקער אָרט״, און דו וועסט פארוואונדערן דעם רעכטפאַרטיקן פשוטן מענטשן, זאָל ער איבערלייענען פאַר זיי, דערהויפּט אָבער פאַר די קינדערלאך, ווי די ברידער האָבן פארקויפט זייער לייבלאכן ברודער יוספן דעם ליבן בחורל, דעם בעל חלומות און דעם גרויסן נביא, און דעם פאָטער האָבן זיי געזאָגט, אז אַ בייזע חיה האָט פארצוקט זיין זון און געוויזן אים זיין פאַרבלוטיקטע העמדל, זאָל ער איבערלייענען, ווי די ברידער זיינען דערנאָך געקומען קיין מצרים נאָך ברויט, און ווי יוסף, וואָס איז שוין געווען א שני למלך און וואָס זיי האָבן אים ניט דערקענט, האָט זיי געפייניקט, האָט זיי באַשולדיקט און פאַרהאַלטן בנימינען, און ווי דאָס איז אַלץ געשען ליב האָבנדיק זיי, ליב האָבנדיק זיי: „איך האָב אייך ליב און ליב האָבנדיק פייניק איך אייך״, וואָרים זיין גאַנצן לעבן האָט ער דאָך כּסדר געדיינקט, ווי מ׳האָט אים דאָרטן באַ דער גרוב אין דעם הייסן מדבר פאַרקויפט די ישמעאלים, און ווי ער האָט געבראָכן מיט די הענט, און געוויינט, און געבעטן זיך רחמים באַ די ברידער, זיי זאָלן אים ניט פאַרקויפן פאַר קיין קנעכט אין אַ פרעמדער לאַנד, און אָט איצט, אז ער האָט זיי דערזען נאָך אַזוי פיל יאָרן, האָט ער זיי ליב געקראָגן פונדאָסניי אָן א ברעג, האָט זיי אָבער געמאַטערט און געפייניקט זיי, אלץ ליב האָבנדיק. לסוף האלט

ער אַליין ניט אויס דעם ווייטאָק פון זיין האַרצן, גייט אוועק פון זיי און וואַרפט זיך אויף זיין געלעגער און וויינט; דערנאָך ווישט ער אָפּ זיין פּנים און גייט אַרויס אַ ליכטיקער און אַ שטראַלנדיקער און רופט זיך אָן צו זיי: „ברידער, איך בין יוסף, אייער ברודער!“ זאָל ער זיי נאָך דאַן איבערלייענען, ווי דער אַלטער יעקב האָט זיך דערפרייט, ווען ער האָט זיך דערוואוסט, אַז דער בן זקונים זיינער לעבט נאָך, און איז אַוועקגעגאנגען קיין מצרים, לאָזנדיק די לאַנד פון זיינע עלטערן, און איז געשטאָרבן אין אַ פרעמדער לאַנד, אַרויסזאָגנדיק אויף אויביק אין זיין צוואה דעם גרויסן וואָרט, דעם וואָרט, וועלכן ער האָט געהאַלטן פאַרבאָרגן אין זיין ווייכער און ציטערדיקער האַרץ דעם גאַנצן לעבן, אַז פון אים, פון יהודהן, וועט אַרויסקומען די גרויסע האָפענונג פון דער וועלט, איר דערלייזער און איר רעטער! פּאַטערס און רביס, זייט מיר מוחל און זייט ניט אין כעס, וואָס איך לערן אייך, ווי אַ קליין קינד, וועגן דעם, וואָס איר ווייסט שוין פון לאַנג און וועגן וואָס איר קאָנט מיך גופא לערנען, הונדערט מאָל בעסער און ריכטיקער. אָבער פון התלהבות זאָג איך דאס, און פאַרגיט מיר מיינע טרערן, וואָרים איך האָב ליב דעם דאָזיקן ספר! זאָל ער אויך אָנהייבן וויינען, דער שליח פון גאָט, און ער וועט דערזען, אַז אויך די הערצער פון זיינע צוהערער וועלן זיך אויפטרייסלען. מ׳דאַרף מער נישט האָבן ווי אַ קליינעם זאָם, אַ קליינינקן זאָם: זאָל ער אים אריינוואַרפן אין דער נשמה פון דעם פּשוטן מענטשן, און דער זאָם וועט ניט שטאַרבן, ער וועט לעבן אין זיין נשמה דעם גאַנצן לעבן, וועט זיין פאַרבאָרגן אין אים, אין דעם חושך, אין דעם עיפּוש פון זיינע זינד, ווי אַ ליכטיקער פּונקט, ווי אַ גרויסער זכר, און מ׳דאַרף נישט, מ׳דאַרף אים נישט אָפּטייטשן און לערנען קיין סך, אַלץ וועט ער פאַרשטיין פּשוט. מיינט איר דען, אַז דער פּשוטער מענטש וועט ניט פאַרשטיין? פּרוּווט און לייענט אים דאַן איבער די רירנדיקע און די ליבע מעשה מיט אסתרן דער יְפַת תֹּאַר און וַשְׁתִּין דער מרשעת; אָדער די שיינע מעשה מיט יונה הנביא, ווי ער איז געזעסן אין די געדערים פון דעם גרויסן פיש. פאַרגעסט אבער אויך ניט אָן די משלים, דערהויפּט פון דעם עוואַנגעליום פון לוקאַס (אַזוי פלעג איך טאָן), און דער־

גאָך די גבורות פֿון די אַפּאָסטאָלן, די ווענדונג פֿון פּאַוועל (דאָס למען השם, למען השם!), און שפּעטער עפּעס פֿון טשעטיע־מינעע אויך, כאָטש־בי נאָר וועגן דעם לעבן פֿון אַלעקסייען דעם איש אלקים און פֿון דער גרעסטער פֿון די גרעסטע צנועות, דער זעערין פֿון גאָט און דער טרעגערין פֿון קריסטוס דער מוטער מאַריאַ פֿון מצרים — און ווי איר וועט דורכדרינגען זיין האַרץ מיט אָט די פּשוטע מעשׂיות, אַז דאָס איז דאָך סך הכּל נאָר איין שעה אין וואָך, איין שעה אין וואָך, ניט קוקנדיק וואָס מ׳האָט קנאַפּ אַף חיונה, און ער וועט אַליין דערזען, אַז אונזער פּאָלק איז אַ באַרמהאַרציקער און אַ דאַנקבאַרער, ער וועט אים אָפּ־דאַנקען הונדערט מאָל מער; אַז ער וועט געדיינקען די זאָרג און די התמדה פֿון דעם גייסטלאַכן און זיינע דערבאַרעמדיקע ווערטער, וועט ער אים העלפֿן מיטן אייגענעם ווילן אין זיין פֿעלד, וועט אים העלפֿן אויך אין זיין שטוב, און וועט אים אָפּגעבן מער כּבֿוד ווי פֿריער, — איז וועט שוין אויך פֿאַרגרעסערט ווערן דער מקור פֿון זיין חיונה. דאָס איז אַזאַ פּשוטע זאַך, אַז אָפּטמאָל האָבן מיר אפֿילו מורא דאָס אַרויסצוזאָגן, ווארים מ׳קאָן אָפּלאַכן פֿון אונדז, און דערביי, וואָס פֿאַר אַ ריכטיקע זאַך דאָס איז! ווער עס גלויבט ניט אין גאָט, דער וועט אויך ניט גלויבן אין גאָטס פֿאָלק. ווער אָבער עס האָט שוין נאָר איין מאָל געגלויבט אין גאָטס פֿאָלק, דער וועט אויך דערזען די הייליקייט פֿון גאָט, ווען אפֿילו ער האָט ביז איצט לחלוטין ניט געגלויבט אין איר. נאָר דאָס פֿאָלק אַליין און די קומענדיקע גייסטיקע קראַפֿט זיינע וועט קאָנען אומקערן צוריק אונזערע אַטעאיסטן, וואָס זיינען אַוועק פֿון דעם אייגענעם לאַנד. און וואָס פֿאַר אַ ווערדע האָט דאָס וואָרט פֿון קריסטוס אָן אַ ביישפּיל? אומגליקלאַך איז אַ פֿאָלק אָן גאָטס וואָרט, ווארים זיין נשמה גאַרט נאָך גאָטס וואָרט און נאָך יעדער גוטער הרגשה. אַז איך בין נאָך געוועזן יונג, ס׳איז שוין אַ מעשׂה פֿון כּמה יאָרן, שיר ניט קיין פֿערציק יאָר, בין איך אַרומגעגאַנגען מיטן פֿאָטער אַנפּים איבער גאַנץ רוסלאַנד קלייבן נדבות אַפֿן מאָנאַסטיר, זיינען מיר איין מאָל געבליבן נעכטיקן אַפֿן ברעג פֿון אַ גרויסן טייך, אַף וועלכן עס גייען שיפֿן, אינאיינעם מיט די פֿישער, און לעבן אונדז האָט זיך צוגעשפּאַרט אַ וואוילינקער פֿויערישער בחורל,

א יאָר אכצן אפן פנים, וואס האט זיך געאײַלט קומען אפן אָרט, כּדי מאָרגן פרי קאָנען שלעפן מיטן קאנאט די בארקע פון זײַן סוחר. און איך זע, ווי ער קוקט אזוי ארום זיך מיט א לויטערקייט און גערירטקייט. די נאכט איז א ליכטיקע, א שטילע, א ווארימע, א יולי־נאכט. דער טײַך איז ברייט. דער דאמף הייבט זיך אויף איבער אים, פרישט אונז אָפּ. די פישלאך פּלעסקען לײַכט איבערן וואסער, די פייגעלאך זײַנען אנטשוויגן געוואָרן. אלץ איז שטיל, רחבותדיק, אלצדינג טוט תּפילה צו דעם אויבערשטן. און נאר מיר ביידע שלאפן ניט, איך און אָט דער בחור, און מיר האבן זיך פאנאנדערגערעדט וועגן דער שיינקייט פון גאטס וועלט און וועגן דעם גרויסן סוד זײַנעם — יעדע גרעזעלע, יעדער שמעטערלינג, יעדע מוראשקע, די גאָלדענע בין, אלע וויסן ביז צו נשתּומם ווערן זייער וועג, נישט האבנדיק קיין פארשטאנד און זאגן עדות פון דעם סוד פון גאט, זיי גופא זײַנען ממלא דעם סוד. און, איך זע, ווי די הארץ פון דעם טײַער׳נקן בחור האט זיך פאנאנדערגעברענט. ער האט מיר דערציילט, אז ער האט ליב דעם וואלד, די פייגעלאך פון וואלד: געווען איז ער אליין א פייגל־כאפּער, פלעגט פארשטיין זייער יעדן פּייף, און האט געקאנט יעדע פייגעלע צורופן צו זיך: קיין בעסערע זאך, ווי זײַן אין וואלד, ווייס איך ניט, האט ער געזאגט צו מיר, און ס׳איז אלצדינג גוט. „באמת, ענטפער איך אים, ווי אלצדינג איז גוט און רחבותדיק, ווארים אלצדינג איז אמת. גיב א קוק, זאג איך צו אים, אפן פערד, אף דער גרויסער שטובּיקער חיה, וואס שטייט לעבן מענטשן, אָדער אפן אָקס, דעם מרה־שחורה און דעם פארטראכטן, וואס שפּײַזט דעם מענטשן און ארבעט אף אים, גיב א קוק אף זייערע פּנימער: וואס פאר א מילדקייט, וואס פאר א צוגעבונדנקייט צום מענטשן, וואס שלאגט אים אפט אומברחמנותדיק, וואס פאר א גוטסקייט, וואס פאר א צוטרוי און וואס פאר א שיינקייט עס ליגט אף זײַן פּנים. מ׳ווערט אפילו גערירט ווייסנדיק, אז ער האט קיין שום זינד ניט, ווארים אלצדינג איז הייליק, אלצדינג אויסער דעם מענטשן איז ניט זינדיק, און קריסטוס איז מיט זיי, נאָך פריער ווי מיט אונז“. — „נישיים זע, פרעגט דער בחור, איז קריסטוס אויך מיט זיי?“ — „ווי קאן דען זײַן אנדערש, ענטפער

איך אים, וואָרים גאטס ווארט איז פאר אלעמען, יעדע באשעפעניש און יעדע יצירה, יעדער בלעטעלע שטרעבט צו גאטס ווארט, זאָגט שירה צו גאט, וויינט צו קריסטוסן, אליין ניט וויסנדיק דאס, און איז דאס מתקן דורך דעם סוד פון זיין אומזינדיקן לעבן. זע, זאג איך, עס גייט ארום אין וואלד דער מוראדיקער בער, דער שרעקלאכער און גרויזאמער, און איז לחלוטין ניט שולדיק אין דעם". און דערציילט האב איך אים, ווי איינמאל איז געקומען א בער צו א גרויסן צדיק, וואס האט געפראוועט תיקון אין וואלד, אין א קליינינקער קעמערל, און ווי דער גרויסער צדיק איז דערוועגט געוואָרן און איז ארויס צו אים ניט מורא האבנדיק, דערלאנגט אים א שטיקל ברויט און אנגערופן זיך: "גיי זיך, קריסטוס איז מיט דיר", און די בייזע חיה האט אים געפאָלגט און איז בנעימותדיק אוועקגעגאנגען, און האט נישט געטאָן קיין בייז. און דערוועגט איז געוואָרן דער בחורל פון דעם, וואס ער איז אוועקגעגאנגען און נישט געטאָן קיין בייז, און וואס קריסטוס איז אויך מיט איבּ. "אך, ווי גוט דאס איז, זאגט ער, ווי אלץ, וואס ס'איז שייך צו גאָט, איז פרעכטיק און גוט!" און ער איז געזעסן, האט זיך שטיל און זיס פארטראכט. איך זע, אז ער האט פארשטאנען, און איינגעשלאפן איז ער לעבן מיר מיט א לייכטן און אומשולדיקן שלאף. זאָל בענטשן דער אויבערשטער די יוגנט! און לייגנדיק זיך שלאפן, האב איך גופא מתפלל געווען פאר אים. גאָטעניו, שלום און שלוה גיב פאר דיינע קינדער!

ג) די זכרונות פון סטאַרעץ זאָסימאַס יוגנט און די בחורשע יארן זיינע נאך זייענדיק אין דער וועלט. דער דועל

אין פעטערבורג, אין דעם קאדעטן־קאָרפוס, בין איך אפגעווען אלאנגע צייט, כמעט אכט יאר, און מיט דער נייער הדרכה באטויבט אסך קינדערשע איינדרוקן, הגם פארגעסן האב איך קיין זאך ניט. אנשטאט דעם האב איך זיך אנגענומען אזוי פיל נייע רגילותן, און מיינונגען אפילו, אז איך בין פארענדערט געווארן כמעט אין א ווילדער בריאה, א גרויזאמער און אן אומגעלומפערטער.

גלאנץ פון העפלאכקייט און פון וועלטלאכן באנעמן זיך איינגעזאפט איבאיינעם מיט דער פראנצויזישער שפראך, און די סאלדאטן, וואס האבן אונז באדינט אין קארפוס, האבן מיר געהאלטן אלע פאר אמתע חיות, און איך אויך בתוכם. גראד איך אפשר מער פאר אלעמען, ווארים פון אלע חברים בין איך געווען אף אלץ צמפינדלאכער. אז מיר זיינען געווארן אפיצערן, זיינען מיר געווען גרייט צו פארגיסן אונזער בלוט פאר דער באליידיקטער מיליטער־ערע אונזערער, פון קיין אמתער ערע אבער האט כמעט קיין איינער פון אונז ניט געוואוסט אפילו, וואס דאס איז אזוינס, און אז ער האלט זיך יע דערוואוסט, וואלט ער זי אליין דער ערשטער די שטעל געמאכט צו שפאט. מיט שיכרות, אויסגעלאסנקייט און כל הווילדע מעשים האט מען זיך שיר וואס ניט געהאלטן גרויס. איך וועל ניט זאגן, אז מיר זיינען געווען פארדארבן; אט די אלע יונגע לייט זיינען געווען ווארילע יונגע לייט, נאר אויפגעפירט האט מען זיך, ווי פארדארבענע, און ערגער פאר אלעמען איך. דער עיקר איז דאס געווען דערפאר, ווייל בא מיר האט זיך באוויזן אייגענע געלט, האב איך דאס טאקע גענומען לעבן צוליב דעם אייגענעם תענוג מיינעם און זיך אוועקגעלאזן מיט דעם גאנצן יונגן ברען צו לעבן אף וואס די וועלט שטייט. נאר אט וואס עס איז א וואונדער: איך פלעג לייענען דעמאלט ביכער אויך, און מיט גרויס חשק אפילו; דעם תנ"ך אבער האב איך כמעט קיין איין מאל ניט אויפגעמאכט צו יענער צייט, כ'האב זיך אבער קיינמאל ניט צעשיידט מיט אים, און תמיד געפירט אים אומעטום מיט זיך: איך האב באמת געהיט דעם דאזיקן ספר, אליין ניט וויסנדיק דאס, געהיט "אף דעם טאג און שעה, אף דעם חודש און יאר", אפדינענדיק אזוי א יאר פיר, בין איך מגולגל געווארן, סוף כל סוף, אין דער שטאט ק., וואו ס'איז געשטאנען דעמאלט אונזער פאלק. די געזעלשאפט פון שטאט איז געווען א פארשיידנארטיקע, א גרויסע און א לוסטיקע, א גאסטפריינדלאכע און א רייכע, אויפגענומען האט מען מיך אומעטום גוט, ווארים איך בין געווען בטבע א לוסטיקער, און דערצו האב איך נאך געשמט פאר ניט קיין ארימן, וואס דאס באטייט אין דער וועלט ניט ווייניק. און אט האט זיך

געטראפן א מעשה, וואס עס איז געווען די התחלה פון אלץ. צו־ געבונדן האב איך זיך צו אײנער א יונגער מײדל א יפת תאר, א חכמה און א בר דעת מיט אן אײדעלן און א ליכטיקן כאראקטער, א טאכטער פון חשובע עלטערן. מענטשן זײנען דאס געווען פון יחוס, זײנען געווען רײך, געהאט א השפעה און א דעה, און מיך פלעגן זײ אויפנעמען מיט ליבשאפט און פרײד. איז אט האט זיך מיר ווי אויסגעדוכט, אז דאס מײדל האט א שטארקע נטיה צו מיר, — האט זיך צעפלאקערט מײן הארץ בא אזא מחשבה. שפעטער האב איך שוין אלײן משיג געווען, און פארשטאנען זעער גוט, אז איך האב זי אפשר גארניט ליב געהאט מיט אזא כוח, מער ניט איך האב געאכפערט איר שכל און דעם דערהויבענעם כאראקטער, וואס דאס האט געמוזט זײן. די אײגנליבע האט מיר פונדעסטוועגן ניט דער־ לאזן פאַרלײגן איר דעמאלט די האנט: שווער און מוראדיק איז אויסגעקומען צו צעשײדן זיך מיט די אויסגעלאסענע תענוגים, דעם בחורשן און פרײען לעבן אין אזוינע יונגע יארן, האבנדיק נאך צו דערצו געלט אויך. אנצוהערעניש האב איך פונדעסטוועגן געגעבן, יעדנפאלס האב איך אפגעלײגט אף א קורצער צײט יעטווידן אנט־ שײדנדיקן טראט. און דא פלוצים קאמאנדירט מען מיך אוועק אין אן אנדער אויעזד אף צוויי חדשים. איך קום צוריק אין צוויי חדשים ארום און איך דערוויס זיך מיטאמאל, אז דאס מײדל האט שוין חתונה געהאט מיט א רײכן פריץ פון פאַרשטאָט, א מענטשן כאטש אפילו אן עלטערן פאר מיר אין יארן, אבער נאך א יונגן, וואס האט געהאט א צד אין פעטערבורג און צווישן דער אריסטאקראטיע. דאס, וואס איך האב ניט געהאט, א מענטשן א זעער וואוילן, און ועל כולם א געבילדעטן, און קײן בילדונג האב איך שוין גאר אינגאנצן ניט געהאט. איך בין אזוי געפלעפט געווארן פון אט דעם אומגעריכטער מעשה, אז דער קאָפּ האט זיך אפילו בא מיר צעמישט. דער עיקר אבער איז די זאך באשטאנען אין דעם, וואס דער דאזיקער יונגער פריץ איז געווען, ווי איך האב זיך דערוואוסט דעמאלט-טאקע, שוין פון לאנג איר חתן, און אז איך גופא האב אים געטראפן אסך מאל בא זײ אין שטוב, נאר איך האב קײן זאך ניט באמערקט

— זייענדיק פארבלענדט מיט דער אייגענער חשיבות׳ נאר טאקע אט דאָס האט מיך דער עיקר אויך באליידיקט: ווי אזוי איז דאס׳ כמעט אלע האבן געוואוסט׳ מער ניט איך איינער האב קיין שום זאך ניט געוואוסט? און דערשפירט האב איך פלוצים אן אומדערטרעגלאכן כעס׳ מיט בושה אין פנים האב איך זיך אנגעהויבן דערמאנען׳ ווי אסך מאל האב איך איר כמעט ארויסגעזאגט די ליבע מיינע׳ און וויבאלד זי האט מיך ניט אפגעשטעלט און קיין זאך ניט געזאגט׳ האט זי׳ הייסט דאס׳ אזוי האב איך געדרונגען׳ פון מיר אפגעלאכט. שפעטער איז מיר׳ כדרך הטבע׳ אויפגעפאלן און איך האב זיך אנגעהויבן דערמאנען׳ אז זי האט אפילו נישט געפרווט אפצולאכן׳ אדרבה׳ אז זי פלעגט טאקע איבעררייסן אליין אזוינע שמועסן מיט א וויץ׳ און אנהייבן רעדן וועגן עפעס אנדערש׳ — אבער דעמאלט האב איך דאס ניט געקאנט משיג זיין׳ און בין געווארן אנגעצונדן פון נקמה׳ איך דערמאן זיך מיט א וואונדער׳ אז די דאזיקע נקמה און דער צאָרן מיינער זיינען געווען מיר גופא אָן א שיעור שווער און ווידערווערטיק׳ ווארים זייענדיק בטבע א רך לב׳ האב איך ניט געקאנט לאנג זיין אין כעס אף וועמען עס איז׳ און דעריבער פלעג איך אליין ווי געקינצלט אויפקאכן זיך׳ און בין געווארן צום סוף מיאוס און הבלדיק׳ כ׳האב אפגעווארט א צייט׳ און איינמאל האט זיך מיר צווישן א גרויסן עולם איינגעגעבן מיטאמאל דעם „אויסכאפער" מיינעם צו באליידיקן׳ כלומרשט עפעס צוליב גאר אַ זייטיקער זאך׳ געבן אים א שטאָך פאר זיינער א מיינונג וועגן א דעמאלטיקער וויכטיקער געשעעניש׳ — דאס איז געווען אין זעקס און צוואנציקסטן יאר׳ — און א שטאך׳ האבן מענטשן געזאגט׳ האט זיך מיר איינגעגעבן צו געבן א שארפן און א געשיקטן׳ דערנאך האב איך אים געבויטיקט צו געבן א דערקלערונג׳ און איך בין זיך בא דער דאזיקער דערקלערונג באגאנגען מיט אים אזוי גראב׳ אז ער האט אנגענומען מיין ארויסרוף אף א דועל׳ נישט קוקנדיק וואס דער חילוק צווישן אונז איז געווען א גוואלטיקער׳ ווארים איך בין געווען אי אינגער פאר אים אי געהאט א קלענערן טשין און ניט געהאט קיין נאמען׳ שפעטער בין איך שוין אף זיכער דערגאנגען׳ אז אנגענומען האט

ער די ארויסרופונג מיינע עפעס אזוי ווי אויך צוליב אן אייפער־
זיכטיקן געפיל צו מיר: געאייפערט האט ער מיר נאך פריער
אויך עטוואס צו דער פרוי זיינער, וואס איז נאך דעמאלט געווען
זיין כלה; איצט ווידער האט ער א טראכט געטאן, אז אויב זי וועט
זיך דערוויסן, אז ער האט אריבערגעטראגן פון מיר א באליידיקונג,
און אז ארויסרופן אף א דועל האט ער זיך ניט אנטשלאסן, איז כדי זי זאל
אמאל ניט אנהייבן ניט־ווילנדיק צו האסן אים און עס זאל זיך
ניט א וואקל טאן די ליבע אירע. א סעקונדאנט האב איך באקומען
גלייך, מיינעם חבר, טאקע פון אונזער פאָלק א פּאָרוטשיק. הגם
מ'האט דעמאלט גערודפט פאר דועלן זעער שטארק, אבער דועלן
זיינען געווען עפּעס אזוי ווי אפילו א מאדע צווישן די מיליטער־
מענטשן, — אף אזוי פיל ווערן אפטמאל גרויס און עס באפעסטיקן
זיך ווילדע פאראורטיילן. געווען איז סוף יוני, און דער דועל
אונזערער איז באשטימט אף מארגן, זיבן א זייגער אינדערפרי,
הינטערן שטאט, — און באמת ווי געטראפן האט זיך דא מיט מיר
עפעס אזוי־ווי א גורל־שווערע זאך, קומענדיק אינאוונט אהיים,
א טירוף און א הבלניק, בין איך אין כעס געווארן אף מיין דענשטשיק
אפאנאַסיען און געגעבן אים מיט די גאנצע כוחות צוויי מאל א פּאטש
אין באק, אזוי, אז איך האב פארבלוטיקט אים דעם פנים. גע־
דינט האט ער בא מיר נאך ניט לאנג, און ס'פלעגט זיך מאכן פריער
אויך, אז איך פלעג אים שלאגן, אבער קיינמאל ניט מיט אזא גרויי־
זאמקייט פון א חיה, און איר וועט מיר גלויבן, מיינע טייערע, דאס איז שוין
א מעשה פון פערציק יאָר, און איך דערמאן זיך איצטער אויך אָן דעם מיט
בושה און מיט ווייטאק. געלייגט האב איך זיך שלאפן, איינגעשלאפן
א זייגער דריי, איך כאפ זיך אויף, ס'הויבט שוין אָן טאגן. כ'האב
זיך מיטאמאל אויפגעהויבן, האב שוין ניט געוואלט מער שלאפן,
צוגעגאנגען צום פענצטער, אויפגעעפנט אים, — דאס פענצטער פלעגט
בא מיר ארויס אין סאָד, איך זע, ס'גייט אויף די זון, ס'איז ווארים,
ס'איז גוט, די פייגעלאך האבן אנגעהויבן זינגען, וואס זשע איז דאס,
טראכט איך, איך שפיר אין דער נשמה מיינער אזוי ווי נבלה
און א שפלות? צי איז דאס ניט דערפאר, וואס איך גיי פאר־

גיסן בלוט? ניין, טראכט איך, עפעס אזוי ווי ניט דאס, צי איז דאס ניט דערפאר, וואס איך האב מורא פארן טויט, כ'האב מורא צו ווערן דערהרגעט? ניין, ס'איז גאר ניט דאס, לגמרי ניט דאס... און פלוצים האב איך תיכף געכאפט זיך, וואס די מעשה איז געווען: דאס, וואס איך האב אינאווונט געשלאגן אַפּאַנאַסיען! אלצדינג האט זיך פאר מיר מיטאמאל פונדאסניי געשטעלט פאר די אויגן, ווי דאס וואלט זיך איבער א נייס איבערגעחזרט: ער שטייט פאר מיר, און איך שלאג אים מיט די גאנצע כוחות גלייך אין פנים אריין, און ער האלט די הענט גראַד אראפגעלאזן, דעם קאפ גלייך, די אויגן אויס־געגלאצט, ווי ער וואלט געשטאנען אין־פראנט, גיט זיך א צאפל בא יעדן פאטש און דערוועגט זיך אפילו ניט אויפצוהייבן די הענט, אף צו פארשטעלן זיך, — און דאס איז דערצו דערפירט געווארן א מענטש און דאס שלאָגט א מענטש א מענטשן! וואס פאר א פאר־ברעך! פונקט ווי א שארפע נאדל איז מיר דורכגעגאנגען אין נשמה דורך און דורך. איך שטיי, ווי א צעמישטער, און די זון לייכט, די בלעטעלאך פרייען זיך, פינקלען, און די פייגעלאך זאגן שירה צו גאָט... פארשטעלט האב איך מיטביידע הענט דעם פנים, א ווארף געטאן זיך אפן בעט און פאנאנדערגעוויינט זיך אפן קול. און דערמאנט האב איך זיך דא אָן מיין ברודער מאַרקעלן, און אָן די ווערטער זיינע, וואס ער האט געזאגט פארן טויט צו די דינער: „האַרציקע מיינע, טייערע, פארוואס דינט איר מיר, פארוואס האט איר מיך ליב, און צי בין איך דען דאס גלאט ווערט, אז מ'זאל מיר דינען?" יע, צי בין איך דאס ווערט", האט מיר מיטאמאל א בליץ געטאן אין רעיון, אינדערראמתן, מיט וואס בין איך דאס אזוי ווערט, אז א צווייטער מענטש, וואס איז פונקט אזא, ווי איך, דער פורים און די געשטאלט פון גאָט, זאל מיך באדינען? אזוי האט זיך דאס מיר דעמאלט אריינגעשניטן אין מוח צום ערשטן מאָל אפן לעבן אט די דאָזיקע פראגע. „מאַמינקע, נשמהניו דו מיינע, באמת יעדער איינציקער איז שולדיק קעגן אלעמען, דאס ווייסן נאר ניט די מענטשן, אבער אז זיי וואלטן זיך דערוואוסט — וואלט גלייך געקומען דער גן עדן!" פאָטער אין הימל, נישיים זע איז דאס אויך ניט אמת" וויין איך

און איך טראַכט: — „באמת איך בין אפשר מער שולדיק ווי אלע קעגן אלעמען, און איך בין ערגער פאר אלע מענטשן אַף דער וועלט!“ און אנטפּלעקט האט זיך פאר מיר פלוצים דער גאנצער אמת, אין דער גאנצער באַלויכטונג זיינער: וואס גיי איך טאָן? איך גיי הרגענען א מענטשן א גוטן, א קלוגן, אַן איידעלן, וואס איז אין קיין זאַך ניט שולדיק קעגן מיר, און בא דער פרוי זיינער אוועקנעמען מיט דעם אַף אויביק דאס גליק, וועל זי פייניקן און טויטן. געלעגן בין איך זיך אזוי אפּן געלעגער מיטן פנים אַראָפּ, דעם פנים פאַר־גראָבן אין קיסן, און ניט באמערקט אפילו, ווי ס'איז אַוועק די צייט. מיטאמאל גייט אריין מיין חבר, דער פּאָרוטשיק, נאָך מיר, מיט פּיסטאָלעטן: „זעסטו, זאגט ער, דאָס איז גוט, וואָס דו ביזט שוין אויפגעשטאַנען, שוין צייט, לאָמיר גיין“. מבולבל בין איך געוואָרן, זיך אינגאנצן פאַרלאָרן, אבער מיר זיינען אַרויס פונדעסטוועגן זעצן זיך אין וועגל: „וואַרט דאָ אויף אַ ווײַלע, זאג איך צו אים, — איכ'ל ארײַנלויפן אַף אַ רגע אין שטוב, כ'האָב פאַרגעסן דעם טײַסטער“. און איך בין אַרײַנגעלאָפן איינער אַליין צוריק אין שטוב, גלייך אין קעמערל צו אַפאַנאַסיען: „אַפאַנאַסי, האב איך זיך אנגערופן, — איך האָב דיר נעכטן צוויי מאל געגעבן א פּאַטש אין באַק! זײַ מיר מוחל“, זאג איך. ער האָט זיך געגעבן אַ צאַפּל, פּונקט ווי ער וואָלט זיך דערשראָקן, קוקט אף מיר, — און איך זע, אַז דאָס איז ווייניק, ווייניק, און איך האָב זיך מיטאַמאָל, אַזוי ווי איך בין געשטאַנען אין די עפּאָלעטן, זיך געגעבן אַ וואָרף אים צו די פיס, מיטן שטערן צו דער ערד און אַ זאָג געטאָן: „זײַ מיר מוחל“! דאָ איז ער שוין אינגאַנצן געבליבן אין חלשות: „אייער דורכלויכט, פּאָטערל, פּריץ, וואָס טוט איר... און צי בין איך דאָס דען ווערט“... און ער האָט זיך אַליין פאַנאַנדערגעוויינט מיטאַמאָל, פּונקט ווי איך פריער, פאַרשטעלט מיט ביידע הענט דעם פּנים, זיך אַ קער געטאָן צום פענצטער און האָט זיך דער גאַנצער פאַרצאַפּלט פון טרערן, איך ווידער בין אַרויסגעלאָפן צום חבר, אַרײַנגעשפּרונגען אין וועגל און געגעבן אַ געשריי „פאָר!“ — „האָסטו געזען, שריי איך צו אים, — דעם זיגער, — אָט איז ער לעבן דיר!“ פול בין איך מיט התלהבות,

איך לאַך דעם גאַנצן וועג, איך רעד און איך רעד, איך געדיינק שוין ניט, וואָס איך האָב גערעדט אפילו. קוקט ער אַף מיר און זאָגט: „נו, ברודער, דו ביזט אַ מענטש, איך זע, אַז דו וועסט אונזער ערע ניט פאַרשוועכן". זיינען מיר געקומען אַפן אָרט, און זיי וואַרטן שוין דאָרטן אַף אונז. מ׳האָט אונז צושטעלט, צוועלף טריט איינער פון דעם אַנדערן, אים איז אויסגעקומען צו געבן דעם ערשטן שאס — שטיי איך פאַר אים אַ פריילאַכער, פשוט פנים אל פנים, מיט קיין אויג ניט ווינקענדיק, איך קוק אַף אים פול מיט ליבע, איך ווייס, וואָס איך וועל טאָן. ער האָט אויסגעשאָסן און האָט מיר מער ניט ווי אָנגערירט עטוואָס די באַק און דעם אויער, — „געלויבט איז דער אויבערשטער, האָב איך אויסגערופן, ניט דערהרגעט קיין מענטשן!" און דעם אייגענעם פיסטאָלעט האָב איך אַ כאַפּ געטאָן, זיך געגעבן אַ קער אַף הינטן, מיטן לויף אינדערהויך, אַ וואָרף געטאָן אין וואַלד אַריין: „דאָרטן, שריי איך, — איז פאַר דיר אַ מקום!" זיך געגעבן אַ קער צום קעגנער און אָנגערופן זיך: „געערטער הער, זייט מיר מוחל, אַ נאַרישן יונגן מאַן, וואָס צוליב מיין שולד האָב איך אייך באַעוולט, און איצטער גענויטיקט אייך צו שיסן אין מיר. אַליין בין איך צען מאָל ערגער פאַר אייך, און אפשר נאָך מער. גיט דאָס איבער יענער פּערזאָן, וועמען איר אַכט מער פאַר אַלעמען אַף דער וועלט". ווי איך האָב דאָס נאָר אַרויסגערעדט, — האָבן זיי דאָס זאַלבע־דריט גענומען שרייען: „היתכן, זאָגט מיין קעגנער, — ער איז אַפילו אין כעס געוואָרן, — אויב איר האָט זיך ניט געוואָלט שלאָגן, טאָ צו וואָס האָט איר פאַרדרייט אַ קאָפּ?" — „נעכטן, — ענטפער איך אים, — בין איך נאָך געווען אַ שוטה, און היינט בין איך געוואָרן קליגער", ענטפער איך דאָס אים אַזוי לוסטיק. — „וואָס איר זייט געווען נעכטן, גלויב איך, זאָגט ער, — דאָס אָבער, וואָס איר זייט היינט, איז שווער צו זאָגן לויט אייער באַנעמען זיך". — „בראַוואָ, שריי איך צו אים, און אנגעהויבן פאַטשן מיט די הענט, — איך בין מיט אייך אין דעם אויך מסכים, כ׳האב דאס כשר פאַרדינט!" — „איר וועט שיסן, געערטער הער, צי ניט?" — „ניין, ענטפער איך אים, — אבער איר, אויב איר ווילט, שיסט נאך א מאל, נאר בעסער, אז איר זאלט ניט

שיסן״. עס טענהן אויך די סעקונדאנטן. דערהויפּט מײנער: „ווי קאָן מען דאס מביש זיין דעם פּאלק, שטייענדיק אפן באריער בעטן מחילה? ווען איך וואלט דאס נאר געוואוסט״, האב איך זיך אנידערגעשטעלט פאַר זיי אלעמען און געזאגט שוין ניט לאכנדיק: „מײנע הערן, זאג איך, נישיים זע איז דאס איצטער פאר אונזער צייט א וואונדער צו טרעפען א מענטשן, וואס זאל אליין חרטה האבן אף זיין נארישקייט און בעטן מחילה פאר דאס, וואס ער איז אליין שולדיק קעגן אנדערע?״— ״אבער דאך ניט אפן באריער״ טענהט מיין סעקונדאנט ווייטער. — „דאס איז דאך די מעשה, ענטפער איך זיי, — אט דאס איז דאך טאקע דער וואונדער, ווארים געדאַרפט האב איך בעטן מחילה גלייך ווי מיר זיינען געקומען אהער, נאך איידער זיי האבן געשאסן, און ניט ברענגען זיי צו קיין גרויסער און שווערער עבירה, אבער פאר אזוינע ברואים, זאג איך, האבן מיר זיך אליין געמאכט אף דער וועלט, אז באגיין זיך אזוי איז געווען כמעט ווי אוממעגלאך, ווארים ערשט נאך דעם, ווי איך האב אויסגעהאלטן זייער שאס בא צוועלף טריט, קאנען די ווערטער מיינע איצט עפּעס באטייטן פאר זיי, ווען אבער דאס וואלט געווען פארן שאָס, אז מיר זיינען געקומען אַהער, וואלט איר געזאגט פשוט: ער איז א פחדן, האט זיך דערשראקן פארן פיסטאלעט און ס׳איז אים ניטאָ וואס צו הערן. רבותי, האב איך אויסגערופן פלוצים פון גאנצן הארצן, — גיט א קוק ארום אף די מתנות פון גאט: דער הימל א לויטערער, די לופט א ריינע, דאס גרעזעלע צארט, די פייגעלאך, די נאטור איז א פרעכטיקע און ניט זינדיק, נאר מיר, נאר מיר אליין זיינען זינדיק און זיינען נאראנים און זיינען ניט משיג, אז דאס לעבן איז א גן עדן, ווארים מיר דארפן מער ניט ווי וועלן משיג זיין און ער וועט גלייך אנשטיין אין דער גאנצער פראכט זיינער, לאמיר זיך ארומנעמען און אנהייבן וויינען״... געוואלט האב איך אפילו נאך רעדן, אבער איך בין ניט געווען בכוח, דער אטעם האט זיך אפילו בא מיר פארהאקט, ס׳איז עפּעס אזא מתיקות, א יונגקייט אזא, און אין הארצן שפּיר איך אזא גליק, וואס כ׳האב נאך קיינמאל ניט געשפּירט דעם גאנצן לעבן. „דאס איז אלץ זעער קלוג און זעער שיין, זאגט צו מיר מיין קעגנער, — און יעדנפאלס זייט איר א מענטש אן אריגינעלער״ —

„לאכט אייך, לאך איך אויך רעדנדיק מיט אים, — און שפּעטער אבער ווערט איר דאס אליין לויבן". — „אז איך בין דאך גרייט, זאגט ער, איצטער אויך דאס צו לויבן, לאזט מיר, איך דערלאנג אייך די האנט, ווארים איר זייט, דאכט זיך, באמת אן אויפריכטיקער מענטש". — „ניין, זאג איך, איצטער דארף מען ניט, שפּעטער, אז איכ'ל ערשט ווערן בעסער און פארדינען די אכטונג אייערע, דעמאלט דערלאנגט מיר די האנט, — ווערט איר זיך גוט באגיין". אומגעקערט האבן מיר זיך אַהיים, דער סעקונדאנט מיינער זידלט זיך דעם גאנצן וועג, און איך קוש אים. די רגע האבן אלע חברים דערהערט, מ'איז זיך צונויפ־געקומען משפּטן מיך דעם זעלביקן טאג: „ער האט פארמיאוסט דעם מונדיר, לאז ער זיך אנגעבן אין דעמיסיע", טענהן אלע. עס האבן זיך באוויזן פארטיידיקער אויך: „דעם שאָס, זאגן זיי, האט ער דאך פונדעסטוועגן פארט אויסגעהאלטן". — „ער האט אבער מורא געקראגן פאר די ווייטערדיקע קוילן און געבעטן אפּן באריער מחילה". — „אז ער וואלט מורא געהאט פאר א קויל, ענטפערן די פארטיידיקער, וואלט ער פון זיין פּיסטאלעט דער ערשטער אויסגעשאסן, איידער ער האט נאך געבעטן מחילה, ער אבער האט אים א ווארף געטאן אין וואלד נאך אן אנגעשטעלטן, ניין, דא איז עפּעס געשען אן אנדער זאך, אן אריגינעלע". הער איך דאס, און ס'איז מיר פריילאך קוקנדיק אף זיי: „טייערסטע מיינע פריינד און חברים, זאג איך, האט קיין מורא ניט, אז איך זאל זיך אנגעבן אין דעמיסיע, ווארים איך האב שוין דאס אפּגעטאן, איך האב שוין היינט טאקע אנגעגעבן אין קאנצעלאריע, היינט אינדערפרי, און אז איכ'ל באקומען די דעמיסיע, וועל איך דעמאלט אוועק אין א מאנאסטיר, ווארים צוליב דעם האב איך זיך דאס אויך אנגעגעבן אין דעמיסיע". ווי איך האב דאס נאר ארויסגע־רעדט, האבן זיך אלע ביז איינעם צעקייכט פאר געלעכטער: „וואלסטו דאך דאס אבער גלייך געזאגט, נו, איצטער איז שוין אלץ קלאר, א מאנאך טאר מען ניט משפּטן". דער עולם לאכט, ער ווערט ניט איינגעשטילט, אבער ניט וואס מ'זאל זאגן אפּגעלאכט, נאר מ'לאכט אזוי, עפּעס ווי מ'וואלט מיך געצערטלט, ס'איז אזוי פריילאך, אלע האבן מיך מיטאמאל ליב באקומען, אפילו די סאמע פארביסענע באשולדיקער, און שפּעטער

האט מען מיך דעם גאנצן חודש׳ ביז איך האב ניט באקומען די דעמיסע פונקט ווי געטראגען אף די הענט; „אך דו׳ מאנאך״׳ טענהן זיי׳ און יעדער איינציקער זאגט מיר א ליבן ווארט׳ מ׳האט מיך אנגעהויבן אפצוריעדען׳ אפילו רחמנות האבן אף מיר: „וואס טוסטו מיט זיך? — „ביין׳ זאגן זיי׳ ער איז אונזערער א העלד׳ ער האט אויסגעהאלטן דעם שאָס און געקאנט אויסשיסן פון זיין פיסטאלעט׳ עס האט זיך אים אבער ביינאכט געחלומט א חלום׳ אז ער זאל ווערן א מאנאך׳ אט פארוואס ער טוט דאס״. פונקט דאס אייגענע איז כמעט פארגעקומען אויך צווישן דער שטאטיקער געזעלשאפט. פריער האט מען מיך אפילו גאר שטארק ניט באמערקט׳ מ׳פלעגט מיך מער ניט אויפנעמען מיט פרייד׳ אבער איצטער האבן דאס אלע מיטאמאל גענומען רייסן מיך צו זיך׳ ווי זיי האבן זיך נאר דערוואוסט פון דעם: אליין לאכן זיי אפ פון מיר׳ אבער מיך האבן זיי ליב. אגב וועל איך דא באמערקן׳ אז הגם וועגן אונזער דועל האבן אלע גערעדט דעמאלט אין איין קול׳ נאר די מאַכט האט דעם דאזיקן ענין פארשוויגן׳ וואָרים מיין קעגנער איז געווען אונזער גענעראלס אַ נאָהנטער קרובֿ׳ און היות ווי די זאך איז אריבער אָן בלוט׳ נאָר עפעס אזוי ווי אף געלעכטער׳ און איך האב זיך נאָך דערצו אנגעגעבן אין דעמיסיע׳ האט מען דאס באמת נאָר געמאכט פאר א וויץ. און אָנגעהויבן האב איך דעמאָלט צו רעדן בקול רם און אָן מורא׳ ניט קוקנדיק אף זייער גאנצן געלעכטער׳ וואָרים דאס איז דאָך פונדעסטוועגן געווען א געלעכטער פאָרט אָן א שלעכטן מיין׳ נאָר א גוטער. פאָרקומען ווידער פלעגן אט די אלע שמועסן מער אין די אָוונטן אין דער דאמען־געזעלשאפט׳ די פרויען האבן מיך דעמאָלט מער ליב געקראָגן צו הערן און דאס אייגענע געצוואונגען זייערע מענער. „ווי קאן דאס אבער זיין׳ אז איך זאָל פאר אלעמען זיין שולדיק׳ — לאכט מיר יעדערער אין די אויגן׳ — נו׳ קאן איך דען׳ למשל׳ זיין פאר אייך שולדיק?״ — „ווי אזוי קאָנט איר דאס משיג זיין׳ — ענטפער איך זיי — ווען די גאנצע וועלט איז שוין פון לאנג ארויף אף א נייעם וועג׳ און ווען מיר האלטן דעם היילן שקר פאר אן אמת׳ און מיר פארלאנגען נאָך פון אנדערע פונקט אזא שקר. אָט האָב איך גענומען איין מאל

אפן לעבן און זיך באגאנגען אויפריכטיק, איז אט, זע איך נאר אויס פאר אייך אַלעמען פונקט ווי אַ צעדרייטער: כאָטש אפילו איר האָט מיך ליב געקראָגן, פונדעסטוועגן זאג איך, אז איר לאכט פאָרט אפּ פון מיר". — „ווי זאָל מען אייך דען ניט ליב האָבן?" לאכט צו מיר אפן קול די ווירטן, און צונויפגעקומען איז זיך צו איר א גרויסער עולם. מיטאמאל, זע איך, ווי עס הייבט זיך אויף פון צווישן די דאַמען אָט די זעלביקע יונגע פרוי, צוליב וועלכער איך האב געהאט דעם דועל און וועלכע איך האב נאָך גאָר ניט לאנג געהאלטן פאר מיין כלה, און איך האָב גאָרניט באַמערקט, ווי זי איצט געקומען אפן אָוונט. זי האָט זיך אויפגעהויבן, איז צוגעגאנגען צו מיר, האָט מיר דערלאנגט די האנט און זיך אָנגערופן: „דערלויבט מיר, צו זאָגן אייך, אַז איך די ערשטע לאך נישט אָפּ פון אייך, נאָר פאַרקערט, אז מיט טרערן דאנק איך אייך און איך זאָג ארויס מיין אַכטונג צו אייך פאר אייער דעמאָלטיקן באגיין זיך". גלייך איז צוגעגאנגען דער מאן אירער אויך, און דערנאָך האָבן זיך מיטאמאָל אלע גענומען רוקן צו מיר, שיר וואָס מ'האָט מיך ניט געקושט. פריילאך בין איך אזוי געוואָרן, מער פאר אלעמען האָב איך מיטאמאָל באמערקט דעמאָלט איינעם א הער, שוין א מענטשן אין יאָרן, וואס איז אויך צוגעגאנגען צו מיר, וועמען איך האב שוין אפילו פריער געוואוסט ווי ער הייסט, אָבער קיינמאָל ניט געווען באקענט מיט אים און ביז דעם דאָזיקן אָוונט ניט אויסגערעדט מיט אים אפילו קיין וואָרט.

ד) דער סודות-פולער גאַסט

געווען איז ער אין דער שטאָט אונזערער שוין פון לאַנג אף אַ מלוכה-שטעלע, אַן אָרט פאַרנומען אַן אָנגעזעענעם, אַ מענטש, וועלכן אלע האָבן געאַכט, געווען רייך, געשמט אַלס אַ בעל צדקה, האָט מנדב געווען אַ היפשן קאַפּיטאַל אף אַ מושב זקנים און אף אַ יתומים-הויז און אַ חוץ דעם געטאָן אַ סך מעשים טובים בסתר, אז די וועלט זאָל ניט וויסן, וואָס נאָך דעם טויט זיינעם, האָט זיך אלץ דערנאָך אַרויסגעוויזן. אַלט איז ער געווען קרוב צו פופציק יאָר און אַן אויסזען האָט ער געהאַט כמעט אַ שטרענגן; פלעגט ווייניק

רעדן; נאָך זײַן חתונה ווידער איז ערשט געווען ניט מער ווי אַ יאָר צען; די ווײַב זײַנע איז נאָך געווען אַ יונגע. מיט וועמען ער האָט געהאַט דריי קלײנינקע קינדערלאַך. איז אָט זיך איך זיך אף מאָרגן אין אָוונט באַ זיך אין שטוב. ווי עס עפנט זיך אויף מיטאַ־מאָל די טיר און עס גייט אַריין צו מיר אָט דער זעלביקער הער.

און מ׳דאַרף באַמערקן, אַז געוואוינט האָב איך דעמאָלט שוין ניט אין דער פריערדיקער דירה, נאָר גלייך, ווי איך האָב זיך, אָנגעגעבן אין דעמיסיע, האָב איך זיך אַריבערגעקליבן אף אַ צווייטער באַ איינער אַן אַלטער פרוי, אַן אַלמנה אַ באַאַמטע, געדונגען די דירה מיט איר באַדינונג אויך, ווארים אַריבערגעקליבן זיך אין דער נייער דירה האָב איך נאָר דעריבער, ווייל איך האָב אָפּגעזאַגט אַפּאַנאַ־סיען אין דעם זעלביקן טאָג, ווען כ׳בין געקומען צוריק פון דועלי, אָוועקגעשיקט צוריק אין ראָטע, ווייל נאָך דעם פריערדיקן באַגיין זיך מײַנעם מיט אים, האָב איך זיך געשעמט צו קוקן אים אין די אויגן, — אף אַזוי פיל איז נוטה צו שעמען זיך דער ניט־צוגעגרייטער מענטש פון אונזער זינדיקער וועלט אַפילו אָפּטמאָל פאַר די סאַמע רעכטפאַרטיקע מעשים זײַנע.

„איך הער אייך צו, — רופט זיך אָן צו מיר דער הער, וואָס איז אַריין צו מיר, — שוין פון עטלאַכע טעג אין פאַרשיידענע הייזער מיט גרויס אינטערעס און איך האָב ענדלאַך געוואָלט באַקענען זיך פערזענלאַך, כּדי דורכצורעדן זיך מיט אייך נאָך מער בפרוטרוט. קאָנט איר מיר, מיין הער, טאָן אַזאַ גרויסע געפעליקייט?" — „אוודאי קאָן איך, ענטפער איך אים, מיט דער גרעסטער שמחה און איך וועל דאס האַלטן פאַר אַ גרויסן כּבוד", איך זאָג דאס אים, און אַליין האָב איך זיך כּמעט ווי דערשראָקן, אַזוי האָט ער מיך ביים ערשטן מאָל דעמאָלט פאַרגאַפּט. ווארים כאָטש אַפילו מ׳פלעגט מיך צוהערען און אינטערעסירן זיך, אָבער קיינער איז נאָך מיט אַזאַ ערנסטער און שטרענגער פאַרטיפונג ניט צוגעגאַנגען צו מיר. ער האָט זיך געזעצט. „איך זע, — איז ער ממשיך געווען, — אַז איר האָט אַ גרויסן און שטאַרקן ווילן, ווארים איר האָט קיין מורא ניט געהאַט צו דינען דער גערעכטיקייט אין אַזאַ זאַך, ווי

איר האָט ריזיקירט, אויסצושטיין דעם אַלגעמיינעם האַס פאַר דער אייגענער גערעכטיקייט״. — „איר לויבט מיך אפשר שוין שטאַרק איבערגעטריבענערהייט״ זאָג איך צו אים. „ניין, ס׳איז ניט איבערגעטריבן, — ענטפּערט ער מיר, — גלויבט מיר, אַז שטעלן אַזאַ טראָט איז אַסך שווערער, ווי איר מיינט. אין פלוג, — איז ער ממשיך, — בין איך טאַקע נאָר דערפון נשתומם געוואָרן און צוליב דעם בין איך דאס אויך געקומען צו אייך. באַשרייבט מיר, אויב איר וועט ניט אָפּשטויסן אפשר אַזאַ אומווערדיקע נייגעריקייט מיינע, וואָס דהינו אזוינס האָט איר געשפּירט אין יענעם מאָמענט, בשעת איר האָט ביים דועל באַשלאָסן צו בעטן מחילה, אויב איר קאָנט זיך דאס נאָר דערמאָנען? נעמט ניט אויף די פראַגע מיינע פאַר אַ לייכטזיניקייט; אַדרבה, שטעלנדיק אָט די פראַגע, האָב איך מיין אייגענעם פאַרבאָרגענעם ציל, וואָס איכ׳ל אייך, מן הסתם, שפּעטער דערציילן, ווען דער אויבערשטער וועט אונז נאָך ווען מאַכער נעהנטער צווישן זיך״.

די גאַנצע צייט, בעת ער האָט דאס גערעדט, האָב איך אים געקוקט גלייך אין פּנים און איך האָב מיטאַמאָל דערשפּירט צו אים אַ מוראדיקן צוטרוי, און אַ חוץ דעם, אַ ניט קיין געוויינלאכע נייגעריקייט אויך פון מיין זייט, וואָרים איך האָב דערפילט, אַז ער האלט באַ זיך אין נשמה עפּעס אַן אייגענעם גאר באזונדערן סוד.

— „איר פרעגט, וואס דהינו אזוינס האב איך געשפּירט אין יענעם מאָמענט, בשעת איך האב געבעטן ביים קעגנער מחילה, — ענטפּער איך אים, — איך וועל אייַך אָבער בעסער דערצייַלן פון דעם סאַמן אָנהייב, וואָס פאר אנדערע האב איך נאָך ניט דערציילט״. און איך האב אים דערציילט אַלץ, וואָס עס איז פאָרגעקומען באַ מיר מיט אַפאַנאַסיען און ווי איך האב זיך א בוק געטאָן צו אים ביז דער ערד. „דערפון קאָנט איר אליין זען, — האב איך אים אויסגעפירט, — אַז שוין ביים דועל איז מיר גרינגער געווען, וואָרים אָנגעהויבן האב איך נאך אין שטוב, און קוים בין איך נאָר ארויף אף דעם דאזיקן וועג, איז דאס ווייטערדיקע אלצדינג אַוועק ניט נאר ביט שווער, נאר אפילו מיט שמחה און פרייד״.

אויסגעהערט האט ער, קוקט אזוי גוט אף מיר און זאגט:

„דאס איז אלץ מוראדיק אינטערסאנט. איך וועל נאך צו אייך קומען און קומען". און ער האט אנגעהויבן פון דעמאלט אן צו קומען צו מיר שיר ניט יעדן אוונט. און געווארן וואלטן מיר זעער נאהנט, ווען ער וואלט מיר פון זיך אויך דערציילט. אבער פון זיך האט ער כמעט ווי קיין איין ווארט ניט דערציילט, נאר האט רק אויסגעפרעגט מיך, ניט קוקנדיק אף דאס, האב איך אים זעער ליב באקומען און לחלוטין פארטרויט אים אלע מיינע געפילן, ווארים איך האב געטראכט: „צו וואס דארף איך וויסן די סודות זיינע, איך זע אָן דעם אויך, אז דאס איז א מענטש א תמים, צו דערצו איז דאס נאך א מענטש אזא ערנסטער און ניט מיינער קיין גלייכן אין יארן, און ער גייט צו מיר צו א בחור, און האלט זיך ניט גרויס קעגן מיר, און אסך האב איך געלערנט פון אים ניצלאכע זאכן, ווארים דאס איז געווען א מענטש א גרויסער בעל שכל. „אז דאס לעבן איז א גן עדן, — רופט ער זיך אן פלוצים צו מיר, — ווענן דעם טראכט איך שוין פון לאנג" און איז מיטאמאל מוסיף: „טאקע נאר ווענן דעם טראכט איך דאך". קוקט אף מיר און שמייכלט. „איך בין, זאגט ער, מער פאר אייך איבער־צייגט אין דעם, שפעטער וועט איר זיך דערוויסן פארוואס". הער איך דאס און איך טראכט ביי־זיך: דאס וויל ער געוויס מיר עפעס מסתמא אנטפלעקן". „דער גן עדן, זאגט ער, איז פארבארגן אין יעדן איינציקן פון אונז, אט באהאלט ער זיך איצטער אין מיר אויך, און אז איך וועל וועלן, — וועט ער שוין מארגן אנשטיין פאר מיר באמת און שוין אף מיין גאנצן לעבן". איך קוק אף אים: ער רעדט מיט א געריגטקייט און קוקט סודות־פול אף מיר, פונקט ווי ער וואלט מיך עפעס געפרעגט. „און בנוגע דעם, זאגט ער ווייטער, וואס איט־לאכער מענטש איז פאר אלעמען און פאר אלץ שולדיק, א חוץ פאר זיינע אייגענע עבירות, דאס האָט איר לחלוטין ריכטיק תופס געווען און ס'איז א וואונדער, ווי איר האט מיטאמאל געקאנט תופס זיין דעם דאזיקן געדאנק אין אזא פולקייט. און ס'איז בפירוש אמת, אז ווען די מענטשן וועלן דעם דאזיקן געדאנק תופס זיין, וועט אנשטיין פאר זיי דאס מלכות שמים שוין ניט נאר אין דמיון, נאר אפן וואָר".

— „אבער ווען וועט דאס מקוים ווערן, — האב איך דא אויסגערופן צו אים מיט א צער, און — און צי וועט דאס נאך מקוים ווערן ווען עס איז? צי איז דאס נישט מער ווי א חלום?” — „אָט איר גלויבט שוין ניט, ענטפערט ער, איר פרעדיקט און אליין גלויבט איר נישט. נישטא זייט זשע וויסן, אז דער דאזיקער חלום, ווי איר זאגט, וועט בלתי ספק מקוים ווערן, אין דעם זאלט איר גלויבן, נאר ניט איצטער, ווארים לכל זמן ועת לכל חפץ, דאס איז א רוחניותדיקע זאך, א פסיכאלאגישע. כדי איבערצומאכן די וועלט אף א נייעם שטייגער, דארף מען, אז די מענטשען גופא זאלן פסיכיש זיך א קער טאן אין אן אנדער זייט. איידער מ׳וועט בפועל ניט ווערן יעדערנס קיין ברודער וועט ניט זיין קיין אחדות. קיינמאל וועלן די מענטשן ניט זיין ביכולת דורך קיין שום וויסנשאפט און מיט קיין שום נוץ צו צעטיילן זיך אָן אַן עוולה זייער אייגנטום און זייערע זכיות. רק עס וועט זיין פאר איטלאַכן ווייניק און מ׳וועט רק טענהן, מקנא זיין און אוועקפטרן איינער דער צווייטן. איר פרעגט, ווען וועט דאס מקוים ווערן, עס וועט מקוים ווערן, נאר פריער דארף זיך פארענדיקן די תקופה פון דעם מענטשנס התבודדות.” — „וואס פאר א התבודדות איז דאס?” פרעג איך אים. — „אַזאַ, ווי עס הערשט איצט אומעטום, און דער עיקר אין אונזער יאָרהונדערט, נאר עס האט זיך נאך ניט פארענדיקט אינגאנצן און ס׳איז נאך נישט געקומען זײַן זמן. ווארים יעדער איינציקער רייסט זיך איצט אָפּצוטיילן זײַן אייגענעם נפש וואס מער, וויל אויפנעמען אין זיך אַליין די פולקייט פון לעבן, דערביי אבער קומט ארויס פון אלע זײַנע מאַטערנישן אָנשטאָט פולקייט פון לעבן מער נישט ווי אַ פולקאָמער זעלבסטמאָרד, ווארים אָנשטאָט אינגאנצן צו באשטימען דעם אייגענעם מהות פאלט מען אריין אין אַ פולקאָמען התבודדות, ווארים אלע האָבן זיך אין אונזער יאָרהונדערט צעטיילט אף יחידים, יעדערער פאַרגראָבט זיך אין זײַן אייגענעם ווינקל, איינער פון דעם אַנדערן דערווייטערט זיך, באַהאַלט זיך אויס און וואס ער האט באַהאַלט ער, און ענדיקט מיט דעם, וואס ער ווערט אַליין פון מענטשן אָפּגעשטויסן, און ער גופא שטויסט אָפּ מענטשן פון זיך. ער גראָבט

ביחידות אַ רייכקייט און טראַכט: ווי תּקיף איך בין איצטער און ווי פאַרזאָרגט, און ער ווייס נישט דער שוטה, אַז וואס מער ער גראָבט אַלץ זיין עשירות, אַלץ מער פארגראָבט ער זיך אין אַן אָנמאַכט, וואס איז געגליכן צו זעלבסטמאָרד. וואָרים ער איז געוואוינט געוואָרן צו האָפן אף זיך אַליין און פון דעם כּלל האט ער זיך אָפּגעטיילט אַלס יחיד, האט צוגעוואוינט זיין נשמה ניט צו גלויבן אין קיין מענטשלאכער הילף, אין קיין מענטשן און אין קיין מענטשהייט, און מער ניט ווי ער צאַפּלט זיך איבער דעם, אַז עס וועלן פארפאלן ווערן זיין געלט און די זכיות, וואס ער האט דערוואָרבן. אומעטום הייבט איצטער אָן מיט אַ געשפּעט דער מענטשלאכער פארשטאנד ניט צו פארשטיין, אַז די אמתע באוואָרענונג פון דעם נפש באַשטייט ניט אין זיין אָפּגעזונדערטער אָנשטרענגונג, נאָר אין דער באַהעפטקייט פון דעם גאנצן מענטשלאכן כּלל. אבער עס וועט געוויס זיין אזוי, אַז עס וועט קומען דער סוף צו דער מוראדיקער התבודדות, און אלע וועלן משיג זיין מיטאַמאָל, ווי זיי האָבן זיך אָפּגעזונדערט איינער פון דעם אַנדערן ניט על פּי דרך הטבע. אזוי וועט שוין זיין די שטרעמונג פון דער צייט, און מ׳וועט זיך וואונדערן פון דעם, וואס אזוי לאַנג איז מען געזעסן אינדערפינצטער, און מ׳האט ניט געזען דאס ליכט. דעמאָלט וועט זיך אויך באַווייזן אפן הימל דער דגל פון גאָטס זון... אבער ביז דעמאָלט מוז מען פונדעסטוועגן היטן דעם דגל און ווי־ניט־אפילו מוז פונדעסטוועגן דער מענטש כאָטש אלס יחיד באַווייזן אַ משל און ארויספירן די נשמה פון התבודדות צו מעשים פון אחדות און ברידערלאַכער ליבשאפט, עס מעג זיך אפילו זיין אין דער בחינה פון אַ גאָטס־תּם. דאס איז דעריבער, כּדי דער גרויסער געדאַנק זאל ניט אוועקשטארבן...

אט אין אזוינע פלאמיקע און התלהבותדיקע שמועסן פלעגן אריבער די אוונטן אונזערע איינער נאכן צווייטן. איך האב אפילו געלאזן די געזעלשאפט און אסך זעלטענער אנגעהויבן גיין אין געסט, א חוץ דעם, וואס די מאדע אף מיר האט שוין אויך אנגעהויבן אריבערגיין. איך זאג דאס ניט, כּדי עמיצן דן צו זיין, וואָרים מ׳האט מיך נאך ווייטער ליב געהאט און זיך מיט פרייד באצויגן צו מיר; דאס אבער,

וואס די מאדע האט באמת ניט קיין קליינע שליטה אין דער וועלט. דאס דארף מען פארט מודה זיין. נאר וואס ס׳איז שייך דעם סודות־פולן גאסט מיינעם האב איך אנגעהויבן לסוף קוקן אף אים מיט התפעלות, ווארים, אויסער דער מתיקות, וואס איך האב געהאט פון זיין שכל, האב איך אנגעהויבן שפירן, אז ער טראגט זיך ארום מיט עפעס א כוונה און ער גרייט זיך אפשר צו באגיין גרויסע מעשים. עס קאן זיין, אז דאס איז אים אויך געפעלן געווארן, וואס לפנים בין איך ניט געווען נייגעריק צו וויסן וועגן דעם סוד זיינעם, ניט דירעקט, ניט מיט קיין וואונק ניט פאנאנדערגעפרעגט זיך. נאר באמערקט האב איך, צום סוף, אז אויך ער אליין האט שוין אזוי ווי אנגעהויבן צו מאטערן זיך מיטן פארלאנג אנטפלעקן פאר מיר עפעס. על כל פנים, איז דאס שוין זעער געווארן בולט אן ערך אין א חודש ארום, נאכדעם ווי ער האט אנגעהויבן גיין צו מיר. „וויסט איר, — האט ער מיך איינמאל געפרעגט — אז אין שטאט איז מען זעער נייגעריק פון אונז ביידן און מ׳וואונדערט זיך פון דעם, וואס איך גיי צו אייך אזוי אפט; נאר ס׳ א דאגה, ווארים באלד וועט אלצדינג קלאר ווערן״.

אפטמאל פלעגט פלוצים אנפאלן אף אים א גוואלטיקע אויפרעגונג, און כמעט ווי שטענדיק פלעגט ער אין אזוינע פאלן אויפהייבן זיך און אוועקגיין. אן אנדערש מאל ווידער פלעגט ער קוקן לאנג און אזוי ווי דורכגעדרונגענערהייט אף מיר, — פלעג איך טראכטן: „עפעס וועט ער שוין מסתמא באלד זאגן״. אבער ער פלעגט פלוצים איבער־רייסן און אנהייבן רעדן וועגן עפעס א באוואוסטער און געוויינלאכער זאך. האט אויך אנגעהויבן אפט צו קלאגן זיך, אז ער האט קאפ־ווייטאק, און אט איינמאל, אינגאנצן אפילו אומגעריכטערהייט, נאך דעם, ווי ער האט גערעדט א לאנגע צייט און מיט פלאם, זע איך, ווי ער איז מיטאמאל געווארען בלייך, דער פנים זיינער אינגאנצן זיך אויסגעקרימט, און ער גופא קוקט עפעס אף מיר אזוי שארף.

— וואס איז אייך? — האב איך אים געפרעגט, — צי איז אייך אפשר ניט גוט געווארן? — ווארים ער פלעגט זיך דאך רק קלאגן אף קאפ־ווייטאק.

— פארשטייט איר מיך··· איך האָב··· איך האָב··· דער־הרגעט אַ מענטשן.

האָט דאס אַ זאָג געטאָן, און שמייכלט. אַליין אבער איז ער ווייס, ווי קאַלך, וואס שמייכלט ער דאס? — האט מיר דער דאזיקער געדאנק פּלוצים דורכגעשטאָכן דאס האַרץ נאָך איידער איך האָב עפּעס־וואס פארשטאנען. איך אַליין בין איך בלייך געוואָרן.

— וואס איז מיט אייך? — האב איך אויסגערופן צו אים.

— זעט איר, — ענטפערט ער מיר אַלץ מיט אַ בלייכן שמייכעלע, — ווי טייער עס האט מיר געקאסט צו זאָגן דעם ערשטן וואָרט. איצטער האָב איך געזאָגט און, דאַכט זיך, אַז איך בין שוין אפּן וועג. כ׳וועל שוין אוועקפאָרן.

אַ לאנגע צייט האב איך אים נישט געגלויבט, און ניט מיט איין מאָל האב איך אים אָנגעהויבן גלויבן אויך, נאָר ערשט נאָך דעם, ווי ער איז דריי טעג געגאנגען צו מיר און אַלצדינג דערציילט בפּרוטרוט. געהאלטן האב איך אים פאר אַ געררירטן, אבער לסוף איז פאר מיר געוואָרן קלאָר, אז דאס איז ריכטיק, בא מיין גרעסטן עגמת נפש און פארוואונדערונג. באגאנגען איז ער א גרויסן און מוראדיקן פארברעך, מיט פערצן יאָר צוריק, קעגן איינער א רייכער יונגער דאַמע, אַן אמתער יפת־תאר, אַן אלמנה־א פּריצטע, וואס האט געהאט באַ אונז אין שטאָט אַן אייגן הויז אף צו האבן וואו צו פאר־פאָרן. דער׳שפּירט האט ער צו איר אַ גרויסע ליבע, און האט זיך איר דערקלערט און אָנגעהויבן איבערצורעדן זי זאָל חתונה האבן מיט אים. אבער זי האט שוין אוועקגעגעבן איר האַרץ אַ צווייטן, איינעם א חשובדיקן מיליטער־מאן מיט א ניט קיין קליינעם טשין, וואס איז דעמאָלט געווען אף מלחמה, און אף וועמען זי האט פונ־דעסטוועגן געווארט, אז ער וועט באַלד קומען צו איר. דעם אָנבאָט זיינעם האט זי אָפּגעווארפן, און אים געבעטן מער ניט צו קומען צו איר. אויפגעהערט צו קומען, האט ער, וויסנדיק דעם פּלאַן פון איר שטוב, זיך ארייגעקליבן צו איר ביינאכט פון סאָד דורכן דאַך, מיט דער גרעסטער געוואַגטקייט, ריזיקירנדיק מ׳זאל אים כאַפּן. ווי עס טרעפט זיך אבער זעער אָפט, גיבן זיך גראָד איין אָט די אלע

פאַרבערכן, וואָס מ׳באַגייט מיט דער גרעסטער געוואַגטקייט, גיכער
פאַר אַנדערע. נאָכדעם ווי ער האָט זיך אַריינגעקליבן דורכן פענצ־
טער פון דאַך אויפן בוידעם, האָט ער זיך מיטן לייטער פון בוידעם
אַראָפּגעלאָזן צו איר אַף־אונטן אין די באַוואוינטע חדרים, ווייסנדיק,
אַז די טיר, וואָס ס׳איז געווען אונטן בײַ די טרעפּ, איז, צוליב דער
נאָכלעסיקייט פון די דינער, ניט תּמיד פאַרשלאָסן. האָט געהאַפּט
אַף דער דאָזיקער אָפּגעלאָזנקייט אויך דאָס מאָל, און כּך־הוה, דורכ־
געקליבן זיך אין די באַוואוינטע חדרים, איז ער, אינדערפינצטער,
אַריין אין איר שלאָפצימער, וואו עס האָט געברענט אַ לעמפל. ווי
אַף להכעיס זיינען אירע ביידע מיידלאַך, שטילינקערהייט, ניט פרעגנדיק
זיך בײַ איר, אוועק דערבײַ אַף אַ שמחהלע פון אַ געבורטס־טאָג,
וואָס איז געווען טאַקע אין דער זעלביקער גאַס. ווייטער, די איבע־
ריקע שטוב־מענטשן און די מיידלאַך זיינען געשלאָפן אין זייערע
חדרים און אין קיך, אַף דעם אונטערשטן עטאַזש. דערזעענדיק זי
אַ שלאָפעדיקע, האָט זיך אויפגעפלאַקערט אין אים די ליידנשאַפט,
און דערנאָך האָט אָנגעכאַפּט זיין האַרץ אַ צאָרן פון נקמה און איי־
פערזוכט, און, ניט געדיינקענדיק זיך, ווי אַ שכּורער, איז ער צוגע־
גאַנגען און אַריינגעשטאָכן איר אַ מעסער גלייך אין האַרצן, אַזוי
אַז זי האָט אַפילו קיין געשריי ניט געטאָן. דערנאָך האָט ער אַף
אַ טייוולשן און רציחהדיקן אופן געמאַכט אַזוי, אַז מ׳זאָל מיינען, אַז
דאָס האָבן געטאָן די שטוב־מענטשן: האָט זיך ניט געשעמט צו צו־
נעמען איר טייסטער, אויפעפענען מיט די שליסלען, וואָס ער האָט
אַרויסגענומען פון אונטערן קישן, דעם קאָמאָד און אַרויסכאַפּן פון
דאָרטן איינציקע חפצים, טאַקע אַזוי, ווי עס וואָלט געמאַכט אַ נאַר
אַ דינער, דאָס הייסט, די ווערט־פּאַפּירן האָט ער געלאָזן, און צוגע־
נומען מער ניט ווי די געלט, צוגענומען עטלאַכע גרעסערע גילדענע
חפצים, אָבער די טייערסטערע חפצים אין צען מאָל, נאָר קליינע,
האָט ער געלאָזן. האָט נאָך עפּעס אַרויסגעכאַפּט זיך אַף צום אָנ־
דענקען, נאָר וועגן דעם שפּעטער. אָפּגעטאָן אָט די אימהדיקע זאַך,
איז ער אַרויס מיטן פריערדיקן וועג. ניט אַף מאָרגן, בשעת עס
האָט זיך אויפגעהויבן דער טומל, ניט דעם גאַנצן לעבן דערנאָך, איז

קיין איינעם אפילו אין רעזין ניט איינגעפאלן צו וואַרפן אַ חשד אף דעם אמתן מערדער! נאָר עס האט גאר גלאַט קיינער ניט געוואוסט פון זיין ליבע צו איר׳ ווארים געווען איז ער בטבע שטענדיק אַ שוויי־גער און אַ פארשלאָסענער׳ און קיין פריינד׳ וועמען ער וואָלט גע־קאָנט פארטרויען די הארץ זיינע׳ האט ער נישט געהאט. געהאלטן האט מען אים פשוט פאר אַ באקענטן פון דער דערהרגעטער׳ און אפילו גאָרנישט פאר אזא נאָהנטן אירן׳ ווארים די לעצטע צוויי וואָכן איז ער אפילו גאָרניט געקומען צו איר׳ האט מען טאַקע גלייך חושד געווען איר לייב־אייגענעם דינער׳ פיאָטערן׳ און׳ מעשה שטן׳ איז גראָד אַלץ אזוי אויסגעקומען, אז מ׳זאָל קאָנען באַפעסטיקן דעם דאָזיקן חשד׳ ווארים דער דאָזיקער דינער האט געוואוסט׳ און די פארשטאָרבענע האט אליין אויך ניט געמאַכט קיין סוד דערפון׳ אַז היות׳ ווי ער איז געווען אליין׳ ווי פון א שטיין׳ און האט זיך נאך ועל כולם שלעכט אויפגעפירט׳ האט זי געהאט בדעה אפגעבן אים פאר אַ סאָלדאַט׳ אפן חשבון׳ וואס עס קומט פון אירע פויערים א רעקרוט. מ׳האט געהערט׳ ווי ער האט אינכעסערהייט׳ אַ שכורער׳ געסטראַשעט אין שיינק׳ אַז ער וועט זי דערהרגענען׳ און גראָד מיט צוויי טעג פאר איר טויט איז ער נעלם געווארן און האט געלעבט ערגעץ אין שטאָט אין פארוואָרפענע ווינקלען׳ אף מאָרגן ווידער׳ נאָך דעם מאָרד׳ האט מען אים געפונען ליגנדיק אפן וועג׳ ביים ארויספאָר פון שטאָט׳ א טויט־שיכורן מיט א מעסער אין קעשענע׳ און די רעכטע דלאָניע איז נאָך עפעס געווען איינגעריכט אין בלוט אויך׳ געטענהט האט ער׳ אַז בא אים איז געגאנגען בלוט פון נאָז׳ נאָר מ׳האט אים ניט גע־גלויבט׳ ווייטער׳ די שטוב־מיידלאך האָבן זיך מודה געווען׳ אַז זיי זיינען געווען אף דער שמחה׳ און אַז די גאַס־טיר פון גאַניק איז געבליבן אָפן ביז זיי זיינען געקומען צוריק׳ און אַ חוץ דעם האבן זיך נאך גלאַט באוויזן אַסך ענלאכע סימנים צו די׳ לויט וועל־כע מ׳האט דעם אומשולדיקן דינער פארהאלטן׳ מ׳האט אים אַרעס־טירט און אָנגעהויבן פירן דעם משפט׳ נאָר גראָד אין אַ וואָך ארום איז דער ארעסטירטער קראַנק געוואָרן פון א שטאַרקער קדחת און איז געשטאָרבן אין שפיטאָל ניט ביים זינען׳ דערמיט האט זיך די

מעשה פאַרענדיקט, מ׳האט איבערגעגעבן די זאַך דעם רצון פון דעם אויבערשטן, און אלע, סײַ די ריכטער, סײַ די מאַכט, סײַ גאַנץ שטאָט, זײַנען געווען בטוח, אַז באַגאַנגען דעם פאַר־ברעך איז ניט קיין אנדערער ווי דער פאַרשטאָרבענער דינער, און נאָך דעם האט זיך אָנגעהויבן פאַר אים די שטראָף.

דער סודות־פולער גאַסט, און איצט שוין דער פריינד מײַנער, האָט מיר דערציילט, אַז אין אָנפאַנג האט ער זיך אפילו גאָרניט געפלאָגט פון קיין געוויסן־ביסן. געפלאָגט זיך האט ער לאַנג, אָבער ניט דערפון, נאָר מער ניט ווי פון פאַרדרוס, וואס ער האט דערהרגעט אַ געליבטע פרוי, וואס זי איז שוין מער ניטאָ, וואס דערהרגענענדיק זי, האט ער דערהרגעט די ליבע זײַנע, בשעת דער פײַער פון דער תאוה איז געבליבן אין זײַנע בלוטן, אָבער פון פאַרגאסענע אומשולדיקע בלוט, פון דעם דערהרגענעם א מענטשן האט ער דעמאָלט כמעט ווי ניט געטראַכט אפילו. דער געדאַנק ווידער וועגן דעם, אז דער קרבן זײַנער האט געקאָנט ווערן די ווײַב פון א צווייטן, האט אים אויסגעזען פאַר אוממעגלאַך, און דעריבער איז ער א לאַנגע צייט געווען בטוח אין דער רעכטפאַרטיקייט זײַ־נער, אז ער האט ניט געקאָנט אפילו באַגיין זיך אנדערש. געמאַ־טערט האט אים אין אנפאנג א ביסל דער ארעסט פון דעם דינער, נאָר די גיכע קראַנקייט און דערנאָך דעם ארעסטאַנטס טויט האט אים באַרויִקט, וואָרים געשטאָרבן איז ער, ווי מ׳זעט דאס באַשײַנ־פערלאַך (האט ער געטראַכט דעמאָלט), ניט פון דעם ארעסט אדער פון שרעק, נאָר פון פאַרקילונג, וואס ער האט גראַד געקריגן אין די טעג פון זײַן ארומלויפן, בעת ער האט, א טויט־שיכּורער, זיך גע־וואַלגערט א גאַנצע נאַכט אף דער פײַכטער ערד. וואס ס׳איז שייך די געגנבעטע חפצים און די געלט האט דאס אים קנאַפּ־וואס געאַרט, וואָרים באַגאַנגען געוואָרן איז די גנבה (אַזוי האט ער אַלץ געטראַכט) ניט צוליב קיין תּכלית, נאָר כּדי אָפּצוּוואַרפן דעם חשד אף אן אנ־דער זײַט. ווײַטער, האט די גאַנצע סומע פון די געגנבעטע זאַכן באַטראָפן ניט פיל און ער האט באַלד אָט די גאַנצע סומע, און אפשר נאָך אסך א גרעסערע, מנדב געווען אף א מושב זקנים, וואס

מ׳האט געעפנט בא אונז אין שטאָט· מיט א כיוון האט ער דאס געמאכט אף צו בארואיקן דעם געוויסן וועגן דער גנבה און׳ מערק־ווירדיק׳ אף א געוויסער צייט׳ אף א היפשער צייט אפילו׳ האט ער זיך באמת בארואיקט׳ — אזוי האט ער מיר אליין איבערגעגעבן׳ אריינגעווארפן האט ער זיך דעמאלט צו ארבעטן אין א גרויסן אַמט· האט זיך אליין איינגעבעטן אף א שווערער און הארבער שטעלע׳ וואו ער איז געווען פארנומען א יאָר צוויי און׳ האבנדיק א שטארקן כאַראַקטער׳ פלעגט ער זיך כמעט ווי פארגעסן אָן דעם׳ וואס ס׳איז פריער געשען; אז ער פלעגט זיך א מאל יע דערמאָנען׳ פלעגט ער זיך סטאַרען ניט צו טראכטן וועגן דעם אינגאנצן· האט זיך ארײַנ־געלאזן אויך אין צדקה־זאכן׳ האט אסך אויפגעטאן און האט פיל מנדב געווען פאר אונזער שטאָט· געלאזט הערן פון זיך אויך אין די הויפט־שטעט· איז אויסגעקליבן געווארן אין מאָסקווע און אין פעטערבורג אלס א מיטגליד פון די דארטיקע צדקה־חברות· האט אבער׳ סוף כל סוף׳ פארט אנגעהויבן צו פארטראכטן זיך פלאגנדיק זיך גאר ניט נאך זיינע כוחות נאך׳ דא איז אים געפעלן געווארן א זעער שיינע מיידל א בר־דעת׳ און ער האט בקרוב חתונה געהאט מיט איר׳ חלומענדיק׳ אז מיט דעם׳ וואס ער וועט חתונה האבן׳ וועט ער פארטרייבן דעם איינזאמען אומעט זיינעם און׳ ארויפגייענדיק אף א נייעם וועג און דערפילנדיק בלב ונפש דעם חוב זיינעם בנוגע ווײַב און קינדער׳ וועט ער זיך לחלוטין דערווייטערן פון די אלטע זכרונות· אבער ס׳איז פונקט געשען דער היפך פון דעם׳ וואס ער האט דערוואַרט· שוין דעם ערשטן חודש נאך דער חתונה האט אים אנגעהויבן ניט אפצולאזן א שטענדיקע מחשבה: „אט האט מיך די פרוי מיינע ליב׳ ווען זי וואלט זיך אבער דערוואוסט?” אז זי האט אָנגעהויבן טראָגן מיט דעם ערשטן קינד און זי האט דאס אים גע־זאגט׳ איז ער מיטאמאל מטושטש געווארן: „איך גיב א לעבן׳ און אליין האב איך אוועקגענומען א לעבן”· זיי האבן אנגעהויבן האָבן קינדער: „ווי טאָר איך זיי ליב האבן׳ לערנען זיי און מדריך זיין זיי”׳ ווי וועל איך קאנען רעדן פאר זיי פון מעשים טובים: איך האב פארגאסן בלוט”· די קינדער זיינען שיין׳ ווי די זיבן זונען׳ עס

ווילט זיך זיי צערטלען: „איך טאר אבער ניט קוקן אף זייערע אומ־שולדיקע, ליכטיקע פנימער, איך בין דאס ניט זוכה". צום סוף האט אים אנגעהויבן זעער שווער און ביטער צו נאָגן די בלוט פון דעם דערהרגעטן קרבן, דער פארלארענער יונגער לעבן אירער, די בלוט, וואס עס שרייט נאך נקמה. עס האבן זיך אים אנגעהויבן צו חלומען מוראדיקע חלומות. האבנדיק אבער א פעסטע הארץ, האט ער אריבערגעטראגן די מאטערניש א לאנגע צייט: „איכ׳ל אויסקויפן אלצדינג מיט דעם דאזיקן פארבארגענעם מאטערן זיך מיינעם". אבער אומזיסט איז געווען א ויך די דאזיקע האפענונג: וואס ווייטער איז אלץ שטארקער געווארן זיין אפקומען. אין דער וועלט האט מען אים, פאר זיינע צדקה־מעשים, אנגעהויבן אפצוגעבן כבוד, כאטש אפילו אלע האבן מורא געהאט פאר זיין שטרענגן און פינצטערן כאראקטער, נאר וואס מער מ׳האט אים אנגעהויבן אפצוגעבן כבוד, דאס אלץ איז אים געווארן אומדערטרעגלאכער. האט זיך מודה גע־ווען פאר מיר, אז ער האט שוין געהאט בדעה זיך צו נעמען דעם לעבן. אָנשטאָט דעם אבער האט אים אנגעהויבן ניט אָפּצולאזן אן אנדער געדאנק, — א געדאנק, וועלכן ער האט אין אנפאנג געהאלטן פאר אוממעגלאך און ווילד, וואס האט זיך אבער, סוף כל סוף, אזוי איינגעגעסן אין זיין מוח, אז ער האט נישט געקאנט בא־פרייט ווערען פון אים. געטראכט האט ער אזוי: אויפהייבן זיך, ארויסגיין פאר כל עם ועדה און מודיע זיין אלעמען, אז ער האט דערהרגעט אַ מענטשן. א יאָר דריי איז ער ארומגעגאנגען מיט דעם דאזיקן געדאנק, ער פלעגט אים ניט אפלאזן אלץ אין פארשיידענע פאָרמען. צום סוף האט ער אנגעהויבן גלויבן בלב ונפש, אז ווען ער וועט זיך מודה זיין אין זיין פארברעך, וועט ער בלתי ספק אויסהיילן די נשמה זיינע און וועט זיך בארואיקן איינמאל פאר אלעמאל. אבער, איינגעגלויבט זיך, האט ער דערשפירט אין הארצן אן אימה, ווארים ווי זאל מען דאס מקים זיין? ערשט מיטאמאל איז פארגעקומען דער דאזיקער צופאל מיט מיין דועל. „קוקנדיק אף אייך, האב איך זיך איצטער אנטשלאסן".

— נישיים זע, — האב איך אנקוקנדיק אים אויסגערופן,

געבנדיק א פּאַטש מיט די הענט· — נישיים זע האט אזא קליינער צופאל געקאנט געבארן מאכן אזא אנטשלוס בא אייך ?

— דער אנטשלוס מיינער האט דריי יאָר געהאלטן אין געבאָרן ווערן· — ענטפערט ער מיר· — און דער צופאל אייערער האט אים געגעבן מער ניט ווי א שטויס· קוקנדיק אף אייך· האב איך זיך אויפגעוואָרפן און האב אייך מקנא געווען· — האט ער דאס מיר א זאג געטאן אפילו מיט א כעס·

— מ׳וועט דאָך אייך אבער ניט גלויבן אפילו· — זאג איך צו אים· — ס׳איז שוין פערצן יאָר א מעשה·

— איך האב באוויזן· גרויסע באוויזן· איכ׳ל דאס צושטעלן· און איך האב זיך פאנאנדערגעווײנט דעמאָלט· האב אים געהאלזט·

— אבער איין זאך זאגט מיר· איין זאך! — האט ער זך אנ־גערופן צו מיר (עפּעס פונקט ווי פון מיר איז דאס שוין איצט אלץ אפּגעהאַנגען): — די ווייב· די קינדער! די ווייב וועט דאָך אפשר שטארבן פאר צרות· און די קינדער כאָטש אפילו זיי וועלן ניט פאר־לירן דעם אדעלטום און דעם הויף· — זיינען זיי דאך אבער קינדער פון א גנב און גזלן· אף אויביק· היינט דער אנדנקען· וואס פאר אן אנדענקן וועל איך לאָזן נאך זיך אין זייערע הערצער·

שווייג איך·

— היינט דער צעשיידן זיך מיט זיי· לאָזן זיי אף אויביק? דאס איז דאָך אף אויביק· אף אויביק!

— זיץ איך· שטילערהייט שעפּטשע איך א תּפילה אין זיך· האב איך זיך אויפגעהויבן ענדלאך· איך האב גענומען ציטערן·

— הכלל? — קוקט ער אף מיר·

— גייט· — זאג איך· — זייט מודיע מענטשן· אלצדינג וועט פארבייגיין און דער אמת אליין וועט בלייבן· די קינדער וועלן פארשטיין· אז זיי וועלן אויסוואקסן· וויפל גרויסמוטיקייט עס איז געווען אין דעם גרויסן באשלוס אייערן·

אוועק איז ער דעמאָלט פון מיר ווי באמת אנטשלאָסענערהייט· איז אבער דערנאך פּאָרט ווי צוויי וואָכן צייט געגאנגען צו מיר· אָוונט אין אָוונט· האט זיך רק מכין געווען· האט זיך רק ניט

געקאנט אנטשליסן, אויסגעמאטערט האט ער מיין הארץ. מיטאמאָל, קומט ער צו גיין א פעסטער און זאגט מיט א געריכטקייט:

— איך ווייס, אַז עס וועט אנשטיין דער גן עדן פאר מיר, וועט אָנשטיין די רגע, ווי איכ׳ל ארויסגעבן, פערצן יאָר בין איך געווען אין גיהנום, אפקומען וויל איך, איך וועל מקבל זיין די אָפקומעניש און איך וועל אָנהייבן לעבן, מיט שקר קאן מען אפלעבן א לעבן און אף צוריק ניט קאנען כאפן זיך, איצטער איז ניט נאָר וואס מיינעם א נאָהנטן, נאָר אפילו די קינדער מיינע דערוועג איך זיך ניט ליב צו האבן, גאָטעניו, די קינדער וועלן דאָך אבער אפשר יע פארשטיין, וויפל עס האבן מיר געקאָסט מיינע ליידן, און וועלן מיך ניט דן זיין! ניט אין כוח, נאָר אין גערעכטיקייט איז די מאכט פון גאָט.

— אלע וועלן פארשטיין די גבורה אייערע, — זאג איך צו אים, — אויב ניט איצטער, וועט מען פארשטיין שפעטער, וואָרים איר האט דעם אמת געדינט, דעם העכערן אמת, ניט דעם אמת פון עולם הזה...

און ער גייט אוועק פון מיר, אזוי ווי געטרויסט, אבער אף מאָרגן קומט ער פלוצים פונדאָסניי א בייזער, א בלייכער, רעדט מיט א געשפעט:

— יעדעס מאל, ווען איך גיי אריין צו אייך, קוקט איר מיט אזא נייגעריקייט: „האט נאָך אלץ הייסט עס, ניט ארויסגעגעבן?" ציט־אויף, פאראכט מיך ניט אזוי. דאס איז דאָך ניט אזוי לייכט צו טאָן, ווי אייך דאכט זיך. איכ׳ל דאס אפשר נאָך גאָר אינגאנצן ניט טאָן. איר וועט דאָך ניט גיין מסרן אף מיר, האַ?

און איך פלעג ניט נאָר וואס ניט קוקן אף אים מיט קיין נאַרישער נייגעריקייט, נאָר איך פלעג אפילו מורא האבן א קוק צו טאָן אף אים. אויסגעמאטערט בין איך געווען ביז קראנקייט, און די נשמה מיינע איז געווען פול מיט טרערן. איך האב אפילו אויפגעהערט צו שלאפן ביינאכט.

— דאס קום איך איצט, — רעדט ער ווייטער, — פון מיין ווייב. פארשטייט איר דען, וואס אזוינס א ווייב איז? בעת איך

בין ארויסגעגאנגען, האבן די קינדערלאך א געשריי געטאן צו מיר: „א גוטן, פאפא, קומט באלד צו גיין לייענען מיט אונז די קינדער־מעשהלאך". ניין, איר פארשטייט דאס ניט? פרעמדע צרות איז ניט קיין רבי.

ער גופא האט אנגעהויבן פינקלען מיט די אויגן, די ליפן האבן גענומען שפרינגען. מיטאמאָל האט ער געגעבן א קלאפ מיט דער פויסט אן טיש, אזוי אז אלצדינג, וואס ס'איז געשטאנען אפן טיש האט א שפרונג געטאָן, — דאכט זיך אזא ווייכער מענטש, צום ערשטן מאל האט זיך דאס געטראָפן מיט אים.

— צי דארף מען דאס גאָר? — האט ער אויסגערופן, — צי דארף מען דאס גאר? קיינער איז דאָך ניט פארמשפט געוואָרן, מ'האט דאָך קיין איינעם צוליב מיר ניט פארשיקט אף קאַטאָרגע, דער דינער איז געשטאָרבן פון א קראנקייט. און פאר די בלוט, וואס איך האב פארגאָסן, בין איך גענוג אפגעקומען. היינט מ'וועט מיר גאָרניט אָנהויבן צו גלויבן אויך, מ'וועט קיין שום באווייזן מיינע ניט גלויבן. צי דארף מען גאָר ארויסגעבן, צו דארף מען גאָר דאס? פאר די פארגאָסענע בלוט בין איך נאָך גרייט דעם גאנצן לעבן אפצוקומען, כדי נאָר ניט אומצוברענגען די ווייב און די קינדער. צי איז דאס גאָר א יושר, אוועקפטרן זיי אויך מיט זיך? צי זיינען מיר זיך ניט טועה? וואו איז דאָ דער אמת? און צי וועלן גלאט די מענטשן דערקענען דעם דאָזיקן אמת, צי וועט מען אים שעצן, אים ערן?

„גאָטעניו!" טראכט איך אין זיך, „וועגן ערע פון מענטשן טראכט ער אין אזא רגע!" און ס'איז מיר געוואָרן דעמאָלט אזא רחמנות אף אים, אז איך וואָלט, דאכט זיך, אליין געוואָלט זיין אף זיין אָרט, מער ניט גרינגער צו מאכן אים. איך זע, אז ער איז ווי ווילד, פארציטערט בין איך געוואָרן, בעת איך האב פארשטאנען שוין ניט נאָר מיטן קאָפּ אליין, נאָר מיטן גאנצן הארצן, וואס אזוינס אזא טראָט באטייט.

— טאָ באשטימט זשע דעם גורל! — האט ער נאך א מאל אויסגערופן.

— גייט און זייט מודיע, — האב איך א שעפטשע געטאן צו

אים. עס האט מיר געפעלט קול, נאר א שעפטשע געטאן האב איך פעסט. דא האב איך גענומען פון טיש דעם ברית החדשה, די רוסישע איבער־זעצונג, און געוויזן אים דעם עוואַנגעליום פון יאָהאַנעס, קאפיטל 12, פסוק 24: „פארוואָר, פארוואָר איך זאג אייך: אויב דאס קערנדל ווייץ פאלט אין דער ערד און שטארבט ניט, בלייבט עס אליין; שטארבט עס אבער, ברענגט עס פירות אסך". איך האב דעם דאָזיקן פסוק געהאט נאר־וואס איבערגעלייענט פאר זיין קומען.

איבערגעלייענט האט ער און געגעבן א זאג: „אמת", האט אבער דערביי ביטער א שמייכל געטאן: „אוודאי, האט ער מוסיף געווען שווייגנדיק א ווײַלע, — אין די דאזיקע ספרים איז א מורא, וואס מ׳קאן געפינען אזוינס, אונטערצורוקן דאס אונטערן נאז איז א גרינגע זאַך, ווער זשע אבער האט דאס געשריבן, נישיים זע א מענטש?"

— דער הייליקער גײַסט האט דאס געשריבן, — זאג איך.

— ס׳איז אייך גרינג צו פלאפלען, — האט ער ווייטער א שמייכל געטאן, אבער שוין כמעט מיט האַס. איך האב גענומען נאָך א מאל דעם ספר, אויפגעמישט א צווייטע שטעל און געוויזן אים די „בריוו צו די אידן", דעם קאפיטל 10, פסוק 31. ער האט איבערגעלייענט.

„ס׳איז פאָרכטיק ארייַנצופאלן אין די הענט פון דעם לעבע־דיקן גאט", האט איבערגעלייענט און א וואָרף געטאן פון זיך דעם ספר: האט זיך אזש דער גאנצער פארצאפּלט.

— א מוראדיקער פסוק, — זאָגט ער, — ניטאָ וואס צו רעדן. איר האט גוט צוגעקליבן. האט זיך אויפגעהויבן פון שטול און געגעבן א זאג: — נו, א גוטן, איך וועל אפשר מער ניט קומען... אין גן עדן וועלן מיר זיך זען. הייסט עס, ס׳איז שוין פערצן יאָר, ווי איך בין „ארײַנגעפאלן אין די הענט פון דעם לעבעדיקן גאָט" — אָט, הייסט עס, וואס עס באטייטן, די דאָזיקע פערצן יאָר. מאָרגן וועל איך געבן א בעט די דאָזיקע הענט, זיי זאלן מיך אפלאזן...

איך האב געהאט געוואָלט ארומנעמען אים און אויסקושן אים נאר איך האב זיך ניט דערוועגט — אויסגעקרימט איז אזוי געווען דער פנים זיינער און ער האט געקוקט אזוי שווער. ער איז ארויס.

„גאָטעניו׳ האב איך א טראכט געטאן׳ וואוהין איז דאס אוועק אָט דער מענטש!“ א וואָרף געטאן זיך האב איך גלייך אף די קני פארן הייליקן בילד און זיך פאנאנדערגעוויינט פון זיינטוועגן פאר דער הייליקער גאָטס־מוטער׳ דער גוטער העלפערין און באשיצערין. בא א האלבע שעה איז אוועק׳ ווי איך בין געשטאנען אין טרערן בא דער תפילה׳ און ס׳איז שוין געווען שפעט אין דער נאכט׳ א זייגער צוועלף אן ערך. פלוצים זע איך׳ ווי עס עפנט זיך אויף די טיר׳ און ער גייט ארײַן פונדאסניי. איך בין געפלעפט געוואָרן.

– וואו זשע זייט איר דאס געווען? – פרעג איך אים.

– כ׳האב׳ זאגט ער׳ – כ׳האב׳ דאכט זיך׳ עפעס פארגעסן... די טאשנ־טיכל׳ דאכט זיך... נו׳ און ווען אפילו איך האב קיין זאך ניט פארגעסן׳ איז לאזט אויך צוזעצן זיך...

האט זיך געזעצט אף א שטול. איך שטיי לעבן אים. „זעצט זיך׳ זאגט ער׳ איר אויך“. כ׳האב זיך געזעצט. אפגעזעסן א מינוט צוויי׳ ער קוקט אף מיר שארף און מיטאמאל געגעבן א שמייכל׳ דאס איז געבליבן בא מיר אין זכרון׳ דערנאָך האט ער זיך אויפגעהויבן׳ שטארק ארומגענומען מיך און א קוש געטאן...

– זאָלסט געדיינקען׳ – זאגט ער׳ – ווי איך בין געקומען צו דיר דעם צווייטן מאל. הערסט׳ זאלסט דאס געדיינקען!

האט צום ערשטן מאל מיר געזאגט „דו“ און איז אוועק. „מארגן“ האב איך א טראכט געטאן.

אזוי איז דאס אויך געשען. און ניט געוואוסט האב איך דעם אָוונט׳ אז גראָד מארגן איז דער טאג פון זיין געבארן ווערן. אליין בין איך די לעצטע טעג ערגעץ ניט ארויסגעגאנגען׳ און דעריבער האב איך זיך אויך פון קיינעם ניט געקאנט דערוויסן. און אין דעם טאג אבער פלעגט בא אים פון יאָר צו יאָר זיין א גרויסער יום־טוב׳ ס׳פלעגט זיך צונויפקומען גאנץ שטאָט. איז מען זיך צונויפגעקומען דאס מאל אויך. און אט׳ נאך דעם מאלצייט׳ איז ער ארויס אינמיטן׳ האלט אין האנט א כתב – א פאָרמעלן פאפיר צו דער מאַכט. און היות ווי די מאַכט זיינע איז געווען דא גופא׳ האט ער טאקע אף אן אָרט איבערגעלייענט דעם פאפיר אפן

קול פאר אלע געסט, און אין דעם כתב איז געווען פולקאָם באשריבן דער גאנצער פארברעך מיט אלע פּרטים. „אלס אכזר שייד איך זיך אויס פון דער מענטשלאכער סביבה, דער אויבערשטער האט זיך פאר מיר אנטפלעקט” — האט ער פארענדיקט דעם כתב, — „אפקומען וויל איך!” און ער האט גלייך ארויסגעטראגן און ארויסגעלייגט אפן טיש אלצדינג, מיט וואס ער האט גערעכנט צו דערווייזן זיין פארברעך און וואס ער האט פערצן יאָר אויסגעבאהאלטן: די גילדענע חפצים פון דער דערהרגעטער, וואס ער האט אוועקגעשלעפּט, רעכענענדיק אַפּצואווארפן דעם חשד פון זיך, דעם מעדאַליאָן און דעם צלמל אירן, וואס ער האט אראפּגענומען פון האַלז, — אין דעם מעדאַליאָן דער פּאָרטרעט פון איר חתן, דעם נאָטיץ־ביכעלע אירן און צום סוף צוויי בריוו: איין בריוו פון איר חתן צו איר, וואו ער איז מודיע, אז ער קומט באלד, און אירער[illegible]אַן ענטפער אף אט דעם דאזיקן בריוו, וואס זי האט אנגעהויבן און ניט דערשריבן, געלאזן ליגן אפן טיש, כדי אוועקצושיקן מארגן אף פּאָסט. ביידע בריוו האט ער א כאַפּ געטאן מיט זיך, — צוליב וואס? נו, און צוליב וואס האט ער דאס דערנאך געהיט פערצן יאָר צייט, אָנשטאָט צו פארניכטן דאס, אלס א חשד קעגן זיך גופא? וואס זשע אבער איז געשען: אלע האבן זיך פארוואונדערט און זיינען געווארן געפלעפּט, און קיינער האט נישט געוואלט גלויבן, הגם אלע האבן אויסגעהערט מיט דער גרעסטער נייגעריקייט, אבער ווי פון א קראנקן, און אין עטלאכע טעג ארום איז שוין אין אלע הייזער געווען קלאָר און אפגעפסקנט, אז דער מענטש איז נעבאך אראָפּ פון זינען, די מאַכט און דאָס געריכט האבן ניט געקאנט ניט געבן ווייטער די זאך, נאר אויך זיי האבן זיך אפגעהאלטן: הגם די צוגעשטעלטע חפצים און די בריוו האבן באמת געצוואונגען צו באטראכטן די זאך, מ'האט אבער דא אויך באשלאסן, אז ווען אפילו די דאזיקע דאָקומענטן וואלטן זיך יע ארויסגעוויזן פאר ריכטיק, וואלט מען פונדעסטוועגן פאָרט ניט געקאנט ארויסטראגן קיין אנטגילטיקן פסק דין נאר אפן סמך פון אט די דאקומענטן. און ער האט גאר גלאט אָט די אלע חפצים געקאנט האבן פון איר אליין, אלס א באקענטער אירער, און על פי צוטרוי. געהערט האב

איך איבעריקנס, אז די ריכטיקייט פון די חפצים האבן דערנאָך פעסטגעשטעלט אסך באקענטע און קרובים פון דער דערהרגעטער, און אז קיין ספק איז אין דעם ניט געווען. אבער דעם דאָזיקן ענין איז איצט אויך ניט באשערט געווען מקוים צו ווערן. אין א טעג פינף ארום האבן זיך אלע דערוואוסט, אז דער קדוש איז קראנק געווארן און אז ער איז א חולה מסוכן. וואס פאר א קראנקייט ער האט געהאט — ווייס איך ניט; מ'האט גערעדט, אז דאס איז א הארץ־קראנקייט, אבער מ'האט זיך דערוואוסט אז דער קאָנסיליום פון די דאָקטוירים האט, צוליבן צושטיין פון זיין ווייב, באטראכט אויך זיין גייסטיקן צושטאנד, און אז מ'האט ארויסגעטראגן די החלטה, אז ער איז שוין אינגאנצן גערירט. איך ווידער האב קיין זאך ניט ארויסגעגעבן, הגם מ'האט זיך א לאָז געטאָן פאנאנדערפרעגן מיך. נאר בעת איך האב אים געוואלט מבקר חולה זיין, האט מען מיר א לאנגע צייט פארווערט, דערהויפט די פרוי זיינע: „דאס האט איר אים, זאגט זי צו מיר, צעבראכן, ער איז פריער אויך געווען א מרה שחורה, דעם לעצטן יאָר אבער האבן אלע באמערקט אין אים אן אויסערגעוויינלאכע אויפרעגונג און מאָדנע גיינג. און דא גראד האט איר אים אוועקגעפאטערט; דאס האט איר אים ארייגעשלעפט, א גאנצן חודש, ווי ער איז ניט ארויסגעגאנגען פון אייער שטוב". איז וואס זשע, ניט נאר וואס די ווייב, נאר גאנץ שטאָט האט זיך ארויפגעווארפן אף מיר מיט טענות: „דאס זייט איר אליין שולדיק". איך שווייג, און איך בין צופרידן אין הארצן, ווארים ס'איז פאר מיר אנטפלעקט געווארן דער אמתער חסד פון גאָט צו דעם מענטשן, וואס האט זיך געשטעלט קעגן זיך און וואס שטראפט זיך גופא. און דאס, וואס ער איז פון זינען אראָפ, האב איך נישט געקאנט גלויבן. לסוף האט מען מיך אויך צוגעלאזן צו אים, ער האט דאס אליין גיט אנדערש געפאָדערט, כדי צו געזעגענען זיך מיט מיר. איך בין אריין, און דערזען האב איך, אז ניט נאר וואס זיינע טעג, נאר די שעהן זיינע זיינען געציילטע. געווען איז ער שוואך, געל, די הענט האבן זיך געטרייסלט, דער אָטעם געווען פארשטיקט, געקוקט אבער האט ער מיט א דערוועקונג און מיט פרייד.

— ס'איז געשען! — האט ער געגעבן א זאג צו מיר, — שוין פון לאנג ווי איך גאַר דיך זען, פארוואס ביזטו ניט געקומען?

איך האב אים ניט געזאגט, אז מ'האט מיך ניט צוגעלאזן צו אים.

— גאט האט זיך דערבארעמט אף מיר און רופט מיך צו זיך. איך ווייס, אז איך שטארב, אבער איך שפיר פרייד און שלוה צום ערשטן מאל נאך אזוי פיל יארן. מיטאמאל האב איך דערשפירט אין דער נשמה מיינער דעם גן עדן, ווי נאר איך האב מקים געווען דאס, וואס מ'האט געדארפט. איצטער טאר איך שוין ליב האבן מיינע קינדער און האלזן זיי. מ'גלויבט מיר ניט, קיינער האט נישט געגלויבט, נישט די ווייב, נישט די ריכטער מיינע; ס'וועלן אויך די קינדער קיינמאל נישט גלויבן. דערבארעמונג פון דעם אויבערשטן זע איך אין דעם צו מיינע קינדער. איך וועל שטארבן, און דער נאמען מיינער וועט זיין ניט באפלעקט פאר זיי. איצטער אבער שפיר איך גאט, דאס הארץ פרייט זיך, ווי אין גן עדן . . . איך האב דעם חוב ממלא געווען . . .

רעדן האט ער נישט געקאָנט, עס האט אים פארכאפט דער אטעם, ער דריקט הייס די האנט, קוקט פלאמיק אף מיר. אבער נישט לאנג האבן מיר גערעדט, די פרוי זיינע האט אָן אן אויפהער אריינ־געקוקט צו אונז. ער האט אבער באוויזן פונדעסטוועגן א שעפטשע טאן צו מיר:

— און דאס געדיינקסטו, ווי איך בין דעמאלט געקומען צו דיר דעם צווייטן מאל, אין האלבע נאכט? נאך געהייסן דיר דו זאלסט דאס געדיינקען? ווייסטו, צוליב וואס איך בין אריין? איך בין דאך אריין דיך דערהרגענען!

איך האב זיך א צאפל געטאן.

— ארויס בין איך דעמאלט פון דיר אין דער פינצטערניש, ארומגעשלעפט זיך איבער די גאסן און זיך געראנגלט מיט זיך גופא. און מיטאמאל האב איך דיך אזוי אנגעהויבן האסן, וואס קוים וואס דאס הארץ האט דאס אריבערגעטראגן. „איצט, טראכט איך, האט ער דער איינציקער געבונדן מיך, און איז דער דיָן מיינער. איך קאן זיך שוין ניט אפזאגן פון דער מארגעדיקער שטראף מיינער, ווארים ער

ווייס אלץ". און ניט, וואס מ'זאל זאגן, אז איך האב מורא געהאט, אז דו וועסט ארויסגעבן (דאס איז מיר אפילו אפן רעיון נישט ארויף), נאר איך האב געטראכט: „ווי וועל איך דאס קאנען קוקן אף אים, אויב איכ'ל ניט דערלאנגען אף זיך אין געריכט?" און ווען דו וואלסט אפילו געווען אין עק־וועלט, נאר דו וואלסט געלעבט, וואלט אלץ איינס דער געדאנק געווען ניט אריבערצוטראגן, אז דו לעבסט און דו ווייסט אלצדינג, און דו משפטסט מיך. אנגעהויבן האסן האב איך דיך, עפעס ווי דו וואלסט געווען די סיבה פון אלץ און שולדיק אין אלץ. האב איך זיך אומגעקערט דעמאלט צוריק צו דיר, איך געדיינק, ווי בא דיר אפן טיש איז געלעגן א שפיז. כ'האב זיך געזעצט און געבעטן דיך אויך זעצן זיך, און האב א גאנצע מינוט געטראכט. אויב איך וואלט דיך דערהרגעט, וואלט איך אלץ איינס אומגעקומען פאר דעם דאזיקן מארד, ווען איך זאל אפילו ניט ארויסגעבן דעם פריערדיקן פארברעך, נאר וועגן דעם האב איך גארניט געטראכט אפילו, און נישט געוואלט טראכטן אין יענער מינוט. איך האב נאר דיך געהאסט און געוואלט מיטן גאנצן כוח נעמען נקמה פון דיר פאר אלצדינג. אבער דער אויבערשטער האט בייגעקומען דעם שטן אין מיין הארצן. זיי ווייטן אבער, אז קיינמאל ביזטו נאך ניט געווען נעהנטער פון טויט.

אין א וואך ארום איז ער געשטארבן. דעם ארון זיינעם האט גאנץ שטאט מלוה געווען ביזן קבר. דער פראטאהיערייי האט געמאכט א הספד. מ'האט באקלאגט די שרעקלאכע קראנקייט, וואס האט אים געבראכט צו כרת יארן. גאנץ שטאט אבער האט זיך אויפגעהויבן קעגן מיר, נאך זיין קבורה, און מ'האט מיך אפילו אויפגעהערט אויפ־צונעמען. אמת, א טייל, אין אנפאנג א זעער קלייגער, דערנאך אבער אלץ א גרעסערער און א גרעסערער האט אנגעהויבן צו גלויבן אין דער ריכטיקייט פון זיינע באווייזן, און מ'האט אנגעהויבן אפט צו קומען צו מיר און פאנאנדערפרעגן זיך מיט גרויס נייגעריקייט און מיט גרויס פרייד: ווארים דער מענטש האט ליב דאס נכשל ווערן פון א צדיק און די שאנד זיינע. נאר איך בין אנטשוויגן גע־ווארן און בקרוב ארויס מיט אלעמען פון שטאט, און אין פינף חדשים ארום בין איך זוכה געווען בא גאט כביכול איך זאל ארויפגיין אפן

רעכטפארטיקן און גליקלאכן וועג, בענטשנדיק דעם אצבע אלקים, וואס האט מיר אזוי באשיינפערלאך געוויזן דעם דאזיקן וועג. אבער דעם קדוש דעם גאטס קנעכט מיכאאילן דערמאן איך יעדן טאג איז די תפילות מיינע ביז היינט.

III

פון דעם סטארעץ זאסימאס שמועסן און פון זיין לערנען

ה) א פאר ווערטער וועגן דעם רוסישן מאנאך און וואס אזוינס ער קאן זיין

פאטערס און רביס, וואס איז א מאנאך? אין דער געבילדעטער וועלט ווערט דאס דאזיקע ווארט אין אונזערע צייטן בא א טייל ארויסגעזאגט שוין מיט א שמייכל, און בא טייל אפילו ווי א זידל־ווארט. און וואס ווייטער, אלץ מער און מער. אָ ווי, ס׳איז אמת, ס׳איז אמת, אז עס זיינען פאראן צווישן די מאנאכן אויך אסךליידיקגייער, זולל־וסובא־ניקעס, בעל־תאוהניקעס און שלעפער גראבע יונגען. אף דאס ווייזן אָן די געבילדעטע מענטשן פון דער אריסטאקראטישער וועלט: „איר זייט פוילער, טענהן זיי, אומנוצלאכע גלידער פון דער געזעלשאפט, איר לעבט פון פרעמדער פראצע, איר שלעפער, וואס איר האט קיין חרפה און קיין בושה ניט״. און דערביי זיינען פאראן צווישן די מאנאכן אזוי פיל צדיקים און בעל־הכנעות, וואס לעכצן נאך התבודדות און מתפלל זיין מיט כונה בלחש. אף אט די ווייזט מען ווייניקער, און מ׳מאכט זיי אפילו אוועק אינגאנצן מיט דער האנט, און ווי וועט מען זיך דאס וואונדערן, ווען איכ׳ל זאגן, אז אט פון די דאזיקע צדיקים, וואס לעכצן מתפלל זיין בלחש, וועט אפשר נאך קומען א מאל די ישועה אף דעם רוסישן לאנד! ווארים זיי זיינען באמיתת גרייט אינדערשטיל „צו דעם טאג, צו דער שעה, און צו דעם חודש און צו דעם יאר״. דעם צלם פון קריסטוס היטן זיי לעת עתה אין זייער התבודדות מיט יראת הכבוד און ניט פארשווענכדיק, היטן אים

אין דער ריינקייט פון גאטס אמת, פון די צייטן פון די אבות אָן, פון די אפאסטאלן און קדושים, און אז מ׳וועט דארפן, וועלן זיי אים מוציא לאור זיין פאר דעם אמת פון דער וועלט, וואס וועט זיך געבן א שאָקל. דער דאזיקער געדאנק איז א גרויסער. פון מזרח זייט וועט דער דאזיקער שטערן אויפגיין.

אזוי טראכט איך פון א מאנאך, און נישיים זע איז דאס פאלש, נישיים זע איז דאס עזות? גיט א קוק אף די היינטוועלטיקע און אף דער וועלט, וואס שטייט העכער אין אַלץ פאר גאטס פאלק, צי איז ניט פארשוועכט געווארן אין איר דער צלם אלקים און דער אמת זיינער! זיי האבן די וויסנשאפט, אין דער וויסנשאפט אבער איז נאר דאס, וואס עס איז אונטערגעווארפן די אייגענע געפילן. אבער די רוחניותדיקע וועלט, די העכערע העלפט פון דעם נפש פון מענטשן איז באזייטיקט לחלוטין, פאריאגט נאך מיט א געווויסער פייערלאכ־קייט, מיט האס אפילו. די וועלט האט אויסגערופן פרייקייט, דער עיקר אין דער לעצטער צייט, וואס זשע אבער זעען מיר אין דער דאזיקער פרייקייט זייערער: מער ניט ווי קנעכטשאפט און זעלבסט־מארד! ווארים די וועלט זאגט: „האסטו באדערפענישן, טא זעטיק זיי, ווארים דו האסט פונקט אזוינע רעכט, ווי עס האבן די חשובסטע און רייכסטע מענטשן. האב קיין מורא ניט צו זעטיקן זיי, נאר פארמער זיי אפילו״ — אָט דאס איז די איצטיקע תורה פון דער וועלט. אין דעם זעט מען דאס אויך די פרייקייט, וואס זשע אבער קומט ארויס פון דעם דאזיקן רעכט אף צו פארמערן די באדערפענישן? בא די רייכע התבודדות און גייסטיקער זעלבסטמאַרד, און בא די ארימע — קנאה און גזלה, ווארים רעכט האט מען געגעבן, און מיטלען אף צו זעטיקן די באדערפענישן האט מען דאך ניט אנגע־וויזן. מ׳טענהט, אז וואס ווייטער ווערט די וועלט אַלץ מער פאר־אייניקט, אז זי ווערט באהעפט דורך א ברידערלאכער מגע ומשא, מיט דעם, וואס זי פארקירצט דעם שטח, וואס זי גיט איבער דורך דער לופט אי׳רע געדאנקען. אָ ווײ, גלויבט ניט אין אזא אחדות פון די מענטשן. פארשטייענדיק די פרייקייט אלס א פארמערונג און א באלדיקן שטילן פון די אייגענע באדערפענישן, פארשוועכט מען די

אייגענע טבעי ווארים ס׳ווערן געבארן בא זיי אסך נארישע פאר־לאנגען אָן א טעם׳ רגילותן און אויסטראכטונגען פון גרעסטן שטות׳ מ׳לעבט נאר כדי מקנא צו זיין איינער דעם אנדערן׳ צוליב תאוה און כדי צו בארימען זיך׳ געבן מאלצייטן׳ האבן אַן ארויספאר׳ עקיפּאזשן׳ כל המיני טיטלס און משרתים קנעכט — האלט מען שוין פאר אזא נויטיקייט׳ צוליב וועלכער מ׳איז אפילו מקריב מיטן לעבן׳ מיטן כבוד און מיט דער ליבשאפט פון מענטשן׳ כדי צו שטילן די דאזיקע באדערפעניש׳ און מ׳טויט אפילו זיך גופא׳ אויב מ׳קאן ניט שטילן זי׳ בא די׳ וואס זיינען ניט רייך׳ זעען מיר דאס אייגענע׳ און די ארימעלייט באטויבן דורך שיכרות די ניט־געשטילטע באדערפענישן און די קנאה׳ באלד אבער וועט מען אנשטאט וויין אנטרינקען זיך מיט בלוט׳ ווארים דערצו פירט מען זיי׳ פרעג איך אייך: צי איז פריי אזא מענטש? איך האב געקענט איינעם א ״קעמפער פאר דער אידעע״׳ וואס האט מיר אליין דערציילט׳ אז בעת מ׳האט אוועקגענומען פון אים אין דער תפיסה זיין טאביק׳ איז ער אף אזוי ווייט געווען אויסגעמאטערט דערפון׳ אז ער איז שיר ניט אוועק־געגאנגען און ניט ארויסגעבן זיין ״אידעע״ מ׳זאל אים נאר געבן טאביק׳ און א זעלכער זאגט דאך: ״איך גיי קעמפן פאר דער מענטשהייט״׳ נו׳ וואוהין וועט אזוינער גיין און צו וואס איז ער מסוגל? סיידן׳ צו א גיכער טאַט׳ לאנג אבער וועט ער ניט אויס־האלטן׳ און ס׳איז ניט קיין חידוש׳ וואס אנשטאט פרייקייט זיינען זיי אריינגעפאלן אין פארשקלאפונג׳ און אנשטאט צו דינען דעם אהבת הבריות און דעם באהעפט־ווערן פון די מענטשן זיינען זיי אריינגעפאלן פארקערט אין אפגעזונדערטקייט און אין התבודדות׳ ווי עס האט מיר געזאגט אין מיין יוגנט דער סודות־פולער גאסט און דער רבי מיינער׳ און דעריבער ווערט אין דער וועלט אלץ מער און מער אויסגעלאשן דער געדאנק פון עבודת הבריות׳ פון דער ברודערשאפט און פון דעם אחדות פון די מענטשן, און באמת ווי מ׳נעמט שוין אויף אפילו דעם דאזיקן געדאנק מיט א געשפעט׳ ווארים ווי זאל מען זיך אפגעוואוינען פון די אייגענע רגילותן׳ וואוהין וועט גיין אט דער דאזיקער געפאנגענער׳ אויב ער איז אזוי

געוואוינט געווארן צו שטילן זיינע באדערפענישן, וואס האבן קיין ברעג ניט, וועלכע ער אליין האט אויסגעטראכט? אין התבודדות געפינט ער זיך, איז וואס אַרט אים דעם כּלל. און מ׳האט דער־גרייכט אָט דאס, אז עשירות האט מען אנגעזאמלט מער, אבער פרייד איז געווארן וויניקער.

אן אנדער זאך איז דער וועג פון דעם מאנאך. פון תשובה, תפילה און פון פאסטן לאכט מען אפּ אפילו, און דערביי באשטייט נאר אין דעם אליין דער וועג צו אמתער, בפירושדיקער פרייקייט: איך שטויס אפּ פון זיך די איבעריקע און די ניט־נויטיקע באדערפע־נישן, דעם ווילן פון אייגנליבע און גאוה מאך איך אונטערטעניק און שטראף אים דורך תשובה, און איך דערגרייך דורך דעם, מיטן חסד פון דעם אויבערשטן, דעם חרות הנפש, און אויך די גייסטיקע פרייד. ווער פון זיי איז מער מסוגל אף ארויסצוברענגען א גרויסן געדאנק און אוועקגיין דינען אים — דער עושר דער מתבודד, אדער דער פ ר י י ג ע ו ו א ר ע נ ע ר פון דער קנעכטשאפט פון זאכן און רגילותן? דעם מאנאך ווארפט מען אויף די התבודדות זיינע: „דו ביזט א מתבודד געווארן, כּדי צו פראוועזן תיקון אין די ווענט פון מאנאס־טיר, אבער די ברידערלאכע עבודה צו דער מענטשהייט האסטו פארגעסן״. מיר וועלן אבער נאך זען, ווער עס וועט העלפן דער ברידערלאכער ליבשאפט? ווארים התבודדות איז ניט בא אונז, נאר בא זיי, נאר זיי זעען דאס ניט. אבער פון אונז זיינען נאך פון פארצייטנס ארויסגעקומען טוער פארן פאלק, טא פארוואס זשע קאנען זיי ניט ארויסקומען איצטער אויך? די אייגענע עניוותדיקע און הכנעהדיקע בעל־תענותים און שווייגער וועלן זיך אויפהייבן און זיך לאזן אף א גרויסער זאך. פון פאלק וועט קומען די ישועה פאר דער מדינה רוסיה. דער רוסישער מאנאסטיר ווידער איז פון פאר־צייטן אָן געוועזן מיטן פאלק. איז אויב דאס פאלק איז אין התבודדות, זיינען מיר אויך אין התבודדות. דאס פאלק גלויבט ווי מיר, און א טוער ניט קיין גלויביקער וועט בא אונז אין רוסלאנד קיין זאך ניט אויפטאן, ער מעג אפילו זיין אויפריכטיק מיטן הארצן און האבן א גאונישן קאָפּ. אט דאס זאלט איר געדיינקען. דאס פאלק וועט זיך

שטעלן אנטקעגן דעם אַטעאיסט אויך און וועט אים בייקומען׳ און עס וועט זיין דאס איינציקע רעכטגלויביקע מדינה רוסיה׳ טא היט זשע דאס פאלק און היט אפ זיין הארץ׳ אינדערשטיל זייט אים מדריך׳ אט דאס איז אייער אויפטו אלס מאנאכן׳ ווארים דאס דאזיקע פאלק איז דער טרעגער פון גאט.

ו) א פּאָר ווערטער פון האַרן און קנעכט און פון דעם צי קאנען האַרן און קנעכטווערן על פּי דעם מהות זייערן ברידער צווישן זיך

פאטער אין הימל׳ אוודאי איז פאראן אין פאלק אויך זינד׳ און דער פלאם פון פאנאנדערגליען ווערט אפילו בולט פארמערט׳ מיט יעדער שעה׳ עס הייבט זיך אף אויבן׳ עס שטייט אָן אויך אין פאלק התבודדות: עס קומען בלוט-זויגער און זולל-וסובאס; עס פאר־לאנגט שוין דער סוחר אלץ מער און מער כבוד׳ ער רייסט זיך שוין צו באווייזן זיך פאר א געבילדעטן׳ ניט זייענדיק געבילדעט אף קיין האָר׳ און צוליב דעם ווארפט ער אפ מיט שפאט די אלטע מנהגים און שעמט זיך אפילו מיטן גלויבן פון די עלטערן׳ פארט ארום צו פירסטן׳ און אליין איז ער סך הכל אן איבערגעפירטער פויער׳ דאס פאלק איז פארפוילט געווארן פון שיכּרות און קאן שוין ניט אפּ־האלטן זיך דערפון׳ היינט וויפל אכזריות צו דער פאמיליע׳ צו דער פרוי׳ צו די קינדער אפילו; אלצדינג פון שיכּרות׳ געזען האב איך אין די פאבריקן אפילו נייניאריקע קינדער: פארחושכטע אויסגע־מוטשעטע׳ איינגעבויגענע און שוין אויסגעלאסענע׳ די שטיקנדיקע קאמער׳ די קלאפנדיקע מאשינע׳ דעם גאנצן גאטס טאג ארבעט׳ נבול פה און וויין׳ און וויין׳ צי דאס אבער דארף האבן די נשמה פון נאך אזא קליין קינד? עס דארף האבן זון׳ קינדערשע שפילן און אומע־טום א ליכטיקן ביישפיל און כאטש א טראפן ליבשאפט צו אים׳ טא זאל זשע דאס ניט געשען׳ מאנאכן׳ ניט געשען זשע זאל דאס פיי־

ניקן פון קינדער, שטייט אויף און פרעדיקט דאס אף־גיך, אף־גיך־ גאט וועט אבער מציל זיין רוסלאנד, ווארים כאטש אפילו דער פאלקס־ מענטש איז אויסגעלאָסן און ער קאן שוין ניט אפזאגן זיך פון קיין אומוועדיקער זינד, נאר פונדעסטוועגן ווייס ער, אז זיין אומווער־ דיקע זינד איז פארשאלטן פון גאט און אז זינדיקנדיק באגייט ער זיך שלעכט. אזוי אז אונזער פאלק גלויבט נאָך אָן אן אויפהער אין אמת, גלויבט אין גאט און וויינט מיט רחמים. ניט אזוי זיינען די וואס פון דער העכערער וועלט. יענע ווילן על פי דער וויסנשאפט איינארדנען זיך מיט יושר נאר מיט דעם פארשטאנד זייערן אליין, אָן קריסטוסן, ווי אמאל, און מ׳האט שוין מבשר געווען, אז ס׳איז ניטא קיין פארברעך, אז עס איז ניטא שוין קיין זינד. און ס׳איז טאקע ריכטיק אויך על פי זייער געדאַנק: ווארים וויבאלד, אז מ׳האט ניט קיין גאט, טא ווי אזוי קאן שוין דעמאלט זיין א פארברעך? אין אייראפע הייבט זיך אויף דאס פאלק קעגן די רייכע שוין מיט גוואלט, און די פירער פון פאלק פירן אים אומעטום צו בלוט און לערנען אים, אז דער צארן זיינער איז גערעכט. אבער „פארשאלטן זאל ווערן דער צארן זייערער, ווארים אכזריותדיק איז ער“. אין רוס־ לאנד וועט מציל זיין גאט כביכול, ווי ער האט שוין מציל געווען אסך מאל. פון דעם פאלק וועט ארויסקומען די ישועה, פון דעם גלויבן און פון דעם עניוות זיינעם. פאטערס און רבי׳ס, היט דעם גלויבן פון פאלק, און דאס איז ניט קיין חלום: פארחידושן פלעגט מיך דעם גאנצן לעבן אין דעם גרויסן פאלק אונזערן דאס דער־ הויבענע און אויפריכטיקע חשיבות זיינע, איך גופא האב געזען, איך אליין קאן עדות זאגן, כ׳האב געזען און געוואונדערט זיך, געזען ניט קוקנדיק אפילו אף די אומווערדיקייט פון די זינד און אף דעם ארימן אויסזען פון אונזער פאלק. ער איז ניט פארשקלאפט, און דאס איז נאך א קנעכטשאפט פון צוויי הונדערט יאר. פריי אפן אויסזען און אין זיין באנעמען זיך, אבער קיינעם נישט באעוולענ־ דיק. און איז ניט קיין בעל נקמה, און ניט קיין בעל קנאה. „דו ביזט א חשוב, דו ביזט רייך, ביזט קלוג און געראטן, — ס׳ א דאגה, זאל דיר גאט העלפן. איך אכט דיך, נאר איך ווייס, אז איך בין

אויך א מענטש׳ מיט דעם גופא׳ וואס איך אכט דיך אָן קנאה׳ מיט דעם גופא ווייז איך פאר דיר די מענטשלאכע חשיבות מיינע״ באמיתת׳ אויב מ׳זאגט דאס ניט (ווארים זאגן דאס קאן מען נאך ניט)׳ באגייט מען זיך אזוי׳ איך אליין האב דאס געזען׳ האב אליין אויסגעפרווט׳ און איר וועט גלויבן: וואס ארימער און דער־שלאגענער אונזערער א רוסישער מענטש איז׳ אלץ מער קאן מען בא אים זען דעם דאזיקן גרויסן אמת׳ ווארים די רייכע פון זיי׳ די בלוט־זויגער און די זולל וסובאס׳ זיינען שוין אין דער גרעסטער צאל אויסגעלאסן׳ אסך איז דא ארויסגעקומען צוליב אונזער אפגע־לאזנקייט און אונזער ניט אכטונג געבן! נאר מציל זיין וועט דער אויבערשטער די מענטשן זיינע׳ ווארים גרויס איז רוסלאנד מיט זיין עניוות׳ איך האף צו זען אונזער עתיד און אזוי ווי איך זע אים שוין קלאר: ווארים זיין וועט אזוי׳ אז אפילו אונזער סאמער אויסגעלאסנסטער עושר וועט ענדיקן מיט דעם׳ אז ער וועט זיך פארשעמען מיט זיין עשירות פארן ארימאן׳ און דער ארימאן׳ זעענ־דיק די דאזיקע הכנעה׳ וועט פארשטיין און וועט אים נאכגעבן׳ ער וועט מיט פרייד און ליבשאפט ענטפערן אף דער פרומער בושה זיינער׳ גלויבט׳ אז עס וועט זיך ענדיקן מיט דעם: עס גייט דערצו׳ מער ניט ווי אין דער מענטשלאכער גייסטיקער חשיבות באשטייט די גלייכקייט׳ און דאס וועט מען פארשטיין נאר בא אונז׳ זאלן נאר זיין ברידער׳ וועט שוין זיין ברודערשאפט אויך׳ אבער איידער די ברודערשאפט וועט קומען וועט מען זיך קיינמאל ניט צעטיילן צווישן זיך׳ דעם צֶלֶם פון קריסטוס היטן מיר׳ און ער וועט אויפשיינען׳ ווי דער טייערסטער דימענט פאר דער גאנצער וועלט··· יהיה׳ עס זאל זיין!

פאטערס און רביס׳ פארגעקומען איז מיט מיר איינמאל א וואונדערלאכע מעשה׳ וואנדערנדיק׳ האב איך אנגעטראפן א מאל׳ אין דער גובערניע־שטאט ק.׳ מיין געוועזענעם דענשטשיק אפאנאסיען׳ און פון דעמאלט אָן׳ זינט איך האב זיך צושיידט מיט אים׳ איז שוין געווען אוועק אכט יאר׳ אומגעריכטערהייט האט ער מיך דערזען אפן מארק׳ האט מיך דערקענט׳ איז צוגעלאפן צו מיר

און גאט מייִנער, ווי ער האט זיך דאס דערפרייט, האט זיך גלייך ארויפגעווארפן אף מיר: „פאטערל, פריץ, איר זייט דאס? בישיים זע אבער זע איך דאס אייך”? האט מיך אוועקגעפירט צו זיך, ער איז שוין געוועזן ארויס פון פאָלק, האט חתונה געהאט, האט שוין געהאט צוויי עופהלאך קינדער. די חיונה האט ער געצויגן מיט זיין ווייב פון האנדלען אין מארק אף א טישל. א דירהלע האט ער געהאט אן ארימע, אבער א זויבערינקע, א פריילאכע אזא. האט מיך אוועקגעזעצט, אנגעשטעלט דעם סאַמאָוואר, אוועקגעשיקט נאך דער ווייב, פונקט ווי איך וואלט אים עפעס געמאכט א יום טוב מיט דעם, וואס איך בין אריין צו אים. האט אונטערגעפירט צו מיר די קינדער און געזאגט: „בענטשט זיי, פאטער”. „איך זאל זיי בענטשן? האב איך געענטפערט, איך בין א פראסטער און א הכנעהדיקער מאָנאך, איך וועל בעטן גאט פאר זיי, פאר דיר אבער אַפאַנאַסי פאַוולאָוויטש, בעט איך כסדר גאט, ווי בא גאט א טאג, פון יענעם אינדערפרי אן, ווארים פון דיר, זאג איך, איז דאס אלץ ארויסגעקומען”. און דערקלערט האב איך אים דאס אזוי, ווי כ'האב געקאנט. איז וואס זשע מיינט איר: ער קוקט אף מיר און קאן זיך נאך אלץ ניט פארשטעלן, אז איך, דער פריערדיקער פריץ זייִנער, דער אָפיצער, שטיי פאר אים איצטער אין אזא אויסזען און אין אזויִנע קליידער: האט זיך אפילו פאנאנדערגעווייִנט. „וואס זשע וויינסטו, זאג איך צו אים, טייערער מענטש דו, בעסער פריי זיך פאר מיר מיט דייִן נשמה, הארציקער, ווארים ליכטיק און לויטער איז דער וועג מייִנער”. קיין סך האט ער ניט גערעדט, נאר האט רק געזיפצט און געשאקלט מיט א גערירטקייט דעם קאפ אף מיר. „וואו זשע, פרעגט ער, איז אייער פארמעגן?” ענטפער איך אים: „כ'האב אוועקגעגעבן אין מאָנאסטיר, און לעבן מיר אלע אינאיינעם”. נאך דעם ווי מיר האבן אפגעטרונקען טיי, האב איך אנגעהויבן צו געזעגענען זיך מיט זיי, ערשט מיטאמאל טראגט ער מיר ארויס א האלבן קארב, אַ נדבה פאַרן מאנאסטיר, און נאך א האלבן, זע איך, שפארט ער מיר אין האנט, און איז אזוי מטושטש: „דאס איז פאר אייך, זאגט ער, דעם וואנדערער, ס'וועט

אייך, אפשר, צוניץ קומען, פאטער״. צוגענומען האב איך זיין האלבן רובל, פארגויגט זיך פאר אים און פאר דער ווייב זיינער און בין אוועק א צופרידענער, און איך האב געטראכט גייענדיק: ״אט מיר זיפצן אפשר איצטער ביידע, אי ער בא זיך אי איך דער ארומגייער, און מיר פרייען זיך בנחת, אין פרייד פון דעם הארץ אונזערן, שאקלענדיק מיטן קאפ און דערמאנענדיק זיך, ווי דער אויבערשטער האט דאס געבראכט דערצו, אז מיר זאלן זיך טרעפן״. און מער האב איך אים שוין פון דעמאלט אן קיינמאל ניט געזען. געווען בין איך זיין האַר, און ער מיין קנעכט, אבער איצט, אז איך האב זיך צוקושט מיט אים מיט ליבשאפט און אין רוחניותדיקער התעוררות, איז פארגעקומען צווישן אונז א גרויסע מענטשלאכע באהעפטונג. געטראכט האב איך וועגן דעם אסך, און איצט לערן איך אזוי: נישיים זע איז דאס אזוי שווער משיג צו זיין פארן שכל, אז אט די דאזיקע גרויסע און אפנהארציקע באהעפטונג וואלט געקאנט, אז עס וועט אנשטיין דער זמן, פארקומען אומעטום צווישן אונזערע רוסישע מענטשן? איך גלויב, אז עס וועט פארקומען, און אז נאהנט איז דער זמן.

און וועגן קנעכט וועל איך מוסיף זיין אט דאס: געכעסט האב איך זיך פריער, אלס בחורל, אף קנעכט אסך: ״דאס האט די קעכן דערלאנגט הייסע, דאס האט דער דענשטשיק די קליידער ניט אויסגעפוצט״. זעענדיק אבער האט מיך דעמאלט פלוצים געמאכט דער געדאנק פון מיין ליבן ברודער: ״צי בין איך דאס גאר ווערט דער גאנצער טאקע, אז א צווייטער זאל מיך באדינען, און אז איך זאל, צוליב דער ארימקייט און פינצטערקייט זיינער, הערשן איבער אים?״ און פארחידושט בין איך דעמאלט טאקע געווארן, ווי די סאמע פשוטסטע געדאנקען, וואס זיינען אזוי קלאר, קומען שפעט צו דעם שכל אונזערן. אָן קנעכט, קאן מען זיך, אמת, ניט באגיין אין דער וועלט, מאך אבער אזוי, אז עס זאל זיין בא דיר דיין קנעכט פרייער אין גייסט, ווי אז ער וואלט געווען ניט קיין קנעכט. און פארוואס זאל איך ניט קאנען זיין קיין קנעכט פון מיין קנעכט און אזוי, אז ער זאל דאס זען אפילו, און אָן א שום גאוה פון מיין זייט, און

פון זיין זייט אָן אומצוטרוי? פאַרוואָס זאָל ניט זיין דער קנעכט מיינער ווי מיינער א קרוב, אזוי אז איך זאל אים אויפנעמען אפילו אין דער משפחה מיינער און איך זאל דערפרייט ווערן דערפון? אפילו איצטער נאך קאן מען דאס אזוי מקים זיין, דאס וועט אבער דינען אלס יסוד פון דער רחבותדיקער באהעפטונג פון די מענטשן לעתיד לבוא, בשעת דער מענטש וועט זוכן פאַר זיך ניט קיין קנעכט און ניט אין קיין קנעכט וועט ער וועלן פאַרוואַנדלען מענטשן פון זיין גלייכן, ווי דאס איז איצטער, נאָר, אדרבה, מיט אלע זיינע כחות וועט ער וועלן אליין ווערן אלעמענס א קנעכט, ווי עס שטייט אין דעם עוואַנגעליום. און נישיים זע איז דאס א חלום, אז בסוף כל הדורות זאל דער מענטש געפינען זיין פרייד נאָר אין עובדות פון מעשים פון בילדונג און בארמהאַרציקייט, און ניט אין קיין אכזריותדיקע פרייד, ווי איצטער, — אין פרעסן, אין זנות, אין פוסטער גאווה, אין בערימען זיך און פאַר קנאה זען אריבערוואַקסן איינער דעם אנדערן? כ׳גלויב באמונה שלמה, אז ניט, און אז די צייט איז נאָהנט. מ׳לאַכט און מ׳פרעגט: ווען זשע וועט אנשטיין די דאָזיקע צייט און צי ס׳איז גאָר ענלאך אף דאס, אז עס זאל אנשטיין? איך טראַכט אבער, אז מיר מיט קריסטוסן וועלן די דאָזיקע גרויסע זאך מקים זיין, און וויפל זיינען דאס געווען אידעען אף דער וועלט, אין דער מענטש־לאַכער געשיכטע, וואָס זיינען אפילו מיט צען יאָר פאַר דעם געווען ניט משיג צו זיין און וואָס האָבן זיך מיטאמאל באַוויזן, אַז ס׳איז געקומען פאַר זיי דער פאַרבאָרגענער זמן זייערער, און האָבן זיך דורכגעטראָגן איבער דער גאַנצער וועלט? אַזוי וועט בא אונז אויך זיין, און ס׳וועט אויפשיינען פאַר דער וועלט דאס פאָלק אונזערס און ס׳וועט זאָגן יעדער מענטש: „אבן מאסו הבונים היתה לראש פנה“. *) די אָפּלאַכער אבער וואָלט מען געדאַרפט פרעגן: אויב מיר חלומען, טאָ ווען זשע וועט איר אויפריכטן דעם בנין אייערן און אויפבויען דעם לעבן מיט יושר מער ניט ווי מיטן שכל אייערן אַליין, אָן קריסטוסן? אויב אפילו זיי טענהן אַליין, אַז, פאַרקערט, זיי טאַקע גייען דאס צו דער באהעפטונג, איז גלויבן גלויבן אין דעם באמת נאָר די

*) דער שטיין, וואָס די בויער האָבן פאַראַכטעט, איז געוואָרן צום ווינקל־שטיין.

גרעסטע תמימים פון זיי, אזוי אז מ׳קאָן זיך חידושן אפילו פון דער דאזיקער תמימות. פאַרוואָר, ווי זייער חלום איז א גרעסערער, ווי אונזערער. מ׳טראכט אויפבויען א לעבן מיט יושר, אבער, אָפּוואַרפנ־דיק קריסטוסן, וועלן זיי ענדיקן מיט דעם, וואס זיי וועלן פארפלייצן די וועלט מיט בלוט, ווארים בלוט שרייט נאך בלוט, און דער, וואס נעמט ארויס דעם שווערד, וועט אומקומען פון דעם שווערד. און ווען ניט די הבטחה פון קריסטוסן, וואלט מען זיך אוועקגעפּטרט איינער דעם צווייטן חוץ אפשר צווייען וואלטן געבליבן אף דער וועלט. און אויך אט די צוויי לעצטע וואָלטן אין דער גאוה זייע־רער ניט געקאנט איינהאלטן איינער דעם אנדערן, אזוי, אז דער לעצטער וואלט אומגעבראכט דעם, וואס פאר אים, און דערנאך זיך גופא. און דאס וואלט מקוים געווארן, ווען ניט די הבטחה פון קריסטוסן, אז צוליב די עניווים און צדיקים זאָל ווערן א סוף פון דער דאזיקער זאַך. אנגעהויבן האב איך דעמאלט, נאך גייענדיק אין די אָפּיצער־קליידער, נאָך דעם דועל מיינעם, צו רעדן פון קנעכט זייענדיק צווישן אן עולם, און אלע, געדיינק איך, האבן זיך געחידושט פון מיר: „איז וואס זשע, זאגן זיי, זאָלן מיר אוועקזעצן דעם דינער אפן דיוואַן, און דערלאנגען אים טיי?" און איך האב זיי געענטפערט דעמאלט: „פארוואס טאקע ניט אזוי, כאָטש נאר ווען־ניט־ווען". האבן זיך אלע דעמאָלט פאנאנדערגעלאכט. די פראגע זייערע איז געווען א לייכטזיניקע, און דער ענטפער מיינער ניט קיין קלאָרער, טראכטן טראכט איך אבער, אז ס׳איז געווען אין דעם א שטיקל אמת אויך.

ז) פון תפילה, פון ליבשאפט און פון באהעפטונג צו אנדערע עולמות

מיין זון, פארגעס ניט די תפילה. איטלאך מאל וועט אין דער תפילה דיינער, אויב זי קומט ארויס פון הארצן, א שיין טאָן א נייער געפיל, און אין דעם דאָזיקן געפיל א נייע מחשבה אויך, וואס דו

האסט פריער ניט געוואוסט, און וואס וועט דיך פונדאסניי שטארקער מאכן; און דו וועסט פארשטיין, אז תפילה איז הדרכה, געדיינק נאך: ווי בא גאט א טאג, און ווען דו קאנסט נאר, זאג פאר זיך: „פאָטער פון הימל, זיי מוחל אלע די, וואס קומען פאר דיר״, ווארים איטלאכע שעה און איטלאכע רגע לאזן טויזנטער מענטשן דעם לעבן זייערן אף דער דאזיקער וועלט און די נשמות זייערע קומען פארן הקדוש ברוך הוא, — היינט וויפל פון זיי האבן אין עצבות און צער זיך צושיידט מיט דער וועלט אפגעזונדערטערהייט, אומבאוואוסט פאר אלעמען, אזוי אז קיינער וועט אפילו ניט באקלאגן זיי און מ׳וויס גאר אפילו וועגן זיי אינגאנצן נים: צי זיי האבן געלעבט צי ניט. איז אט וועט אפשר פון דעם אנדער עק וועלט דערטראגן זיך צום רבונו של עולם פאר זייער רו וועגן דיין תפילה אויך, כאָטש אפילו דו זאלסט אים גאר אינגאנצן ניט קענען, און ער דיך ניט. וואס פאר א טרייסט עס איז פאר דער נשמה זיינער, וואס קומט אין פחד פארן רבונו של עולם, צו דערשפירן אין יענער רגע, אז ס׳איז דא פאר אים אויך אזא, וואס טוט תפילה פאר אים, אז ט׳איז גע־בליבן אף דער וועלט א מענטשלאכע באשעפעניש, וואס האט אים אויך ליב. און טאקע דער אויבערשטער וועט מיט א גרעסערער דערבארעמדיקייט א קוק טאָן אף אייך ביידן; ווארים אויב דו האסט זיך שוין אזוי מרחם געווען אף אים, איז א פשיטא שוין ער, וואס זיין דערבארעמדיקייט און ליבשאפט איז אָן א ברעג גרעסער פאר דיינער. און ער וועט אים מוחל זיין צוליב דיינטוועגן.

ברידער, האט ניט קיין מורא פאר די זינד פון דעם מענטשן, האט ליב דעם מענטשן אויך אין דער זינד זיינער, ווארים דאס איז שוין דער צֶלֶם פון דער געטלאכער ליבשאפט און דאס איז די גרעסטע ליבשאפט אף דער וועלט. האט ליב דעם גאנצן בנין פון דעם רבונו של עולם, סיי דאס גאנצע, סיי יעטווידן זעמדעלע, יעטווידן בלעטעלע, יעטווידן שטראל פון גאט האט ליב! האט ליב די חיות, האט ליב די געוויקסן, האט ליב איטלאכן יֵש, וועסטו ליב האבן יעטווידן יש, וועסטו משיג זיין אויך דעם סוד פון גאט אין דעם יש, וועסטו משיג זיין איין מאל וועסטו שוין אָן אַן אויפהער

אנהייבן דערקענען אים וואס ווייטער מער, איטלאכן טאג. און דו וועסט ליב קריגן צום סוף די גאנצע וועלט מיט א ליבשאפט אן אל־וועלטלאכער און וואס איז אלצדינג כוללי די חיות האט ליב: זיי האט כביכול געגעבן דעם אנהייב פון דעם פארשטאנד און די רואיקע פרייד. טאָ מאכט זיי ניט פאר קיין ווידערשפעניקע, ניט מאטערט זיי, נעמט ניט אוועק בא זיי קיין פרייד, שטעלט זיך ניט קעגן דעם געדאנק פון גאט. דו מענטש, האלט זיך ניט גרעסער פון די חיות: זיי זיינען ניט זינדיק, דו אבער מיט דיין גדלות ביזט מטמא די ערד מיט דיין באווייזן זיך אף איר און דו לאזט נאך זיך דעם טמאדיקן שפור דיינעם, — אָ ווייי, כמעט איטלאכער פון אונז! — קינדער זאלט איר דער עיקר ליב האבן, ווארים זיי זיינען אויך ניט זינדיק, ווי מלאכים, און זיי לעבן צוליב דער דערוועקונג אונזערער, אף אפצוריייניקן די הערצער אונזערע און ווי עפעס א רמז פאר אונז. וויי איז דעם, וואס באעוולט א קינד. מיך אבער האט פאטער אַנפים געלערנט קינדער ליב צו האבן: ער, דער הארציקער און דער שווייגער, פלעגט אין די וואַנדערונגען אונזערע, פאר די געשייקנטע גראשענדלאך קויפן זיי טערטעלאך און לעקעכלאך און צעטיילן; פלעגט ניט קאנען דורכגיין פארביי קינדער אן אן אינערלאכער צוטרייסלונג: אט אזא מענטש איז דאס.

פאר אן אנדער געדאנק וועסטו בלייבן מטושטשדיק, דער עיקר זעענדיק די זינד פון די מענטשן, און וועסט פרעגן בא זיך: „צי זאל איך בייקומען דאס בעל־כרחך, אדער מיט הכנעהדיקער ליבשאפט״. זאלסטו תמיד זאגן: איך וועל בייקומען מיט הכנעהדיקער ליבשאפט״ און קוים וועסטו דאס באשליסן וועט דאס שוין זיין אף תמיד, און וועסט די גאנצע וועלט קאנען מנצח זיין. הכנעה פון ליב־שאפט — איז א גוואלטיקער כוח, דער שטארקסטער פון אלע, וואס קיין שום גלייכן איז גאר ניטא צו אים. איטלאכן טאג און שעה, איטלאכע מינוט גיי ארום ארום זיך און גיב אכטונג אף זיך, אז דער צֶלֶם דיינער זאל זיין א דערהויבענער. אט ביזטו פארבייגעגאנגען פאר א קליין קינד, פארבייגעגאנגען מיט כעס, מיט א בייז ווארט, מיט א צארנדיקער הארץ; דו האסט אפשר גארניט באמערקט אפילו

דעם קינד, ער אבער האט דיך יע געזען, און דער אנבליק דיינער, דער אומוועודיקער און מ׳אוסער איז אפשר געבליבן אין זיין פארווארלאזט הערצל. דו האסט אפילו ניט געוואוסט דערפון, און ס׳קאן זיין, אז דו האסט שוין מיט דעם ארייננגעווארפן אין אים א שלעכטן קערנדל, און ס׳וועט אויפוואקסן אפשר, און דאס איז אלץ דערפאר, וואס דו האסט ניט דערצויגן אין זיך קיין זעענדיקע ליבשאפט, און קיין ליבשאפט פון מעשים. ברידער, ליבשאפט איז א רבי, מ׳דארף אבער קאנען דערגרייכן זי, ווארים ס׳איז איר שווער צו דערגרייכן, טייער דארף מען צאלן, מיט אסך ארבעט און מיט א לאנגן זמן, ווארים ניט נאר, וואס מ׳דארף ניט ליב האבן אף א צופעליקער רגע, נאר אף עולם ועד. ווארים צופעליק קאן יעדער איינציקער ליב קריגן, דער בעל כעסן אפילו קאן אויך ליב באקומען. דער ברודער מיינער דער בחורל האט בא די פייגעלאך געבעטן מחילה: דאס קומט אפילו אויס, ווי דאס וואלט קיין זינען ניט געהאט. ס׳איז דאך אבער פארט אמת, ווארים אלצדינג איז, ווי דער ים, אלצדינג שווימט און בארירט זיך. אין איין ארט גיסטו א ריר, הילכט אפ אין דער אנדער עק וועלט. זאל זיין ס׳איז א שטות צו בעטן בא פייגעלאך מחילה, ס׳וואלט דאך אבער פאר די פייגעלאך אויך געווען לייכטער, און פארן קינד, און פאר איטלאכן בעל־חי, ווען דו וואלסט אליין געווען דערהויבענער, ווי דו ביזט איצטער, כאטש אף איין טראפן וואלט דאס נאר געווען. אלצדינג איז, ווי דער ים, זאג איך אייך. דעמאלט וואלסטו שוין אנגעהויבן צו די פייגעלאך אויך תפלה צו טאן, דורך דער ליבשאפט, וואס איז אלצדינג כולל, ווי אין א התלהבות עפעס, און תפלה טאן, אז זיי זאלן דיר אויך מכפר זיין די זינד דיינע. די דאזיקע התלהבות אבער האלט טייער, ווי נאריש אפילו דאס זאל ניט אויסקומען פאר דעם מענטשן.

פריינד מיינע, בעט בא גאט פרייד. זייט פריילאך, ווי קינדער, ווי די פייגעלאך פון הימל. און זאל אייך ניט בטול מאכן דעם מענטשנס זינד אין אייער עבודה, האט קיין מורא ניט, אז זי וועט איבערפירן די זאך אייערע און ניט לאזן זי מקוים ווערן, זאגט ניט:

„גרויס איז די זינד, גרויס די פאראומווערדיקייט, גרויס די סביבה די אפגעקערטע, און מיר זיינען אליין און שוואך, מבטל זיין וועט אונז די אומווערדיקע סביבה און וועט ניט לאזן ס'זאל מקוים ווערן די ניצליכע עבודה". אנטלויפט, קינדער, פון דער דאזיקער אפהענטיקייט! איין תרופה איז דא פאר זיך: נעם זיך אליין און מאך טאקע זיך אליין פארן בעל־חיב פאר גאר די זינד פון דעם מענטשן־פריינד, דאס איז דאך אבער באמת אזוי, ווארים ווי דו וועסט זיך נאר מאכן מיטן ריינעם הארצן פארן בעל־חיב פאר אלץ און פאר אלעמען, וועסטו באותה רגע דערזען, אז דאס איז טאקע אזוי אין דער אמתן און אז דו טאקע ביזט דאס פאר אלץ און פאר אלעמען דער בעל־חיב. אז דו וועסט אבער אראפוואדפן דיין פוילקייט און דיין אנמעכטיקייט אף די מענטשן, וועסטו פארענדיקן מיט דעם, וואס דו וועסט באקומען א טייוולשע גאוה און אנהויבן לעסטערן גאט. וועגן טייוולשע גאוה ווידער האלט איך אזוי: שווער איז פאר אונז אף דער וועלט צו דערגרייכן זי אפילו, און דעריבער ווי לייכט איז דאס אריינפאלן אין א טעות און צו באהעפטן זיך צו איר, בפרט רעכענענדיק נאך, אז מיר טוען עפעס א גרויסע און חשוב'דיקע זאך. און גלאט אסך פון די סאמע שטארקסטע געפילן און באוועגונגען פון דער נאטור אונזערער קאנען מיר נאך לעת עתה אף אט דער וועלט ניט משיג זיין. טא ווער אויך ניט פארפירט דערפון און מיין ניט, אז אט־א דאס קאן דיר אין וואס עס איז דן לכף זכות זיין, ווארים פארלאנגען וועט דער דיין האמת אן ענטפער אף דאס, וואס דו האסט געקאנט משיג זיין, און ניט וואס דו האסט ניט געקאנט, דאס וועט פאר דיר אליין קלאר ווערן, ווארים דעמאלט וועסטו אלץ דערזען קלאר און אמפערן זיך וועסטו שוין ניט. אף דער דאזיקער וועלט אבער בלאנדזשען מיר באמת, און וואלט ניט געשטאנען די טייערסטע געשטאלט פון קריסטוסן פאר אונז, וואלטן מיר אומגעקומען און אינגאנצן פארבלאנדזשעט, ווי די מענטשן פארן מבול. אסך איז אף דער וועלט פון אונז פארבארגן, אנשטאט דעם אבער איז אונז געשיינקט געווארן א פארבארגענע טייערסטע הרגשה פון אונזער לעבעדיקער באהעפטונג מיט אן אנדער וועלט, מיט

א וועלט א דערהויבענער און העכערער, און די ווארצלען פון אונזערע געדאנקען און געפילן זיינען גאר גלאט ניט דא, נאר אין אנדערע עולמות. אט פארוואס עס זאגן די פילאזאפן, אז דעם תמצית פון דער זאך קאן מען ניט משיג זיין אף אט דער וועלט; גאט האט גענומען קערנדלעך פון עולמות אנדערע און האט פארזייט אף דער ערד און געמאכט וואקסן זיינעם א גארטן, און אויפגעגאנגען איז אלץ, וואס עס האט געקאנט אויפגיין, אבער דאס אויפגעשפראצטע לעבט און איז לעבעדיק נאר פון דעם געפיל פון דער באהעפטונג זיינער צו אנדערע פארבארגענע עולמות; אויב עס ווערט אפגעשוואכט אדער אויסגעלאשן אין דיר דאס דאזיקע געפיל, שטארבט אויך אוועק דאס אויפגעשפראצטע אין דיר. דעמאלט וועסטו ווערן גלייכגילטיק צום לעבן און וועסט אפילו אנהייבן האסן אים. אט אזוי טראכט איך.

ח) צי קאנסטו זיין א שופט פון דיין גלייכן? פון גלויבן ביזן סוף

געדיינק דער עיקר, אז דו קאנסט קיינעמס קיין שופט ניט זיין, ווארים עס קאן ניט זיין אף דער וועלט קיין שופט פון א פארברעכער איידער דער דאזיקער שופט אליין וועט דערקענען, אז ער איז אויך פונקט אזא פארברעכער, ווי דער, וואס שטייט פאר אים, און טאקע ער איז פאר דעם פארברעך פון אט דעם, וואס שטייט פאר אים, אפשר פריער פאר אלעמען שולדיק. אז ער וועט אבער משיג זיין אט דאס, וועט ער אויך קאנען ווערן א שופט. ווי נאריש דאס זאל ניט אויסקומען, נאר אמת איז דאס. ווארים אז איך וואלט אליין געווען ריין, וואלט אפשר דער פארברעכער, וואס שטייט פאר מיר אינגאנצן ניט געווען. אויב דו וועסט קאנען נעמען אף זיך דעם פארברעך פון דעם פארברעכער, וואס שטייט פאר דיר און וועמען דאס הארץ דיינע משפט, טא תיכף נעם צו און קום אפ אליין פאר

אים, אים אבער לאָז אָפּ אָן אַן אויסרייד. און ווען אפילו דער געזעץ אַליין וואָלט דיך געמאַכט פאַר זיין שופט, איז וויפל דו וועסט נאָר זיין בכוח, טו דעמאָלט אויך אַזוי, וואָרים אַוועקגיין וועט ער און וועט פאַרמשפטן זיך אַליין נאָך ערגער פאַר דעם משפט דיינעם. אויב אבער ער וועט אַוועקגיין מיט דער נשיקה דיינער ניט גערירט און וועט אָפּלאַכן פון דיר גופא, טאָ ווער ניט פאַרפירט פון אָט דאָס אויך: הייסט דאָס, דער זמן זיינער איז נאָך ניט געקומען, עס וועט אָבער קומען בשעתו; און וועט ער ניט קומען, איז אויך רעכט: ניט ער, וועט אַ צווייטער פאַר אים מכיר זיין און אָפּקומען, און ט׳פאַר־משפט׳ן, און באשולדיקן זיך אַליין, און דער אמת וועט מקוים ווערן, גלויב אָט־אָ דאָס, בלי ספק גלויב, וואָרים אין אָט־אָ דעם טאַקע ליגט דער גאַנצער בטחון און דער גאנצר גלויבן פון די צדיקים.

טו אָן אָן אויפהער, אז דו ווערסט זיך דערמאנען ביינאכט גייענדיק שלאפן: „איך האב ניט מקים געווען, וואס מ׳האט געדארפט", טאָ תיכף הייב זיך אויף און זיי מקים. אויב אז אויפגערייצטע ארום דיר זיינען מענטשן און אָן געפילן און וועלן ניט וועלן הערן דיך, טא פאל אנידער פאר זיי און בעט מחילה בא זיי, וואָרים באמת דו ביזט אויך שולדיק דער פאר, וואס זיי ווילן ניט הערן דיך. און אויב דו קאנסט שוין ניט רעדן מיט די אויפגערייצ־טע, טא דין זיי אינדערשטיל און בפחיתת הכבוד, קיינמאל ניט פארלירנדיק דעם בטחון. און אויב אלע וועלן פארלאזן דיך און וועלן שוין פארטרייבן דיך מיט גוואלד, איז, בלייבנדיק אליין, פאל אנידער אף דער ערד און קוש זי, מאך זי נאס מיט די טרערן דיינע, און ארויסברענגען וועט די ערד פון די טרערן דיינע פירות, כאטש בי קיינער זאל דיך ניט זען און ניט הערן אפילו אין דער התבודדות דיינער. גלויב ביזן סוף, כאטשבי עס זאל זיך טרעפן אפילו אזוי, אז אלע אף דער וועלט זאלן זיך אפקערן און נאר דו דער איינ־ציקער וואלסט געבליבן א מאמין: ברענג אויך דעמאלט א קרבן און גיב א שבח צו כביכול, דו, דער איינציק איבערגעבליבענער. און אויב איר צוויי אזוינע וועט זיך צונויפקומען — איז אט איז שוין די גאנצע וועלט, די וועלט פון לעבעדיקער ליבשאפט, נעמט ארום איינער

דעם אנדערן אין התלהבות און לויבט דעם רבונו של עולם: ווארים באטש אין אייך צווייען נאר ס׳איז מקוים געווארן דער אמת זיינער׳

אויב דו וועסט אליין באגיין א זינד און וועסט זיין פאר־טרויערט אַפילו ביזן טויט וועגן די זינד דיינע׳ אָדער וועגן דער זינד דיינער דער פלוצלונגדיקער׳ טאָ זייַ זיך משמח פאַר אַ צווייטן׳ זייַ זיך משמח פאַרן צדיק׳ זייַ זיך משמח פון דאָס׳ וואָס אויב דו האָסט געזינדיקט׳ איז ער דערפאר אַ צדיק און האט ניט געזינדיקט׳

אויב אבער גזלה פון מענטשן וועט דיך שוין איפבערענגען מיט אַ כעס און א שווערן צער׳ אַפילו ביז וועלן נקמה נעמען פון די מערדער׳ איז מער פאַר אַלץ האָב מורא פאַר אָט דעם דאָזיקן געפיל; תיכף גיי אַוועק און זוך פאַר זיך ענוים אָט אַזוי׳ ווי דו וואָלסט אַליין געווען דער שולדיקער פון דער דאָזיקער גזלה פון די מענטשן׳ זייַ מקבל די דאָזיקע ענוים און לייד זיי דורך׳ און ס׳וועט איינגעשטילט ווערן דאס הארץ דיינע׳ און וועסט פארשטיין׳ אז דו ביזט אליין אויך שולדיק׳ ווארים דו האסט געקאנט לייכטן די מערדער באטש ווי איינער אן אומזינדיקער און האסט ניט געלויכטן׳ אז דו וואלסט געלויכטן׳ וואלסטו מיט דעם ליכט דיינעם ליכטיק געמאכט אויך פאר אנדערע דעם וועג׳ און דער׳ וואס איז באגאנגען די גזלה׳ וואלט זי אפשר ניט באגאנגען בא דעם ליכט דיינעם׳ און אפילו אז דו וועסט יע לייכטן׳ נאר דו וועסט דערזען׳ אז עס זיינען זיך ניט מתקן קיין מענטשן אפילו בא דעם ליכט דיינעם׳ טא בלייב פעסט און הייב ניט אן צו ספקן אין דעם ליכט פון הימל; גלויב׳ אז אויב זיי האבן זיך איצט ניט מתקן געווען׳ וועלן זיי שפעטער זיך מתקן זיין׳ און וועלן זיי זיך ניט מתקן זיין שפעטער אויך׳ וועלן די זין זייערע זיך מתקן זיין׳ ווארים דאס ליכט דיינע וועט ניט שטארבן׳ ווען דו אפילו וועסט שוין זיין געשטארבן׳ דער צדיק גייט אוועק׳ אבער זיין ליכט בלייבט׳ און מתקן איז מען זיך תמיד אויך נאכן טויט פונ׳ם בעל מתקן׳ ניט מקבל איז דער מענטש די נביאים זיינע און הרגעט זיי אויס׳ אבער דער מענטש האָט ליב די קדושים זיינע און אכפערט די׳ וועמען מ׳האט אומגעבראכט׳ און טאן טוסטו דאך פארן כלל׳ פארן יבוא יום טוסטו׳ קיין שכר

זאלסטו קיינמאל ניט זוכן, ווארים אזוי איז שוין אויך גרויס דער שכר דײַנער אף דער ערד; די רוחניותדיקע פרייד דיינע, וואס נאר דער צדיק איז זוכה דערצו, פאל ניט אראפ פאר קיין יחסנים, פאר קיין תקיפים, נאר זײַ פול מיט חכמה און פארשטאנד און תמיד רעכט־פארטיק, ווייס א מאָס, ווייס א זמן, לערן זיך אויס אָט־אָ דאס, און בלייבסטו אין התבודדות, טו תפילה, האב ליב אַ ווארפטאן זיך אף דר'ערד און האַלזן זי, די ערד קוש אָן אַן אויפהער, האב ליב ניט זאט צו ווערן, אלעמען האָב ליב, אַלצדינג האָב ליב, זוך די התלהבות און דעם שגעון דערפון, באנעץ די ערד מיט די טרערן פון דיין פרייד און האב ליב די דאזיקע טרערן דיינע, און פאר דעם דאזיקן שגעון זאלסטו זיך ניט שעמען, האלט אים טייער, ווארים דאס איז אַ מתנה פון גאט, אַ מתנה אַ גרויסע, און ניט אלעמען איז דאס באשערט, נאָר מער ניט ווי די אויסדערוויילטע.

ט) פון גיהינום און פון פייער פון גיהינום, אַ מיסטישע באַטראַכטונג

פאָטערס און רביס, איך טראַכט: "וואס איז דער גיהינום?" זאָג איך אַזוי: "די אָפּקומעניש, וואס מ'קאן שוין מער ניט ליב האָבן". איין מאל איז אין דעם קיום, וואס האט קײַן ענד ניט, און קאן ניט אויסגעמאָסטן ווערן ניט מיט קיין צייט און ניט מיט קיין רוים, מסוגל געוועזן אַ גייסטיקער וועזן, מיט זיין אַראָפּ־קומען אף דער ערד, זאגן צו זיך: "איך בין דאָ און איך האב ליב". איין מאל, נאָר איין מאל, איז אים געגעבן געוואָרן אַ רגע פון ליבשאַפט פון מעשים, פון לעבעדיקער ליבשאַפט און צוליב דעם איז אים געגעבן געוואָרן דאס לעבן אף דער ערד, און מיט אים די צייטן און זמנים, איז וואס זשע: אָפּגעשטויסן האט דאָס דאזיקע גליקלאכע וועזן די מתנה, וואס איז ניט אָפּצושאַצן, האט זי ניט אָפּגעשאַצט, ניט ליב געקראָגן, אַ קוק געטאן מיט געשפעט און

איז געבליבן אומבאַוועגט. אַזאַ, אַז ער גייט אַוועק פֿון דער ערד, זעט ער אויך די קיניגרייך פֿון אַבֿרהמען, און ער רעדט מיט אַבֿרהמען, ווי עס שטייט געשריבן אין די פּריטשי פֿון דעם רייכן און אליעזרן, און דעם גן עדן זעט ער אָן, און צו גאָט כּביכול קאָן ער אַרויפֿקומען, נאָר דווקא פֿון אַט־אָ דאָס פּלאָגט ער זיך, וואָס אַרויפֿקומען וועט ער צו כּביכול ניט קיין ליבהאָבנדיקער, וועט קומען אין מגע ומשא מיט ליבהאָבנדיקע, וועמעס ליבשאַפֿט ער האָט אָפּגעוואָרפֿן, וואָרים ער זעט קלאָר און זאָגט שוין צו זיך אַליין: „אַ צונד האָב איך שוין פֿאַרשטאַנד און כאָטש כ׳האָב אָנגעהויבן לעכצן ליב צו האָבן, נאָר קיין גבֿורה וועט שוין ניט זיין אין דער ליבשאַפֿט מיינער, סיוועט קיין קרבן אויך ניט זיין, וואָרים פֿאַרענדיקט איז שוין דאָס לעבן פֿון דער ערד און ס׳וועט ניט קומען אַבֿרהם כאָטש נאָר מיט אַ טראָפּן מים־חיים (מ׳מיינט ווידער מיט דער מתּנה פֿון דעם פֿריערדיקן לעבן פֿון מעשׂים אויף דער ערד) אָפּצוקילן דעם פֿלאַם פֿון דורשט נאָך רוחניות־דיקער ליבשאַפֿט, מיט וועלכן איך פֿלאַם אַצונד, נאָכן אָפּשטויסן זי אויף דער ערד; ניטאָ שוין קיין לעבן און קיין צייט וועט מער ניט זיין! כאָטש אַפֿילו ער וואָלט צופֿרידן געווען אָפּצוגעבן דעם לעבן פֿאַר אַנדערע, נאָר מ׳קאָן שוין ניט, וואָרים אַוועק איז שוין יענער לעבן, וועלכן מ׳האָט געקאָנט ברענגען פֿאַר אַ קרבן דער ליבשאַפֿט, און אַצונד איז אַ תּהום צווישן יענעם לעבן און דעם דאָזיקן קיום״. מ׳רעדט פֿון דעם גשמיותדיקן פֿייער פֿונ׳ם גיהינום: איכ׳ל ניט חוקר זיין דעם דאָזיקן סוד און איך האָב מורא, נאָר איך טראַכט, ווען ס׳וואָלט אַפֿילו געווען דער גשמיותדיקער פֿייער, וואָלט מען זיך באמת געפֿרייט פֿון אים, וואָרים, אַזוי רעכן איך, אין דעם גשמיותדיקן אָפּקומען וואָלטן זיי כאָטש אויף אַ רגע פֿאַרגעסן דעם אימהדיקסטן פֿאַר דעם, דעם רוחניותדיקן אָפּקומען, און אוועקנעמען פֿון זיי דעם דאָזיקן אָפּקומען דעם רוחניותדיקן קאָן מען ניט, וואָרים די דאָזיקע פּלאָגעניש איז ניט קיין אויבנאויפֿיקע נאָר זי לעבט אין זיי. און ווען מ׳וואָלט אַפֿילו געקאָנט אַוועקנעמען, רעכן איך, אַז זיי וואָלטן דערפֿון געוואָרן נאָך מער אומגליקלעכער. וואָרים כאָטש אַפֿילו די צדיקים פֿון גן עדן וואָלטן זיי מוחל געווען,

צוזעענדיק די ענויים זייערע, און וואלטן זיי צוגערופן צו זיך, ליב האָבנדיק אָן אַ סוף, נאר מיט דעם אַליין וואלט מען נאך זיי פאַרמערט די ענויים, וואָרים מ׳וואלט דערוועקט אין זיי נאך שטאַרקער דעם פלאַם פון דורסט נאָך א דאנקבאַרער ליבשאַפט פון מעשים, ליב צו האָבן אף צוריק, וואָס דאָס קאָן שוין ניט געמאלט זיין. אין פחד פון מיין האַרץ טראַכט איך פונדעסטוועגן, אז שוין די הכרה פון דעם דאזיקן ניט־געמאלט־זיין וואלט זיי, סוף כל סוף, געדינט צו דערלייכטערונג, וואָרים מקבל זייענדיק די ליבשאַפט פון די צדיקים מיטן ניט ביכלות־זיין אומצוקערן פאַר איר אין אָט דער דאָזיקער הכנעה און אין די מעשים פון דער דאָזיקער עניוות, וועלן זיי האָבן, סוף כל סוף, אַזוי ווי א צֶלֶם פון יענער אהבה של מעשים, וואס זיי האָבן פאַרשטויסן אף דער ערד, און אַזוי ווי עפעס אַן ענליכער פעולה מיט יענער . . . עס פאַדריסט מיר, ברידער און פריינד מיינער, וואס איך קאָן דאס ניט זאָגן קלאָר. ווייל אבער צו יענע, וואָס האבן זיך אַליין אומגעבראַכט אף דער ערד, וויי צו די זעלבסטמערדער! איך רעכן אַז אומגליקלאכער פאַר אָט־אָ די קאָן שוין גאָר קיינער ניט זיין. ס׳איז אַ זינד, טענה׳ט מען צו אונז, בעטן גאָט פאַר אָט אָ די, און די קירך שטויסט זיי טאַקע לפנים אפ, אָבער איך טראַכט אין דער טיפעניש פון דער נשמה מיינער, אַז מ׳וואלט געקאנט פאַר אָט די אויך תפילה טאָן. פאַר ליבשאַפט וועט דאָך ניט אין כעס ווערן קריסטוס. פאַר אָט אַזוינע האָב איך אין־זיך דעם גאַנצן לעבן תפילה געטאָן, איך בין זיך דאָס מודה פאַר אייך, פאָטערס און רביס, און נאך איצט אויך בין איך איטלאכן טאג מתפלל.

אָ, עס זיינען פאַראַן אויך אַזוינע, וואס זיינען אין גיהינום און זיינען שטאלץ און ווידערשפעניק, ניט קוקנדיק שוין אף זייער זיכערער הכרה און אפן דורכדרינגען דעם אמת, וואס איז ניט אָפצוואַרפן; ס׳זיינען פאַראַן רחמנא ליצלן אַזוינע, וואס באַהעפטן זיך צום שטן און צום גאוהדיקן גייסט זיינעם בלב ונפש, פאַר יענע איז שוין דער גיהינום אַ געגאַרטער און זיי קאָנען זיך ניט אָנזעטיקן; יענע זיינען שוין קדושים מיטן אייגענעם רצון, מחמת אַליין האָבן זיי זיך פאַרשאלטן, פאַרשילטנדיק גאָט און דעם לעבן, מיט דער בייזער

גאווה זייערע זעטיקן זיי זיך, אַזוי ווי אַ הונגעריקער וואָלט אָנגעהויבן אין דער מדבר צו זויגן די אייגענע בלוט פון דעם אייגענעם גוף. אבער ניט אָנגעזעטיקט זיינען זיי אף אויביק און די מחילה שטויסן זיי אָפּ, און גאָט, וואָס רופט זיי, פאַרשילטן זיי. גאָט דעם לעבעדיקן קאנען זיי ניט אָן שנאה אָנזען און פאַרלאַנגען, אַז ס׳זאל ניט זיין קיין גאָט פון לעבן, אַז אומברענגען זאל כּביכול זיך אַליין און די גאַנצע יצירה זיינע. און זיי וועלן ברענען אינ׳ם פייער פון זייער צאָרן אויביק, וועלן גאַרן נאכן טויט און נאכן ניט־זיין. ניט האָבן אבער וועלן זיי דעם טויט . . .

דא פאַרענדיקט זיך דער כּתב־יד פון אַלעקסיי פיאָדאָראָוויטש קאַראַמאַזאָוו. איך חזר איבער, ער איז ניט פולשטענדיק און איז אפגעריסן. די ביאָגראַפישע ידיעות, למשל, נעמען אַרום נאר די ערשטע יוגנט פון דעם סטאַרעץ. היינט די אָנווייזונגען זיינע און די אזהרות, וואס ער האט קענטיק געזאגט אין פארשיידענע צייטן און צוליב פארשיידענע אורזאכן, איז צונויפגעפירט געווארן אינאיינעם, ווי אין איין גאַנצער זאַך. אַ קעגן־זשע דאס אַלץ, וואס ס׳איז אַרויסגעזאָגט געווארן פון סטארעץ טאקע אין די דאזיקע לעצטע שעהן פון דעם לעבן זיינעם, איז ניט באַשטימט אף קלאר, און ס׳איז געגעבן געווארן מער ניט ווי אַ באַגריף פונ׳ם גייסט און כאַראַקטער אויך פון אָט דעם דאָזיקן שמועס, אויב מ׳זאל פארגלייכן מיט דעם, וואס ס׳איז אַריינגעבראכט אין אַלעקסיי פיאָדאָראָוויטשעס כּתב־יד פון די פריערדיקע אָנווייזונגען. די פּטירה פון דעם סטאַרעץ ווידער איז פארגעקומען באמת גאָר אומגעריכטערהייט. וואָרים כאטש אַלע, וואס האבן זיך צונויפגעקליבן צו אים אין יענעם לעצטן אָוונט, האבן קלאָר פאַרשטאַנען, אַז דער טויט זיינער איז נאהנט, האט מען אָבער פארט ניט געקאנט פארשטעלן זיך, אז ער וועט אנשטיין אַזוי פלוצלונג; אדרבה, זעענדיק אים יענע נאַכט, דאַכט זיך, אַ מונטערן און אַ לוסטיקן, זיינען די פריינד זיינע, ווי איך האב שוין אויבן דערמאנט, געווען זיכער אפילו, אַז אין דעם געזונט זיינעם איז פארגעקומען אַ בולטע בעסערונג, כאטש אפילו אף אַ קורצער צייט. אפילו פינף מינוט פאַר דער פטירה, ווי מ׳האט דערנאך

מיט חידוש איבערגעגעבן, האט מען נאך גאר נישט ניט געקאנט פארויסזען. ער האט מיטאַמאָל דערשפּירט אַזוי ווי אַ שטאַרקן ווייטאק אין דער ברוסט, איז בלייך געווארן און שטאַרק צוגעדריקט די האַנט צום האַרצן. אַלע האבן זיך דעמאלט אויפגעהויבן פון זייערע ערטער און זיך א וואָרף געטאן צו אים. ער האָט אבער, כאטש אפילו ליידנדיק, אבער נאך אַלץ מיט אַ שמייכל אנקוקנדיק זיי, שטיל אַראָפּגעלאזן זיך פון שטול אף דר׳ערד און זיך געשטעלט אף די קני, דערנאך אראפּגעבוקט זיך מיטן פּנים צו דר׳ערד, אויסגעשפּרייט די הענט און ווי אין פרייילאַכער התלהבות, קושנדיק די ערד און תּפילה טוענדיק (ווי ער האט אַנדערע געלערנט), האט ער שטיל און צופרידן אפּגעגעבן גאָט די נשמה. די בשורה וועגן דער פּטירה זיינער האט זיך תּיכּף דורכגעטראגן אין סקיט און דערגרייכט דעם מאָנאַסטיר. די נעהנטסטערע פון דעם נפטר און די, וועמען עס האט געקומט לויטן עלטער, האבן אָנגעהויבן צוקלייבן נאכן אַלטן מנהג, דעם גוף זיינעם, און די גאַנצע קלויסטער־ברודער־שאַפט האט זיך צונויפגעקליבן אין דער קאַטעדראַלע. און נאך ביז באַגינען, ווי מ׳האט איבערגעגעבן שפּעטער לויט די קלאַנגען, האט די ידיעה וועגן דעם נייעם נפטר דערגרייכט די שטאט. אינדערפרי האט שוין כּמעט די גאנצע שטאָט גערעדט וועגן דער געשעעניש, און אַ גרויסער עולם האָט זיך געלאזן אין מאָנאַסטיר. נאָך וועגן דעם וועלן מיר רעדן אינ׳ם צווייטן בוך, איצטער אבער וועלן מיר מוסיף זיין פארויס, אַז ס׳איז נאך ניט פארביי געגאַנגען אפילו קיין טאג, ווי ס׳איז געשען עפּעס אַזוינס, וואס איז געווען פאר אלעמען אזוי אומגעריכט, און לויטן רושם, וואָס עס האט געמאכט אין מאנאסטיר און אין שטאט אף אזוי פיל עפּעס ווי משונהדיק אויפגערעגטעס און מטושטש־דיקעס, אַז נאך אפילו עד היום, נאך אזויפיל יארן, לעבט אין אונזער שטאט די סאמע לעבעדיקסטע ערינערונג אָן יענעם, פאַר אַלעמען אזוי אויפרעגנדיקן טאג...

באַמערקונגען

זייט 73 „סטאָליטשני גאָראָד" — הויפּט־שטאָט.

„ 96 contra און pro — פּאַר און קעגן.

„ 128 professions de foi — אַזאַ באַקענען דעם גלויבן.

„ 135 s'il n'exitait pas Dieu il faudrait l'inventer — ווען קיין גאָט וואָלט ניט עקזיסטירט, וואָלט מען אים געמוזט אויסגעפינען.

„ 157 Le bon jugement de la tres sainte et gracieuse Vierge Marie — דער גערעכטיקער פּסק־דין פון דער הייליקער און גנאָדיקער יונגפרוי מאַריע.

„ „ bon jugement — דעם גערעכטיקן פּסק־דין.

„ 160 ad majorem glorjam Dei — צו דעם גרויסן רום פון גאָט.

„ 163 qui pro quo — אַ פאַרבייטן די זאַכן.

„ 181 dixi — כ'האָב געזאָגט, געהייסן.

„ 296 פּריטשי — משלים.

אינהאלט

צווייטער טייל

פערטער בוך. בראָכן

I פּאָטער פעראַפּאָנט 3
II ביים פּאָטער 20
III אַן עסק מיט חברה אינגלאך 28
IV בא כאָכלאַקאָווס 36
V דער בראָך אין גאַסט־צימער 46
VI דער בראָך אין שטיבל 64
VII און אַף דער פרייער לופט 78

פינפטער בוך. Pro און contra

I דער קנין 96
II סמערדיאַקאָוו מיט דער גיטאַרע 113
III די ברידער באַקענען זיך 123
IV אַ מרידה 138
V דער גרויסער אינקוויזיטאָר 157
VI לעת עתה נאָך זעער ניט קלאָר 189
VII „מיט אַ מענטשן אַ בר־דעת איז זיך גאָר אפילו דורכ־
רעדן אינטערעסאַנט" 207

זעקסטער בוך. דער רוסישער מאָנאַך

I דער סטאַרעץ זאָסימאַ און זיינע אורחים . . . 221
II פון דעם לעבן פון דעם בנשיקה נפטר־געוואָרענעם
היעראָסכימאָנאַך סטאַרעץ זאָסימאַ, צונויפגעשטעלט על פי

די אײגענע װערטער זײַנע פֿון אַלעקסײ פֿיאָדאָראָװיטש קאַראַמאַזאָװ. ביאָגראַפֿישע נאָטיצן
א) װעגן דעם בחורל דעם סטאַרעץ זאָסימאַס ברודער 228
ב) װעגן די כּתבֿי הקודש אין סטאַרעץ זאָסימאַס לעבן 235
ג) די זכרונות פֿון סטאַרעץ זאָסימאַס יוגנט און די בחורשע יאָרן זײַנע נאָך זײַענדיק אין דער װעלט. דער דועל 244
ד) דער סודות־פֿולער גאַסט 255

III פֿון דעם סטאַרעץ זאָסימאַס שמועסן און פֿון זײַן לערנען.
ה) אַ פּאָר װערטער װעגן דעם רוסישן מאָנאַך און װאָס אַזױנס ער קאָן זײַן 277
ו) אַ פּאָר װערטער פֿון האַרן און קנעכט און פֿון דעם, צי קאָנען האַרן און קנעכט װערן על פּי דעם מהות זײַערן ברידער צװישן זיך 281
ז) פֿון תּפֿילה, פֿון ליבשאַפֿט און פֿון באַהעפֿטונג צו אַנדערע עולמות 287
ח) צי קאָנסטו זײַן אַ שופֿט פֿון דײַן גלײַכן? פֿון גלױבן ביזן סוף 292
ט) פֿון גיהנום און פֿון פֿײַער פֿון גיהנום, אַ מיסטישע באַטראַכטונג 295